STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05933

# IN POYLISHE VELDER

Joseph Opatoshu

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# ד. האָפּשטײן



די דאָזיקע אויפלאַגע פון י. אָפּאַטאָשוס „אין פוילישע וועלדער” איז, לויטן הסכם צווישן פאַרלאַג „קולטור־ליגע און דעם מחבר, ספּעציעל געדרוקט פאַר די לענדער אויסער אַמעריקע.

קויפן און פאַרקויפן דעם בוך אין אַמעריקע איז לחלוטין פאַרבאָטן

COPYRIGHT BY JOSEPH OPATOVSKY
NEW YORK 1921

ערשטע אויפלאַגע אין ניו־יאָרק—יוני 1921—1500
צווייטע אויפלאַגע אין וואַרשע—יאַנואַר 1922—3500
דריטע אויפלאַגע „ „ יולי 1922—2000
פערטע אויפלאַגע „ „ סעפּטעמבער 1922—2500

הילע געצייכנט — וו. ווייַנטרויב
אילוסטראַציעס — וויטקיעוויטש, ניו־יאָרק
געדרוקט ביי י. הענדלער, דלוגאַ 26

„W LASACH POLSKICH“, — I. OPATOSZU
WYD. „KULTUR-LIGE“, WARSZAWA 1922
Druk. I. Hendlera, Warszawa, Długa 26

# אינהאַלט:

## ערשטער טייל

### אין וואַלד


מרדכיס יחוס . . . . 11
מרדכי און זיין פאָטער . . . 16
פוילישע וועלדער . . . . 29
די פראָצעסיע . . . . 38
ר' איטשע מקובל . . . . 47
אַ נאַכט אין וואַלד . . . 57
דבורהלע . . . . . 64
מלקות . . . . . 73
דער קדושת-לוי און דער אַנטי-קריסט 84
פעדים. . . . . . 93


## צווייטער טייל

### קאָצק


מען פאָרט צום רבין . . . 107
ר' מענדעלע קאָצקער . . . 153
דער אַפיקורוס . . . . 177
דער לעצטער . . . . 189
„די גרויסע אימפּראָוויזאַציע" . . 198
שכר און עונש . . . . 213
ווען מען וואָלט כאָטש זיכער געווען 217
אָראָפּגעלאָזטע אויגן . . . 229
תפארת . . . . . 238
שלמה מולכו . . . 250
דער „מגיד" . . . . . 259


## דריטער טייל

### פאַרן שטורם


רוים און ירושלים . . . 273
בלוט און פייער . . . . 288
די פטירה . . . . . 323

מיין פֿאָטער דעם מקובל דוד אָפּאַטאָװסקי,
מיין מוטער נאַנטשע פֿון די ליפּאָװצער װעלדער—
נשמתם עדן.

# אין וואַלד

# ערשטער טייל

## קאַפּיטל 1

## מרדכיס יחוס

מרדכי, זיין טאַטע, זיין זיידע, זיין עלטער־זיידע, ביז דעם זעקסטן דור, זיינען אַלע געבאָרן געוואָרן אין די ליפּאָווצער וועלדער, חתונה געהאַט צווישן זיך און געלעבט משפּחה־ווייז. יעדן חנוכּה זיינען זיי זיך צונויפגעפאָרן צום עלטסטן אין דער משפּחה און זיך געחשבונט.

אין די אַלטע, גוטע צייטן פלעגן זיי קומען איבער הונדערט. איינס באַיינס געקליבענע, ווי די ביימער. זיי זיינען געזעסן ביז האַלבע נאַכט איבער דעמבאָווע טישן, געשריבן מיט קרייד פאַסעקלעך מיט רינגעלעך און געגעסן גריוון, געבראָטענע קאַטשקעס, אַז די ווייבער זיינען אַזש מיד געוואָרן פליקן די פעדערן. זיי האָבן פאַרטרונקען מיט היימיש ביר, זיך געקריגט אויף וואָס די וועלט שטייט. כּהנים געווען, זיך אָפּט צעדמט, באַלד זיך איבערגעבעטן, געשלאָסן צווישן זיך שדוכים און זיך צעפאָרן.

האָט זיך ביי איינעם געמאַכט אַ חתונה (און דאָס זייער אָפּט), זיינען זיך צונויפגעפאָרן בלויזע מחותּנים איבער דריי הונדערט.

יעדע משפּחה האָט זיך מיטגעבראַכט פון איר געגנט דעם רב און אַ קאַפּעליע כּלי־זמרים — האָט מען געשפּילט אונטערן פרייען הימל, זיך געקריגט, תּמיד געוואָלט אָפּלאָזן דעם שדוך פאַר דער חופּה, תּמיד זיך איבערגעבעטן און געטאַנצט אין אַלע צימערן, אין די שייערן, אין וואַלד.

פון צופיל ווילטאָג און ליידיק גיין האָט דאָס יונג־וואַרג זיך גע־האַלטן אין איין ליבן, תּמיד געסטראַשעט די עלטערן, אַז אויב מען

וועט זיי שטערן, וועלן זיי זיך סמען. די עלטערן פֿון זייער זייט האָבן תּמיד געשלאָגן, אַרויסגעיאָגט פֿון שטוב און דאָס יונגוואַרג האָט זיך תּמיד איבערגעבעטן און צוריקגעקומען.

און אַז עס האָט איינמאָל פּאַסירט אַ פֿישער-שייגעץ, פֿון דער צווייטער זייט ווייסל, האָט זיך פֿאַרליבט אין זייערס אַ טאָכטער און מיט איר אַ חופּה געשטעלט אין אַ נאָענטן „קאָשטשאָל“, האָט דאָס יונגוואַרג אָפּגעוואַרט דאָס פּאָרל אויפֿן טראַקט, אָפּגעשלאָגן די מויד פֿון דעם שייגעץ, נישט געוואָלט האָבן אַ משומדת אין דער משפּחה. פֿון חרפּה האָט די מויד זיך געוואָרפֿן אין דער ווייסל, אָפּגעוואַשן דעם פֿלעק.

אַזוי האָט מרדכיס משפּחה, פּראָסטע, גוטע יידן, געלעבט אין די ליפּאָווצער וועלדער ביז אין די גרויסע יאָרן אַריין. האָבן פֿיינט געהאַט אַ למדן, דרך-ארץ געהאַט פֿאַר אַ רבֿ, ווייניק געזאָרגט, געפּראָפּט די קופּערס מיט כּל טובֿ, זיך געמערט, געהאַלטן מלמדים צו די קינדער ביז איבער זעכצען יאָר און מער ווי דאַוונען און מעביר סדרה זיין און זעלטן ווען לייענען די תּורה, האָט דאָס יונגוואַרג זיך נישט אויסגעלערנט.

איינמאָל אַ חנוכּה, ווען דער עולם האָט זיך נאר וואָס געהאַט אָפּגעקריגט און פֿאַרעסן מיט פֿעטע קאַטשקעס, איז מרדכיס עלטער זיידע, דעמאָלט דער עלטסטער אין דער משפּחה, מיט אַמאָל אַוועקגעפֿאַלן. די אַלטע פֿישערס, דער רופֿא, דער שטאָטישער דאָקטאָר — קיינער האָט נישט געהאָלפֿן און דער קראַנקער איז געווען חרובֿ פֿאַרביי. די וואַלד-יידן זיינען געזעסן אַרום דעם קראַנקן, געפּיפּקעט שאַרפֿן טאַבעק, זיך שוין געהאַט מיאש געווען און יעדער איינער האָט ביי זיך געטראַכט ווער עס וועט ירשענען די ספֿרי-תּורות, (די ספֿרי-תּורות פֿלעגן איבערגיין צום עלטסטן אין דער משפּחה, וווּ מען איז זיך צונויפֿגעפֿאָרן חנוכּה השבֿונען) איז ווי דורך אַ נס פּונקט דעמאָלט פֿאַרפֿאָרן אונטערן פֿענסטער אַ בֿויד מיט צוויי פֿערד. אַ ייד איז אַרויס פֿון דער בֿויד און געבעטן מען זאָל אים לאָזן איבערנעכטיקן. ער פֿאָרט מיטן לובלינער. גלייך ווי דער רבי איז אַריין אין שטוב און אַרויפֿגעלייגט דעם קראַנקן די האַנט אויפֿן קאָפּ, איז דעם חולה בעסער געוואָרן און ער האָט זיך אויפֿגעזעצט.

פֿון דעמאָלט אָן האָט מרדכיס משפּחה גענומען פֿאָרן נאָך לובלין, דערנאָך נאָך פּשיסכע, דערנאָך נאָך קאָצק.

און אַזוי ווי זיי זיינען געווען וואַרעמע יידן, אַזוי זיינען זיי געוואָרן הייסע חסידים, געזעסן ביים רבין אויבן אָן, אויפגעהערט צו שליסן שדוכים צווישן זיך און אַז מען האָט געהאַלטן ביי אַ שדוך איז מען געפאָרן צום רבין.

ביסלעכווייז האָבן די וואַלד־יידן אַנגעהויבן ארויסצושיקן די זין אין אַנדערע גובערניעס, אַראָפּגעבראַכט פאַר די טעכטער חסידישע לומדים, וואָס האָבן זיך באַלד נאָך דער חתונה באַזעצט אין די אַרומיקע שטעט, נישט געוואָלט וווינען אין וואַלד. האָבן די וואַלד־יידן זיך צעשאָטן איבער פּוילן, איבער וואָלין, זיך אויפגעהערט צו מערן, יעדעס יאָר חנוכה צום חשבונען איז די משפחה געוואָרן קלענער. ביז אין אַ משך פון צוויי דורות איז אין די ליפּאָווצער וועלדער געבליבן בלויז מרדכיס פאָטער.

דורות לאַנג האָט מרדכיס משפחה געוווינט אין די ליפּאָווצער וועלדער. און כאָטש זיי זיינען נאָר געווען „שרייבער" — האָבן זיי פון־דעסטוועגן די חזקה געהאַט איבער די וועלדער און זיך גערעכנט פאַר די אמתע בעלי־בתּים. ווו נאָר אַ נייע קהלה האָט מרדכיס משפחה גע־שיקט פאַרטיק געהילץ — פאַרזאָרגט אַ שטיק פוילן מיט שולן, בתּי־מדרשים, ווו יידן האָבן געדאַוונט. ווו נאָר אַ תּלמוד־תּורה, אַ בית־המדרש האָט פאַרלאַנגט אויף ווינטער האָלץ, האָט מרדכיס משפחה געשיקט — באַהייצט אַ האַלבע גובערניע.

די פויערים פון דער אַרומיקער אָקאָליצע האָבן פראַנק און פריי געקליבן די צווייגן פון די אַראָפּגעלאָזטע ביימער, און ווו נאָר אַ מת ביי אַן אָרעמען פויער — האָט מרדכיס משפחה געגעבן ברעטער אויף אַ טרומנע.

רעכטס — די געדיכטע ליפּאָווצער וועלדער, ווו הונדערט יעריקע דעמבעס זיינען פון אַלטקייט געפאַלן, זיך צעקרישלט און אַרויסגעלאָזט נאָך שטאַרקערע דעמבעס. לינקס — פעטע לאָנקעס, ווו קליינע געקאַלעכטע פישער־הייזלעך האָבן זיך קוים אַרויסגעזען פון די הויכע גראָזן.

די גאַנצע געגנט איז געווען ווייט פון אַ מענטשלעכן ישוב, ווי אָפּגעשניטן צווישן וואַסער און וואַלד — זיינען די פישער־קינדער גע־וואַקסן האַלב־ווילדע, זיך באַהאַלטן, ווי איבערגעשראָקענע היהלעך, פאַר אַ דורכפאָרנדן מענטשן.

ביי טאָג זיינען די פישער געשלאָפן. און געשלאָפן זיינען זיי, ווי די ציגיינער, משפחה־ווייז. זיי האָבן פאַרנומען אַ גאַנצע שטוב. טאַטע,

מאַמע, קינדער, שנירן און איידעמס זיינען געלעגן צוזאַמען אויף שטרויענע זעק. מיט דער נאַכט זיינען די מענער זאטע, אויסגערוטע אַוועק אויפן פאַנג. פאַרן אַוועקגיין האָבן די ווייבער זיי אָפּגעצלמט, מיטגעגעבן יעדן אָנגעברענטן ווייץ צו פאַרנאַרן די פיש און אַ בייטשל מיט וועלפישע ציינער — אַ סגולה, אַז וואַנדע, די קייסערין פון דער ווייסל, זאָל נישט פאַרפירן.

די געזונטע אָפּגעברענטע פישערס, וואָס האָבן נישט איינמאָל געקוקט דעם טויט אין די אויגן, זיינען פאַרבליבן צווישן וואַסער און וואַלד, גרויסע קינדער, פאַרשטאַנען קינדער־לשון און זיך אויסגעטענהט מיט יעדן וואַל, מיט יעדן רויש פון וואַסער.

די פישערס האָבן זיך אויסגעצויגן אין די שיפלעך, געוואָרפן אין וואַסער אַריין די אָנגעברענטע ווייצן און זיך איינגעהערט. און אַז די ווייסל האָט זיך גענומען בלעזלען, ווי זודיק וואַסער, זיינען די פישערס געווען זיכער, אַז עס וועט זיין אַ גוטער פאַנג. צופרידענע האָבן זיי אָנגעגרייט די סיטשן, שאַרפער אָנגעשפּיצט די אויערן. דאָס גערויש איז געוואָרן אַלץ גרעסער — מתנות קליינע פישלעך, ווי זילבערנע קריעס, האָבן זיך דורכגעטראָגן מיט אימפּעט, פאַרשוווּנדן און צוריק זיך באַוויזן. אויסגעהונגערטע העכט, קאַרפּן, שלאַיען מיט אָפענע מיילער האָבן זיך געיאָגט נאָך זיי.

פּאַמעלעך האָבן די פישער אַריינגעלאָזט אין וואַסער די סיטשן, יעדע ווײַלע אַרויסגעשלעפּט פון די כּאַליאַוועס די „מאַמעס" מיט בראָנפן, זיך דערוואַרעמט און געחלומט. און געחלומט האָבן זיי וועגן פאַרפיר־ליכטלעך, וואָס לויכטן ביי נאַכט אויפן וואַסער, וואָס בלישטשען דאָ און דאָרט פון וואַלד אַרויס, ווי וועלפישע אויגן. זיי זיינען געווען זיכער, אַז דאָס זיינען אוצרות — וואַנדעס אוצרות. יאָגן זיך אָבער נאָך אַ פאַרפיר־ליכטל טאָר מען נישט — עס פאַרפירט.

און אַז די ווייסל האָט זיך צעשפּילט, צעפאַלדעוועט, זיך אַוועקגעשטעלט אונטער דער לבנה, ווי גרינלעכע שטיקער אייז, האָבן די פישערס ווי קינדער זיך געבעטן ביי איר, ווי ביי אַ מאַמען, זי זאָל זיך דערבאַרעמען און אויפהערן. און אַז דאָס וואַסער איז נישט שטילער געוואָרן, האָבן זיי וואַנדען געוואָרפן אַ וואָלפישן צאָן נאָך אַ צאָן און צוזאַמען פאַראַנקערט די שיפלעך ביים ברעג. זיי האָבן פאַרצויגן די פאָרצעלאַ־

נענע פּיפּקעס, געשפּיגן אין וואַסער אַריין און צום הונדערטן מאָל געהערט פון די אַלטע פישערס, אַז דער פאַנג ווערט שוואַכער פון יאָר צו יאָר, אַז וואַנדע איז געפּענטעט, אַז די ווייסל איז צעשניטן, אַז נישטאָ מער די אַמאָליקע צייטן, ווען אַ פישער האָט זיך געטראָגן איבערן וואַסער ווי אַ פויגל.

און דאָרט פון וואַסער שניידט זיך וואַנדע אין דער נאַכט אַריין. זי שפּרייט זיך, הילט איין די ווייסל, קלאָגט זיך פאַר אירע קינדער, אַז מען האָט איר דאָס וואַסער פאַראומרייניקט, אַז פרעמדע מענטשן זיינען אָנגעלאָפן ווי אַ היישעריק און איר איז דושנע — האָבן די יונגע פישערס אויסגעלאָשן די לאַמטערנעס, פון צער זיך געשפּיגן אין די פויסטן אַריין, שטאַרקער גענומען די וויאָסלעס אין די הענט און זיך געגליטשט איבערן וואַסער, ווי איבער דעם רוקן פון אַ בויגיקער, גרויסער חיה. דאָס האָבן זיי זיך געגנבעט אין די רעגירונג=וואַסערן, וווּ דער פאַנג איז גרעסער.

אַזוי האָבן די פישערס געלעבט פון דור=דורות, ווייט פון אַ מענטשלעכן ישוב. און געוואַקסן זיינען זיי ווי די דעמבעס, מיט פלאַקסענע קעפּ, שטאָלענע אויגן און אין די אַכציקער האָבן זיי נאָך געהאַט אַלע ציינער — געלע ציינער, ווי אַלטע מיט מאָך באַוואַקסענע פּיענעס.

זיי זיינען זעלטן געגאַנגען אין „קאָשטשאָל", נאָך זעלטענער זיך מתודה געווען. אַ טאָג פאַר פּסח האָבן זיי זיך אַלע צונויפגעלייגט, געגעבן יעדער מיט אַ פולער האַנט און אַראָפּגעבראַכט דעם גלח, ער זאָל באַשפּריצן דאָס געבעקס מיט הייליק=וואַסער. און מאָנטאָג, דעם צווייטן טאָג פּסח, זיינען אַלע, קינד און קייט, אַוועק אויסגעפּוצטע אין וואַלד אַריין, פאַרבעטן דעם „פּאַן=שרייבער" און געפירט מיט פּאַראַד צו דער ווייסל אַ שטרויענעם גולם מיט גרויסע אויגן פון קאָלירטע אייער. און געגלויבט האָט מרדכיס משפּחה באמונה שלמה, אַז די ווייסל פאַרלאַנגט אירס — האָבן זיי יעדעס יאָר געשטעלט פעסלעך ביר און מיט געזאַנג האָבן די „קאָצקער" צוזאַמען מיט די פישערס געבראַכט וואַנדען אַ קרבן — געוואָרפן דעם גולם אין וואַסער אַריין.

קאַפּיטל 2

## מרדכי און זיין פאָטער

מרדכיס פאָטער ר׳ אברהם האָט געהאַט די צווייטע ווייב. ער איז געווען אַ ייד אין די פופציקער, פון מיטעלן וווקס, ברייטביינעק מיט אַ לאַנגע גרוילעכע באָרד ביז צום גאַרטל, פון די יידן, וואָס האַלטן קיינמאָל נישט געלט אין אַ בייטל, שיטן עס אין די הויזן־קעשענעס אַריין, עס זאָל קלימפּערן, מען זאָל לייכטער קאָנען געבן אַ נדבה און מיט אַ פולער האַנט.

ר׳ אברהם איז געווען אַ נגיד און מענטשן האָבן געטענהט, אַז ווען ער וואָלט נישט געווען אַזוי „משוגע“, וואָלט ער גאָר נתעשר געוואָרן. די שררים, וואָס האָבן געוווינט מיט אברהמען אין שכנות, האָבן זיך געבעטן ביי אים, ער זאָל ביי זיי צונעמען די תבואה, די וואָל. מער אָבער ווי אַ שטיקל וואלד האָט אברהם נישט געוואָלט קויפן. און ווען ער איז געוואָרן געוואָרן, אַז שמאי שאַפּט, אַ שטאָטישער חסיד, אַ קמצן, וואָס האָט ביי אים געגעסן און געשלאָפן וואָכן לאַנג און אברהם האָט אים געמאַכט אַ „פיסל“ אין די הויפן, אַז דאָס יידל קויפט אויף ביי די פריצים תבואה פון איין יאָר אויפן צווייטן בחצי־חנם, האָט ער אים געפּאַטשט, געשריען, אַז עס איז אַ חלול השם און נישט געהייסן שמאין מער אַריינלאָזן צו זיך אין שטוב. שמאי האָט צוגענומען די פּעטש ווי קיינמאָל גאָר נישט. אַז כאָטש ער איז שוין דעמאָלט רייכער געווען פאַר אברהמען, געהאַט שווערע טויזנטער, האָט ער פונדעסטוועגן געטאַנצט פאַר אים אויף אַלע פיר און געקוקט אַזוי הכנעהדיק אברהמען אין די אויגן, ווי נאָר געשלאָגענע הינט זיינען פעיק.

אברהם איז עטלעכע מאָל אין יאָר געפאָרן נאָך קאָצק. און אַז עס

איז אים אויסגעקומען שבת צו האַלטן אונטערוועגס, האָט ער געפירט אַן אייגענעם טיש, פאַרבעטן וויפיל חסידים עס האָבן זיך נאָר געפונען אין שטאָט. ביים טיש האָבן זיך די קאָצקער אויסגעמיטן צו רעדן תורה. זיי האָבן געוווּסט, אַז כאָטש אברהם איז אַ בעל־תשובה, האָט ער פונ־דעסטוועגן אַ לייכטן קאָפּ, האָט ליב אַן הלצה און לאַכט אַפילו פון אייגענעם רבין. ער האָט אַ מאָל פון מיטן טיש אַרויסגעפירט אַ חסיד, אַ תם און אים געפרעגט אויפן אויער, אַז אַלע האָבן געהערט, צו וואָס ר׳ מענדעלי האַלט ביי זיך אויף אַזוי פיל מומעס און שוועגערינס, ווי להבדיל דער גלח פון זיין דאָרף. דעם לעצטן פאַרגלייך האָט ער עטלע־כע מאָל איבערגעחזרט און זיך צעלאַכט ווי פון אַ פּאַס אַרויס. אָדער ווען ר׳ מענדעלי האָט נאָך דעם ווייבס טויט חתונה געהאַט מיט איינע פון זיינע קרובות און אין זעקס חדשים נאָך דער חתונה איז זי געלעגן געוואָרן, האָט אברהם פאַר אַ גאַנצע עדה חסידים געזאָגט, אַז היינט איז אים קלאָר דער פסוק: „מלאכתם של צדיקים נעשו על ידי אחרים“.

— כ׳מיין גאָר נישט! כ׳מיין גאָט, מיין איך — — — האָט אברהם גערעדט אָפּגעהאַקט, ווי ער וואָלט זיך פאַרענטפערט, געמאַכט בשעת־מעשה אַ תמעוואַטע פּנים און זיך צעלאַכט.

די חסידים, וואָס וואָלטן אַ צווייטן דערהרגעט אויפן אָרט, די זעלבע חסידים האָבן נאַריש געשמייכלט פון אברהמס הלצות. זיי האָבן זיך געשעמט איינער פאַרן צווייטן, ווי אַ גוי וואָלט געזאָגט אַ גראָבן וויץ צווישן יידישע לומדים. די לומדים נעמען זיך אָבער נישט צום האַרצן, זיי ווייסן, ס׳איז אַ גוי, עס מאַכט ניט, פּונקט אַזוי האָבן די חסידים תמיד אויפגענומען אברהמס הלצות. זיי האָבן געוווּסט, אַז אברהם האָט אַן אָפן מויל, בטבע אָבער איז ער אַ גוטער יונג, האָט אַ יידיש האַרץ, וואַרפט זיך מיט געלט, האָט דער עולם זיך נישט געמאַכט הערן וואָס ער זאָגט.

מיטן ערשטן ווייב האָט אברהם קיין קינדער נישט געהאַט. ער אַליין, אַז ער האָט זיך אַמאָל געפילט גוט אויפגעלייגט, געזעסן איבער אַ גלעזל משקה מיט חסידישע לעב־קינדער, האָט דערציילט, אַז ביי דער „ערשטער“ האָט ער אָפּגעטאָן נישט קיין יידישע מעשים און נישט איין פאָר פאָלק פון די אַרומיקע שטעטלעך האָט זיך שיער נישט גע׳גט איבער אים.

נאָך דער ערשטערס טויט איז ער געוואָרן אַ בעל־תשובה. ער האָט זיך אַראָפּגעבראַכט אַ יונגן מאַן, אַ פּרוש, פון קאָצק און גענומען לערנען. פונקט צום יאָר (ער איז דעמאָלט פערציק יאָר אַלט געווען) האָט ער חתונה געהאַט מיט אַן אָרעם מיידל, אַ רבס אַ טאָכטער. דבורהלע, אַזוי האָט מען זי גערופן, איז געווען אַ גרויסע מיוחסת, וועגן וועלכער דער רב האָט געשריבן, אַז זי איז געבוירן געוואָרן „בקדושה ובטהרה“. צו דער חתונה איז דבורהלע נאָך געווען זייער יונג. נאָך קיין זעכצען יאָר נישט געהאַט. זי איז געווען אַ צאַרט, שעמעוודיק מיידל און אין גאַנצן האָט זי אויסגעזען ווי עפּעס אַן איידעלע פלאַנץ, וואָס דער קלענ־סטער ריר מאַכט זי וועלקן. די ערשטע צייט נאָך דער חתונה האָט אברהם זיך זייער געשראָקן. אים האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז ווען ער נעמט זי אַרום קאָן זי זיך צעברעכן, און תמיד געהאַט דאָס געפיל, ווי אַ גרויסער, געזונטער מענטש נעמט אַ פיצל קינד און שרעקט זיך ער זאָל עס נישט ווי טאָן מיט זיינע הענט.

דבורהלע איז געווען זייער אַ פרומע. תמיד געהאַלטן אַ ווייבערש ספרל. עפּעס געזאָגט און אַלץ געפאָלגט, וואָס דער מאַן האָט איר גע־הייסן. זי האָט געהאַלטן אין איין שיקן פדיונים צו רביים, געבענטשט איבער ניין לייכטערס, און אַז אברהם האָט זי אַמאָל אַרומגענומען, ווען זי האָט געהאַלטן אין מיטן זאָגן, האָט זי זיך נישט געווערט, געשטאַנען שטום ווי אַ טויב און אין דער שטיל האָט זי געוויינט. אַז דערפאַר שטראָפט זי גאָט און זי האָט קיין קינדער נישט. דערצו האָט זי גלייך נאָך דער חתונה גענומען קרענקען.

אברהם האָט באַהאַנדלט דבורהלען מלכותדיק, אָפּגעהיט דאָס אָרט ווו זי איז געשטאַנען, געפאָרן מיט איר נאָך דאַנציג צו דאָקטוירים און תמיד, ווו ער איז געפאָרן, האָט ער איר געבראַכט מתנות.

דריי יאָר נאָך דער חתונה האָט דבורהלע געבאָרן אַ זון. מרדכי איז געוואַקסן אַ פאַרטראַכטער, אַ צוריקגעהאַלטענער. גאַנצע טעג האָט ער זיך אַרומגעשלעפט מיט וואַצעקן, דעם לעשניקס שייגעץ, מיט וועלכן ער איז געווען אין איין עלטער. יינגלוויז האָט מרדכי ווייניק גערעדט און אַז מען האָט אים עפּעס געפרעגט, האָט ער באַלד נישט געענטפערט, געקלערט אַ ווײַלע, ווי עס וואָלט אים שווער געווען צו באַגרייפן וואָס מען פרעגט אים. תמיד אַרויסגעזאָגט אַ נאַרישקייט, זיך פאַררויטלט,

און געקוקט מיט זיינע גרויסע, גרויע אויגן אַזוי פריי און ווייך, אַז יעדער האָט אים געמוזט ליב קריגן. נאָך אַלס יינגל האָט מרדכי זיך ארויסגעצייגט אַנדערש ווי אַנדערע קינדער — ער האָט נישט געקאָנט קוקן ווי די פישער־שקאָצים מאַטערן שטוביקע חיות. פונדעסטוועגן אַז ער האָט צום ערשטן מאָל געזען ווי אַ שוחט האָט געקוילעט ביי זיי אויפן הויף הינער, האָט עס אים כמעט ווי נישט געאַרט. שפּעטער האָט זיך אים איבער אַ וואָך געהאַלטן אין איין חלומען דער שוחט מיט אַ פאַרבלוטיקטן חלף אין מויל און מיט אַ פּאָר ווייכע, צעשראָקענע אויגן (כמעט אַלע שוחטים האָבן ווייכע צעשראָקענע אויגן). און דאָס האָט אים אַזוי געמאַטערט, ביז מרדכי איז איינמאָל אויפגעשטאַנען אַ צערודער־טער, געבליבן זיצן אויפן בעטל, לאַנג געגענעצט און אַוועק אין שטאַל אַריין צו די הינער. און ווען דער פאָטער וואָלט פונקט דעמאָלט נישט אָנגעקומען, וואָלט קיינער נישט געגלויבט, אַז דאָס יינגל מיט די גרויסע פאַרחלומטע אויגן, וואָס האָט קיינמאָל קיין פליג ניט אָנגערירט, האָט מיט אַ מוצא־מעסער געשחטן אַ הון.

די מעשה מיט דער הון האָט מרדכי געדענקט זיין גאַנץ לעבן. אויך די פעטש, וואָס ער האָט דעמאָלט באַקומען פון פאָטער, און זיך תמיד געוווּנדערט, ווי נאָך עס האָט אים גאָר געקאָנט איינפאַלן צו טאָן אַזאַ זאַך.

צו צען יאָר האָט אברהם אַראָפּגעבראַכט פאַר מרדכין אַ גמרא־מלמד. דער מלמד, איז געווען אַ ייד אַ פופציקער מיט אַ גאָלן קאָפּ, וווּ פון פאָרנט זיינען געבליבן עטלעכע פאַריתומטע האָר און ארום קאַרק האָבן זיך געגרייזלט שיטערע לאָקן ווי ביי אַ קינד. אויפן שפּיץ קאָפּ איז געזעסן אַ פעטער קאַפּל, ווי צוגעוואַקסן, און געגאַנגען איז ער, סיי ווינטער סיי זומער, אין אַ ריפּסענע אויסגעריוולטע קאַפּאָטע, וווּ פון ריפּס איז כמעט קיין זכר געבליבן. בלויז דער אונטערשלאַג מיט צוויי שורות גרויסע, קיילעכדיקע קנעפּ האָבן זיך געזען. דאָס פנים מיט אַ פּעטן שמייכל איז געווען באַוואַקסן מיט אַ קאָלטענעוואַטע, גרוילעכע באָרד, וואָס איז זיך אַזש פאַרגאַנגען אין די אויגן אריין און ווען נישט די באָרד וואָלט עס אויסגעזען ווי אַ לבנה־פנים. אין דער מיט באָרד איז געווען אַ געל גריבל, ווי אויסגעגעסן פון די טראָפּנס טאַבעק, וואָס האָבן תמיד געקאַפּעט פון דער נאָז.

שלמה איז געווען פויל ווי א ציגיינער. ער האָט ווייניק מיט מרדכין געלערנט. גאַנצע טעג איז ער געלעגן אויף אַ סאָפקע. איין האַנט צוקאָפּנס, געשנופּט טאַבעק און דערציילט חסידישע מעשיות. און די מעשיות האָבן זיך ביי אים קיינמאָל נישט אויסגעשעפּט. מיט דער זעלבער התלהבות, וואָס ער האָט גערעדט וועגן רבין, האָט ער גערעדט וועגן דעם דריטן נאַפּאָלעאָן. ער איז געווען זיכער, אַז נאַפּאָלעאָן איז דער גרעסטער כשוף־מאַכער, אַז ער האָט אַזעלכע מאַשינען, וואָס ווען מען שטעלט זיי אַוועק, הויבט דער שונא אָן צו ניסן און אזוי נאָך געווינט ער די מלחמות.

שלמה איז געווען אַ פריילעכער גוטמוטיקער חסיד. ער האָט כמעט קיינמאָל זיך נישט געערגערט, זעלטן אין כעס געווען אויף אַ מענטשן. אָן אויסנאָם זיינען געווען דאָס ווייב און דער ווילנער גאון. ער האָט בשום אופן ניט געוואָלט מוחל זיין דעם ווילנער גאון די מחלוקות מיטן בעל־שם־טוב און וואָס ער האָט מדחיק געווען דעם קץ. אויפן ווייב, מיט וועלכער שלמה האָט שוין עטלעכע יאָר נישט געוווינט, האָט ער געטראָגן אַ באַהאַלטענע שנאה, און אויסגעמיטן צו רעדן וועגן איר. פאַר יעדן יום־טוב, ווען ביי אברהמען אין שטוב זיינען אַלע געווען פאַרטאָן, איז שלמה אַרומגעגאַנגען אַן אָנגעכמורעטער, זיך געבלאָזן און קיין אָרט זיך ניט געקאָנט געפונען. ער האָט אויפגעהערט צו שנופּן טאַבעק, געטרונקען ריינעם אָקעוויט, געשאָלטן גלאָט אין דער וועלט אַריין און געזוכט פאַר וועמען דאָס האַרץ זיך אָפּצורעדן. דאָס האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט. ביי דער ערשטער געלעגנהייט האָט ער זיך פאַרמאַכט מיט מרדכין אין אַ באַזונדער חדר, כלומרשט געגאַנגען ווייזן אים די דינים פון יום־טוב און זיך פאַנאַנדער געוויינט פאַרן תלמיד מיט ביטערע טרערן. מרדכי האָט מיטגעוויינט און זיך געשעמט צו קוקן דעם רבין אין די אויגן. שלמה האָט פאַרגעסן, אַז ער האָט פאַר זיך אַ ייִנגל און אים דערציילט, ווי מען דערציילט אַ פריינט, יעדע קלייניקייט, אויסגערעדט אַלעס בייז אויפן ווייב און אַנדערש נישט גערעדט וועגן איר ווי „זרש האָט מיך אומגליקלעך געמאַכט", „ווען נישט די ארורה, וואָלט איך אויף דער עלטער זיך נישט געדאַרפט וואַלגערן ביי פרעמדע טישן, זיין אַ מלמד". מרדכי האָט בשעת מעשה גאָר נישט פאַרשטאַנען, בלויז געזען דעם רבינס ווייב, א הויכע, אַ

דאָרע, מיט אַ האָרן אויפן שטערן, פונקט ווי ביי ושתין.

און אַז שלמה האָט זיך אויסגעוויינט, איז ווי מען וואָלט מיט דער האַנט אַוועקגענומען, צוריק געוואָרן דער גוטמוטיקער חסיד, וויי־ניקער געטרונקען, מער געשנופט גאַליצישן טאַבעק, תמיד געזונגען, תמיד געווען פריילעך, ווי ער וואָלט קיינמאָל קיין פּאַרדרוס נישט געהאַט, און אַזוי ביז דעם קומענדן יום־טוב.

פאַרקערט, יעדעס מאָל ווען דער מלמד האָט זיך פאַנאַנדערגע־וויינט פאַר מרדכין, איז דאָס יינגל אַרומגעגאַנגען אַ צערודערטער. ער איז געווען זיכער, אַז שלמה איז דער אומגליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט, האָט קיינעם נישט, און מרדכי האָט געהאַט פאַרדרוס פאַר וואָס ער האָט פיל מאָל שלמהן נישט געפאָלגט, געלאַכט פון אים און ער האָט געשוואָרן, אַז פון היינט אָן וועט ער דעם רבין פאָלגן און וועט אים אזוי ליב האָבן, ווי זיין אייגענעם טאַטן.

צו צוועלף יאָר האָט שוין מרדכי אַליין געלייענט אַ בלאַט גמרא. געווען אָבער פאַרחושט, אין מיטן בעסטן לערנען האָט ער געקאָנט שטעלן שלמהן אַ קשיה, פאַר וואָס עס ווערט נישט קיין פליך אויף דער באָרד נאָר אויפן קאָפּ, אָדער אַרויסשלעפן פון דער קעשענע אַ גרין זשאַבקעלע און עס לאָזן פאַר אַ שפּאַציר איבער דער גמרא.

שלמה האָט תמיד געשמייכלט פון זיין תלמידס חכמות און אים קיינמאָל נישט אָנגערירט, נאָר איינמאָל ווען די מוטער האָט מרדכין געשטראָפט אין שלמהס געגנוואַרט, אַז עס פּאַסט נישט פאַר אַ גמרא־בחור זיך צו שפּילן מיט פּישער־שיקסלעך און אַפילו מיט רחלן, דעם פאַכטערס מיידל אויך נישט, האָט מרדכי געשוויגן, געקוקט דער מוטער גלייך אין די אויגן און זיך געריוטלט. שלמה האָט געשפּרייזט אַן אויפגערעגטער איבערן צימער, געהאַלטן אין איין שפּייען, ווי עס וואָלט אים אַ פליגעלע אַריין אין מויל. גלייך ווי די מוטער איז אַרויס, האָט ער אַ וואָרט נישט אויסגערעדט, אַוועקגעזעצט מרדכין ביים טיש און אויפגעמישט א „ראשית־חכמה". ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט הינטער מרדכין, אָנגעשפּאַרט זיינע האָריקע הענט אָן טיש, זיך צעוויגט איבער מרדכיס קאָפּ און אים געגנומען אַריינשרייען אין אויער:

— דו פּושע ישראל, דו! שיקסעס גאָר, האַ? דו עוכר ישראל, דו!

צום ערשטן מאָל, צייט שלמה האָט געלערנט מיט מרדכין, האָט ער אים אַ קניפּ געטאָן, אַז דאָס ייִנגל איז אַזש אונטערגעשפּרונגען. מרדכי האָט זיך פאַרפלאָנטערט, נישט פאַרשטאַנען וואָס דער מלמד זאָגט, נישט געוווּסט וואָס מען וויל פון אים, בלויז געפילט ווי שלמהס באָרד קריכט אים איבערן קאַרק, איבער די באַקן ווי גליטשיקע שלענ־גלעך, און עס איז אים קאַלט געוואָרן. ער האָט זיך אָפּגעריסן פון אונטער שלמהס הענט, פאַרפאַלן געוואָרן און אַוועק מיט די פישערס אויף עטלעכע טעג.

אַזוי איז מרדכי געוואַקסן אַ גרויס קינד, געקוקט יעדן גלייך אין די אויגן, ליב געהאַט די פישערס, ליב געהאַט דעם מלמד און פאַר קיין זאַך זיך נישט געשראָקן. ער האָט געגלויבט שלמהן, אַז אַריסטאָטעל האָט איבערגעגעבן דעם רמב״ם דעם נאָמען פון אַ קליין מענטשיש אָדערל, וואָס אַז מען שניידט עס אויס נאָכן טויט, ווערט מען צוריק לעבעדיק. ער האָט אויך געגלויבט וואַצעקן, אַז טיף אין וואַלד איז דאָ אַ ווערבע, וואָס האָט קיינמאָל ניט געהערט דעם גערויש פון וואַסער, דאָס קרייען פון אַ האָן און אַז מען מאַכט פון אַזאַ ווערבע אַ פייפל, קאָן מען מיטן פייפן טויטע פון די קברים אויפוועקן.

דבורהלע האָט געהאַלטן אין איין וויינען, אַז מרדכי וואַקסט אַ ווילדער, זעט קיין עין־הרע אויס ווי אַן אַכצן יעריקער בחור און קען מיט א מענטשן קיין צוויי ווערטער ניט אויסריידן. זי איז דורכויס צוגעשטאַנען, אַז אברהם זאָל אים אַוועקפירן צו איר פאָטער, וועט ער זיך אַביסל אויסמענטשלען.

אברהם האָט נישט ליב געהאַט דעם שווער און אָפּגעלייגט די רייזע פון איין חודש אויפן צווייטן. דערוויייל האָט זיך אונטערגערוקט אַ רייכער תבואה־סוחר. געשלאָסן מיט אברהמען תקיעת־כּף און מרדכי איז אַ חתן געוואָרן. דער מחותן האָט פאַרלאַנגט, אַז מרדכי זאָל ביז צו דער חתונה לערנען ביים זיידן, דעם רב.

צו פערצען יאָר האָט אברהם אַוועקגעפירט מרדכין צום שווער; שוין דעמאָלט אַ זקן פון עטלעכע זעכציק.

דער רב, ר׳ משה, איז געווען אַ קליין, דאַר יידל, מיט אַ שיטער בערדל, וואָס וויל קיינמאָל נישט גרוי ווערן, און מיט קליינע וואַסערדיקע אויגן. ער האָט געהאט א טבע, אַז ער האָט גערעדט מיט עמעצן, האָט

ער דעם מענטשן נישט אָנגעקוקט, זיך בשעת־מעשה באַטראַכט די נעגל פון ביידע הענט, ווי אַ ייִד צו הבדלה.

ר׳ משה איז געפּאָרן נאָך קאָצק, אין תּוך אָבער איז ער געווען אַ מתנגד, געטראָגן אויף חסידים אַ שנאה שוין פון יאָרן. נאָך אַלס יונגערמאַן, ווען ר׳ משה איז צום ערשטן מאָל געקומען אין שטעטל און מיטגעבראַכט פון ר׳ לייביש חריף געשריבנס צום אַלטן רב, מען זאָל אים, משהן, אויפרופן צו דער תּורה „מורנו״ — האָבן די חסידים אין שבת צעריסן דאָס געשריבנס אויף שטיקלעך, נישט געוואָלט האָבן צווישן זיך קיין יחסנים.

דער רב איז תּמיד געזעסן און געלערנט, פיינט געהאַט אַן עם־הארץ און דער עיקר — געווען פרום ביז צו משוגעת. פאַר דער קלענ־סטער זאַך האָט ער גערודפט די שענסטע בעלי־בתּים פון שטאָט, זיך נוקם ונוטר געווען, אַזוי אַז אַלע האָבן זיך געשראָקן פאַר אים, געשטאַ־נען ווי פאַר אַ מלכות. יעדן פרייטאג איז ער געגאַנגען מיטן שמש פון געוועלב צו געוועלב, פּרובירט יעדע וואָג, יעדעס געוויכט און נישט ביי איין קרעמער האָט ער צוגענומען די געוויכטן, געשטראָפירט מיט געלט. פאַר ליכטצינדן האָט ער תּמיד געפּעפּנט אין בית־דין־שטוב אַ קופּער גע־שמידט מיט מעש, איבערגעציילט די נדנס, וואָס אָרעמע חתן־כּלה האָבן ביי אים איינגעלייגט, און מיט אַ שטילע פרייד איז ער געגאַנגען אין שול אַריין מקבל־שבת זיין.

די ערשטע צייט איז מרדכי אַרומגעגאַנגען ווי אַ צעמישטער. ער האָט נאָר געהאַלטן אין איין קלערן ווי צו אַנטלויפן אַהיים. דער זיידע האָט פון אים קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט, געהאַלטן אין איין מוסר זאָגן און ביי יעדער געלעגנהייט אים געזידלט, אַז פון אים וועט אַרויס־וואַקסן פּונקט אַזאַ לייט, ווי פון זיין טאַטן. און אַז דער רב האָט מרדכין אַמאָל געפּונען שלאָפנדיק אָן אַ קאַפּל, האָט ער אים געסטראַשעט צו־צובינדן אויף איבער נאַכט ביי אַ פוס צום בעט.

דער זיידע האָט אַכטונג געטאָן, אַז מרדכי זאָל לערנען פון דער פרי ביז ביינאַכט. זעקס פאַרטאָג האָט ער אים שוין געוועקט צו אַ שיעור. ביי טאָג געשיקט אין בית־המדרש אַריין און אין אָוונט — ווידער מיט אים געלערנט.

מרדכי האָט פון זיידן קיינמאָל קיין גוט וואָרט נישט געהערט און ווי גוט ער זאָל נישט זאָגן דעם שיעור, האָט דער אַלטער תּמיד געפונען אַ חסרון, נישט געוועזן צופרידן, אַזוי אַז דאָס לערנען מיטן זיידן איז ביי מרדכין געוועזן אַן אָפּקומעניש. און עס האָט איינמאָל געטראָפן מרדכי האָט נישט געוווּסט דעם שיעור, איז דער רבּ געוואָרן אַן אָנגע־צונדענער, ער האָט אַ וואָרף געטאָן זיין קאָלירטן שניף־טוך איבער דער גמרא, צעעפנט אַ זילבערן טאַבעק־שקעטעלע, געשמעקט צום טאַבעק פון דערוויטנס און געשריען:

— אַז דו דאַרפסט גאָר נישט קענען לערנען, שוטה דו! אויס יחוס אַ למדן? וועסט סיי ווי סיי זיצן מיט דיין טאַטן אין קאָצק אויבן־אָן!

מרדכי איז געזעסן אַ צעפלאָמטער, געקוקט ווי ביים זיידן ציטערט דאָס דאַרע נעזל, די דינע ליפּן שנירלען זיך פונקט ווי ביי זיין מאַ־מען און צומיינסטן האָט אים פאַרדראָסן, וואָס דער זיידע מישט תּמיד אַריין דעם טאַטן און מער נישט געקאָנט פאַרשווייגן.

— האָט דער זיידע נישט געדאַרפט נעמען דעם טאַטן פאַר אַן איידעם!

— דרך־ארץ, דו עזות־פּנים! — האָט דער רבּ אַ געשריי געטאָן און אויפגעשפרונגען.

ער איז עטלעכע מאָל דורך דעם חדר, געפּייפט מיט דער נאָז, גע־ווישט, געמאַכט הויות, ווי ער וואָלט מיט זיך אַליין מפלפל געווען, און אַז דער כּעס איז אים דורך, האָט ער אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן אייניקל און גוטמוטיק געזאָגט: „שווער צו זיין אַ מלמד, שווער! לא הקפּדן מלמד!" און ער איז אַרויס פון שטוב.

דאָס ערשטע יאָר האָט מרדכי געהאַט אַ גרויסע פּעולה און אין שטעטל האָט מען געשמועסט, אַז עס וואַקסט אַ גוטער בחור.

מרדכי האָט זיך אָבער געפילט געקרענקט. ער האָט זיך נישט געקאָנט איינלעבן מיטן זיידן און עס האָט אים געצויגן אין וואַלד אַריין. דערצו האָט מרדכי באַמערקט, אַז די בית־המדרש־בחורים האַלטן אים פאַר אַ באַשיידענעם, מיידן אים אויס און הערן אויף צו רעדן אין זיין געגנוואַרט וועגן די געפּעפּערטע שטעלן אין „הלכות־אישות", וואָס כּמעט יעדער בחור ווייס אויף אויסווייניק. מרדכי האָט בגנבה גענומען אויפ־זוכן די געפּעפּערטע ערטער. זיי געשלונגען, און זיך געחדושט, פאַר וואָס

ער האָט עס ביז איצט נישט באַמערקט, כאָטש ער איז דורכגעגאַנגען די שטעלן צענדליקער מאָל. עס האָט זיך אים געוואָרפן אין די אויגן, אַז די אַלע שטעלן זיינען מער אָפּגענוצט ווי אַנדערע און אין פיל גמרות האָט מען אפילו די אותיות נישט געקאָנט דערקענען, אַזוי אָפּגעריבן זיינען זיי געוואָרן פון צופיל געברויך.

יעדעס מאָל, ווען מרדכי האָט געבלעטערט די גמרות, האָט ער זיך אין מיטן אַ כאַפּ געטאָן, זיך ארומגעקוקט און רויט געוואָרן. ער איז זיכער געווען, אַז אַלע בחורים קוקן אויף אים, ווייסן זיינע רעיונות. ער האָט אַ בלעטער געטאָן די גמרא, זיך צעזינגען העכער און העכער, געוואָלט פאַרשרייען זיינע מחשבות, און וואָס העכער ער האָט זיך צעזונגען, און וואָס שטאַרקער ער האָט זיך צעשאָקלט, אַלץ בולטער איז פאַר אים ארויסגעשוווּמען זיין כלה, מיט וועלכער ער האָט קיינ־מאָל נישט גערעדט און תמיד, ווען ער האָט נאר פון איר געטראַכט, האָט זי זיך אים פאָרגעשטעלט ווי רחל, זייער פאַכטערס טאָכטער.

אַז דער זיידע איז געווען אין בית־המדרש, האָט זיך מרדכי תמיד אריינגעגנבעט אין בית־דין־שטוב, געבלעטערט א גמרא נאָך א גמרא, געשראָקן דער זיידע זאָל נישט אָנקומען און זיך געשעמט פאַר זיך אַליין. ביים זיידן אין ש"ס זיינען די זעלבע שטעלן אויך געווען מער אָפּגענוצט ווי אַנדערע. און נישט איינמאָל, אַז מרדכי איז געזעסן מיטן זיידן ביים טיש, געקוקט אויף זיין שיטער בערדל, אויף דעם אויסגע־דאַרטן פנים, אויף די קעצישע אויגן, איז אים יעדעס מאָל איינגעפאַלן, אַז דער אַלטער זיידע פאַרמאַכט זיך אין בית־דין־שטוב, בלעטערט די גמרות און ציטערט פונקט ווי ער, מרדכי.

ער האָט זיך געשעמט צו קוקן דעם זיידן אין די אויגן, זיך אליין געזידלט, פאַר קיין פאַל נישט געגלויבט, אַז זיין זיידע, דער ערלעכער אָפּגעהיטער ייד, וואָס שמעקט מיט פאַרמעט, אַלטע ספרים און רצועות זאָל אַזאַ זאַך טאָן. געוויס נישט! וואָס פאַלט אים איין!

אַזוי איז מרדכי ארומגעגאַנגען אַ פאַרחלומטער, געפילט ווי בייזע מחשבות קלייבן זיך אַרום אים, געוועלטיקן איבער אים און כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז „הרהורי עברה קשין מעברה״ — האָט ער פונדעסטוועגן זיך גאָר נישט געקאָנט העלפן און געהאַלטן אין איין זינדיקן.

פונקט דעמאָלט האָט געטראָפן אַ קליינינקייט, וואָס עס האָט אין גאַנצן געענדערט מרדכיס לעבן. צו יענער צייט איז דער רב שלאָף גע־וואָרן, נישט געקאָנט מער לערנען מיט מרדכין און ער האָט אים אי־בערגעגעבן אַ חסידישן יונגן־מאַן. דער יונגער מאַן האָט מיט מרדכין ווייניק געלערנט, געשפּרייזט שעהן לאַנג איבערן בית־המדרש און זיך געמחט. און אַז דער יונגער־מאַן איז מיד געוואָרן פון צופיל שפּרייזן און מחן זיך, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט לעבן מרדכין, אָנגעכאַפּט אים פאַר ביידע הענט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט מרדכי זאָל נישט אַנטלויפן, און שטיל „בדחילה ורחימה" האָט ער אריינגערעדט אין אים אָן אויפהער, מדריך געווען מרדכין אין חסידות. מרדכי, וואָס איז בטבע געווען אַ גלויביקער, נישט געדאַרפט קיין ניסים, ער זאָל גלויבן, האָט זיך איבער־געגעבן דעם יונגן־מאַן מיט לייב און לעבן. ער האָט אויפגעהערט צו לערנען, גאַנצע טעג זיך אַרומגעשלעפט מיט חסידישע יונגע־לייט, זיך פיל אָנגעהערט וועגן ר' מענדעלין און די מעשיות האָבן זיך אַזוי איינ־געקריצט אין אים, אַז עס האָט אים נישט געלאָזט רוען, געצויגן צום רבין און ער האָט באַשטימט אָן די עלטערנס וויסן אַוועק נאָך קאָצק. מרדכי האָט נאָך איצט ערגערע מחשבות געהאַט ווי פריער, זיך אָבער מער נישט געפילט זינדיק, געגלויבט ס'איז דאָ ווו זיך אָנצושפּאַרן — ר' מענדעלי איז דער צדיק־הדור. פונקט צו יענער צייט האָט מרדכי גע־הערט, אַז ר' איטשע מקובל, דעם קאָצקערס לייב־מענטש, איז ביי זיי אין וואַלד. ער האָט אין דעם געזען אַ גאָט־זאַך, זיכער געווען, אַז ר' איטשע וועט האַלטן זיין צד, באַרויקן די עלטערן, און ער האָט זיך גענומען גרייטן אין וועג אריין.

די רייזע נאָך קאָצק האָט ביי מרדכין אויסגעזען ווי אַ שפּאַציר אין וואַלד, ווען ער פלעגט פאַרפאַלן ווערן אויף עטלעכע טעג. ביז דער לעצטער מינוט האָט ער נישט געקלערט ווו ער וועט נעמען געלט, קיינע פלענער געמאַכט, געווען זיכער, אַז ווען ער וועט דאַרפן אויף הוצאות וועט זיין.

שבת צו מנחה, ווען דער רב איז געווען אין בית־המדרש, האָט מרדכי אויפגעזוכט אין דעם זיידנס וואָכעדיקע וועסט אַ שליסל, געעפנט דעם קופער און ארויסגענומען פינף־הונדערט גולדן. דעם זעלבן שבת־צו־

באַכט, ווען מרדכי איז שפּעט אין אָוונט אַהיים געקומען, געוואָלט מאַכן דאָס פּעקל אין וועג אַריין, איז צו אים אַריינגעקומען דער שמש:

— דער זיידע רופט דיך!

אין בית-דין-שטוב איז געזעסן דער רב און מרדכיס מחותן, ר׳ פישל.

— מרדכי, דו האָסט ארויסגענומען פון קופער פינף-הונדערט גולדן? — האָט דער רב אים געפרעגט.

מרדכי איז רויט געוואָרן, געקלערט אַ ווײַלע און געענטפערט:

— איך — איך האָב גענומען.

— אום שבת? — האָט דער אַלטער א קוויטש געטאָן, אויפגעשפּרונגען און דערלאַנגט מרדכין אַ פּאַטש — מחלל שבת געווען, פושע ישראל דו!

דער רב האָט געציטערט, פאַרקוועטשט די פויסטן, בלאַס געוואָרן, ווי ער וואָלט געהאַלטן אין די הענט אָנגעגליטע שטיקלעך אײַזן און זיך געווענדעט צום מחותן:

— פישל, לאָז אָפּ דעם שידוך! מײַן אייניקל איז אַ גנבֿ! הערסט!

— כ׳הער, רבישי — — —

צומאָרגנס איז מרדכי שוין געווען איך וואַלד.

דבורהלע האָט געוויינט פאַר פרייד, געקושט דעם זון. מרדכי האָט געקוקט אויפן טאַטן, געוואַרט ער זאָל אים געבן שלום. אַברהם איז געשטאַנען אָן אַ זייט, די הענט אין די הויזן-קעשענעס, ווי אַ פּיען פון אַ צעצווייגטן בוים, געשמייכלט און קיין שלום דעם זון נישט געגעבן.

— וואָס עפּעס אין מיטן דערינען, תּכשיט מײַנער?

— כ׳האָב נישט געקאָנט הויזן מיטן זיידן!

— אַ נײַעס, נו! און דער מחותן האָט דיך אַוועקגעלאָזט?

— כ׳בין אויס חתן.

אברהם האָט געטאָן א גוטן שניף טאַבעק, דריי מאָל גענאָסן, אַז די שויבן האָבן אַזש געציטערט, געווישט די הענט אָן דער לאַנגער באָרד און זיך איבערגעקוקט מיט דבורהלען, וואָס איז געשטאַנען מיט צעשפּרייטע הענט, ווי ס׳וואָלט איר דאָס גרעסטע אומגליק געטראָפן. אין האַרצן האָט אברהמען הנאה געטאָן, וואָס מרדכי איז אַוועק פון שווער, דער

שדוך איז אים אויך נישט שטאַרק געווען צום האַרצן. נאָר די מעשה מיט די פינף הונדערט גולדן האָט אים זייער ניט געשמעקט.

— האָסטו באַגנבעט דעם זיידן, הייסט עס? כאַ, כאַ, כאַ! נחת דערלעבט! דערצו האָסטו געדאַרפט לערנען ביז זעכצן יאָר, עוכר ישראל דו!

עטלעכע טעג האָט אברהם זיך געבלאָזן, מרדכין קיין שלום געגעבן, ביז דבורהלע האָט גענומען וויינען, אַז אברהם פאַרשטערט איר דאָס לעבן. מישטיינס בעזאָגט, וויפיל קינדער האָט זי אין גאַנצן, איין אויסגעווויינטן זון, האָט אברהם אים געגעבן שלום און באַשלאָסן צו באַקענען מרדכין מיטן וואַלד.

מרדכי האָט באַמערקט, אַז דער טאַטע איז עלטער געוואָרן, זיך צעוואַקסן, און זעלטן ווען אַרויסגעפאָרן פון וואַלד. און כאָטש דער אַלטער איז פון טאָג צו טאָג פרומער געוואָרן, פלעגט ער פונדעסטוועגן נאָך אויך אַמאָל נכשל ווערן, ער האָט ביי זיך אויפן הויף, ווו אַ קליינער קוואַל האָט געשלאָגן, געלאָזט מאַכן אַ ברונעם און יעדן נאָכמיטאָג, ווען די פישער-שיקסעס האָבן געשעפט וואַסער, איז ער געזעסן אויף דער וואַרענדע, איינגעטעטעט מיט זיי און שטאַרק הנאה געהאַט, ווען די שיקסלעך האָבן דעם „פאַן-שרייבער“ געקושט די הענט.

## קאַפּיטל 3.

# פּױלישע װעלדער.

די װעלדער אין פּױלן האָבן גענומען װערען שיטערער. דער אַלטער שררה, דער לאַנג־װאָנסיקער שליאַכטשיץ מיטן פאַרמעטענעם הערב אויף דער װאַנט, מיט דער צװיי רעריקער ביקס איבער זיין בעט, דער אמתער טאַטע פון דאָרף, איז געװאָרן אַלץ זעלטענער. דער אַלטער שליאַכטשיץ האָט געהיט זיין װאַלד, װי זיין פאַרמעטענעם יחוס, װי זיינע שװערע, מיט מעש געשמידטע קופערס, װוּ אַלט־פרענקישע, זילבערנע קריגלעך מיט פּױלישע מטבעות זיינען געלעגן. און אַז ביי איינעם האָט זיך פאַרװאַלגערט אַ זילבערנע מטבע מיט העברעישע אותיות פון מיעשקאָ סטאַריס צייטן, װאָס יידן, פּילייכט די ערשטע אמתע בעלי־בתּים פון דער װייסל, האָבן געמינצט — האָט מיט דעם שליאַכטשיץ געקלונגען די גאַנצע „אָקאָליצע“.

זעלטן װען האָט אַן אַלטער שליאַכטשיץ אויסגעהאַקט אַ דעמב, קיינמאָל נישט פאַרקױפט אַ דעמבאָװן װאַלד, געװוּסט, אַז אין די „הייליקע דעמבאָװע װעלדער“ האָבן זיינע אור־עלטערן אויפגעשטעלט גאָנטינעס*). אין די גאָנטינעס אַרום דעם „אייביקן פייער“ האָבן בלוי־אויגיקע, האַלב־נאַקעטע פריסטערינס פריילעך געמאַכט די עלטסטע פון די שבטים, צוגענומען קרבנות פאַר דער װייס־האַלזיקער קאָלעדאַ, פאַר דער שעמעװדיקער מאַרזשאַננאַ, װאָס האָט זיך יעדן פרילינג איבערגעגעבן דער ערד, זיך צעבליט און אַ מאַמע געװאָרן. און דער קלוגער שװיאַטאָװיד איז געשטאַנען קעגן פייער, געהאַלטן די הענט אויף זיין פעטן בויך, װי ער

---

*) היידניש געבעט-הייז.

וואָלט זיך געשמאָלצן פון נחת, וואָס זיינע טעכטער, די שיינע פריסטערינס, האָבן גערויכערט אויף קופערנע בלעכן בעזימלעך ווייך, טרוקענע פיוואָניע, זיך געוואָרפן צווישן די שמעקעדיקע בלעכן, איינגעהילט אין וואָלקנס קטורת, אויף ווייסע, פרישע שעפסן=פעל און געזונגען, געכשופט.

די קריגער מיט די שפיזן אין די הענט, ווו דער משפחה=הערב איז געווען אויסגעקריצט, מיט גאָלדענע און זילבערנע צלמים אויסגעהאָפטן אויף זייערע בלויע קאַפטאַנעס, — האָבן נישט געהערט ווי די שווערע קלויסטער=גלאָקן האָבן גערופן און מחנות=ווייז האָבן זיי געצויגן אין די הייליקע דעמבאָווע וועלדער, צו די גאָנטינעס, צו די שיינע פריסטערינס.

און נישט איין שרה, אַן ערלעכער קאַטאָליק, וואָס האָט אויסגעבויט אַ קלויסטער, אויסגעהאַלטן עטלעכע הונדערט בענעדיקטינער, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן מלחמה געהאַלטן מיטן אַנטי=קריסט, האָט אין דער שטיל, קיינער זאָל נישט וויסן, אויך אויסגעבויט אין וואַלד אַ שטיבל, אַרומגערינגלט מיט אָנגעשאָטענע ערד, מיט צעוואַקסענע דעמבעס און אויסגעהאַלטן אַ מכשפה מיט שיינע טעכטער.

דער אַלטער שליאַכטשיץ מיטן פאַרמעטנעם הערב אויף דער וואַנט, מיטן ייד, וואָס האָט געפירט זיינע געשעפטן, איז געוואָרן אַלץ זעלטענער און דער יונגער דור, וואָס איז געוואַקסן אין ווארשע, רוים, פאַריז, האָט דאָס דאָרף כמעט נישט געקענט. דער יונגער שליאַכטשיץ האָט געקענט און באַזונגען די קורטיזאַנע, געצאָלט הונדערטער פאַר אַ שרייענד אונטער=קליידל, געוואָרפן טויזנטער פאַר אַ האַלב אַנטבלויזט פיסל — האָבן די געדיכטע וועלדער פון פוילן געקרעכצט, געוואָרן אַלץ שיטערער, איבערגעגאַנגען אין יידישע הענט. די קלעצער האָט מען געבונדן אין פליטן. און אַ קיילעכדיקן זומער האָבן יידן געשיקט איבער דער ווייסל, איבער דער זשאָלדעווקא דאָס געהילץ נאָך דייטשלאַנד. פאַרזייען פרישע וועלדער האָט נישט געלוינט פאַר די פריצים, צו לאַנג צו וואַרטן ביז אַ וואַלד ווערט צייטיק, האָט מען די קאַרפעס אויסגעבערענט, פאַראַקערט דאָס לאַנד און פון די וועלדער איז קיין זכר געבליבן.

מאָנטאָג דעם צווייטן טאָג פסח נאָך מיטאָג זיינען די פישערס אַוועק אין וואַלד

דער וואַלד איז געווען אַן אַלטער, אַ געמישטער. די ביימער, ווי צווילינגס, זיינען געוואַקסן איינס נעבן אַנדערן, פון ענגשאַפט געשפּאַרט פון דער ערד אַרויס זייערע אָפּגעסמאַליעטע וואָרצלען, ווי איינגעקרעמפּטע גלידער.

די צעצווייגטע דעמבעס, וואָס האָבן זיך איבערגעוואַלט אַרויסגעשפּאַרט אין דעם געדיכטן וואַלד, געהויקערט און אויסגענאָגט די אַרומיקע ביימער ביז צום איינדאַרן, האָבן געבליט מיט קליינע ווייסע בלימלעך. טיף אין וואַלד, ווו די זון איז כמעט קיינמאָל נישט צוגעקומען און שטיקלעך שניי, ווי אַלטע אויסגעקראָכענע שטיקלעך שעפּסן-פעל, זיינען נאָך געלעגן, האָבן רויט-צעבליטע ניס-ביימלעך זיך געפלאָכטן און געפלאָנטערט מיט אָשינע-ביימער און צעטיילט דעם וואַלד אויף שררהשן און פויערשן.

באַרג-אַראָפּ, אין פויערשן וואַלד, האָט די ערד אַ בויגיקע, אַ פּאַריקע געשמעקט מיט פריש געבאַקן ברויט, מיט געווייקטע דעמבאָווע קאָרע. די אָשינע-ביימער מיט קרומע צעיוירענע צווייגן, ווי לאַפּעס, האָבן זיך געווייקט אין דער פעטער, זומפּיקער ערד און די תמיד שוואַרצלעכע קאָרע איז פון פייכטקייט אַזש רויטלעך געוואָרן.

באַרג-אַרויף, אין שררהשן וואַלד, ווו די ערד איז זאַמדיקער, האָבן די סאָסנאָווע ביימער אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם שניי, געצויגן דורך די וואָרצלען, ווי דורך אָ ערן, פון דער מאַמע ערד און פרישער געוואָרן. פולע, אָנגעקוואָלענע, ווי פול-אייטערדיקע בהמות, האָבן די סאָסנעס ווי זיך געבעטן ביי די צעהיצטע וואַלד-העקער, ביי די מידע דורכגייער זיי זאָלן צולייגן די ליפן און טרינקען.

מרדכי מיטן פאָטער זיינען געשטאַנען אין וואַלד, געצײלט די אַראָפּגעלאָזטע ביימער און זיי געצייכנט מיט רויטן קרייד. דער אַלטער אברהם אין אַ פּאָר לאַנגע שטיוול, אין אַ ווינטער-רעקל, איז געלאָפן אַן אָנגעכמורעטער פון איין בוים צום צווייטן, געהאַלטן אין איין שמעקן טאַבעק פון אַ זילבערנע שקעטעלע, געקרומט מיט דער דאַרער נאָז, אָפּגעווישט דעם טאַבעק פון די שפּיץ פינגער אָן דער לאַנגער, גרויער באָרד און גערעדט אָפּגעהאַקט, ווי מען לאָזט פאַרע פון אַ קעסל:

— אַלץ הייסט ביימער! אַז ס'איז נישטאָ אויף וועמען צו פאַרלאָזן זיך! ביסט דאָך געשטאַנען ביים אַראָפּלאָזן? ווו איז דיין קאָפּ געווען?

אַז דו ביסט שטענדיק פאַרחושט! צום לערנען, מיין זונדל, האָסטו פונקט דיין טאַטנס חשק! האָב איך צו דיר גאָרנישט! אלא מה? בין איך דאָך אָבער אין דיינע יאָרן שוין אַ כּוֹחר געווען! געפאָרן מיט בעלי־בתּים אויף מבינות! און דו? גאָרנישט! — האָט אברהם א צוג געטאָן מיט די אַקסלען — שפּענער האָבן זיי אַראָפּגעלאָזט די „פּסובראַטעס“, נישט קיין ביימער!

— אַז דאָס איז שפּענער — האָט מרדכי אַ געזונטער, אַן אָפּגעבּרענ־טער געצייגט מיטן האַנט אויף די ליגנדע ביימער און געשמייכלט — ווייסטו, טאַטע, אַ צווייטן מאָל זיך אַליין מטריח זיין און הייסן די פּויערים אַראָפּלאָזן ביימער, נישט קיין שפּענער!

— וואָס דען, ביימער איז עס! — האָט דער אַלטער אויסגעשאָסן, אָנגעכאַפּט דעם זון פאַרן אַרבל און אים געצייגט אויף אַן אַראָפּגעלאָזטן בוים — ווי אַלט אַ שטייגער רעכנסטו איז דאָס ביימל? וואָס, צייל־סט גאָר די רינגען? לאָ׳מיך שוין, לאָ׳מיך, חמוֹר דו!

— אַודאי צייל איך! קיין נביא בין איך נישט! — האָט מרדכי געענטפערט.

— איך אין דיינע יאָרן האָב אויפן אויג געטראָפן ווי אַלט אַ בוים איז! — האָט דער אַלטער זיך געבייזערט, אָפּגעשטופּט דעם זון און זיך איינגעבויגן, אַז דער רויטער קאַרק האָט זיך אָנגעצויגן ביז צום פּלאַצן — קוק זיך איין, ווי מען מעסט: פינף צאָל, צען — — — נו, כ׳פרעג דיך? עטלעכע פערציק יאָר אַ ביימל, מעגן זיי נישט פאַר־שרפעט ווערן?

— איך האָב קיין עלטערע ביימער דאָ נישט געזען! — האָט מרדכי זיך פאַרענטפערט.

— האַקט מען נישט! — האָט דער אַלטער אויסגעשאָסן — דער הול־טאַי מאַכט דאָך אַ תּל פון וואַלד! אַז ס׳שניידט ביים האַרץ! ביי זיין פאָ־טער, אַז מען האָט דורך אַ טעות אַראָפּגעלאָזט אַ הונדערט יעריקן בוים, האָט מען אים געמוזט באַהאַלטן! צו יונג געווען! און היינט — — — אַז ס׳אַרט אים נישט! ער האָט שווער געאַרבעט, דער הולטאַי, אויף דעם אַלעס גוטס. זיצט ער דאָרטן, דער זולל וסובא, אין פּאַריז, שרייבט וועקס־לען, פטרט אַ פאַרמעגן אויף שטרויענע פּאַנפּאַראַנקעס און דעם אַלטנס פּראַצע גייט מיטן רויך! אַז ס׳איז נאכל ונשתּה כּי מחר נמות!

מרדכי האָט געוווּסט, אַז ענטפערן דאַרף מען נישט. דער אַלטער וועט אָפּשרייען, זיך פאַרגעסן און אַנטשווייגן ווערן. איז אָבער ביי זיי געווען אין בלוט, ביי דער גאַנצער משפחה, נישט צו פאַרשווייגן, סתם אַזוי, צוליב קריגערייַ. און כאָטש מרדכי האָט באַשלאָסן נישט צו ענט־פערן, האָט עס אָבער נישט ווילנדיק פון אים אַרויסגערעדט:

— וואָס קאָכסטו זיך, וואָס? ער וויל האַקן — לאָז ער האַקן! ס'איז דאָך נישט דיין וואַלד!

— איך וויל אָבער נישט! — האָט דער אַלטער אויסגעשאָסן און צוגעפייפט מיט דער נאָז.

— דאָס איז ווייניק — האָט מרדכי געשמייכלט — דו ביסט נישט דער בעל־הבית, טאַטע!

— ווי לאַנג כ'וועל לעבן בין איך בעל הבית! —האָט אברהם גע־שריען אויפן זון און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דער אַלטער פליט אים אין די אויגן אַריין — כ'האָט געשריבנס פון אַלטן שררה, אַז ווי לאַנג כ'וועל לעבן טאָר מיר קיינער נישט אָפּזאָגן! פאַרשטייסט, כאַמוליע דו!

— וואָס פאַר אַ סמיכת הפרשה? — האָט מרדכי זיך געהיצט — ווער רעדט וועגן אָפּזאָגן? איך טענה, אַז וועלדער זיינען באַשאַפן געוואָרן, אַז מען זאָל זיי האַקן!

דער לעשניק, אַ פּופּציק יעריקער פויער, אָנגעטאָן אין אַ בלויע טוכענע קאַפּאָטע מיט צוויי שורות הילצערנע קנעפּ, איז ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן.

— אָט איז מאַרטשין — האָט אברהם אָפּגעהוסט און געווונקען מיט אַ פינגער צום לעשניק ער זאָל צוגיין — וואָס זאָגסטו, מאַרטשין, דאַרף מען אויסהאַקן די וועלדער?

דער לעשניק האָט געשמייכלט, געהאַט הנאה, וואָס דער „פּאַן־שרייבער" פרעגט אים און זיך געקראַצט אַ ווילע דעם קאָפּ:

— בא, האַקן אַ וואַלד — האָט מען אייביק געהאַקט! אַז דער וואַלד איז געדיכט, איז וואָס מער מען האַקט — וואַקסט מער! מיט אַ מענטש איז פּונקט דאָס זעלבע — אַז ס'צענעמט אַ מענטשן, ס'בריט, דאַרף מען לאָזן אָדער, נישט אמת? כאַ, כאַ, כאַ, ס'איז געזונט! אויסהאַקן אָבער אין גאַנצן אַ וואַלד, דאָס, פּאַנאָוויע, איז אַ זינד! האַקסטו אויס אַ וואַלד צעלויפן זיך די נישט־גוטע און ברענגען אַלע שלעג אויפן מענטש!

— מיט אַן אמת? — האָט מרדכי פֿאַרווונדערט געפרעגט דעם לעשניק.

— פֿאַר וואָס זאָל דאָס נישט זיין אמת? — האָט מאַרטשין געשמייכלט — עה, „פּאַניע מלאָדי" — ווו מיינט דער פּאַן זיינען די בערן אַהינגעקומען? און נאָך אַ פּאָר יאָר וועלן שוין קיין הירשן אויך נישט זיין! האַקט מען אויס אַ וואַלד, צעלויפן זיך די חיות, פּגרן אויס און אין יעדער חיה זיצט אַ נישט־גוטער. — — —

אברהם האָט נישט געהערט, וואָס דער לעשניק רעדט, געזעסן אויף אַן אַראָפּגעלאָזטן בוים, געקייט די לאַנגע באָרד און געטראַכט, אַז מען דאַרף שיקן אין שטאָט אַריין קאַרטאָפל. דער רב האָט אים געשריבן, אַז יידן שטאַרבן פון הונגער. צייטן דערלעבט! מע דאַרף אברהמען דערמאָנען! מיינען מסתמא, אַז ער האַלט עס פאַר זיך, אַז ער איז שמאי שאפט, בהמות! ווער ווייס נאָך אַזוי גוט ווי דער רב, אַז זיין טאַטע, עליו השלום, ר' מרדכי, האָט אויסגעהאַלטן איבער זעקס חדשים אַ האַלבע שטאָט יידן מיט קאַרטאָפל און ברויט, אַז היינט — — — אַז היינט איז אַ תוכחה! שוין ס'דריטע יאָר ווי עס ווערט אַלץ פאַרברענט אויף די פעלדער. פויערים עסן קלאַיען, געקאָכטע וואָרצלען, ווערן געשוואָלן און גאַנצע דערפער שטאַרבן אויס. ווער געדענקט אַזאַ הונגער? נישט פריילעך, גאָר נישט פריילעך!

— הער זיך איין — האָט אברהם זיך געווענדעט צום זון־מאָרגן, בלי נדר, גאַנץ פרי גיי אויפן וויאַטריק*) און הייס מיקאָלען צעמאָלן די עטלעכע קערנער קאָרן, ער ווייס שוין, ווועסטו נישט פאַרגעסן?

— כ'וועל נישט פאַרגעסן.

אברהם האָט ארויסגענומען דאָס זילבערנע שקעטעלע, עטלעכע מאָל מעכאַניש אַ קלאַפּ געטאָן אויפן דעקל, געטאָן אַ שניף־טאַבעק און נישט קוקנדיק אויסגעשטרעקט דאָס שקעטעלע צו מאַרטשינען.

מאַרטשין איז צוגעגאַנגען אויף די נעגל, געהאַלטן גרייט צוויי פינגער און אין גאַנצן האָט ער אויסגעזען, ווי ער וואָלט זיך געגרייט דורכצוגיין אַ וואַסער איבער אַ שמאָל דרענגל.

---

*) ווינט־מיל.

— אַ־אַ פּשאַ־יוכאַ! ס׳בייסט! — האָט דער לעשניק זיך פאַנאַנ־דערגעניסט, ווי פון אַ פּיסטאָלעט, און אין די אויערן איז געבליבן א טויבקייט, ווי ס׳וואָלט דאָרט אַריין וואַסער.

— און דו, מאַרטשין, וואָס זאָגסטו — האָט אברהם געפרעגט דעם לעשניק — וועט היינטיקס יאָר זיין אַ גערעטעניש?

— ווער ווייס? איין גאָט ווייס, פּאַניע, וואָס ס׳וועט זיין! דער מענטש האָט זיך שוין גענוג אָנגעהונגערט! און דאָ דערציילט מען, אַז דאָס פּויערים־פאָלק בונטעוועט זיך אומעטום. אין פּעפּלאָווקע האָבן די פּויערים נישט געוואָלט זעצן קאַרטאָפל פאַרן הויף, געסטראַשעט צו דער־הרגענען דעם שררה. צייטן דערלעבט, אַ פּויער זאָל אויפהויבן אַ האַנט אויף אַ שררה!

מאַרטשין אַליין, אַ פּויער פון דור־דורות, אַ לייב־קנעכט, האָט פונדעסטוועגן פיינט געהאַט פּויערים, זיך געהאַלטן פאַר אַ שטיקל שליאַכ־טשיץ און גערעדט וועגן זיי ווי פון אויבן אַראָפּ.

— ביים אַלטן טאַבעצקי וואָלט דאָס נישט געווען! — האָט אברהם געברומט אין דער באָרד אַריין — ער האָט געשמיסן און מען האָט דעם קאַנטשיק געקושט! אַז דער יונגער, דער פּריצאַק, איז דאָך קלוגער פון דער גאַנצער וועלט! ער האָט דאָך אויפגעבויט פאַר די „כאַמעס“ אַ שקאָלע, נו, נו, האָט ער! און גלויבט מיר, אַז כאָטש דער אַלטער האָט געשמיסן, האָבן אים די פּויערים ליבער געהאַט, ווי דעם יונגן!

— וואָס רעדט איר, פּאַניע — האָט דער לעשניק זיך אָנגערופן— די פּויערים טענהן, אַז דער קיסר גייט זיי „וואָלאשטשען“*) און עס וועט ווערן אויס „פּאַנשטשיזנע“. כאַ, כאַ, כאַ! נישטאָ ווער ס׳זאָל לאַכן!

פון וואַלד האָט זיך געטראָגן אַ געזאַנג. דאָס געזאַנג האָט זיך אָפּגעשלאָגן אָן די ביימער און אָפּגעהילכט ווי ווייטע קלויסטער־אָרגלס. אויף אַ רגע האָבן אַלע אָנגעשפּיצט די אויערן און זיך איינגעהערט פון וואַנען דאָס געזאַנג קומט.

די פישערס זינגען — האָט מאַרטשין זיך אָפּגעצלמט — דאָס גייען זיי מיט דער פּראָצעסיע. מיין אַלטע און וואַצעק זיינען אויך דאָרט.

---

*) צעטיילן די שורהשע ערד.

דער לעשניק האָט אַראָפּגעצויגן דעם הוט, זיך פאַרנייגט און גע־נומען אַוועקגיין.

— גאָר אין גאַנצן פאַרגעסן — האָט אברהם זיך געכאַפּט — האָסט זיי בעשיקט ביר?

— געשיקט. פינף פעסלעך.

— גוט!

— מאַרטשין! — האָט מרדכי נאָכגעשריען דעם לעשניק — לאָז מאַר־טשין וואַרטן, כ׳גיי אויך!

— ער וועט נישט גיין! — האָט אברהם געשריען, געמאַכט צו מאַרטשינען מיטן האַנט ער זאָל אַליין גיין און זיך געווענדעט צו מרדכין — דו וואָלסט נאָר געלאָפן! כ׳האָב דיר געזאָגט, אַז צייט זיי האָבן אויפ־געשטעלט „מנשהן מיט די זיבן טעכטער״*) ביים סאַמע אַריינפאָר פון וואַלד, וועט מער מיין פוס דאָרט נישט איבערטרעטן און דו דאַרפסט אויך נישט גיין, הערסט?

מרדכי האָט נישט געענטפערט, געשטאַנען אַן אָנגעכמורעטער, גע־בראָכן מיטן שפּיץ שטיוול טרוקענע צווייגלעך און זיך איינגעהערט, ווי אַרום אים האָט אַ רויש געטאָן, ווי געפּאַלדעוועט זיידנס און טיף אין וואַלד האָט עפּעס זיך פאַנאַנדערגעטרייסלט, פאַרכאַפּט דעם אָטעם און געצויגן.

דער טאַטע מיטן זון זיינען געגאַנגען פאַמעלעך און געשוויגן. מיט אַמאָל האָט אברהם אַרויפגעלייגט די האַנט אויף מרדכין, אים צו־געדריקט צו דער ברוסט:

— דו ווייסט בן־יחיד מיינער, אַז נאָך אַלעמען האָב איך דיך ליב. ביסט אין גאַנצן אין טאַטן, אַזאַ זינדיקע נשמה ווי איך, כאַ, כאַ, כאַ!

מרדכי האָט נישט געגלויבט זיינע אויערן, צעעפנט אַ פּאָר אויגן און געקוקט אויפן פאָטער. ער האָט קיינמאָל אַזעלכע רייד פון אים נישט געהערט.

— וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן, הא? — האָט דער אַלטער ווייך געשמייכלט און גענומען דעם זון אונטער דער האַנט — חדושסט זיך?

---

*) אַ הייליקע גצמויערטע פיגור, וואָס שטייט אויף אַ שייד-וועג.

מיט אַן אמתן, זאָג, ווי געפעלט דיר ר׳ איטשע? אַ צדיק, האַ? — איז דער אַלטער מיט אמאָל אַריינגעפאַלן, ווי ער וואָלט געוואָלט דעם זון פאַררעדן — צווישן אונז זאָל עס בלייבן, נאָר מיר געפעלט ער בעסער, ווי ר׳ מענדעלע. ר׳ מענדעלע האָט אַרום זיך צופיל ווייבער, וואָס דער עולם האָט נישט פיינט, און ר׳ איטשע, פאַרשטייסטו מיך, איז אַ מלאך! ווער ווייס, אפשר אין זיין זכות — — — מיר ווינען דאָך אונטער איין דאַך — — — בלי נדר, אויף ראש השנה שיק איך דיך מיט ר׳ איטשען נאָך קאָצק.

אברהם האָט אָפּגעלאָזט מרדכין, זיך געריבן אַ האַנט אָן אַ האַנט, צענומען די לאַנגע באָרד און אָפּגייענדיק עטלעכע טריט האָט ער זיך אויסגעדרייט:

— כ׳זע דאָך, אַז דיך ציט צו די פּישערס, האַ? טאָ גיי, גיי! הכּלל, וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן? יאָ. הער זיך איין, שקאָץ — האָט דער אַלטער געגראָזשעט מיט אַ פינגער און געשמייכלט — טשעפּע זיך נישט מיט די שיקסעס, הערסט?

מרדכי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, זיך פאַרשעמט, ווי אַ יונג מיידל, פאַר דעם פאָטערס לעצטע ווערטער. ער איז געבליבן שטיין, נאָכגעקוקט דעם פאָטער, ווי ער לאָזט איבער נאָך זיך טיפע טריט, גייט שטייף מיט אָפּגעריסענעם קאָפּ, אַרבעט בשעת מעשה מיט די הענט, ווי מיט פליגל און אַ וואָרעמקייט האָט אים אַרומגענומען. ער האָט באַמערקט, ווי דער פאָטער לאָזט אַראָפּ אין מיטן גיין דעם קאָפּ, די תמיד גלייכע פלייצע הויקערט זיך און אין גאַנצן ווערט ער מיט אַמאָל אַזוי שווער, פאַרעלטערט, איז מרדכין דורך אַ געדאַנק, אַז באַלד, באַלד וועט ער בלייבן איינער אַליין אין דעם גרויסן וואַלד, דער לעצטער פון דער גאַנצער משפחה. מרדכי האָט זיך פאַרשעמט פאַר זיין לעצטער מחשבה, זיך פיינט געקראָגן און אַ טרויער האָט זיך צעלייגט איבערן מאָטן, לענגלעכן פנים, אַרויסגעקוקט פון די גרויסע, גרויע אויגן. ער האָט דערפילט אַ וווייטאָק און אַ שטאַרקע ליבע צום אַלטן. ער האָט אים ליב געהאַט פאַר זיין כעס, פאַר זיינע קריגערייען, פאַר די קלעפּ, וואָס ער האָט פון אים אַריינגעכאַפּט און געפילט אַ ווייטאָק, וואָס מיטן פאָטער ענדיקט זיך כמעט די משפחה.

קאַפּיטל 4

## די פּראָצעסיע

מרדכי איז געגאַנגען צו די פישער־הייזלעך.

אַן אַלטער פאַרדאַרטער בוק, דער איינציקער אין גאַנצן וואַלד, מיט צעקנייטשטע קאָרע, ווי פאַרטרוקנטע שוואָמען, איז געשטאַנען אויף אַ בערגל. דער בוים איז געווען צעשניטן און באַדעקט פון אויבן ביז אַראָפּ מיט נעמען פון אומבאַקאַנטע, מיט נעמען פון פאַרליבטע, מיט דאַטן. צווישן די נעמען האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן די קוואַדראַטנע יידישע אותיות פון מרדכיס זיידע, פון זיין עלטער־זיידע, וואָס האָבן מיט דורות צוריק עס אויסגעשניטן, זיך מסתּמא געוואָרעמט און געטרייסט, אַז זייערס אַן אייניקל, אַן אור־אייניקל וועט איבערלייענען, זיך פאַרטראַכטן און זיי דערמאָנען. מרדכי האָט זיך אָפּגעשטעלט. ביי דעם זעכצען יעריקן בחור האָבן זיך די גרויסע, גרויע אויגן צעשפּילט און ער האָט מיט אַמאָל, אומבאַוווּסט, ווי אָנגעטאַפּט הינטער זיך דורות און זיך דערפילט בכח ווייטער צו שפּינען דעם פאָדעם. ער האָט געגלויבט צוזאַמען מיט די וואַלד־העקער, אַז ווען דער בוק, דער איינציקער פיליכט איבערגעבליבענער בוים אין גאַנץ פּוילן, פאַרשווינדט אין איין לאַנד, וואַקסט ער אויס אין אַ צווייטס און אין עטלעכע דורות אַרום באַווייזט ער זיך ווידער.

איבערן וואַלד האָט זיך געטראָגן אַ געזאַנג.

מרדכי האָט צוגעלייגט דאָס אויער צו די וואָרצלען פון אַ בוים — געוואָלט וויסן פון וואַנען דאָס געזאַנג טראָגט זיך, האָבן זיך אָבער די קולות אויסגעמישט, געקומען פון אַלע זייטן און אָפּגעהילכט ווי דאָס זשומעריי פון בין־שטאָקן.

ער איז געגאַנגען מיטן וואַלד, געריסן אויפֿן וועג פֿאַראַיעריקן שוואַרצן יאַלאָוויץ, ווי גרויסע, שוואַרצע יאַגדעס, זיי געקייעט און געטראַכט וועגן פֿאָטער, וועגן דער פּראָצעסיע, וועגן דעם, אַז פֿויערים ווייקן ביטערן יאַלאָוויץ אין וואַסער, זייען אים דורך שטרוי, מישן אויס מיט האָפּן און ציען דערפֿון היימיש, שוואַרץ ביר.

מרדכי איז אַרויס פֿון וואַלד און געקוקט אויף די באַיערטע סאָסנעס, וואָס האָבן נאָך פֿאַראַיאָרן זיך צעבליט. די סאָסנעס האָבן ארויסגעקריגן אויפֿן סאַמע קאָפּ קרוינען פֿון לענגלעכע בלעטער, ווי נעסטן פֿון אָדלערן, אַ סימן אַז זיי וועלן שוין מער נישט וואַקסן. זיי האָבן פֿאַרריסן די שטאָלצע קעפּ און שטומע, ווי פֿאַרמשפּטע צום טויט, האָבן זיי געוואַרט אויפֿן וואַלד־העקער.

מרדכי איז אַרויף אויף אַ סאָסנע — געקוקט ווו די פּישערס זיינען. ער האָט געזען ווי דער אַלטער געדיכטער וואַלד ציט זיך אַ שטאָלצער אויף מײַלן, געזען ווי פֿון צעפּוילטע דעמבעס שפּאַרן זיך אַרויס יונגע, געזען ווי די נאַקעטע פֿעלדער גרעזלען זיך און פֿון די קליינע פּישער־הײַזלעך שאַרן זיך אַרויס אויף אַלע פֿיר, נאָכן לאַנגן, שווערן ווינטער, נייע נפֿשימלעך, ווי נאָר וואָס פֿון די אייער אויסגעפּיקטע און פֿאַרוווּנדערטע עפּענען זיי די מײַלעכלעך, זשמורען מיט די קלאָרע אייגעלעך, קוקן אויף די בלויע וועלדער, אויף די נאָך בלויערע הימלען — האָט מרדכי זיך פֿאַרגעסן, פֿעסטער אַרומגענומען די סאָסנע, פֿאַרריסן דעם קאָפּ איבער איר קרוין, געקוקט מיט פֿרייד פֿון מזרח קיין מערבֿ און הנאה געהאַט פֿון גאָטס שיינער וועלט.

די פּישערס יונג און אַלט זיינען געגאַנגען מיט געזאַנג פֿון פֿויערשן וואַלד אין שררהשן און פֿון שררהשן אין רעגירונג־וואַלד אַרײַן. אויף אַ פֿריער אין געשטרייפּטע, רויטע קליידער זיינען געגאַנגען פֿיר שיקסעס און געטראָגן אויף די אַקסלען אַ שטרויענעם גולם. די ווייסע טוליענע שלייערן, וואָס האָבן אַראָפּגעהאָנגען פֿון די שיקסעס קעפּ, האָבן זיך געהויבן און געפֿלאַטערט איבערן גולם, ווי פֿענער.

די פּישערס, בראָנזענע מיט שטאלענע אויגן, זיינען געגאַנגען מיט די ווייבער, געזונגען מיט פֿולע מײַלער, האָבן די פֿייגל איבערגעשראָקענע זיך אָפּגעריסן פֿון די צווייגן, געבליבן הענגען אַנטקעגן דער

זון, זיך צעטרעלט, זיך צעפייפט, צום ערשט שטיל, דערנאָך העכער און העכער, אַ קנאַל געטאָן, געפּלאַצט, און דאָס פייפערייַ האָט זיך צעשאָטן איבערן וואַלד, איבער די ברייטע, נאַקעטע פעלדער, זיך אויסגעמישט מיטן פישער־געזאַנג און איבערגעלאָזט אין יעדן פאַרוואָרפן שטיבל אַ פרייד.

נאָך דער פּראָצעסיע איז נאָכגעפאָרן אַ וואָגן מיט קאַליקעס — צומיינסטן קינדער מיט גרויסע וואַסערדיקע קעפּ, אויסגעדאַרטע פיס, ווי שטעקעלעך, און שטייפע, געשוואָלענע בייכער, ווי פּויקלעך, פון צופיל עסן נישט געשיילטע קאַרטאָפל.

ביי דער „הייליקער־מאַמע", ווו די וועגן קרייצן זיך, און וועלכע מען האָט מיט יאָרן צוריק אויפגעשטעלט די כאָליערע זאָל אויפהערן, האָט די פּראָצעסיע זיך אָפּגעשטעלט. צופוסנס דער „מאַמע", ווו דער נישט־גוטער רוט, האָט מען אַוועקגעלייגט דעם גולם און דאָס יונג־וואַרג האָט צעלייגט אַ פייער.

די מוטערס האָבן אַראָפּגענומען די קינדער, צוגעטראָגן זיי צו דער „מאַמע" און די קאַליקעס האָבן איר אָנגעטאָן קראַנצן פון פאַפּירענע בלומען, פון גרינעם יאַלאָוויץ. די קראַנקע קינדער האָבן אויסגעשטרעקט זייערע דאַרע הענטלעך צו דער „הייליקער־מאַמע", געקוקט אין אירע פאַרהלומטע, גוטע אויגן, געקוקט אויף אירע שיינע קוים־צוגעמאַכטע ליפּן און גליקלעכע, צעשטראַלטע האָבן זיי געפילט, ווי עס ווערט זיי בעסער און גרינגער, אַז די „מאַמע" וועט זיך באַמיען פאַר זיי.

די אומגליקלעכע מוטערס זיינען געפאַלן מיט די קאַליקעס צו־פוסנס דער מאַמע, צו־פוסנס דעם גולם און מיט טרערן אין די אויגן, האָבן זיי לאַנג און שטיל תּפילה געטאָן און געהאַלטן אין ווישן די קינדערס אויגן מיט הייליקע קאַלירטע אייער און מיט לאַנגע שטיקלעך טייפל־פינגער.

— נו, גענוג. באַבעס, גענוג! — האָט אַ פישער אַ געשריי גע־טאָן — גייט שוין מיט די קאַליקעס אויפן וואָגן אַרויף!

— ווייס איך — האָט זיך אַ צווייטער אַ קראַץ געטאָן אונטערן היטל — ס'וועט העלפן ווי אַ טויטן וויירוך!

— צי ס'וועט העלפן, צי נישט, ווייס איך נישט! ס'איז אַ גאָט־זאַך! — האָט אַ מיטל־יעריקע פּויערטע זיך ווילעריש אַ שטעל אויף

געטאָן און געכאַפּט דאָס קראַנקע קינד אויף דער האַנט — נאָר לאַכן, ברודער, דאַרפסטו נישט! די פיס קאָנען דיר נאָך איינדאַרן און קרום ווערן, ווי פּיילבויגנס, אַז מען וועט דיך מוזן אַהיימברענגען אין אַ טאָטשקע!

— שטראָף מיך נישט פאַר די רייד, הייליקע פאַניענקאָ — האָט זיך אַ צווייטע אויפגעשטעלט און זיך אָפּגעצלמט פאַר דער „מאַמע" — נאָר פאַר אַזעלכע רייד מעג אים דער פּיסק פאַרדרייט ווערן אויף אַ הינטן!

— נו, גענוג, גענוג, באַבעס! — האָט זיך געטראָגן פון אַלע זייטן.

אַן עלטערער פּישער האָט אריינגעמאַכט די הענט אין די הויזן־קעשענעס, אויסגעשפּיגן און געזאָגט ווי פאַר זיך:

ווער ס'טוט צו אָפּט תּפילה צו דער „מוטער",
איז אים אונטערן הויט אַ נישט־גוטער!
אַלע האָבן זיך צעלאַכט.

די מוטערס מיט פאַרלאָפענע אויגן און מיט ליידנדע פּנימער האָבן צוריק אַוועקגעשלעפּט די קאַליקעס אין וואָגן אַריין. די עלטערע פּישערס האָבן פון פלעשלעך זיך געגאָסן איינער דעם צווייטן וואַסער איבער די הענט, זיך צעזעצט אַרום פייער, זיך מכבד געווען מיט קאָ־לירטע אייער און זיך געקלאָגט, אַז דאָס יונגוואַרג ווערט קאַליע, אַז דער יום־טוב ווערט שוואַכער פון יאָר צו יאָר.

דאָס יונגוואַרג האָט געגאָסן וואַסער מיט גאַנצע עמערס און נישט איבער די הענט, נאָר אין קאַרק אַריין — האָבן די שיקסעס מיט אַ קוויטשעריי, מיט אַ פּאַטשעריי זיך געטראָגן איבערן וואַלד, ווי מחנות איבערגעשראָקענע פייגל און זיך באַהאַלטן אונטער דיביימער. די שקאָצים האָבן זיך געיאָגט נאָך די שיקסעס, זיי געכאַפּט, און קוויטשענ־דיק, לאַכנדיק האָט דאָס יונגוואַרג פאַרלוויז זיך צעשאָטן איבערן וואַלד, זיך צעזעצט אונטער אַלטע דעמבעס און טוליענדיק זיך איינער צום צווייטן, האָבן זיי צוזאַמען מיטן אַלטן, געדיכטן וואַלד, געפייערט דעם יום־טוב, ווען מאַרזשאַננאַ האָט זיך איבערגעגעבן דער מאַמע־ערד.

צווישן די פאָרלעך איז געזעסן מרדכי, מיט איין האַנט האָט ער אַרומגענומען די בלאַסע, שוואַרץ־חנעוודיקע רחל, דעם פאַקטערס טאָכ־טער, מיט דער צווייטער האָט ער געגלעט אירע צעפּאַטלטע, שוואַרצע האָר, וואָס האָבן כּמעט אין גאַנצן איר פּנים פאַרדעקט.

מרדכי איז געזעסן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, נישט געגלויבט צי דאָס איז אמת און נישט געוווּסט ווי ר׳נאָך דאָס איז געוואָרן. אַז ער האָט זיך געלאָזט מיט די שקאָצים נאָך די שיקסעס, האָט ער זיך פריער ארומגעקוקט, געווען זיכער, אַז קיינער פון די שטוביקע זעט אים נישט, און אַז ער איז שוין געהאַט פאַרלאָפן טיף אין וואַלד, האָט ער דער־זען, אַז ער יאָגט זיך גאָר נאָך רחלען און זיך פאַרשעמט. ער האָט גע־ווּסט, אַז רחל האַלט אים פאַר אַ יינגל, מאַכט אים תמיד זיך רויטלען, באַמערקט אים נישט, האָט מרדכי זיך געהאַלטן אין איין איינרעדן, אַז ער האָט זי פיינט. אַז ווער איז זי? אַן אָרעמען פאַכטערס אַ טאָכטער! און אַז ער וויל, בעט ער דעם פאָטער און מען שיקט דעם פאַכטער אַרויס. און וואָס מער רחל האָט אים אויסגעמיטן, אַלץ מער האָט מרדכי זיך איינגערעדט, אַז ער האָט זי פיינט און אין דער זעלבער צייט, אָנשטאָט צו שיקן איין זעקל קלייען פאַרן פאַכטערס פערד אַ וואָך, האָט ער געשיקט צוויי.

יעצט, ווען מרדכי האָט זיך געכאַפּט, אַז ער געפינט זיך מיט רחלען איינער אַליין אין וואַלד, האָט ער דערפילט דאָס גאַנצע בלוט אין די שלייפן און זיך שוין געוואָלט באַהאַלטן אונטער אַ בוים, זי זאָל אים נישט באַמערקן, האָט רחל פונקט דעמאָלט זיך אָפּגעשטעלט און זיך אויסגעדרייט. זיי האָבן זיך אַ רגע אָנגעקוקט. רחל האָט זיך פאַרשעמט, אַראָפּגעלאָזט אירע גרויסע, טונקעלע אויגן, ווי טונקעלע וועלדער, באַלד זיי צוריק אויפגעהויבן און געקוקט אויף מרדכין אַזוי ווייך, אַזוי וואַרעם. און אין וואַלד איז טונקל געווען און אַרום קיין לעבעדיקער נפש — האָט מרדכי זיך פאַרגעסן און זי אַרומגענומען. זיי זיינען געבליבן שטיין אונטער אַ בוים. מרדכי האָט פון פרייד אַזש פאַרמאַכט די אויגן, גע־פילט ווי דאָס בלוט פון די שלייפן לאָזט זיך אַראָפּ, מאַכט שטייף די פיס, ווי מען וואָלט זיי אין דער ערד איינגעוואָרצלט, און דער מח ווערט ביי אים דורכזיכטיק און העל, אַז ער זעט מיט אים אויף מיילן, האָט ער פעסטער אַרומגענומען רחלען, געקושט אירע אויגן, איר האַלז. דאָס מיידל האָט זיך נישט געווערט, געבליבן הענגען אויף זיין אַקסל אַ פאַרחלשטע מיט עטוואָס צעעפנטע ליפּן. מרדכי האָט געפילט, ווי אירע שוואַרצע האָר פאַלן פאַסמעס־ווייז איבער זיין פּנים, ווי איר אָטעם גלעט איבערן אויער, ווי מיט שטרויס־פעדערן, האָט ער זי לייכט

אויפגעהויבן און זיך מיט איר אַוועקגעזעצט אונטער אַ בוים.

דער וואַלד האָט שטיל גערוישט.

די ריזיקע סאָסנעס האָבן אויסגעזען אונטער דער פאַרגייענדער זון, ווי קופערנע און בורשטינענע זיילן, וואָס שפּאַרן אונטער מיט זייערע קרוינען דעם הימל. די דאַרע יאַלאָוויץ־ביימלעך, אַרומגערינגלט מיט קוסטן, ווי מיט קרינאָלינעס, האָבן זיך געבויגן און געשאָקלט צווישן די סאָסנעס, ווי קופּקעס ווייבער. שטיקלעך וואָלקן, וואָס זיינען געווען צעוואָרפן איבערן הימל, האָבן זיך ביסלעכווייז אַראָפּגעלאָזט איבערן וואַלד, איינגעהילט די שפּיצן פון די ביימער, האָבן די שפּיצן זיי דורכגעלעכערט און דער הימל איז געוואָרן פאַרבלוטיקט.

די פישערס האָבן זיך צוגעבויגן צו די וואָרצלען פון די ביימער, צוגעלייגט צו די מיילער די הענט, די היטלען, זיך צעשריען, האָט עס אָפּגעהילכט איבערן וואַלד טעמפּ און לאַנג, ווי פון אונטער דער ערד אַרויס. דאָס האָבן די אַלטע גערופן דאָס יונגוואַרג.

רחל האָט זיך אַרויסגעריסן פון מרדכיס אָרעמס, האַלב פאַרשעמט, האַלב ברוגז, זיך פאַרריכט די האָר, גענומען רייסן מיטביידע הענט מאָך, באַשיט מרדכין און זיך כּלומרשט געבייזערט:

— גיי, ביסט אַ שלעכטער.

פון אַלע זייטן וואַלד האָט דאָס יונגוואַרג געענטפערט מיט אַ פּיי־פעריי, מיט אַ געזאַנג, פאַרלעכווייז זיך געשאַרט צווישן די ביימער און עס האָט אויסגעזען, ווי אין די טיפע היילן זיינען די וואַלד־געטער אויפגעשטאַנען תּחית־המתים און זיך געלאָזט מיטן טונקעלן וואַלד צו דער ווייסל באַגעגענען וואַנדען.

מרדכי איז געגאַנגען מיט רחלען, געוואָלט זי ווילן, געוואָלט איר עפּעס דערציילן זי זאָל לאַכן און נישט געוווסט וואָס.

ער האָט יעדע וויילע גענומען איר האַנט, זי אָפּגעלאָזט, ווידער גענומען, געקוקט אויפן אַלטן, צעברומטן וואַלד, וווּ יעדער בוים האָט אים גערופן, האָט מרדכי גענומען גיין אַלץ פּאַמעלעכער נאָך דער פּראָ־צעסיע, באַלד געבליבן הינטערשטעליק, געהערט ווי דאָס געזאַנג ווערט אַלץ שטילער, שטילער און געבליבן זיצן מיט רחלען אונטער אַ בוים.

אַרום דער ווייסל האָבן זיך אַ הויב געטאָן „סלומקעס", וואַסער־פייגל מיט לענגלעכע שנאָבלען, געבליבן הענגען ווי ווייסע פלעקן און

באַגריסט די נאַכט מיט טשיר=טשיר.

די נאַכט האָט זיך צעלייגט איבערן וואַלד, איז דער וואַלד גע=דיכטער און טיפער געוואָרן. די נאַכט=פייגל האָבן זיך פאַנאַנדערגע=טרייסלט, געקוקט פון די שפּיצן ביימער מיט זייערע גרינע אויגן, גע=קלאַפּט מיט די שווערע פליגל, האָט דער וואַלד פון צופיל ברייטקייט פאַרכאַפּט דעם אָטעם און אָנגעיאָגט אַ שרעק.

פון דערווייטנס האָט די ווייסל זיך געשפּיגלט ווי אָפּגעסמאַליעט, בויגיק שטאָל, זיך דאַכט זיך גערוקט אַלץ נענטער און נענטער און עס האָט אויסגעזען ווי דער וואַלד=מכשף האָט איבערגעשטעלט די ביימער, דאָס וואַסער, אַרויסגעלאָזט פון זיינע ברייטע אַרבל פלעדער=מייז ווי פיילן, אַלץ צוגעגרייט און געוואַרט אויף האַלבע נאַכט.

די פישערס, ווי סנאָפּעס שאָטנס, האָבן זיך געשאַרט איבערן ברעג פון וואַסער, מיט אַמאָל ערגעץ ווו פאַרשווונדן און זייער האַרציק געזאַנג האָט געוואָגלט ביז האַלבע נאַכט איבער די נאַקעטע פעלדער, איבערן וואַלד, האָבן די הונדערט יעריקע דעמבעס זיך שטיל צעברומט.

מיט דורות צוריק, ווען מענטשן זיינען נאָך יונג געווען, פאַרשטאַ=נען ביימער=לשון, האָט געלעבט דער פּרינץ קראַקוס, ליאַכס יונגסטער זון.

געוווינט האָט קראַקוס מיט זיין יונגער ווייב לאַנדאַנא ביים קוואַל פון דער ווייסל אין אַ הייל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ מענטשישער שאַרבן — האָט זיין הייל געשמט איבער ווייטע לענדער.

גוט זיינען דעמאָלט מענטשן געווען. זיי האָבן געוווּסט, אַז דער בעל=הבית פון וואַלד, דער גרויער וואַלד=זיידע, וואָס איז פון אַלטקייט אַזש מיט מאָך באַוואַקסן, גלעט יעדעס ביימל, קושט יעדעס צווייגל, האָט ליב דעם וואַלד ווי אַ מאַמע אירע קינדער. זיי האָבן געוווּסט, אַז דער וואַלד=זיידע וווינט אין יעדן בוים, אין יעדער צווייג, אין יעדן בלאַט, פילט זיך ענג און דושנע אין אַן אייגן הויז, האָבן זיי אים קיין אייגן הויז נישט אויפגעשטעלט. נאַכט נאָך נאַכט האָט ער צונויפגערופן אַלע ווינטן, חיות און פייגל, זיי איבערגעגעבן דעם וואַלד און אַליין האָט ער געשוועבט פון איין הייל אין דער צווייטער, ווו מענטשן האָבן געוווינט, געקושט די בלוי=אויגיקע טעכטער — האָבן געטער גענומען שפּאַצירן איבער די וועלדער, געזעסן אויף יעדן בוים, אויף יעדער צווייג.

קראַקוס האָט געזען ווי זיין שווערד ראָסטעט אויף דער וואַנט, האָט אים אַ צער ארומגענומען. ער האָט צונויפגערופן זיינע מחנות האָריקע מענטשן, אַוועק מיט זיי נאָך רויב איבער די פאַרשנייטע בערג אויף יענער זייט ווייסל און איבערגעלאָזט די שיינע לאַנדאַנאַ איינע אליין, דען ביי קראַקוסן צו האַקן מיט זיין שווערד מענטשישע קעפ, איז מער פרייד געווען, ווי צו האָבן ביי זיך אויפן געלעגער די שיינע לאַנדאַנאַ.

געבענקט האָט לאַנדאַנאַ נאָך קראַקוסן, געוואַרט אויף אים, לאַנג געוואַרט, זיך אויסגעוויינט ביי נאַכט אירע בלויע אויגן — קראַקוס אָבער איז נישט געקומען.

דער וואַלד־ויידע האָט מער איר צער נישט געקאָנט צוזען און געטריקנט מיט זיינע קושן אירע טרערן.

פונקט דעמאָלט איז וואַנדע, דאָס וואַסער־קינד מיט די גרינע אויגן, געבוירן געוואָרן.

יאָרן זיינען אַוועק, קראַקוס איז נישט צוריקגעקומען און וואַנדע, שיין ווי זיבן זונען, איז געוואַקסן מיט אַ טרויער אין האַרץ, געבענקט נאָך דעם פאָטער.

פון די פאַרשנייטע בערג, פון יענער זייט ווייסל, זיינען אָנגעקומען מחנות ווי היישעריקן, איז די האָריקע מענטשן אַ שרעק באַפאַלן און זיי זיינען צוגעשטאַנען צו וואַנדען:

— קיניג איבער אונז!

האָט וואַנדע פאַרזאַמלט אירע מחנות אויפן ברעג טייך, געוואַרט אויפן שונא און געזונגען אַ ליד דער ווייסל. זי האָט אַ שאַר געטאָן מיט די פינגער איבער אַ האַרפע, האָבן גרעזלעך גענומען שפּראָצן, ביי־מער — בליען, וואַלד און וואַסער האָבן אָנגעהויבן מיטצוזינגען.

דער שונא האָט אָפּגעשטעלט זיינע מחנות. דער פרינץ ריטינגער איז אַרויס צו וואַנדען, אַריינגעשטעקט זיין שווערד טיף אין דער ערד און זיך פאַרנייגט:

— שיינע פרינצעסין, כ׳האָב נאָך קיינמאָל נים פאַראַנקערט מיינע שיפן אין אַ שטורעם, מיינע מחנות לאַכן פון ווינט, לאַכן פון פאַרשנייטע בערג — — — זע, נאָך מיין בלוטיקן שווערד ציען זיך מחנות קראָען — — שיינע פרינצעסין — — —

האָט וואַנדע אויפגעהויבן די אויגן:

— כ'וועל דיינע ניט זיין, דו פאַרשאָלטענער דייטש!

דער פּרינץ האָט זיין שווערד פון דער ערד אַרויסגעצויגן, דריי מאָל אַ צייכן געגעבן, זיינען אָבער זיינע זעלנער פאַרבלענדט געוואָרן פון וואַנדעס שיינקייט, נישט געקאָנט קוקן אין איר פּנים, ווי אין דער צעפלאַמטער זון און פון אָרט זיך נישט גערירט.

פון עגמת-נפש און חרפּה האָט דער פּרינץ זיך געוואָרפן אין דער ווייסל.

— איצט וועל איך דיינע זיין! — האָט וואַנדע אויסגעשריען.

און זי איז געוואָרן די קייזערין פון דער ווייסל.

קאַפּיטל 5

## ר׳ איטשע מקובל

מרדכי איז געשטאַנען ביים פענסטער, געקוקט אויף ר׳ איטשען, וואָס איז געזעסן ביי אַ דעמבאָוון בית-מדרש-טיש און געלערנט מיט דבקות.

ר׳ איטשע איז געווען אַ ייד אין די דרייסיקער, אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַ פּאָר שוואַרצע, טיפע אויגן, אַ וואַקסן פּנים, אַ שוואַרצע געדיכטע באָרד און אַ פול מויל ווייסע, קרומלעכע ציינער, ווי פאַר-קרומטע ביימער נאָך אַ שטורם. ער איז געווען אַ ייד אַ מקובל, אַ חסידישער מה-מענטש. די יידן זעט מען נישט מער. זיי האָבן זיך באַוויזן מיטן חסידות. מיטן טלית און תפילין אונטערן אָרעם האָבן זיי געוואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט, ווו נאָר אַ יידישער ישוב, געשמועסט חסידות און מיט זייער שטאַרקן גלויבן און גרויסע ליבע האָבן זיי איינגענומען פוילן, גאַליציע, וואָלין. גלייך ווי די מלחמה צווישן די חסידים און מתנגדים האָט אויפגעהערט און חסידות איז געוואָרן אַ מאָדע, זיינען די חסידישע מה-מענטשן פאַרשווונדן. די פריערדיקע רביים האָבן זעלטן ווען איבערגעגעבן די „שטול״ צו זייערע קינדער, יעדער רבי האָט זיך געהאַט זיינע תלמידים, יונגע-לייט, וועלכע ער האָט מדריך געווען, געשמועסט מיט זיי חסידות, זיי אויסגעטאָן פון גשמיות און נאָך דעם רבינס פטירה זיינען די חסידים געפאָרן צו די תלמידים.

ר׳ איטשע איז געווען איינער פון זיי — דעם קאָצקערס אַ לייב-מענטש. און כאָטש ער איז תמיד געווען אַליין, ווי ער וואָלט אויסגעמיטן מענטשן, געזוכט יחוד, פונדעסטוועגן ווער ס׳איז נאָר געקומען אין זיינע ד׳-אמות, האָט אים ליב געקראָגן. און ליב געהאַט האָט מען אים, ווייל ער איז געווען צוגעלאָזן, נישט געזען די חסרונות ביי אַ מענטשן, וואָס

וואַרפֿן זיך אין די אויגן און געהאַט פֿאַר יעדן איינעם אַ וואָרעם וואָרט. זיינע שוואַרצע, טיפֿע אויגן האָבן מיטן ערשטן בליק דורכגענומען דעם מענטשן און ער האָט דערזען דאָס, וואָס אַ צווייטן נעמט עס יאָרן און דאָס רוב מענטשן באַמערקן עס אין גאַנצן נישט. יעדער וואָס האָט מיט אים גענומען רעדן, האָט געפֿילט, אַז ר׳ איטשע קוקט אַריין אין יעדן שפּעלטל פֿון זיין נשמה, דער באַהאַלטנסטער סוד איז פֿאַר אים אַן אָפֿענע קאָרט, האָט יעדער איינער זיך געפֿונען זינדיק און גענומען אָפּרעדן פֿאַר ר׳ איטשען דאָס האַרץ, ווי אַ קינד רעדט זיך אָפּ פֿאַר דער מאַמען. און אַז מען איז אַוועקגעגאַנגען פֿון אים, האָט מען נישט חרטה געהאַט, וואָס עס איז זייער זעלטן, נאָר געוואָלט וואָס גיכער זיך ווידער מיט אים טרעפֿן.

אין קאָצק האָבן אַלע געוווּסט, אַז ר׳ איטשע מיידט אויס מענטשן, זוכט יחוד, ווייל ער איז פֿאַרטיפֿט אין קץ. און דער רבי האָט שוין נישט איינמאָל געלאָזט וואַרפֿן אַ וואָרט, אַז איטשע דאַרף התבודדות, מענטשן קען ער שוין צופֿיל, דאַרף אַביסל ביימער קענען, איז פּונקט דעמאָלט געווען אברהם „שרייבער״ אין קאָצק, זיך געקלאָגט פֿאַרן רבין, אַז ער איז ווייט פֿון אַ מקום־תּורה, האָט דער רבי אים געענטפֿערט — נעם מיט ר׳ איטשען וועסטו האָבן תּורה, און אַ ברכה וועט רוען איבער דיין הויז.

מיט פֿרייד האָט אברהם פֿאַרבעטן ר׳ איטשען צו זיך. און אַז ר׳ איטשע איז געקומען אין וואַלד אַריין, האָט אברהם אים אָפּגעגעבן דעם שענסטן חדר מיט ספֿרים, אים אָפּגעהיט, ווי אַן אבן־טוב — איז טאַקע ר׳ איטשע שוין דעם צווייטן זמן געזעסן, אפֿילו נאָך קאָצק נישט געפֿאָרן, און געלערנט.

מרדכי האָט פֿון פֿאָטער און פֿון חסידים זיך פֿיל אָנגעהערט וועגן ר׳ איטשען, געוווּסט, אַז ער איז אַ מקובל, אַ גרויסער קאָפּ־מענטש און דאָ פֿון ערשטן טאָג אָן האָט ר׳ איטשע אים גענומען מקרב זיין, גע־שמועסט מיט אים, ווי מיט אַ גרויסן, זיך פֿאַרהאַלטן מיט אים ווי מיט זיינס אַ גלייכן, קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזן, אַז ר׳ איטשע איז דער מח־מענטש, האָט מרדכי אים טאַקע פֿון ערשטן טאָג אָן ליב געקריגן.

ר׳ איטשע האָט אים געבעטן, אַז ווען ער וועט נאָר האָבן אַ פֿאַר־לאַנג אַריינצוקומען צו אים אין חדר, מעג ער קומען. ער וועט אים

נישט שטערן, האָט זיך מרדכי באַלד צוגעוווינט צו ר׳ איטשען און ביסלעכווייז אים גענומען אַלץ דערציילן, אַלע זיינע מחשבות. און ר׳ איטשע האָט אים נישט געשטראָפט, קיינמאָל נישט געזאָגט: טו נישט אַזוי, נאָר שטענדיק, ווען מרדכי האָט אים עפּעס דערציילט, האָט ער מיט אים גענומען שמועסן הסידות און געשמועסט אַזוי, אַז מרדכי האָט תמיד געפונען אין ר׳ איטשעס רייד אַן ענטפער אויף זיינע שלעכטע מחשבות. מיט דער צייט איז ער אַזוי צוגעבונדן געוואָרן צו ר׳ איטשען, אַז ער האָט אים געמוזט זען יעדן טאָג, פלעגט אַריינקומען אין זיין חדר, אים נישט שטערן, זיך אַוועקזעצן ביים פענסטער און קוקן אויף ר׳ איטשען, קוקן אַ לענגערע צייט, פילן, אַז קיין שלעכטס קאָן ניט קומען, ווי לאַנג מען איז מיט ר׳ איטשען אונטער איין דאַך, זיך באַרויקן און אַרויסגיין אָן אַ וואָרט, און זיין נשמה איז תמיד רויקער געוואָרן.

נאָך דער פּראָצעסיע האָט מרדכי אין גאַנצן אויפגעהערט לערנען. ער האָט גאַנצע טעג זיך אַרומגעשלעפּט איבערן וואַלד און געטראַכט וועגן רחלען. שעהן לאַנג איז ער אָפּגעזעסן אין טויבן-שלאַק און געקוקט, ווי די טויבן פּאָרן זיך. און אַז ס׳איז געוואָרן אוונט, האָט זיך אַ העליש פייער אָנגעצונדן אין אַלע זיינע גלידער. ער האָט נישט געקאָנט איינזיצן אין שטוב, יעדע ווילע אַריין צום לעשניק מיט אַן אויסרייד און דערווייל געקוקט, ווי דער גוי שלאָפט מיט דער ווייב. און ווי אויף צו להכעיס האָט נישט געוואָלט נאַכט ווערן און קיינער אין שטוב איז נישט בעגאַנגען שלאָפן, איז מרדכי, ווי אַ געפאַנגענע חיה, געלאָפן פון איין צימער אין צווייטן, פון פאַרדרוס אַריין אין בעט און זיך איבערגעדעקט איבערן קאָפּ. דער מח האָט זיך ביי אים געצונדן ווי אין פיבער און ער האָט געפלאַפּלט אָן אויפהער, גערעדט צו רחלען ביז אין שטוב זיינען אַלע איינגעשלאָפן. דעמאָלט איז ער אַ באָרפיסער שטיל אַרויס דורכן פענסטער און אַריבער צו רחלען, וואָס האָט געוווינט אַ האַלבן ווי״אָרסט פון זיי, און אַזוי אַ טאָג נאָך אַ טאָג. די ערשטע צייט איז מרדכי געווען אַזוי גליקלעך, אַזוי פאַרטאָן מיט זיך, אַז ער האָט אַלעמען אויסגעמיטן, אפילו ר׳ איטשען.

מרדכי האָט באַמערקט, אַז אין שטוב שפירט מען אים נאָך, אַז רחלס טאַטע, דער פאַכטער, איז געוואָרן אַ צו אָפטער גאַסט ביי זיי און ער האָט באַשלאָסן אַלץ צו פאַרטרויען ר׳ איטשען. האָט ער זיך אָבער גע-

שעמט, פאַרוואָס ער איז אַזוי לאַנג ביי אים נישט געווען, און אים אין גאַנצן גענומען אויסמיידן. שפּעטער, אַז מען האָט גענומען אָפן דערפון רעדן און די מוטער האָט אים געגעבן אָנצוהערן, אַז אויב ער וועט נישט אויפהערן זיך אַרומצושלעפּן מיט דער מויד, וועט מען דעם פאַכ־טער אַרויסשיקן, איז מרדכי געוואָרן אַ צערודערטער און גלייך אַוועק צו ר׳ איטשען.

דאָס מאָל, אַז מרדכי איז אַריין, האָט ער געטראָפן ר׳ איטשען אַ פאַרטיפטן איבער אַ ספר. אַ מידער פון היץ איז ר׳ איטשע געזעסן אָן כאַלאַט, דעם טלית־קטן פאַרבויגן, דאָס העמד צעכראַשטשעט, געריבן מיט איין האַנט דאָס האָריקע לייב, פאַרקוועטשט יעדע ווײלע די אויגן און געזאָגט מיט אַ ברען, כמעט געשריען:

„— — — תא חזי — קום און זע, שטיי אויף, בר־נש, און זע, אינם גן־עדן התחתון איז פאַראַן אַן אָרט, וואָס קיין אויג האָט עס נאָך נישט געזען, איז עס אויסגעמאָלט מיט די שענסטע פאַרבן. טויזנט פאַ־לאַצן זיינען דאָרט באַהאַלטן און קיינער קומט נישט אין זיי אַריין אויסער משיחן, וואָס איז תמיד אין גן־עדן. און דאָס גאַנצע גן־עדן איז אַרומגערינגלט מיט רייטוועגן פון די צדיקים און משיח געוועלטיקט אי־בער זיי און איבער פיל אַרמייען נשמות פון צדיקים. ראש־חודש, שבת און יום־טוב גייט ער אַריין פאַרברענגען אין די אַלע פאַלאַצן. ווייט דאָרטן געפינט זיך נאָך אַ באַהאַלטן אָרט, וואָס ס׳איז אין גאַנצן נישט באַקאַנט, עדן הייסט עס, און קיינער קאָן נישט וויסן וואָס דאָרט טוט זיך. משיח דרייט זיך אַרום דעם עדן ביז עס אַנטפּלעקט זיך פאַר אים אַן אַנדער אָרט, וואָס הייסט „קן־צפור". אין דעם דאָזיקן אָרט זיינען אויסגעמאָלט די בילדער פון אַלע פרעמדע פעלקער, וואָס האָבן געוואָלט יידן שלעכטס טאָן. ער גייט אַהין אַריין, הויבט אויף זיינע אויגן און דערזעט די אבות, וואָס זיינען דאָרטן זייט דעם חורבן, ער דערזעט רחלען מיט טרערן אין די אויגן און גאָט אַליין טרייסט זי און זי לאָזט זיך ניט טרייסטן. דאַן הויבט משיח אויף זיין שטים און וויינט און דאָס גאַנצע גן־עדן ציטערט אויף און אַלע צדיקים וויינען מיט אים מיט. ער שרייט און קלאָגט, קלאַפּט אין די הימלישע טירן, און דער הימל פון איבערן גאָרטן מיט הונדערט און פופציק טויזנט אַרמייען ציטערן אויף, ביז עס דערגרייכט דעם כסא־הכבוד. דאַן גיט גאָט אַ ווונק צום

פויגל, וואָס שטייט אויפן דריטן שטאַפּל פון כסא=הכבוד און ער גייט אַריין אין זיין נעסט און זעצט זיך נעבן משיחן. און פון כסא=הכבוד ווערט דריי מאָל גערופן „קן=צפור“ און משיח גייט אַרויף. און גאָט שווערט צו אויסצוראָטן דורך משיחן אַלע שלעכטע מלכים פון דער וועלט און זיך אָפּצורעכענען פאַר די יידן. ער דערציילט זיי וועגן אַל׳דעם גוטן, וואָס ער וועט טאָן מיט זיין פאָלק. און אַלץ גייט צוריק אויפן אָרט און משיח באַהאַלט זיך צוריק אין זיין באַהעלטעניש ווי פריער —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מרדכי האָט געזען, ווי ר׳ איטשעס וואַקסן פנים מיטן גרויסן צעאַקערטן שטערן צעשטראַלן זיך, ווען ער זאָגט אַרויס משיחס נאָמען און אַן אימה האָט אים אַרומגענומען. ער האָט זיך מיט אַמאָל דערפילט אַזוי קליין און נישטיק. אַ זינדיקע נשמה, זיך געטרייסלט אין גאַנצן, ווי מען וואָלט אים הענט און פיס אָפּגענומען, פאַרגעסן צו וואָס ער איז געקומען און זיך איינגעהערט מיט לייב און לעבן.

„— — — נאָך צוועלף חדשים וועט זיך משיח אַנטפּלעקן אין גן=עדן און אַלע צדיקים וועלן אים קרוינען און אָנגורטן געווער אויסגעקריצט מיט הייליקע שמות. און אַ פרוכטבאַרער שטערן וועט זיך דערוועקן אין מיטן הימל, פורפור וועט זיין קאָליר זיין און ער וועט ברענען און בלישטשען ביי טאָג פאַר די אויגן פון דער גאַנצער וועלט. און אַן עמוד האש וועט זיך דערהויבן פון צפון זייט ביזן הימל און ער וועט שטיין אַנטקעגן דעם שטערן פערציק טעג און די גאַנצע וועלט וועט דערשראָקן ווערן. דאַן וועט דער שטערן מאַכן אַ מלחמה מיטן פלאַם פאַר אַלעמען אין די אויגן. אַ שטים וועט זיך אויפכאַפּן מיט דונערן און בליצן, אַז די ערד וועט אויפציטערן דערפון און פיל אַרמייען און חיילות וועלן דערפון אויסשטאַרבן. אין דעם זעלבן טאָג וועט זיך אין רוים דערפון אויפכאַפּן אַ פלאַם, וואָס וועט פאַרברענען פיל שלעסער, פּאַלאַצן און טורעמס. דאַן וועט אַ שטים צעבראָכן ווערן אָן די צווייגן פון די ביימער פון דעם גאָרטן, זי וועט שרייען הויך און אויסרופן: **שטייט אויף הייליקע, שטייט אויף פאַר משיחן!** געקומען איז די צייט, וואָס דער מאַן גייט צוריקנעמען זיין ווייב, ער וויל זיך אָפּרעכענען פאַר איר מיט דער וועלט, זי אויפהייבן און אָפּשאָקלען די עו״ד פון איר... דאַן וועלן זיי אַלע אויפשטיין און אים ווידער אָנגורטן

אין געווער. אברהם פון זיין רעכטער האַנט, יצחק פון דער לינקער, יעקב פון פאָרנט און משה, דער טרייער הירט, וועט גיין און טאַנצן מיט אַלע צדיקים פון גן=עדן. ווען משיח וועט זיין אַן אויסגעשטאַטער וועט ער צוריק אַריינגיין אין „קן=צפור“ און וועט דאָרטן זען דאָס בילד פון חורבן בית=המקדש און אַלע צדיקים, וואָס זיינען דאָרט אויסגעהרגעט געוואָרן. ער וועט פון דאָרטן אַרויסנעמען צען קליידער פון נקמה און וועט זיי דאָרטן באַהאַלטן פערציק טעג. דאַן וועט פון כסא=הכבוד גע= רופן ווערן דער „קן=צפור“ מיט משיחן. זיי וועלן אַרויף און גאָט וועט דערזען דעם מלך=המשיח אָנגעטאָן אין די נקמה=קליידער, אָנגעגורט אין געוועער, וועט ער אים אַ קוש טאָן אין קאָפּ. און אויפציטערן וועלן דאַן די דריי הונדערט און ניינציק הימלען. גאָט וועט דאַן אַ ווונק טאָן צו איין הימל, וואָס איז פאַרבאָרגן געווען פון ששת=ימי=בראשית אָן, און וועט אַרויסנעמען פון אַ פּאַלאַץ אַ קרוין, וואָס איז אויסגעקריצט מיט הייליקע שמות. אין דערזעלבער קרוין איז גאָט געקרוינט געווען. ווען יידן זיינען דורך דעם ים, אין איר האָט ער נקמה גענומען פון פרעהן און די קרוין וועט ער אָנטאָן משיחן און וועט אים ווידער אַ קוש טאָן, און הייליקע רייטוועגן און אויבערשטע אַרמייען וועלן אים אַרומרינגלען. פון די אַלע וועט ער געקרוינט ווערן. ער וועט אַריין אין אַ פּאַלאַץ און ער וועט זען די אַלע אויבערשטע מלאכים, וואָס ווערן אָנגערופן אבלים פון ציון, וואָס וויינען אייביק אויפן חורבן. דאַן וועט ער אַרויס פון דאָרט געקרוינט און אָנגעטאָן אין אַלע אויסשטאַטונגען פון אונטן און פון אויבן און פיל הייליקע אַרמייען אַרום אים. די גאַנצע וועלט וועט דערזען איין ליכט, וואָס הענגט פון הימל ביז דער ערד. זיבן טעג וועט עס שטיין און די גאַנצע וועלט וועט דערשראָקן און צעטומלט ווערן און קיינער אויסער די חכמים, וואָס קענען זיך אויף סודות, וועט נישט וויסן וואָס דאָס איז. די גאַנצע זיבן טעג וועט ער געקרוינט ווערן אויף דער ערד אינם „קן=צפור“ — רחלס קבר. אויפן שיידוועג שטייט זי. ער וועט איר אָנזאָגן די בשורה און וועט איר טרייסטן און זי וועט געטרייסט ווערן. זי וועט אויפשטיין און אים קושן. דאַן וועט אַוועק דאָס ליכט פון דאָרט און וועט זיך אָפּשטעלן אין יריחו, די שטאָט פון פּאַלמען. צוועלף חדשים וועט ער באַהאַלטן זיין אין דעם ליכט פון „קן= צפור“. דערנאָך וועט ער אויפשטעלן דאָס ליכט צווישן הימל און ערד

און וועט רוען אין גליל און דאָרט וועט ער זיך אַנטפּלעקן פונם „קן־צפּור־ליכט“ און וועט צוריק גיין צו זיין אָרט. אין יענעם טאָג וועט ווידער די גאַנצע ערד אויפציטערן פון איין עק הימל ביז אין צווייטן און די גאַנצע וועלט וועט זען, אַז משיח איז געקומען. — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

„גליקלעך וועט זיין דער, וואָס וועט דעמאָלט זיין, און גליקלעך וועט זיין דער, וואָס וועט דעמאָלט נישט זיין!“ — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מרדכי האָט געקוקט אויף ר׳ איטשען און געגלויבט, אַז ער האָט איצט „עלית־נשמה“.

דורכן אָפענעם פענסטער האָט זיך געזען אַ שטיקל וואַלד אין פלאַמען — די זון איז פאַרגאַנגען. ביים שטאַל האָט דער לעשניק גערייניקט דאָס פערד. זיין פערצען יעריקער שייגעץ, וואצעק, איז געזעסן אַ באָרוויסער, געהאַלטן פילוטן פאַר די אויערן, אים גערייצט, געוואָרפן אַ שטיינדל. דער הונט האָט זיך אָפגעריסן, פון אימפעט אַריבער דעם שטיין, אים געכאַפּט אין פּיסק אַריין מיט אַ בילעריי און אַ נישט צופרידענער זיך צוריק געשלעפּט צום בעל־הבית.

מרדכי האָט געקוקט אויפן לעשניק, אויף וואצעקן, באַדויערט, וואָס זיי ווייסן גאָר נישט, לעבן ווי די חמורים און דאָ איבער דער וואַנט זיצט ר׳ איטשע, וואָס בויט און מאַכט חרוב וועלטן און אַ גרויס רחמנות האָט אים אַרומגענומען.

ר׳ איטשע האָט פאַרמאַכט דעם ספר, דערזען מרדכין און האַרציק געזאָגט:

— גוט, וואָס דו ביסט געקומען, מרדכי.

מרדכי האָט געקוקט, ווי ר׳ איטשע האָט זיך אויפגעשטעלט, אָנגעטאָן דעם כאַלאַט, געריבן אַ האַנט אָן אַ האַנט, גענומען שפּרייזן אַן אויפגערוימטער איבערן חדר, האָט זיך מרדכי דערפילט היימלעכער און גענומען אים אַלץ דערציילן. מרדכי האָט זיך געקרעקט, רויט געוואָרן, נישט געקאָנט זיך אַרויספּלאָנטערן, האָט ער אויף דאָס נייע אָנגעהויבן פון אָנהויב, זיך מער פאַרפּלאָנטערט און אין עטלעכע ווערטער איבערגעגעבן ר׳ איטשען די מעשה מיט רחלען. מרדכי האָט באַמערקט, אַז דורך דער גאַנצער צייט, וואָס ער האָט גערעדט, האָט ר׳ איטשע אים

נישט אָנגעקוקט, ער זאָל זיך נישט פאַרלירן און ער האָט אים נאָך ליבער געקראָגן.

ר׳ איטשע האָט אויסגעהערט, זיך אָפּגעשטעלט און אָנגעהויבן צו רעדן, ווי ער וואָלט פאָרטגעזעצט אַן איבערגעריסענעם שמועס:

— הייסט עס, האָסט דערגרייכט די ערשטע מדרגה — — — אַנדערע דערגרייכן דאָס אויך נישט — — גוט! גוט! זאָלסט וויסן, אַז אַן ערלע־כער ייד דאַרף זיך איבערגעבן אין דעם רשות פון צדיק בלב ונפש. דען דער צדיק איז כולל אין זיך חכמה, בינה, חסד, אה־בה — — — וואָס זאָג איך? ער איז כולל אין זיך אַלע ספירות, האָט נישט אַרום האַרץ קיין חלל שמאל, קיין לינקע הויל, ווו די קליפות האָבן שליטה. דען וויסן זאָלסטו, אַז אַ מענטש האָט פון ביידע זייטן האַרץ צוויי חללס, אַ חלל ימין און אַ חלל שמאל. דער חלל ימין איז בלויז רוחניות און דער חלל שמאל איז פול מיט דם, ווו די קליפות זיצן און פירן אַראָפּ דעם מענטש פון גלייכן וועג.

אַ פאַרמחטער איז ר׳ איטשע עטלעכע מאָל דורך דעם חדר, גע־קייעט די שוואַרצע, געדיכטע באָרד און זיך צוריק אָפּגעשטעלט.

— דען וויסן זאָלסטו, אַז וואָס מער דו טוסט זיך אַרויס פון די גשמיות, גיסט זיך איבער אין דעם רשות פון דעם צדיק, דאָס הייסט, גיסט איבער דעם צדיק דיין רצון, דיין נשמה, ווערט דיין רצון, דיין נשמה שותפים צום צדיקס רצון, צום צדיקס נשמה, וואָס זיי זיינען כולו אהבה, און אהבה, דאַרפסטו וויסן, איז דאָס האַרץ פון דער וועלט, אהבה האָט מדרגות, די נידעריקסטע איז אהבת אַמנון ותמר. דערשטיקן אין זיך אַ מדרגה, אפילו די נידעריקסטע, טאָר מען אויך נישט — מען מוז דורכ־גיין אַלע מדרגות און אַז ביסט כולל אין זיך אַלע מדרגות, וועסט קיינ־מאָל נישט ווערן קיין עבד ביים יצר־הרע. דעמאָלט, פאַרשטייסטו, ווערט דער חלל שמאל אַליין ביי דיר קלענער, דאָס דם טריקנט איין, די קלפּות פאַרשווינדן און דו אליין האַלטסט אין איין שטייגן פון אַ נידעריקערע מדרגה צו אַ העכערע, ביז דו דערפילסט אין זיך דעם אייביקן רצון, די אייגענע נשמה, ביסט ביכולת משיג צו זיין, וואָס אַ צדיק איז. דערשפּירסט אַ פייער אין אַלע דיינע אברים און ווילסט עס לעשן מיטן צדיקס אַ וואָרט, אַ בליק.

ר׳ איטשע האָט אויפגעהערט רעדן, געשפּרייזט איבערן צימער,

געקייעט די וואָנסע, פאַרשנירלט דעם שטערן, ווי ער וואָלט מיט זיך איינגעטענהט.

— מעגסט הערן — האָט ר׳ איטשע זיך אָפּגעשטעלט אין צווייטן עק צימער — מיט אַ יאָר צוועלף צוריק, באַלד נאָך דער חתונה, האָב איך זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון שלעכטע מחשבות, געזעסן איבערן קאָפּ אין דער ערשטער מדרגה. כ׳בין דעמאָלט געפאָרן נאָך פשיסכע. און ר׳ מענדעלע האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַ שם, די וועלט האָט שוין מיט אים געקלונגען. טראַכט איך מיר: כ׳וועל זיך אַריבערכאַפּן נאָך קאָצק. און כך הוה — געקומען נאָך קאָצק, געשריבן אַ קוויטל און געבעטן כח צו עבודת־הבורא. רופט מען מיך אריין. כ׳קום אַריין, פרעגט מיך דער רבי: „ווו ביסטו ביז אַהער געפאָרן?“ ענטפער איך: „קיין פשיסכע“. „טאָ וואָס ווילסטו פון מיר?“ — שרייט דער רבי. שוויג איך. שרייט ער העכער: „אָקס, אַז דער פשיסכער האָט דיר נישט געהאָלפן, וועל איך דיר אַודאי נישט העלפן! פאָר צוריק, גיב זיך איבער אין זיין רשות, פאַר דיר איז נאָך דאָ אַ תקומה, גייסט איצט דורך די ערשטע מדרגה. אַ מענטש דאַרף זיך פילן זינדיק ווי לאַנג דער חומר איז אַרום דער נשמה און אַז דו וועסט דערפילן דעם אייגענעם רצון און משיג זיין ווער דער פשיסכער איז, דעמאָלט קום צופאָרן“.

מרדכי איז נאָך אַ לאַנגע צייט געזעסן ביים פענסטער, ווי ער וואָלט זיך איינגעהערט, כאָטש ר׳ איטשע האָט שוין נישט גערעדט.

ער האָט געקוקט, ווי דער הימל איבערן וואַלד צעפלאַמט זיך אַלץ שטאַרקער, ווערט רויט ווי פורפור, איז אים איינגעפאַלן, אַז דאָס זיינען די נקמה־קליידער, וואָס משיח וועט אָנטאָן, ווען ער וועט אַרויס פון „קן־צפור“. אַ גליקלעכער איז מרדכי געזעסן, געקוקט אין די פלאַמען, פאַרגעסן וווּ ער איז און געזען ווי משיח, אַ הויכער, געלער ייד מיט אַ פייערדיקער באָרד, איינגעהילט אין אַ פורפורנעם טלית מיט שוואַרצע פאַסן, דרייט זיך אַרום אין גן־עדן.

ער האָט זיך מיט אַ מאָל אַ טרייסל געטאָן, ווי ער וואָלט אַראָפּ פון אַ באַרג און דערפילט, אַז ס׳איז אים עפּעס קשה. יאָ. ווי קומט עס משיח זאָל זיין אַ געלער? ער האָט זיך תמיד פאָרגעשטעלט משיחן מיט אַ שוואַרצער באָרד... אַ טרויער האָט זיך ביסלעכווייז צעלייגט איבער זיין מאַטן פנים. פון די גרויסע, גרויע אויגן האָט אַ צער אַרויסגעקוקט

און אַלץ אין אים האָט זיך געריסן, געוואָלט אַ געשריי טאָן. ער האָט זיך האַסטיק אויפגעשטעלט, געוואָלט עפּעס זאָגן דעם גוטן ר׳ איטשע — איז אין שטוב שוין קיינער נישט געווען. ער האָט איבער אַ מינוט געקוקט אין דעם ליידיקן פּלאַץ, וווּ ר׳ איטשע איז געשטאַנען, ווי דער פּלאַץ וואָלט נאָך אַלץ געווען פול מיטן מקובל, זיך צוריק אַוועקגעזעצט, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן די הענט, געבליבן זיצן איינער אַליין ביים אָפענעם פענסטער און זיך איינגעהערט ווי די פאַרבענקטע בהמות מעקען אין די שטעלער.

ס׳איז געוואָרן נאַכט. די צייטיקע סאָסנאָווע ביימער האָבן זיך צעענגט, געטריפט מיט געלן פּעך. ליפּעס האָבן מיט זייער ריח מיד געמאַכט און טיף אין וואַלד האָבן מיליאָנען געוויקסן אויסגעהויכט דעם לעצטן אָטעם אין דער נאַכט אַריין — איז מרדכין דושנע געוואָרן, נישט געקאָנט מער איינזיצן אין צימער. די ביימער האָבן זיך געהילט, צווייגן מיט צווייגן זיך געפלאָכטן. און די ווייסל, א שטאָלענע, האָט געוווּנקען — איז פאַר מרדכין ערשינען די בלאַסע רחל, מיט אירע שוואַרצע, ווי די נאַכט, אויגן, מיט אירע שטילע, בויגיקע טריט און גערופן, געצויגן ווי מיט אַ מאַגנעט. אים האָט זיך דעמאָלט געוואָלט הייסן יעקב, זיין אַ פּאַסטוך, זיצן אויפן פעלד מיט אַ פלייט אין מויל און שפּילן, רופן די בלאַסע רחל. — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

## קאַפּיטל 6.

# אַ נאַכט אין וואַלד

שפּעט ביינאַכט, ווען אַלע זיינען שוין געשלאָפן, האָט זיך מרדכי שטיל אַרויסגעגנבעט דורכן פענסטער און געלאָפן אַ באָרוויסער איבערן פייכטן גראָז. דער קלענסטער שאָרך האָט אים אויסגעדאַכט, אַז דער טאַטע מיט ר׳ איטשען יאָגן זיך נאָך אים. מיט אַ ציטער האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אין טוי־באַדעקטן גראָז און געפּילט, ווי די בלוטן וואַשן זיך אויס אין טוי און אַזאַ פרושקייט האָט אים אַרומגענומען, אַז דער גאַנצער קערפּער איז שטייפער געוואָרן.

אָנרירנדיק דאָס פענסטער האָט זיך שוין באַוויזן דאָס בלאַסע פּנים מיטן וואַלד האָר, מיט די גרויסע, שוואַרצע אויגן. אַ לויזע צע־לאָזטע בלוזע מיט קורצע אַרבל, אַ לייכט קורץ אונטער־קליידל. זי האָט זיך אַרומגעפלאָכטן אַרום זיין האַלז, און ער איז מיט איר אַוועק אין וואַלד אַריין.

גליקלעכע, איז מרדכי מיט רחלען געגאַנגען האַנט אין האַנט, נישט געפּילט ווי סאָסנאָווע נאָדלען, פּאַרטרוקנטע צווייגלעך שטעכן די פיס, פעסטער געדריקט די הענט, יעדע ווײַלע זיך אָפּגעשטעלט אונטער אַן אַנדער בוים, זיך געקושט און געפּלאַפּלט:

— מיין רחלע!

— מיין יינגל!

דער וואַלד האָט זיך שטיל געוויגט. דורך די שפּיצן פון די ביי־מער, ווי דורך אָנגעצויגענע סטרונעס, איז פון מאָל צו מאָל דורך אַ ווינטל, האָט דער וואַלד אַ ציטער געטאָן און אָפּגעהילכט ווייט און טיף.

די לבנה איז געשטאַנען איבערן וואַלד, זיך געשפּילט מיט די קליינע ביימלעך, מיט די בלעטער—האָבן די שאָטנס זיך געשאַרט צווישן די הויכע ביימער, ווי הינקענדיקע חיות, ווי מחנות בלייכע פייגל.

דאָס פּאָרל האָט זיך געזעצט הינטער אַ צעבליטע ליפּע, מיט אַמאָל אָפּגעשאָטן געוואָרן מיט קליינע ווייסע בלימלעך, האָבן זיי גליקלעכע זיך געכאַפּט פאַר די הענט און פון די יונגע הערצער, פון די קוים צעעפנטע מיילער האָט זיך אַ שטום געזאַנג, אַ שטומע פרייד געריסן אין דער נאַכט אַריין.

מרדכיס ליפּן, ווי שמעקעדיקע ליפּאָווע בלומען, האָבן רחלען איינגעוויגט, האָט זי דערפילט ווי זי הויכט אויס אין דער נאַכט אַריין איר לעצטן אָטעם, ווערט נישט, און לייכט ווי אַ ווינטל האָט זי זיך אַרומגעפלאָכטן אַרום מרדכין און זיך געפּיעשטשעט:

— אַז כ׳האָב אַזוי מורא פאַר דיין טאַטעשי...

— דאַרפסט נישט מורא האָבן רחלע...

— אַז דיין טאַטעשי איז אַזאַ רייכער...

— דעריבער?

— און איך בין אַ פאַכטערס אַ טאָכטער...

— גיי, רעד נישט אַזוי, רחלע! אַז דו ווילסט זאָג איך מאָרגן מיין טאַטן, אַז כ׳האָב דיך ליב, גוט?

— ניטע, זאָג נישט!

— פאַרוואָס רחלע?

— ווייל כ׳בין אַן אָרעם מיידל! און דיין טאַטעשי — — —

— — וואָס מיין טאַטעשי, זאָג?

רחל האָט איינגעביסן איר אונטערשטע ליפּ מיט די ווייסע ציינער און אַרומגעכאַפּט מרדכין מיט בײדע הענט:

— האָסט מיך ליב?

— מיין רחלע!

— שטאַרק ליב?

— — מיין קעצל!

— טאָ אַז ער וועט נישט וועלן?

— ווער?

— דיין טאַטעשי!

— ער וועט יאָ וועלן!
— און אַז נישט?
— אַז נישט?
— וועסטו מיך אוועקוואַרפן
— איך — דיך? קיינמאָל נישט!
— מיין ווײל ײנגל!
זיי האָבן זיך צעקושט. מרדכי האָט גענומען רחלען אויף דער שויס.
— אויב מיין טאַטע וועט נישט וועלן, רחלע, וועלן מיר ביידע אַוועק, גוט?
— גוט!
— מיר וועלן וווינען אין „וואַלד־שטיבל". כ'וועל אָנשניידן פרישן היי, אָנפּאַקן אַ פול שטיבל און מיר ביידע וועלן זיך אַ וואָרף טאָן אין היי אַריין, ווי אין וואַסער. זעסט, אַזוי!
זיי האָבן זיך אויסגעצויגן אויפן מאָך. מרדכי האָט אַוועקגעלייגט רחלס שוואַרצן קאָפּ, באַשפּריצט מיט ווייסע ליפּע־בלימלעך, צו זיך אויפן שויס, אויסגעריסן אַ שוואָם און מיטן פייכטן פוכאָוון קעפּל האָט ער געקילט רחלס צעפלאַמטע באַקן, די מידע ברעמען. רחל האָט פאַרזשמורעט די אויגן און אַראָפּגעלאָזט די אונטערשטע ליפּ:
— כ'וויל נישט וווינען אין „וואַלד־שטיבל". מען וועט אונז כאַפּן — — —
— ווו דען?
— לאָמיר וווינען אין דער הייל!
— דאָרט וווינען דאָך נישט־גוטע?
— האָסטו מורא?
— איך?
מיט אַמאָל האָט מרדכי דערזען פונקען פאַר די אויגן. ער האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ, געוואָלט זען פון וואַנען דער פּאַטש איז געקומען, האָט ער געכאַפּט אַ פלאַם און געפילט בשעת־מעשה ווי אַלע ציינער שאָקלען זיך ביי אים אין מויל. ער איז אויפגעשפּרונגען. דער פאָטער אין בלויזן וועסטל און אין אַ קאַפּל איז געשטאַנען און געשריען. די קולות זיינען געוואָן אָפּגעהאַקט, ווי זיי וואָלטן אַרויסגעפאַלן פון מויל:

— ווּעסט זיך אַ ווּיסט יאָר אויסרעכטן, דו פּושע ישראל, דו! כ'וועל דיר ווייזן ווי אַרומצושלעפּן זיך מיט מיידן בּיי נאַכט! פּאַר אַ שוסטער וועל איך דיך אַוועקגעבּן, דו עוכר ישראל, דו! אויבּ דו ווילסט נישט פאָלגן אַ טאַטן, גיי אויף אַלע פיר ווּעגן!

מרדכי איז געשטאַנען מיט פאַרקוועטשטע פויסטן, געפילט ווי דאָס גאַנצע בּלוט שלאָגט אים אין די שלייפן אַריין, בּיים האַרץ ווערט הויל, ווי מען וואָלט עפּעס דאָרטן אויסגעריסן, און זיך איינגעהאַלטן מיט אייזערנע כּחות, ער זאָל זיך נישט וואַרפן אויפן טאַטן, כאָטש ער איז געווען זיכער, אַז בּייצוקומען דעם פאָטער וועט נישט זיין לייכט.

דערווייל האָט דער פאַכטער, וואָס האָט זיך נאָכגעשאַרט נאָך מרדכיס טאַטע, אָנגעכאַפּט די טאָכטער פאַרן צאָפּ און זי געשלעפּט מיט קולות אַהיים.

מרדכי האָט פאַרגעסן, אַז דער פאָטער שטייט דאָ, אַז ער קאָן דערהרגעט ווערן, מיט איין שפּרונג, ווי אַ חיה, איז ער אַרויף אויפן פאַכטער, אים אַנידערגעוואָרפן און גענומען דושען:

— ווּעסט שלאָגן! ווּעסט שלאָגן!

דער פאָטער האָט אים קוים אַראָפּגעשלעפּט פון פאַכטער און אַ צעדמטער, מיט פאַרקוועטשטע פויסטן, ציטערדיקע קניען, איז מרדכי געשטאַנען און געפילט, אַז אָט, אָט וואַרפט ער זיך אויפן טאַטן. ער האָט געהעשעט, ווי אַן אויסגעמאַטערטער הונט:

— טאַטע, ס'וועט גאָרנישט העלפן, אפילו קיין קלעפּ אויך נישט, כ'וועל חתונה האָבּן מיט רחלען!

— נישט בּיי מיין לעבּן, מרדכי! — האָט דער פאָטער געגראָזשעט מיט דער האַנט — דערווייל בּין איך נאָך טאַטע און כ'האָבּ נאָך דאַכט זיך אַ דעה אויך, דו עוכר ישראל, דו! דו ווּעסט בּיי מיר פליען אויף אַלע פיר זייטן, הערסט? חרפות ווילסטו מיר אָנטאָן? — האָט דער אַלטער אַ געשריי געטאָן און אָנגעכאַפּט מרדכין פאַרן גערדיק — בּאַגראָבּן וועל איך דיך בּעסער לעבּעדיקערהייט, איידער צו נעמען שמחה פאַכטער פאַר אַ מחותן!

— לאָז אָפּ! — האָט מרדכי זיך אַ ריס געטאָן פון אַלטנס הענט — אויבּ דו ווילסט ניט כ'זאָל אַן עבירה טאָן! גיי בּעסער אַהיים, טאַטע, דען די נבפה עסט מיך, כ'קאָן נישט גוט זאָגן פאַר מיר, טאַטע! גיי אַהיים!

— ווילסט שלאָגן אַ טאַטן? — האָט דער אַלטער אויסגעשאָסן און זיך געלאָזט צו מרדכין.

מרדכי האָט זיך אַרומגעקוקט, דערזען אַ צווייג, זי אָפּגעבראָכן, מיטרייסנדיק אַ פּאַס קאָרע און זיך פאַרמאָסטן:

— דערהרגענען וועל איך, ווער עס וועט מיר אהינטערקומען אונטער דער האַנט!

דער אַלטער אברהם האָט זיך אָפּגערוקט אויף אַ הינטער. ער האָט געקוקט אויף מרדכין, ווי ער איז געשטאַנען מיטן בוים אין דער האַנט און אַ טראַכט געטאָן, אַז ער איז אויך נישט בעסער געווען, אַז דער זון גראָט אין טאַטן אַריין, אַז דאָס איז שוין ביי זיי אין דער משפּחה, נישט בחנם זיינען זיי כּוהנים, און דער כּעס איז אים אַוועק.

אַז מרדכי האָט זיך באַרויִקט איז שוין אין וואַלד קיינער נישט געווען. אַן אויסגעמאַטערטער האָט ער געשפּרייזט צווישן די ביימער, יעדע ווייל̇ע אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט אָפּגעיאָגט זשומעדיקע בינען און זיך אָפּגעשטעלט. אַ לענגערע צייט איז ער געשטאַנען אונטער אַ בוים און זיך איינגעהערט מיט לייב און לעבן, געוואָלט וויסן צי עס זשומעט ביי אים אין די אויערן, צי עס רוישט אַזוי דער וואַלד. דאָס גערויש האָט זיך געטראָגן פון אַלע זייטן — פון די ביימער, פון הימל, פון דער ווייסל. פון פויערשן וואַלד האָט זיך געהערט אַ צאַפּלען, ווי פּאַטשן פון פליגל, ווי קנאַקן פון ציינער. טיף אין וואַלד האָט אַ בעקאַס געשריען, ווי אַ קינד וואָלט געוויינט. און די ווייסל אונטער דער לבנה האָט פון מאָל צו מאָל צווישן די ביימער זיך אַ צינד געטאָן, ווי וועלפישע אויגן, האָט מרדכי דערפילט קאַלטע דרעשטשעס און פון שרעק אַרויף אויף אַן אַלטן בוים.

ער האָט געקוקט אויפן וואַלד, וואָס האָט זיך געצויגן פון מזרח צו מעריב ביז איבער פלאָצק. ער האָט געזען ווי צווישן די ביימער צינדן זיך גרינע פייערלעך, געהערט דעם קלאַפּן פון שטאַרקע פליגל און געפילט ווי דער גרויסער, מוראדיקער וואַלד וועקט זיך. מיט אַ פּייפעריי איז אָנגעלאָפן אַ ווינט, ווי אַ שד וואָלט זיך אָפּגעריסן אין אַ הייל, און דער וואַלד האָט זיך פאַנאַנדערגעטרייסלט. די ברייטע באַוואַקסענע פעלדער, דער וואַלד, דער הימל באַלאָדנט מיט שטיקער וואָלקנס — אַלץ האָט אויסגעזען אַזוי גרויס, זיך צעלייגט אין דער נאַכט

אַריין, געאָטעמט מיט טויזנטער ריחות, האָט מרדכי זיך דערפילט אַזוי שוואַך און אומבאַהאָלפן ווי אַ קינד. ער האָט דערהערט טריט, זיך פעסטער אָנגעהאַלטן אָן בוים און געזען ווי פון אַלע זייטן נעמען גיין צו אים הויכע מענטשן. און דאָרט, ווו די בעריאָזקעס שטייען, האָבן מיידלעך אין לאַנגע, ווייסע העמדער זיך געפלאָכטן זילבערנע צעפּ און אים גערופן.

מרדכי האָט געוווסט, אַז דאָס זיינען ביימער, אַז זיי וועלן קיינמאָל נישט צוקומען צו אים, אַז ס׳איז נאַריש צו שרעקן זיך, פונדעסטוועגן האָט זיך ביי אים אין מח געפלאָנטערט אַ מעשה מיט אַ דאָרף־שוחט, וואָס האָט אין אַ פּראָסטיקן פרייטאָג־פּאַרנאַכט זיך געיילט צום ווייב אויף שבת אַ היים. דער שוחט איז געגאַנגען מיט דער ווייסל און געטראָגן אויף דער פּלייצע אַ זעקל מיט לינג־און־לעבערס. פון וואַלד איז אַרויס אַ וואָלף, דורכגעקרייצט דעם שוחט דעם וועג, האָט דער שוחט אָ כאַפּ געטאָן דעם חלף אין מויל און אַרויף אויפן וואָלף אָן איבערגעשראָקענער האָט דער וואָלף זיך געלאָזט לויפן מיט דער ווייסל איבערן שניי אין שטאָט אַריין.

מרדכי האָט געזען ווי איבערן שניי טראָגט זיך אַ וואָלף, אויף אים זיצט אַ שוחט, הויך און דאַר, ווי דער מלאך־המות מיט אַ בלאַנקענדן חלף אין מויל און דער שניי הויבט זיך וואָלקן־וויַיז, הויבט זיך — —

מרדכי האָט זיך צעלאַכט אויפן קול, וואָס ער איז עפּעס אַרויף אויף אַ בוים און אַ לץ האָט אים טיף אין וואַלד נאָכגעקרומט.

אַנטקעגן איבער אויף אַ צווייטן בוים איז געשטאַנען אַ „קרוק“ מיט אַ שוואַרצן קרומען שנאָבל און מיט אַ פּאָר אויגן ווי צוויי קאַלטע פייערלעך. דער פויגל האָט געקוקט אויף מרדכין. מרדכי האָט אַ הויב געטאָן די האַנט, געוואָלט דעם פויגל איבערשרעקן, האָט זיך אָבער דער פויגל קיין רודער ניט געטאָן, ווי נישט אים וואָלט מען געמיינט, ווייטער געקוקט אויף מרדכין, אַז ס׳איז אים אַזש קאַלט געוואָרן, פון שרעק איז מרדכי אַראָפּ פון בוים און גענומען לויפן מיטן וואַלד. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז דער פאָטער האָט אים אַרויסגעיאָגט, רחלען האָט מען צוגענומען, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט פאַר די האָר און זיך צעשריען ווי אַ הונגעריקע חיה.

דאָס גערויש אין וואַלד איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער.

מרדכי איז געלאָפן צום פויערשן וואַלד. ער האָט געפילט נע־זאַלצן אין מויל — די ציינער האָבן געבלוטיקט. יעדער קלאַפּ פון אַ בלאַט, פון אַ פויגל האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז אַ וואָלף יאָגט זיך נאָך אים. ער האָט געוווסט פון ספר „רזיאל", אַז מען חזרט די שמות פון מלאכים, וואָס האָבן שליטה איבער וועלף, וועלן די חיות קיין בייז נישט טאָן. איז ער געגאַנגען און געוויספערט: — מתניאל, אפתיאל, שמשיאל! מתניאל, אפתיאל, שמשיאל!

ביי דער ווייסל האָט ער דערזען פלעקער אַריינגעשלאָגן אין דער ערד אין דעם פאָרם פון אַ ראָד. אַרום די פלעקער איז געווען אַרומגע־בונדן אַ לויזער שטריק מיט אייזערנע האָקעס. אויף די האָקעס האָבן געהאָנגען פישלעך. דאָ האָט עמעצער געכאַפּט ווילדע קאַטשקעס. פינף קאַטשקעס האָבן זיך געוואָרפן, געקלאַפּט מיט די פליגל, מיט די רויטע לאַפּקעס און וואָס שטאַרקער זיי האָבן זיך געצאַפּלט אַלץ טיפער איז דער האָק אַריין אין קעפל.

מרדכי האָט אָנגעכאַפּט די ערשטע קאַטשקע, געוואָלט אַרויסציען דעם האָק, האָט ער דער קאַטשקע דעם שנאָבל צעבראָכן. ער האָט פון פאַרדרוס געשאָלטן דעם לעשניק און אַוועק צום וואַלד־שטיבל. אַ מידער האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין דעם פרישן אָנגעשניטענעם גראָז, גע־הערט ווי אין וואַלד שרייט נאָך אַלץ דער בעקאַס, ווי אַ קינד וואָלט געוויינט, און איז גלייך איינגעשלאָפן.

## קאַפּיטל 7.

# דבורהלע.

דבורהלע, אין אַ ווייסער, זיידענער שלאָף־קופּקע מיט שפּיצן, איז געזעסן אַ האַלב אויסגעטאָנע אויף אַ בעט און שטיל געוויינט. אַנטקעגן אויף אַ שמאָלער, בויכיקער קאַמאָדע האָט געברענט אַ סטעַרינען ליכט אין אַ זילבערנעם לייכטער און קוים באַלויכטן דעם גרויסן שלאָף־צימער. פון צופיל וויינען איז ביי דבורהלען דאָס פּנים געווען דורכזיכטיק און די אויגן ווייך. זי האָט נישט געוווסט פאַר וואָס גאָט שטראָפט זי. מרדכי האָט קיין עין־הרע אין ווערמען ארייגצוגעראָטן. זייער יחוס שפּאַרט אָן ביז תוספות־יום־טוב.

אין דעם אייזערנעם קופער, ווו אירע פּערל ליגן, ליגט אן אַלט ספר, אַ ירושה פון איר מאַמען, ווו ס'איז אויסגערעכנט איר יחוס. זי פאַרשטייט אין דעם ספר קיין וואָרט ניט, ווייס אָבער פון איר מוטער, אַז ווען ס'וועט איר שלעכט זיין, ווען, חס וחלילה, אַ צרה וועט אויף איר קומען, זאָל זי אויפמישן דאָס ספר, וועקן די זיידעס פון די קברים, וויינען אַזוי לאַנג ביז די צדיקים וועלן דערהערן, וועלן לויפן זיך מיען פאַר איר און זי וועט געהאָלפן ווערן. ס'קומט איר אפילו אָן שווער, זייער שווער זיך אויסצושמועסן מיט אירע זיידעס! תמיד ווען זי עפנט דאָס ספר דערזעט זי פאַר זיך בלויז שטריימלען מיט בערד און פון פּחד נעמט זי אַזש שטאַמלען, ווייס נישט ווי מען רעדט מיט מאַנסבילן. ווען דאָרט וואָלטן געווען אירע באָבעס, וואָלט לייכטער געווען און מען וואָלט געקאָנט מער דערציילן, נישט אַלץ קאָן מען זאָגן פאַר אַ מאַנסביל!

אַז דבורהלע האָט זיך גערעכנט מיט מרדכין אין בעט אַריין, האָט זי דאָס ספר געהאַלטן צו קאָפּנס און געבעטן, אַז זי זאָל געבוירן אַ זון.

צומיינסטן האָט זי געבעטן ר׳ געצילן. זי איז געווען זיכער, אַז ער איז ביים אויבערשטן מער חשוב ווי אַנדערע. נישט בחנם איז ער אומ־געקומען אויף קדוש־השם! אַז כמיעלניצקי מיט זיינע קאָזאַקן האָבן אין ת״ח חרוב געמאַכט קאָצק, ווו ר׳ געציל איז געווען רב, אַרומגערינגלט די שול, ווו די איבערגעבליבענע יידן האָבן זיך באַהאַלטן, און געפּאָדערט, אַז אַלע זאָלן זיך שמדן, אַז נישט צינדט ער זיי אונטער — איז ר׳ געציל אַרויף צום אָרון־קודש, אים געעפנט און דער ערשטער זיך געשחטן פאַר דער גאַנצער עדה יידן. מיט ר׳ געצילן האָט זיך דבורהלע געפילט אַ תקיף ביים רבונו־של־עולם.

מיטן וואָליער רב, ר׳ פאַוועש, האָט זי קיינמאָל נישט איינגע־טענהט, זיך געשראָקן פאַר אים. ער האָט זיך נישט געוואָלט משדך זיין מיט אַ חסיד און אַז זיין יינגסטער זון איז געפאָרן צום „ייד״ איז ער געזעסן שבעה נאָך אים. פאַר דער פטירה האָבן ר׳ פאַוועשעס זין אים געמוזט צושווערן, אַז זיי וועלן בלייבן מתנגדים און רודפן חסידים ווי ער.

דערפאַר האָט זי ליב געהאַט איר עלטער פעטער, ר׳ מאירל „דבש״. אַ קליינקייט! דער קדושת־לוי איז געווען זיינס אַ חבר! געקו־מען צו אים צו גאַסט נאָך שעפּס! דבורהלעס פאָטער האַלט נישט שטאַרק פון פעטער. פון וועמען האַלט ער יאָ? ער רופט אים, „ווייבערשער רבי״, ווייל דער פעטער האָט געגומען קוויטלעך אין דראָבנין, בעזוין און שעפּס, נאָר וואָס ווייס זי, דבורהלע? ווי קאָן זי, אַ זינדיקע אשה, באַ־גרייפן זייערע דרכים? אַז יידן פאָרן — מסתמא איז עפּעס! פאָרט טאַקע, דבורהלע, יעדעס יאָר שטילערהייט, קיינער זאָל נישט וויסן, נאָך שעפּס אויף ר׳ מאירלס יאָרצייט, לאָזט איבער ח״י גילדן אויף ליכט און בלייבט מיטן צדיק איינע אַליין אין אוהל. דער שמש קען זי. ער ווייס, אַז אַ זייטיקער מענטש דאַרף נישט זיין אָנוועזנד, ווען דברהלע שמועסט זיך אויס מיט איר פעטער. און אַז זי האָט עפּעס פאַריבל, טענהט זי זיך אויס מיט אים, אייגן בלוט איז גאָר עפּעס אַנדערש! יעדעס מאָל, ווען זי געזעגנט זיך מיטן צדיק, בעט זי אים אין ר׳ געצילס נאָמען, רעכנט אויס איר יחוס...

מיט איר פאָטער איז דבורהלע געווען פון דערווייטנס, פון גרויס דרך ארץ אַזש געציטערט פאַר אים, זי געדענקט נישט דער פאָטער זאָל אַמאָל אַ שמייכל טאָן צו איר. ער האָט תמיד געלערנט, שטענדיק

געווען פֿאַרטאָן מיט שטאָטישע זאַכן, צעטיילט צווישן אָרעמע לייט די מתּנות און פּדיונים, וואָס מענטשן האָבן אים געגעבן און אין שטוב איז כּמעט אימער געווען אַ דוחק. דערפֿאַר אָבער איז געווען מיט וואָס אויפֿצוּוואַרפֿן זיך, אַ קלייניקייט, איר טאַטע! די גאַנצע געגנט האָט געוווּסט, אַז ר׳ משה איז אַ גרויסער מיקל. ער איז איינמאָל אָפּגעזעסן אַ גאַנצע נאַכט און נישט געקאָנט געפֿינען אַ היתּר. דער שוחט איז געפֿאַלן פֿון די פֿיס, מער קיין כּח געהאַט צו בלאָזן, און ר׳ משה האָט געוווּסט, אַז אויב ער וועט מאַכן טריף דעם אָקס, ווערט דער קצב בדיל־הדל, האָט ער געשטעלט אויף זיך און געזאָגט: „ביי אַן „אחרון״ האָב איך געפֿונען אַ היתּר און איך, משה, בּין אויך מתּיר, ס׳איז כּשר!״

דערפֿאַר האָט ער תּמיד טריף געמאַכט די רביצינס שאַלות און אַז דבורהלעס מאַמע האָט געהאַט אַ שאלה, האָט זי מורא געהאַט צו פֿרעגן און געשיקט אַ שכנתטע.

דבורהלע געדענקט, ווי איר עלטסטער ברודער, ר׳ בעריש, האָט זיך צוויי וואָכן נאָך דער חתונה פֿאַרבענקט נאָך ר׳ מענדעלין און איז אַוועק נאָך קאָצק. עס איז אַוועק אַ חדש, צוויי, דריי און ר׳ בעריש איז נישט צוריקגעקומען. דאָס יונגע ווייבל איז אַ פּאַרווײַנטע אַריין צום שווער און אים אויסדערציילט איר ביטער האַרץ. ר׳ משה האָט אויסגעהערט די שנור און אָנגעשריבן דעם קאָצקער אַ בריוו. וואָס דאָרט איז געשטאַנען ווייסט מען עד־היום נישט. אַז ר׳ מענדעלע האָט דורכגעלייענט דעם בריוו האָט ער געשמייכלט און געהייסן גלייך ר׳ בערישן אַהיימפֿאָרן. נישט „מפּני כּבוד אב״, האָט ער עטלעכע מאָל איבערגעחזרט, נאָר צוליב דיין ווייב. און אַז ר׳ בעריש איז אַהיימגעקומען האָט דער פֿאָטער אים נישט געוואָלט געבן שלום. איז די מאַמע אַריין מיט אַ געוויין: סטייטש? דער רב האָט אָבער אַ נדר געטאָן, אַז ער וועט אים דריי טעג נישט זען און אויפֿן פֿירטן געהייסן קומען אין די זאָקן. ר׳ משה איז געווען אַן איינגעשפּאַרטער ייד, אַ רב אַ מתנגד, האָט קיין זאַך נישט געהאַלפֿן. און אַז ר׳ בעריש איז אויפֿן פֿירטן טאָג אַריינגעקומען אין די זאָקן צום פֿאָטער, האָט ער אים ווידער קיין שלום נישט געגעבן.

— וואָס האָסטו זיך אַזוי לאַנג געזוימט אין קאָצק?

— כ׳האָב געלערנט מיטן רבּי „עין־יעקב״.

— וואָס, „עין יעקב״? — האָט דער פאָטער געשמייכלט, ווי ער וואָלט געזאָגט: „אויך אַ למוד!״ און זיך געזעצט שמועסן מיטן זון אין לערנען.

אַז ר׳ משה האָט אפּגעשמועסט מיטן זון איבער אַ שעה, האָט ער אים געגעבן שלום און אַריינגערופן די רביצין:

— איטע פייגע, גיב לעקעך און בראָנפן! מיר האָבן זיך גאָר נישט צו שעמען מיט אונזער בערישן!

יעדער צווייג פון דבורהלעס יחוס איז געווען אַ באַזונדער שטיק לעבן, אַ יידישע לעגענדע, וואָס איז איבערגעגאַנגען פון טאַטע צו זון, פון מאַמע צו טאָכטער, אַ לעגענדע פון יידן אין פוילן.

דבורהלע האָט אָפּגעווישט די אויגן און ארויפגעוואָרפן אויף די אָפּגעדעקטע פלייצעס אַ זיידענעם, טערקישן שאַל. זי האָט זיך אויף אַ ווײַלע פאַרטראַכט, באַקוקט דעם שלאָף־צימער פון אַלע זייטן, ווי זי וואָלט דאָ צום ערשטן מאָל געווען, און באַמערקט, ווי אברהמס גאָלדע־נער זייגער גליטשט זיך אַפּער פון אונטערן קישן און בלייבט ליגן אין צעוואָרפענעם ליידיקן בעט.

אַ דערשראָקענע האָט זיך דבורהלע נאָך אַמאָל אַרומגעקוקט און נישט זעענדיק קיינעם האָט זי פאַרקוועטשט די דינע ליפּן, פאַרבראָכן די הענט און אויפן בלאַסן, לענגלעכן פּנים האָט זיך צעלייגט אַ ווייטאָק.

זי האָט זיך געפילט שולדיק, מרדכיס מעשים לאָזן אודאי נישט רוען אירע זיידעס. פאַר וועמענס זינד שטראָפט זי גאָט? דבורהלעס זון זאָל חתונה האָבן מיטן פאַכטערס טאָכטער — — — זי וועט עס נישט איבערטראָגן! צייטן דערלעבט! אַז ער איז תמיד צווישן גוים, גייט אַרום שליגג און שלאַנג, קריכט ער אויף די גלייכע ווענט!

און אפשר האָט זי נישט געדאַרפט אויפוועקן אברהמען? געוויס נישט! ס׳איז געווען אַ נאַרישקייט — — אויף אַ פריער האָט זי געדאַרפט רעדן מיט ר׳ איטשען, ער זאָל דעם יינגאַטש גוט אָפּשייגעצן! פאַר ר׳ איטשען האָט ער גרויס דרך־ארץ. איצט וועט זיין אַ חתונה אויף אַ גאַנצע נאַכט! און ווער ווייס צי ער וועט דאָס דעם יינגל נישט דער־הרגענען? אַז ער ווערט אין כעס — — — זאָל גאָט שומר ומציל זיין!

דבורהלע איז אַראָפּ פון בעט, געקוקט דורכן פענסטער צי אברהם גייט און נישט זעענדיק קיינעם, האָט זי אומבאַוווּסט, גאָר נישט טראַכטנ־

ריק דערבײַ, אַהינטערגערוקט אברהמס גאָלדענעם זייגער אונטערן קישן און איז אַ פאַרוויינטע צוריק אַריין אין בעט. זי האָט דערהערט אין צווייטן צימער טריט און גענומען רופן:

— ברײַנע, דו שלאָפסט?

— ניין, בעל־הביתטישי, כ׳גיי שוין!

— אָסור אַ מאַמע! — האָט דבורהלע אָפּגעזיפצט — אַז זי וועט שוין נישט רוען, זיך שאַרן פון איין שטוב אין דער צווייטער ביז מרדכי וועט צוריק קומען. ס׳איז דען ס׳ערשטע מאָל?

ברײַנע האָט געדינט בײַ מרדכיס עלטערן איבער צוואנציק יאָר. זיי האָבן איר געגעבן פינף הונדערט גולדן און אַ קו נדן און זי חתונה געמאַכט פאַר אַ דאָרף־שניידער. אַז ברײַנע האָט זיך גערעכט אין קינד־בעט, האָט זיך איר מאַן מיט אַמאָל אַוועקגעלייגט און איז געשטאָרבן. פון עגמת נפש האָט ברײַנע געמפילט און געבוירן אַ טויט קינד. פונקט דעמאָלט איז מרדכי געבוירן געוואָרן. ברײַנע איז צוריקגעגאַנגען צו אברהמען, פאַרבליבן כמעט די איינציקע בעל־הביתטע און געפירט דאָס ווירטשאַפט לויט איר אייגענעם שכל.

ברײַנע איז אַריין אַ באָרוויסע אין איין אונטער־קלייד. זי האָט אַריבערגעוואָרפן דאָס פאַרטוך איבערן אָפענעם האַרץ און געבליבן שטיין בײַ דער טיר:

— די בעל־הביתטע שלאָפט נאָך נישט?

— ווי שפּעט איז דען?

— כ׳ווייס? ס׳מוז שוין זיין נאָך צוועלף — ר׳ איטשע האָט נאָר וואָס אויסגעלאָשן ס׳ליכט.

— ביסט געווען אין דרויסן?

— אַז ווער קאָן איינליגן? כ׳בין געגאַנגען זען צי זיי גייען שוין!

— נו?

— מען זעט קיין לעבעדיקן נפש!

— זיי האָבן שוין געדאַרפט זיין — האָט דבורהלע אַ צעטראָגענע געזאָגט — כ׳האָב מורא ער זאָל דאָרט נישט האָבן דעם יינגל דער־הרגעט! ווייסט דאָך, וואָס פאַר אַ כעסן ער איז!

— האָט נישט קיין יסורים, בעל־הביתטישי, אַ טאַטע דערהרגעט נישט קיין קינד! — האָט ברײַנע געמאַכט צו נישט דבורהלעס שרעק און

איז צוגעגאַנגען צום בעט — ווייס איך וואָס ? נאָר ס׳איז גלאַט אַן עולה איר האָט נישט געדאַרפט דערציילן דעם בעל-הבית און אים שיקן ביי נאַכט אין וואַלד אַריין!

— וואָס הייסט כ׳האָב נישט געדאַרפט ? — האָט דבורהלע זיך גענומען פאַרענטפערן, געפילט בשעת-מעשה, אַז ברײנע איז גערעכט און איר בלאַס פּנים איז בלאַסער געוואָרן — אַז וואָס ווייסטו, ברײנע, ער האָט דאָך מיך פּשוט איבערגעשראָקן!

— ווער, דער פאַכטער ?

— יאָ, ער איז אַריין אַ פאַרסאָפּעטער, נישט טויט נישט לעבעדיק, ווי ס׳וואָלט חס וחלילה אַן אומגליק געשען, און איידער וואָס, ווען, האָב איך פון שרעק אברהמען אויפגעוועקט! און צוריק גערעדט, האָט עס דאָך פריער אָדער שפּעטער געמוזט נעמען אַ סוף! כ׳בין שוין מיד רעדנדיק! כ׳בעט זיך ביי אים פון ערשטן טאָג אָן, ווי ביי אַ גזלן, ער זאָל מיר קיין חרפּות נישט אָנטאָן! די וואַנט ענטפערט? אַזוי ענטפערט ער! כ׳פרעג דיך, ברײנע, דו ביסט דאָך נישט קיין נאַר — האָט דבורהלע אָנגענומען ברײנען פאַר אַ האַנט און זי אַוועקגעזעצט צו זיך אויפן בעט — האָב איך דערצו געדאַרפט טעג פאַסטן, קברים רייסן, נישט לאָזן רויק ליגן דעם פעטער מאירל אין אוהל? גלויב מיר ברײנע — האָט דבורהלע כמעט געשריען און צוגעלייגט די האַנט צום האַרץ — כ׳האָב דאָך נישט מער, ווי דאָס איינע אָפּגעציטערטע קינד, נאָר ס׳זאָל מיר אפילו גיין אין לעבן, וועט ר׳ משהס טאָכטער קיינמאָל נישט זיין שמחה פאַכטערס מחותנתטע!

בשעת דבורהלע האָט אַריינגערעדט אין ברײנען, איז אברהם שטיל אַריין, געבליבן שטיין ביי דער טיר און זיך איינגעהערט. אַז דבורהלע האָט געענדיקט, האָט אברהם אויסגעשריען:

— דו וועסט זיין שמחהס מחותנתטע, וועסט זיין!

איבערגעשראָקענע זיינען די ווייבער אַ רגע געבליבן זיצן שטיל, באַלד האָט דבורהלע אויסגעשטרעקט די הענט צום מאַן:

— וווּ איז מרדכי, ווו?

— דער גן-עדן-פירער לעבט! — האָט אברהם ביטער אַ שמייכל געטאָן און גענומען שפּרייזן א צעטראָגענער איבערן צימער — אונז אויף צעפלאַצעניש, זאָגט ער, וועט ער חתונה האָבן מיט איר, מיט דער מויד!

וועסט נישט גלויבן, דער שקאָץ, האָט זיך דאָך געכאַפּט מיך שלאָגן אויך! נחת דערלעבט, מיין ווייב, אויף דער עלטער, האַ, האַ!

— טאָ ווו האָסטו אים געלאָזט, ווו? — איז דבורהלע אַראָפּ פון בעט — ווו איז ס׳יינגל?

— זעסט, די מאַמע? זעסט? — האָט אברהם זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן צימער, געצייגט פון אַ זייט מיט אַ גראָבן פינגער אויף דבורהלען און זיך געווענדעט צו ברײנען — ס׳איז נישטאָ ווער ס׳זאָל לאַכן! זי האָט דאָך יעצט געוואַלדעוועט, אַז ס׳זאָל איר גיין אין לעבן וועט זי נישט דערלאָזן צום שדוך?, נו, איז דאָ מיט וועמען צום טיש צו גיין? מ׳קאָן אַ סך אויפטאָן מיט ווייבער! — און ער האָט זיך געווענדעט צו דבורהלען — צו וואָס האָסטו מיך געשיקט אין וואַלד אַריין, צו וואָס? כ׳זאָל אַ קניפּ טאָן דעם תכשיט אין בעקל? זע נאָר, ווי זי ציטערט? שרעקט זיך פאַרן זונדל? ער לעבט! ס׳יינגל לעבט! דיין יינגל האָט צעהרגעט דעם פּאַכטער ווי אַ גזלן, שוין גאָר נישט ווי אַ יינגל! און ס׳האָט פיל נישט געפעלט ער זאָל זיך וואַרפן אויף מיר אויך! ווײן, ווײן! ווײן אויף דיין פינסטער מזל, מיין ווייב, וואָס האָסט מיר אַזאַ תכשיט אויסגעהאָדעוועט! דאָס האָבן זיך דיינע צדיקים געמיט פאַר אים!

דבורהלע האָט נישט געענטפערט, זיך אַוועקגעזעצט אויפן בעט און גענומען ווישן די אויגן מיטן טערקישן שאַל.

— קאָנסטו מיר נישט זאָגן, וואָס זי וויינט? — האָט אברהם אַן אויפגערעגטער געפרעגט ברײנען.

— אַזעלכע שמחות אויף אַלע מיינע שונאים געזאָגט! — האָט ברײ־נע אַריינגעשנייצט אין פאַרטוך און גענומען פינטלען מיט די אויגן.

— נו, נו, האָב איך עס געדאַרפט? — האָט אברהם כלומרשט מיט אַ שמייכל געהאַלטן אין איין רוקן דעם קאָפּ פון קאַרק אויפן שטערן — אַלע אויף מיר! גוט, גוט — — —

— ביסט דאָך אַ טאַטע! — איז דבורהלע אויפגעשפּרונגען — ווי לאָזט מען איבער אַ יינגל אַליין אין וואַלד? ווו איז דיין יה׳נ׳דות הלב? מען דאַרף דאָך האָבן אַ לב פון אַ — — — כ׳ווייס, אַ גוי טוט עס אויך נישט! ס׳יינגל קאָן זיך נאָך אַ מעשה אָנטאָן!

— וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט אויף מיר? — האָט אברהם אַ בעשריי געטאָן — וואָס, כ׳האָב חוטא־בעגל געווען? כ׳האָב אפשר געדאַרפט

נעמען דעם תּכשיט אויף דער האַנט און אים אַהיים ברענגען, האַ? ווי לאַנג לעבט ער! אַז דער בנ'אָק האָט געטראָפן מיט דער מויד אין וואַלד אַריין, וועט ער אַהיים טרעפן אויך, אויף מיין אחריות!

— ווען דו פאָלגסט אָבער מיך, — האָט דבורהלע זיך אַ קלאַפּ געטאָן מיט די שפּיץ פינגער אין האַרץ אַריין — פון דער ערשטער מי־נוט אָן האָב איך געשריען: שאַף אָפּ דעם פאַכטער, וואָס דאַרף איך אַן אָנשיקעניש איבערן קאָפּ? אַז נישט, שיק מרדכין נאָך קאָצק!

— כ'האָב צום פאַכטער גאָר נישט! — האָט אברהם זי איבערגע־ריסן — ער איז אַ שטילער מענטש! און אַז כ'וועל אים איצט אָפּשאַפן נעם איך צו ביי אַן אָרעמאַן דעם ביסן פון מויל, כ'שחט אים אָן אַ מעסער! אַז מיר האָבן אַ זון א—א—א אַן עוכר־ישראל — — — ?

— אויף אַלע יידישע מאַמעס אַזעלכע זין! — האָט ברײַנע גלאַט אַזוי אַרײַנגעוואָרפן אַ וואָרט.

— מיין טאַטע, עליו־השלום, האָט קיינמאָל קיין פאַכטער נישט אָפּ־געשאַפט — האָט אברהם ווייטער גערעדט — וועל איך אויך נישט! און כ'פאַרזיכער דיך, אַז נאָך היינט ביי נאַכט וועט שמחה אַוועקפירן די טאָכטער נאָך פלאָצק, ביסט צופרידן?

דבורהלע האָט ניט געענטפערט און גיך זיך גענומען אָנטאָן:

— קום, ברײַנע, קום מיט מיר! איך האָב ניט מער ווי איין איינציקן זון!

— באַרויקט אייך, בעל הביתטע — האָט ברײַנע זי ארומגעכאַפּט, גענומען קושן די הענט — ווו וועלן מיר אים זוכן? ס'איז דאָך ביי נאַכט!

— וואָס בעטסטו זי?—האָט אברהם זיך געווענדעט צו ברײַנען — לאָז זי לויפן! שלאָגט זי קאָפּ אָן קישן מיטן זון צוזאַמען!

דבורהלע האָט פאַרביסן די ריינע ליפּן, נערוועז אַרומגעוויקלט דעם טערקישן שאַל אַרום קאָפּ, געכאַפּט אַ פאַרטוך, אויסגעמיטן צו קוקן דעם מאַן אין די אויגן אין זיך געווענדעט צו ברײַנען:

— דו גייסט? אַז נישט גיי איך אַליין!

— אודאי גיי איך! וואָס, כ'וועל לאָזן די בעל הביתטע אַליין גיין?

אַז די ווייבער זײַנען שוין געווען ביי דער טיר, האָט אברהם מיטן גאַנצן כּח אַ קלאַפּ געטאָן איין האַנט אָן דער צווייטער:

— אַז וואָס טוט זיך דאָ? כ׳האָב דאַכט זיך נאָך אויך אַ שטיקל דעה צו זאָגן! מרדכי איז פונקט אַזוי מיינער ווי דיינער! נאָר ס׳מוז דאָך — — —

מיט איין שפרונג האָט ער זיי פאַרשטעלט דעם וועג:

— דו וועסט נישט גיין, הערסט, דבורהלע! מיין נאָמען איז נישט אברהם צי דו וועסט גיין — — — וואָס ווייסטו? די שוואַרץ יאָר וועלן אים נישט נעמען! זע נאָר, ווי זי העשעט? כ׳גיי, כ׳גיי נאָכן בן, ביסט צופרידן?

אַז אברהם איז אַרויס האָט בריינע צוגעפירט דבורהלען צום בעט:

— דער בעל הבית שרייט דאָך, ער האָט שוין אַזאַ טבע, נאָר גלויבט מיר, דבורהלע, אַז ס׳האַרץ טוט אים פונקט אַזוי וויי ווי אייך!

דבורהלע האָט אָנגעשפאַרט דעם קאָפּ אָן ברייגען און זיך צעוויינט ווי אַ קינד.

## קאַפּיטל 8

# מלקות

מרדכי האָט זיך עטלעכע מאָל געוועקט, זיך געוואָלט אויפכאַפּן, געוווּסט אין שלאָף, אַז ער דאַרף לויפן צו רחלען, אַז זי וואַרט אויף אים. זיינען אָבער זיינע גלידער שטייף געוואָרן פון קעלט, ווי צוגעפרוירן צום געלעגער. פון גרויס צער האָט ער אַ געשריי געטאָן און זיך אויפגעכאַפּט.

ס׳איז געווען פאַרטאָג. אַלץ אַרום האָט זיך געהילט אין גרויען. נאָר אין מזרח האָט דער הימל זיך שוין גענומען לויטערן און די שפּיצן פון די ביימער האָבן זיך געצונדן.

מרדכי האָט זיך געטרייסלט פון קעלט, זיך טיפער איינגעגראָבן אין היי, געווען זיכער, אַז ער וועט שוין מער נישט שלאָפן, ליגן אַזוי אַ ווײַלע מיט פאַרמאַכטע אויגן און אין דער זעלבער צייט געפילט, ווי די אויגן־לעפּלעך קלעפּן זיך און אַלץ אַרום צעשווימט.

— זע נאָר? זע נאָר? דער דאַך עפנט זיך — — — אָט איז דער כסא־הכבוד — — — ווער זיצט דאָרט? — — — אַ בלויער זוים לאָזט זיך אַראָפּ און וויקלט מיך איין — — — שרפים קלאַפּן מיט פייערדיקע פליגל, שרייען איינער קעגן אַנדערן קדוש, קדוש, קדוש! — — — פון געשריי ציטערן אויף די ביימער, פאַלן, צינדן זיך אָן און אַ געדיכטער רויך וויקלט מיך איין, שטיקט — — — וואָס איז דאָס? אַ האַנט? ווי גרויס — — — טאַטע־פאָטער! די האַנט האַלט אַ קויל־פייער — — — לייגט זיך איבער מיר ווי אַ צעגליטער באַרג — אוי, מיינע ליפּן! — — — מ׳הער אַ שטים: „— — — פייער רייניקט זינד — — — פייער רייניקט

זינד — — —"

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

וואָס בלויט זיך דאָרט אַזוי, אַ? — — — אַ בלויער וואַלד? ווער גייט? זע נאָר ווי די באָרד ברענט ביי אים? — — — וועמען פירט ער? וועמען? — — — רחלען? איר פאָטער האָט דאָך זי אַהיים געשלעפּט פאַרן צאָפּ — — — יאָ, ס'איז אויף מיין וואָרט, רחל — — — זי שמייכלט צו מיר — — — און ווער גייט דאָ? אַ, ס'איז דאָך ר' איטשע! — — —

— גוט, גוט, מרדכי, כ'דאַרף דיך טאַקע האָבן — — — קום, משיח וואַרט אויף אונז — — — ער פירט דיין כלה — — — ווי שטייט: „געקומען איז די צייט דער מאַן זאָל נעמען זיין כלה — — — "

— רבי, ווו איז משיח?

— אָט דאָרט שטייט ער — — — מיט דער פייערדיקער באָרד — — — מיט די הערנער — — —

— און איך האָב געמיינט משיח האָט אַ שוואַרצע באָרד — — —

— יאָ, מיין זון, ביסט גערעכט — — — משיח בן־דוד האָט אַ שוואַרצע באָרד — — — דאָס איז דאָך משיח בן־יוסף — — —

— מרדכי איז געגאַנגען מיט ר' איטשען, געפילט ווי עפּעס צעפלאַקערט זיך אין אים, בריט, עסט זיך איין ביז אין בלוט און ער האָט פון גרויס פרייד אזש גענומען ציטערן — — — ער האָט זיך מיט אַמאָל דערמאָנט, אַז משיח בן־יוסף מוז אומקומען, האָט אים אַ גרויס רחמנות אַרומגענומען און ער האָט זיך צעוויינט.

— וואָס וויינסטו? אַ ייד דאַרף תמיד זיין פריילעך — — — דערצו גייסטו דאָך באַגעגענען דיין כלה! — — —

— כ'בין זינדיק, רבי — — — ווי קאָן איך קומען פאַר משיחן? — —

— טו אויס די שיך — — —

מרדכי האָט אַ ווײלע געקוקט אויף זיינע באָרוועסע פיס, ווי ער וואָלט נישט פאַרשטאַנען, וואָס ר' איטשע וויל פון אים און צום סוף זיך געכאַפּט:

— כ'גיי דאָך באָרוועס — — —

— אויב ביסט זיכער, טאָ קום!

מרדכי האָט זיך נאָך העכער צעוויינט:

— כ'האָב נעכטן געשלאָגן אַ ייד — — — רחלס טאַטע — — — —
זיך געכאַפּט שלאָגן מיין אייגענעם טאַטן — — — כ'בין זינדיק — — —
— האָב נישט מורא, מרדכי — — — ע ר איז בלויז רחמים — —
קום, דיין כלה וואַרט אויף דיר! ווי שטייט: „ה נ ה א נ כ י ש ל ח
ל כ ם א ת א ל י ה ה נ ב י א, ו ה ש י ב ל ב א ב ו ת ע ל
ב נ י ם — — —"

— און וואָס וועט זיין מיט משיח בן־יוסף?

— ער וועט אומקומען — — —

מרדכי האָט דערפילט אַ ווייטאָק, צעשפּרייט די הענט און זיך צעכליפּעט:

— רבי! — — — רבי! — — —

— טרערן רייניקן זינד — — — טרערן רייניקן זינד — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ צעטומלטער האָט זיך מרדכי אויפגעכאַפּט און געבליבן זיצן אויפן היי. אַ גרויקייט פונקט ווי פריער האָט אַלץ אַרומגענומען. ער האָט געקאָנט שווערן, אַז ער איז נישט געשלאָפן, בלויז צוגעמאַכט אויף אַ רגע אַן אויג און אין דערזעלבער צייט געווען זיכער, אַז עפּעס איז פאָרגעקומען און זייער געוואָלט זיך דערמאָנען, וואָס ס'האָט זיך אים געחלומט. מרדכי האָט געפילט, אַז דאָס לעצטע וואָרט פון חלום ליגט ביי אים אויף דער שפּיץ צונג, כאָטש טאַפּ עס אָן, געווען זיכער, אַז ווען ער וועט זיך דערמאָנען דאָס לעצטע וואָרט, וועט זיך דער גאַנצער חלום פאַנאַנדערוויקלען — איז ער געזעסן און צוגעטראַכט ווערטער און, ווי אויף צו להכעיס, איז דאָס אמתע וואָרט אים נישט געקומען אויף דער צונג.

פון פאַרדרוס האָט מרדכי אויסגעשפּיגן און זיך אַרומגעקוקט. ער האָט דערקענט, אַז ביי נאַכט איז געגאַנגען אַ רעגן. ער האָט געזוכט מיט וואָס זיך איינצווואַשן, נאָר נישט געפונען, האָט ער זיך געלאָזט לויפן. ווי ער איז געגאַנגען, אַ באָרוועסער, צום פאַכטער.

אין מיטן וועג האָט זיך מרדכי דערמאָנט, ווי דער פאָטער האָט אים געשלאָגן אין רחלס געגנוואַרט און ס'איז אים אומעטיק געוואָרן. אים איז איינגעפאַלן, אַז נישט ער לויפט, נאָר עמעצער האָט

אים אײַנגעשפּאַנט, זיצט פון הינטן, און ער, מרדכי, פירט אים, שפּרינגט, ווי אַ יונג פערד, איבער קלעצער, איבער גריבער, האָט ער מיט אַמאָל דערפילט אַ ווייטאָק און מיט יעדן טריט, וואָס ער איז נעענטער געקומען צום פאַכטער איז דער ווייטאָק שטאַרקער געוואָרן.

אונטערן באַרג בײַ דער ברונע האָט זיך מרדכי אָפּגעשטעלט. ער האָט באַקוקט זײַנע צעבײַלטע, באָרוועסע פיס, זיך געשעמט אַזוי אַרײַנצוגיין צו רחלען, זיך אָבער נישט געקאָנט העלפן, האָט ער זיי גוט אַרומגעוואַשן און געבעטן גאָט, אַז דער פאַכטער זאָל שוין האָבן געפאָרן אין שטאָט אַרײַן מיט דער מילך.

די בהמות האָבן געמעקעט אין די שטאַלן — ס'האָט זיי געצויגן אין פעלד אַרײַן.

שטיל האָט זיך מרדכי געגנבעט צווישן די ביימער. מיט האַרצקלאַפּעניש און פרייד האָט ער נאָך פון דערווײַטנס באַמערקט, אַז דער וואָגן איז שוין נישטאָ און מיט אַמאָל, אַליין נישט ווייסנדיק פאַרוואָס, האָט ער דערפילט, אַז עס ווערט אים נאָך אומעטיקער. ער איז צוגעקומען צום הויז און געפונען טיר און לאָדן צוגעשלאָסן. מרדכי האָט נישט געגלויבט, אַז זיי זאָלן נאָך שלאָפן און ער האָט אָנגעקלאַפּט אין פענסטער. קיינער האָט נישט געענטפערט. ער האָט שטאַרקער גענומען קלאַפּן אין טיר, זיך אײַנגעהערט, אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער הערט טריט, אַז מען גייט אים עפענען, קיינער איז אָבער נישט געקומען. מרדכי האָט געקלאַפּט, לאַנג געקלאַפּט, זיך געבעטן רחל זאָל כאָטש אים ענטפערן, ווײַזן דאָס בלאַסע פנים, די שוואַרצע פלעכטן, די אויגן — קיינער ענטפערט נישט. ער האָט אויפגעריסן דעם לאָדן און געפּ[illegible] דאָס פענסטער אָפן ווי בײַנאַכט. דאָס צימער איז געווען ליידיק, [illegible] בײַם פענסטער איז געשטאַנען אַ צעוואָרפן בעטל.

אַ דערשלאָגענער האָט זיך מרדכי אַראָפּגעלאָזט אויף דער שוועל פון הויז, אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן, גענומען דעם קאָפּ אין ביידע הענט, געקוקט אין אַלע זײַטן, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט, און גאָר נישט געזען. מיט אַמאָל האָט מרדכי באַמערקט, אַז דער פּלאַץ וווּ דער וואָגן איז געשטאַנען איז טרוקן און ס'איז בײַ אים ליכטיק געוואָרן אין מח. ער האָט זיך אײַנגעקוקט אין מזרח — ס'איז געווען אַרום פינף [illegible]טאָג. ער איז זיכער געווען, פאַרוואָס האָט ער אַליין נישט געוווּסט,

אַז דער רעגן האָט אויפגעהערט אַרום פיר, הייסט עס, ווען ער זאָטלט איצט אָן דעם שימל און לאָזט זיך מיטן וואַלד כאַפּט ער רחלען אין מיטן וועג.

מרדכי האָט זיך פאַרגעסן ווו ער איז, געזעסן אויף דער שוועל מיטן קאָפּ צווישן די הענט און געפּלאַנט, אַז ער גייט פּאַמעלעך אין שטאַל אַריין, פירט אַרויס דעם שימל אַ געזאָטלטן און לאָזט זיך וואָס כח נאָר מיטן וואַלד. דאָס פערד רייסט זיך פון דער אייגענער פעל, שפּרינגט איבער גריבער, איבער פּלויטן, טראָגט זיך ווי אַ רוח, שניידט דורך דעם וואַלד, פּאַטשט איבערן שאָסיי און פון דערווייטנס זעט זיך שוין דאָס וועגעלע געשפּאַנט אין איין פערד. דער פאַכטער דערזעט מרדכין, נעמט שטאַרקער יאָגן דאָס פערד און מרדכי ציט זיך אויס אויפן שימל, גלעט אים איבערן האַלז, איבער דער גריווע, וואַרפט דער שימל אָפּער די פאָדערשטע און די הינטערשטע פיס, שניידט אויס האַלבע לבנות און רחל אַ פאַרווייַנטע רייסט זיך צו אים, נאָך איין שפּרונג און — — —

עס האָט זיך געהערט אַ קנאַל פון אַ בייטש. מרדכי האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, זיך אַרומגעקוקט און דערזען ווי וואַצעק טרייבט אַרויס די בהמות פון די שטעלער.

מרדכי האָט זיך אַ הויב געטאָן, געוואָלט צוגיין צו וואַצעקן האָט ער דערזען דעם פאָטער, ווי ער איז געשטאַנען מיטן היטל אָן אַ זייט און געקוקט אויף אים. זיי האָבן זיך אַ רגע אָנגעקוקט. מרדכי האָט דערפילט ווי מען וואָלט אים אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרץ אַריין, האָט ער זיך אַ וואַקל געטאָן פון איין פוס אויפן צווייטן און זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט אויף דער שוועל. און כאָטש ער איז געווען זיכער, אַז דער פאָטער וועט צו אים נישט צוגיין, נישט רעדן מיט אים, האָט ער פונדעסטוועגן זיך אינגאַנצן געטרייסלט, מורא האָבנדיק פאַר זיך און געוואַרט אויף עפּעס מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם.

וואַצעק האָט געקנאַלט מיט דער בייטש, פאַרלאָפן דאָ אַ קו, דאָ אַ ביקל, געשאָלטן און געטריבן די בהמות אויף דער לאָנקע. פון אונ־טערן וואַלד האָט זיך אַלץ שטילער געהערט, ווי וואַצעק קנאַלט מיט דער בייטש, ביז עס האָט אינגאַנצן אויפגעהערט און אַרום אין דער לופט

איז נאָך אַלץ געשטאַנען דאָס מעקען פון די בהמות און דער פרי־מאָרגן האָט געאָטעמט מיט געשמאַקן בהמה־ריח.

דער אַלטער אברהם איז געשטאַנען און געקוקט אויף דער זייט, ווו די בהמות זיינען אַוועק. ער האָט גערוקט דאָס היטל, ווי ער וואָלט זיך געישובט, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און פּאַמעלעך זיך געשלעפּט צום וואַלד צו.

מרדכי האָט דערפילט טרערן אין האַלז. ער וואָלט איצט אַלץ אַוועקגעגעבן דער פאָטער זאָל מיט אים אַ וואָרט אויסרעדן, אים זידלען, שלאָגן. עס האָט אים געהויבן פון אָרט. אַלץ אין אים האָט זיך געריסן צום פאָטער. זיך געוואָלט וואַרפן דעם אַלטן צו די פיס, אים איבערבעטן. ער האָט געזען, ווי דער פאָטער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, צעשפרייטע הענט, שאַרט זיך צווישן די ביימער, פאַלט, דאַכט זיך, האָט מרדכין פאַרקלעמט אונטערן האַרץ און איז אויפגעשפרונגען. ער איז אָפּגעלאָפן עטלעכע טריט, געפילט ווי די פיס האַקן זיך אים אונטער און אַ צע־ווייטאָקטער, אַ הונגעריקער איז ער צוריקגעגאַנגען צו רחלס פענסטער. מיט איין שפרונג איז ער געווען אין חדר. דער הונגער האָט אים גע־צויגן אין קיך אַריין, ער האָט געעפנט דאָס שפייז־שענקל, אַרויסגענומען אַן ערדענעם טאָפּ מיט זויערמילך, אַ לאַבן ברויט, געבאַקן פון קאָרן און קאַרטאָפל. פון גרויס אַפּעטיט איז מרדכי געבליבן זיצן ביי דער שיסל איבער אַ מינוט. מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, ווי אַ הונגעריקע חיה, האָט ער געריסן שטיקער פון ברויט, עס געשלונגען נישט צעקייטער־הייט, פאַרטרונקען מיט זויער־מילך. ער האָט זיך אפילו דערמאָנט, אַז ער עסט אומגעדאַוונט, געווען אָבער אַזוי פאַרטיפט אין דער אכילה, אַז קיין זאַך איז אים נישט אָנגעגאַנגען. נאָכן עסן האָט ער פאַרטרונקען מיט אַ שעפער וואַסער, זיך דערפילט לייכט. אונטערגעטאַנצט, ווי ער וואָלט געגאַנגען אויף שטאָלצן. ער האָט געפילט אַן אָנגענעמע פולקייט אין אַלע זיינע גלידער, עס האָט אים אין גאַנצן צענומען, האָט ער זיך איבערגעצויגן, פון בענקשאַפט געוואָלט אַרומנעמען די וואַנט, קריכן אויף איר. און רחלס בעטל, מיט די ווייסע פאַרהאַנגלעך פון ביידע זייטן, איז געווען געבעט, האָט מרדכי זיך אַריינגעוואָרפן, זיך געטוליעט, זיך געקורטשעט אין דרייען און שטיל אָן טרערן האָט ער געכליפעט:

— רחל, רחל — — —

פון פענסטער האָט זיך געהערט אַ שטים, מרדכי האָט זיך האַסטיק אויפגעזעצט, דערזען בריינען, האָט ער זיך צוריק געלייגט.

— מאַמעלע, ווו האָט ער זיך אַוועקגעלייגט, ווו? שיין, שיין — האָט בריינע גענומען די הענט פּאַדבאָקעם און געשאָקלט מיטן קאָפּ — קיין בעסער געלעגער האָט דער חתן־בחור נישט געפונען ווי ביי רחלען אין בעטל! וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן, וואָס? דערקענסט שוין מיך אויך נישט?

מרדכי האָט זיך איבערגעצויגן און כּלומרשט געשמייכלט:

— שפעט, בריינע?

— שפעט, שפעט, ס׳טאָגט שוין אין פינטשעוו!

מרדכי האָט זיך געצויגן:

— ווער האָט אייך אַהערגעשיקט? דער טאַטע?

— אַז ווער דאַרף מיך שיקן? כ׳האָב שוין גאָר קיין שכל נישט, מיינסטו? האָסטו אונז געמאַכט אַ נאַכט, אָסור תשעה־באָב!

— וואָס, די מאַמע האָט געוויינט?

— ניין, זי האָט זיך געפרייט! ער פרעגט נאָך! די מאַמע האָט געוויינט און געקלאָגט, אַרויסגעיאָגט דעם בעל־הבית אין מיטן דער נאַכט ער זאָל דיך גיין אויפזוכן.

— איז דער טאַטע געגאַנגען?

— אַז אָך און וויי, וויפל זין האָט דער טאַטע? אין גאַנצן איין אָפּגעציטערט מרדכילע, האָט ער טאַקע אַ גאַנצע נאַכט קיין אויג נישט צוגעטאָן, געהאַלטן דיך אין איין אַרומזוכן!

מרדכי האָט געפילט ווי עס פאַרקלעמט אים אונטערן האַרץ און אין האַלז איז געזאַלצן, האָט ער זיך אויסגעריבן די פייכטע אויגן און אַראָפּ פון בעטל.

בריינע האָט זיך איבערגעבונדן דאָס דריי־עקיקע טיכל פון קאָפּ, אָנגעשפּאַרט די צעשניטענע הענט פון קאַרטאָפל־שאָבן אן אָפענעם פענסטער און אָפּגעזיפצט:

— סאַרע איבערקערעניש ס׳איז געוואָרן איבער איין נאַכט? מיטן טאַטן זיך צעקריגט, דעם פאַכטער האַלט מען ביים אָפּזאָגן, צונעמען ביי אַ ייד דאָס אָרעמע שטיקל פּרנסה און גלויב מיר, אַז צומיינסטן

שניידט מיר דאָס האַרץ פאַר רחלען — — — אַזאַ שטיל, וואויל קינד, אסור אַ קצינס אַ טאָכטער!

— קוקט בעסער צו ס׳גרייטע! — האָט מרדכי געזאָגט און אַ צע־רודערטער געגומען שפּרייזן איבערן צימער.

— וואָס מיינסטו?

— כ׳מיין — גלויבט מיר, ברײַנע, ס׳וועט זיי גאָר נישט העלפן! ס׳זאָל מיר גיין אין לעבן מוז איך חתונה האָבן מיט רחלען!

— ע, רעדסט דאָך שוין גאָר נאַרישקייטן — האָט ברײַנע גע־שמייכלט — קלוגער פון דער גאַנצער וועלט קאָן מען נישט זיין! אין דער וועלט, פאַרשטייסטו מיך, האָט יעדער זיין שטאַנד, אַזוי פירט זיך שוין מקדמונים אָן, האָסטו געדאַרפט וויסן, אַז דער טאַטע וועט פאַר קיין פאַל נישט צושטימען צום שדוך און נישט פאַרדרייען אַן אָרעם מיידל דעם קאָפּ — — — ווי שטייט דאָרט אין די הייליקע ספרים? דו ווייסט דאָך בעסער פאַר מיר! אַן אָרעמע יידישע טאָכטער איז געגליכן צו אַ טויב, זי ווערט זיך נישט, שטעקט אַליין אויס דאָס העלדזל אונטערן חלף — — —

— וואָס ווילט איר נאָך פון מיר? — האָט מרדכי אַ געשריי גע־טאָן — לאָזט מיך צורו און גייט אַהיים! כ׳האָב גענוג אָן אייך!

— גוט, גוט — האָט ברײַנע אַרײַנגעשנייצט אין פאַרטוך — ווילסט כ׳ווינטש דיר שלעכטס, זאָל אויף מיר קומען, טאַטע־פאָטער! אַז כ׳האָב דיך געזויגן, געניאַנטשעט און אויסגעהאָדעוועט, קיין עין־הרע, אַזאַ בחור, דאַרפסטו מיך נישט טרייבן! און אַז דו וועסט טאָן אַן עולה, וועל איך דיך אָפּשייגעצן אויך! גלויב מיר, ס׳הערט דאָך דאָ קיינער נישט, נאָר אַז כ׳האָב געהערט האָסט געשלאָגן דעם פאָטער, האָט מיר ס׳האַרץ ווי געטאָן! — — — נאָר וואָס געוועזן איז געוועזן, פאַרפאַלן, מסתמא האָב איך זיך שוין בעסער נישט פאַרדינט — — —

ברײַנע האָט ווידער אַרײַנגעשנייצט אין פאַרטוך, זיך אויסגעווישט די אויגן און שטאַרקער אָפּגעזיפצט:

— מרדכילע, כ׳האָב צו דיר אַ בקשה — — — נאָר, זע, זאָג מיר נישט אָפּ — — —

— וואָס איז?

— אַז ביסט אין כעס — — —

— ווער איז אין כעס? זאָגט, וואָס איז?

— כ׳בעט דיך — — טו מיר צוליב — — בעט איבער דעם טאַטע, זועסטו ביי אים פועלן ער זאָל נישט אָפּזאָגן דעם פּאַכטער, כ׳בעט דיך! זאָגסטו מיר צו?

— כ׳פאַרזיכער אייך, ברײנע, דער פּאַכטער וועט בלייבן! כ׳נעם עס אויף מיר, גוט? איצט לאָזט מיך אַ ווײלע אַליין!

— כ׳וויל אָבער, מרדכילע, דו זאָלסט מיט מיר גלייך אַהיימגיין —

— וואָס, איר האָט מורא כ׳וועל אַליין נישט טרעפן?

— טאָ געדענק זשע, קום באַלד! — האָט ברײנע זיך געבעטן, גענומען אַוועקגיין און באַלד זיך צוריק אומגעקערט אַ צופרידענע — כ׳האָב דאָך גאָר אין גאַנצן פאַרגעסן, מרדכי!

זי האָט אַרויסגענומען פון פאַרבויגענעם פאַרטוך אַ פּאָר האַלבע שיך מיט גומעס:

— נאַ, טו אָן! אַז די מאַמע וועט דיך זען אַ באָרוועסן וועט זי דאָך האָבן עגמת־נפש!

מרדכין איז געוואָרן וואַרעם, זיך פאַרשעמט פאַר ברײנעס טריי־שאַפט און איבערגעגעבנקייט און אַ שטומער מיט פאַרלאָפענע אויגן האָט ער נאָכגעקוקט דער דינסט און איר געוועזן דאַנקבאַר.

ער האָט געזען ווי אין מזרח אַרום דער אויפגייענדער זון שניידן זיך איבערן הימל קאָלירטע שטרייפן, דורכגעוואָרפן מיט פּערלמוטער און אַזאַ ליכטיקייט האָט אים דורכגענומען, אַז ער איז פאַר זיך אַליין געוואָרן דורכזיכטיק.

אַ דערשלאָגענער איז ער געגאַנגען מיטן וואַלד, געטראַכט, אַז ברײנע איז אַ שענערער מענטש פון אים און דערפילט, ווי עס ווערט אים מיט אַמאָל הויל ביים האַרץ. צי דערפאַר וואָס מען האָט אים גע־שלאָגן אין רחלס געגנוואַרט, צי דערפאַר וואָס ער האָט זיך געריסן שלאָגן אַן אייגענעם טאַטן, ער האָט אַליין נישט געוווּסט פאַרוואָס, נאָר געוווּסט זיכער, אַז ער וועט שוין קיינמאָל נישט קומען אַהיים, זיך פאַר־קלייבן ערגעץ אין אַ הייל, זיצן און לערנען — — און רחל? — — רחל וועט אים טראָגן עסן! און אַז די צייט וועט קומען, ער זאָל נתגלה ווערן, וועט ער רופן רחלען, איר אָפּמאָלן די שענסטע קריסטאַלענע פּאַלאַצן פון מלכים ושרים און דער פּאַלאַץ, וואָס וועט איר געפעלן,

וועט ער, פונקט ווי ר׳ אדם בעל־שם, גוזר זיין, אַז דער פּאַלאַץ מיט די קנעכט און דינער זאָל אַריבער אין וואַלד אַריין — — —

פאַרזונקען אין רעיונות האָט זיך מרדכי געשלעפּט און וואָס טיפער ער איז אַריין אין וואַלד, איז די הוילקייט ביים האַרץ אַלץ גרעסער געוואָרן, זיך געלייגט אויף אים ווי אַ משא.

אַנטקעגן אים איז אָנגעפאָרן שמחה פּאַכטער, איינער אַליין. ביי מרדכין האָט אויפגעבליצט אין מח, ווי ער איז נעכטן אַרויף אויפן פּאַכטער, אים געשלאָגן, געהאַקט מיט דער פויסט אין פּנים אַריין, גע־זען אין דער פינסטער ווי דעם פּאַכטערס געל בערדל ציטערט, די אויגן דערשראָקן, פון מויל רינט בלוט, טאָ מיט וואָס איז ער בעסער פאַר קינען?

מרדכין איז קאַלט געוואָרן. ער האָט מורא געהאַט צו טרעפן זיך מיטן פּאַכטערס איבערגעשראָקענע אויגן, געבליבן שטיין אַ רגע ווי אַ פּאַראַליזירטער, געקוקט אויף זיין געל בערדל, מיט אַמאָל זיך דערמאָנט אָן פרימאָרגנדיקן חלום מיט אַלע קליינינקייטן, אָפּגעזיפצט און דערפילט ווי ס׳וווערט אים ליכטיק אין די אויגן. זאָל דאָס זיין אמת? מרדכי האָט ניט צייט געהאַט צו טראַכטן. מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווי אַ צערייצטער ביק, האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן צום וועגעלע און אָפּגע־שטעלט די פערד. דער פּאַכטער איז אויפגעשפּרונגען, זיך אַרומגעקוקט, דאַכט זיך געוואָלט אַנטלויפן און געבליבן שטיין אין עק וואָגן. ער האָט צעעפנט אַ פּאָר שרעקעדיקע אויגן, ווי איינער וואָס רעכנט, אַז אָט איז זיין טויט, אַרויסגעלאָזט נישט קיין מענטשישן קוויטש און גע־נומען שלאָגן מרדכין מיטן בייטש ווו ער האָט נאָר געטראָפן. מרדכי האָט איינגעבויגן דעם קאָפּ, צוגענומען די קלעפּ. דער פּאַכטער זעענדיק, אַז מרדכי שטייט אויף איין אָרט און באַוועגט זיך נישט, איז ווי נאָך בייזער געוואָרן. ער האָט אין גאַנצן זיך אויפגעהערט שרעקן, מיט אַמאָל דערפילט, אַז מען האָט אים באַליידיקט און מיט יעדן שמיץ, וואָס ער האָט געטאָן מרדכין מיטן בייטש, האָט ער זיך אָפּגערעכנט פאַר זיינע נעכטיקע קלעפּ, פאַר זיין טאָכטערס טרערן. און וואָס לענגער דער פּאַכטער האָט געשלאָגן, אַלץ מער האָט די קנויל פון חרפות און בזיונות, וואָס עס האָט זיך אָנגעזאַמלט ביי אים אין משך פון זיין לעבן, זיך פאַנאַנדערגעוויקלט, און זיין האַנט לויזער געוואָרן, זיך

צעשפילט, ווי זי וואָלט זיך אָפּגעריסן פון אָרעם, און אים איז לייכטער געוואָרן.

מרדכי האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, פון צופיל שלאָגן שוין כמעט נישט געפילט ווי די בייטש שניידט דאָס לייב. ער האָט זיך אַראָפּ־געלאָזט אויף אַלע פיר, ווי אַ ייד וואָס מען שלאָגט מלקות און גע־טראַכט, אַז דער פּאַכטער וועט אים איצט מוחל זיין, אַז ער האָט קעגן אים געזינדיקט. ער וועט גיין מיט ר' איטשען צום פּאָטער און וואָס פאַרע תשובה ר' איטשע וועט אים ארויסגעבן וועט ער צונעמען.

דער פּאַכטער האָט אויפגעהערט שלאָגן. ס'קאָן זיין ער האָט זיך פאַרשעמט, וואָס מרדכי ווערט זיך נישט, ס'קאָן אויך זיין, אַז די קלעפּ האָבן שוין געהאַט געשטילט זיין כעס, אָפּגעווישט די חרפּות, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען דורך זיין גאַנץ לעבן. ער איז געבליבן שטיין אויפן וועגעלע, געקוקט מילד און דערשראָקן און ס'איז שווער געווען צו גלויבן, קוקנדיק אין די אָנגעווייטאָקטע יידישע אויגן, אַז דער ייד איז געווען מסוגל צו שלאָגן. דער פּאַכטער האָט עפּעס געשטאַמלט, געקוקט אויף מרדכין און אַנטלאָפן מיטן וועגעלע. מרדכי האָט אויפגעהויבן זיינע גרויע אויגן, נאָכגעקוקט דעם פּאַכטער און געווען זיכער, אַז שמחהס לעצטע ווערטער זיינען געווען – זיי מיר מוחל.

## קאַפּיטל 9.

# דער קדושת־לוי און דער אַנטיקרישטו.

מרדכי האָט געזען, ווי דער פאַכטער מיטן וועגעלע פאַרשווונדן אין אַ וואָלקן שטויב, דאָס קלאַפּעריי ווערט שוואַכער, מישט זיך אויס מיטן רויש פון וואַלד און אַרום ווערט אַזוי שטיל, אַז עס נעמט אַזש קלינגען אין די אויערן.

— כ׳בין דיר מוחל, כ׳בין דיר מוחל — — — האָט אַלץ אין מרדכין געוויספּערט.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, געקוקט אין טיפן, בלויען הימל, געזען ווי די קאָלירטע שטרייפן אַרום דער זון פאַרשווונדן, ס׳בלייבן בלויז דאָ און דאָרט צו עטלעכע בלייכע שפּריצן פּערלמוטער און ער האָט זיך באַרויקט.

אַ רויקער איז ער געגאַנגען אַ היים, געווען זיכער מען וועט אים מוחל זיין און מיט אַמאָל זיך דערפילט אַ קליין יינגל ביים פאָטער אין הויז. יעדן שבת האָט דער פאָטער אים אַריינגערופן אין דעם חדר, ווו די ספרי־תורות זיינען געשטאַנען און דערציילט וועגן עלטער־זיידן ר׳ אברהמען, וועגן שרהלען דער באָבען, וועגן זיידן ר׳ מרדכין, נאָך וועמען ער הייסט. דער זיידע, ר׳ מרדכי, איז אַ שטאָלצער ייד געווען! זיין שכן, הראַביא קאָשינסקי, האָט אַמאָל אַ באַל געמאַכט, שיקט ער באָכן זיידן און בעט ער זאָל אים באָרגן זיין אַטלאַסנע קאַפּאָטע מיטן שטריימל. ער וויל זיך פאַרשטעלן, ווילן די געסט און דעם זיידן וועט ער דערפאַר אַמאָל אָפּדינען. ר׳ מרדכי האָט צוגעזאָגט דעם הראַביא אַלץ צו באַזאָרגן, ווי דען אַנדערש, און צוגעשיקט דעם שרה אַ קאַפּאָטע מיט אַ גאַרטל פון אַ בענעדיקטינער. זיי האָבן זיך מער נישט באַגריסט.

מרדכי האָט ליב געהאַט דעם זיידן און ווען ער האָט נאָר געטראַכט וועגן אים, האָט ער זיך געפילט שטאָלצער. ער האָט דעם זיידן נישט געקענט, נאָר פון דעם טאַטנס מעשיות האָט ער זיך אים פאָרגעשטעלט אַ הויכן, מיט אַ לאַנגע, גרויליכע באָרד, אַ שוואַרצע סאַמעטענע וועסט, פאַרקנעפּלט ביז אונטערן האַלז, ווי דער ווייסער קאָלנער פון העמד האָט זיך איבערגעלייגט.

אַז מרדכי איז עלטער געוואָרן, גענומען לערנען רש״י און זיך אָנגעשטויסן אין פּאָטערס געגנוואַרט אויף אַ „בלעז״, האָט אברהם תמיד אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויפן יינגל און אַ צופרידענער געשמייכלט:

— און די באָבישע, צו לענגערע יאָר אונז, האָט די אַלע ווערטער יאָ געוווּסט, כא, כא, כא!

שרהלע איז געווען אַ גרויס־פּוילישע, געשמט פאַר אַ געלערנטע און זייער אַ שיינע. זי האָט גערעדט מיט די פּריצים פראַנצויזיש און איינגעפּירט, אַז יעדן שבת פאַר די פיש זאָל מען עסן קוכן מיט קאַפע.

די גאַנצע משפחה פון מרדכיס צד האָבן זיך געיחוסט מיט שרהלען און ביי יעדער געלעגנהייט דערציילט און איבערדערציילט אַ וווּנדערבאַרע מעשה וועגן אַ „שוסטער־שייגעץ״, וואָס איז געוואָרן קייסער. דער קייסער האָט מורא געהאַט, אַז מען זאָל אים נישט אויפוואַרפן זיין יחוס, האָט ער איינגענומען איין מלוכה נאָך דער צווייטער און געוואָרן כמעט דער איינציקער הערשער איבער דער גאַנצער וועלט. און וואָס מער לענדער ער האָט איינגענומען אַלץ שטאַרקער האָט ער געוואָלט די וועלט זאָל פאַרגעסן זיין יחוס, האָט ער אָפּגעגט זיין ערשטע ווייב און חתונה געהאַט מיט אַ פּרינצעסין און דאָ איז ס׳מזל פון אים אַוועק און אַלץ האָט גענומען גיין מיט דער פּוטער אַראָפּ.

איינמאָל אין אַ קרירה, דערציילט די משפחה, איז ר׳ מאירל „דבש״ געקומען צום זיידן אין וואַלד אַריין וועגן אַ צדקה־זאַך. ס׳איז געווען טבת תקע״ג. ר׳ מרדכי האָט פאַרהאַלטן ר׳ מאירלען אויף איבער נאַכט, געזעסן מיטן צדיק איינער אַליין ביי אַ צעפלאַמטן אויוון, געפּיפּקעט לולקעס און געשמועסט וועלט־זאַכן. ר׳ מאירל האָט פאַרטרויט דעם זיידן, אַז ס׳איז משיחס צייטן, אַז אויף יידן רוקן זיך אָן רדיפות, אשר לא ידעו אבותינו. דער „שוסטער שייגעץ״ האָט שוין באַלד איינגענומען די גאַנצע וועלט, ער איז שוין אויף יענער זייט מאָסקווע און וועט

מסתמא אַריינגעצויגן דעם יון אין ים־הקרח. נאָר ער וועט האָבן אַ מיאוסן סוף — דער קאָזניצער מגיד ראַנגלט זיך שוין מיט אים פון יום־כפור ביים מוסף אָן. און ווען נישט דער בערדיטשעווער ז״ל, וואָס האָט אין יאָר פון זיין פטירה תמיד ביים דאַווענען מכוון געווען דער „שוסטער־שייגעץ״ זאָל מצליח זיין, וואָלט דער קאָזניצער אים שוין לאַנג געהאַט.

אַ רמז דערויף האָט ר׳ מאירל געפונען אין אַ מדרש, ווו ס׳רעדט זיך אַרום דער זיבעטער מופת איידער משיח וועט קומען. אין מדרש שטייט, אַז אין רוים איז פאַראַן אַ מאַרמאָר־שטיין, וואָס זעט אויס ווי אַ בתולה, אַ יפת־תואר און דעם שטיין האָט קיין מענטשלעכע האַנט נישט געמאַכט, נאָר גאָט אַליין האָט אים באַשאַפן. די רשעים פון די אומות־העולם, די גרעסטע אויסוואורפן, וועלן קומען צו דעם שטיין, ליגן ביי אים, זיך וואַרעמען, וועט גאָט זייער וואַרעמקייט אַריינטאָן אין דעם שטיין, וועט דער שטיין צעפּלאַצט ווערן און ס׳וועט אַרויסקומען אַ רשע־מרושע. און דאָס וועט זיין ארמילוס דער שטן, וואָס די אומות־העולם רופן אַנטיקרישטו. ער וועט זיין צוועלף איילן הויך און צוועלף איילן ברייט און צווישןביידע אויגן וועט זיין אַ שפּאַן. די אויגן וועלן זיין טיפע, רויטע און די האָר פון קאָפּ געל ווי גאָלד. די טריט פון זיינע פיס — גרין און ער וועט האָבן צוויי קעפּ. אַרמילוס דער רשע וועט אָנקומען נאָך צרפת, ווען דאָרט וועט זיין אַ גרויס איבערקערעניש. ער וועט קומען און זאָגן, אַז ער איז דער ערלייזער, וועט מען אים גלויבן און קרוינען פאַר קייסער. דאַן וועט ער איינגעמען פיל לענדער, מדינות, אומקערן די יידן דעם סנהדרין און בלייבן וועלן בלויז אויף דער וועלט צוויי נישט איינ־גענומענע מדינות — אדום און מואב, און אז ער וועט איינגעמען די צוויי לענדער, וועט ער שיקן אַ שליח צו די יידן, און צו די עשרת־השבטים, וואָס אויף יענער זייט סמבטיון, מען זאָל אים אַוועקגעבן די יידישע תורה און אים מאַכן פאַר גאָט. דאַן וועט אויפשטיין דער גבור נחמיה מיט דרייסיק טויזנט גבורים, פון די גבורי אפרים, אויפמישן די תורה און לייענען פאַר אים: „אנכי ה׳ אלהיך, לא יהיה לך אלהים אחרים על פני״, וועט אַרמילוס ענטפערן, אַז אין זיין תורה שטייט דאָס נישט און וועט דורכויס פאַרלאַנגען, אַז אַלע יידן זאָלן גלויבן, אַז ער איז גאָט, פונקט ווי די איבעריקע פעל־קער גלויבן. דאַן וועט נחמיה בן חושיאל מיט זיינע דרייסיק טויזנט

גבורים מלחמה האלטן מיט אים און אויסהרגענען צוויי מאָל הונדערט טויזנט מאַן, וועט אַרמילוס דער רשע אַן אויפגעקאָכטער ווערן, צונויפ־רופן זיינע אַרמייען פון דער גאַנצער וועלט און מלחמה האַלטן מיט די יידן. זיינע חילות וועלן פאַלן ווי פליגן און דעמאָלט וועט געהרגעט ווערן משיח בן־יוסף, וואָס איז אויך נחמיה בן חושיאל. די מלאכי־השרת וועלן גלייך אָנקומען און אים מקבר זיין מיט די אבות. די יידנס הער־צער וועלן באַלד ווערן ווייך און דערשראָקן, און אַרמילוס הרשע וועט נישט וויסן, אַז משיח איז טויט, אַז נישט וועט ער נישט איבער־לאָזן קיין שריד ופליט פון די יידן — — —

ווען ר׳ מאירל האָט אַזוי געהאַלטן אין מיטן דערציילן איז פאַר־פאָרן אַ שליטן אונטערן פענסטער. עטלעכע מענטשן האָבן אָנגעקלאַפּט. ר׳ מאירל איז אויפגעשפּרונגען:

— מרדכי, מען פירט אים!

— וועמען?

— דעם רשע!

אַ פאַרציטערטער האָט מרדכי געעפנט די טיר. עטלעכע מענטשן, רויט פון פראָסט מיט ווייסע, פאַרפרוירענע בערד, זיינען אַריין, אַוועק־גערופן מרדכין אַן אַ זייט, זיך געסודעט און באַלד האָט מרדכי געהייסן שרהלען עפענען די סאַליע, בעטן דאָס בעט. ער האָט זיך בשעת־מעשה געטרייסלט, געוואַרט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם מען זאָל אַריינטראָגן אַרמילוס דעם רשע, מיט צוויי קעפ, צוועלף איילן די ברייט, צוועלף די הויך, אַן אמתער גג־ומגוג. האָבן די פרעמדע אַריינגעטראָגן אַ קליין מענטשל איינגעוויקלט אין פעלצן, געזאָגט ס׳איז אַ גרויסער גענעראַל, אַ פראַנצויז, ער איז שטאַרק פאַרקילט — — —

ר׳ מרדכי, זעענדיק דאָס קליינע מענטשל, האָט לייכטער אָפּגע־אָטעמט, געוועז זיכער, אַז נישט אים האָט דער צדיק געמיינט און נישט שטאַרק געגלויבט אויב דאָס איז אפילו אַ גענעראַל. ער פאָכעט דאָך קוים מיט דער נשמה! ער האָט זיך אַרומגעקוקט, געזוכט ר׳ מאירלען, נאָר דער צדיק איז נעלם געוואָרן.

שרהלע איז אַליין געבליבן מיטן קראַנקן, געוואַרעמט הייסע פלע־שער מיט וואַסער, אים געלייגט צו די פיס, אים איינגעדעקט מיט פוכאָ־ווע דעקן און אַ גאַנצע נאַכט געזעסן ביי זיין בעט. זי האָט זיך

איינגעהערט ווי דער קראַנקער מישט, שיקט אַרמייען, קאָמאַנדעוועט, קוועטשט איין די פויסטן, לאַכט, וויינט, אַז דעם קייסער האָבן אַלע פאַר־לאָזט, אַז איצט וועט ער דאַרפן גיין מיט דער טאָרבע איבער דער וועלט, האָט שרהלע אַ שרעק אַרומגענומען און ס׳האָט איר פאַרקוועטשט אונטערן האַרץ. פון גרויס רחמנות צום קראַנקן האָט זי אַראָפּגענומען פון האַלז אַ קמיע, ווו ס׳איז געשטאַנען: „איך לוי־יצחק בן סאָסיע האָב גע־זאָגט, אַז די חולאַת זאָל אוועקגיין״, זי געוואָלט אָנטאָן דעם חולה, זיך געקווענקלט און אויפגעהאָנגען די קמיע איבערן בעט. און גלייך ווי שרהלע האָט אויפגעהאָנגען די קמיע האָט זיך די טיר געעפנט און ס׳איז געוואָרן ליכטיק. דער קדושת־לוי אין אַ טלית ביז איבער די פיס מיט אַ זילבערנע עטרה איז שטיל אַריין, געבליבן שטיין ביי דער וואַנט צוקאָפּנס דעם קראַנקן און פון זיינע פאַרלאָפענע מיט טרערן אויגן האָט זיך געגאָסן אַ ליכטיקייט.

אַן אָפּגעגאָסענער מיט שווייס האָט דער קראַנקער געעפנט די אויגן און זיך אַרומגעקוקט. אַלץ איז צעשווימען. ווו איז ער? ווער זיצט ביי זיין בעט? א—א! ער איז דאָך נעכטן קראַנק געוואָרן! איז ער ביים שונא אין די הענט? ניין, גוטע מענטשן האָבן אים ערלויבט איבערצו־נעכטיקן. ער איז שוין אַזוי לאַנג נישט געשלאָפן אין אַ בעט — — — א, ווי וואַרעם! — — —

— ווי פילט איר, מאָסיע? — האָט שרהלע אים געפרעגט.

— בעסער, מאַדאַם, כ׳דאַנק אייך זייער, כ׳וועל קיינמאָל נישט פאַר־געסן — האָט דער גענעראַל ווי געשטאַמלט, באַטראַכט די שווערע פו־כאָווע דעק, אונטער וועלכער ער האָט געשוויצט ווי אין אַ באָד און גע־שמייכלט — אונטער אַזאַ דעק וואָלט אין מאָסקווע אויך נישט קאַלט געווען. כ׳האָב זיך צוגעקילט, אַז ביי אייך זיינען אַזעלכע פרעסט — — — יאָ, מאַדאַם, האָט איר נישט געהערט וועגן נאַפּאָלעאָנען? ווייסט איר נישט צי ער האָט געוווּנען די מלחמה מיט די רוסן? אַז כ׳בין שוין אַזוי לאַנג קראַנק — — —

— געוויס געהערט — האָט שרהלע געענטפערט — מען שמועסט, אַז ער איז שוין אויף יענער זייט מאָסקווע!

— ווער?

— נאַפּאָלעאָן!

דער גענעראַל האָט אַ ביטערן שמייכל געטאָן און געבעטן מען זאָל אַריינרופן זיינע מענטשן.

זיי האָבן אים איינגעהילט אין פעלצן און אַז ער איז שוין גע־זעסן אין דער קאָטש, וואָס איז געשטאַנען אין אַ שליטן, האָט ער שרהלען געדריקט די האַנט, געדאַנקט און איר איבערגעלאָזט זיין גאָלדן טאַבעק־שקעטעלע, ווו אויפן צו־דעקל איז געווען זיין בילד און זיין אונטער־שריפט. ס׳איז געווען נאַפּאָלעאָן.

און יעדעס מאָל, ווען דער פֿאָטער האָט מרדכין דערציילט די מעשה, האָט ער תמיד געענדיקט:

— דאָס טאַבעק־שקעטעלע איז ווערט אַ פֿאַרמעגן! מאַגנאַטן האָבן עס געוואָלט קויפן, נאָר די באָבעשיס אַ וואָרט איז טייערער — זי האָט עס נישט געהייסן פֿאַרקויפן!

מרדכי האָט געפילט אַ באַהאַלטענע ליבע צום וווּנדער־מענטש, זיך געפרייט מיט זיינע נצחונות, געטרויערט מיט זיין מפּלה און תמיד באַדויערט, וואָס ער איז נישט געבוירן געוואָרן אַ ייד. ער האָט זיך אימער געשפּאַרט מיטן פֿאָטער, אַז ער איז נישט געווען קיין „שוסטער־שייגעץ״, אַז די מעשה מיט אַרמילוסן מיינט מען נישט אים, אַז ער איז אין רוים קיינמאָל נישט געבוירן געוואָרן. אין האַרצן אָבער האָט ער געגלויבט, קיינמאָל פֿאַר מענטשן נישט אויסגעזאָגט, אַז איין פעלער איז ער יאָ באַגאַנגען — זיך נישט געדאַרפֿט גטן מיטן ווייב.

מרדכי האָט זיך דערמאָנט, ווי ער האָט קליינערהייט איינגעטיילט דעם וואַלד אין צוויי אַרמייען. די דעמבעס זיינען געווען נאַפּאָלעאָנס אַרמיי און די קליין־געוווקסיקע, פֿאַרקרומטע אָלשינע — דעם שונאס. ער — נאַפּאָלעאָן האָט געקיניגט איבער די דעמבעס און וואַצעק — דער שונא — איבער דער אָלשינע. מיט אַ האָלצערנער שווערד אין דער האַנט, מיט אַ שפּיז אויף דער פּלייצע האָט זיך מרדכי אַ לאָז געטאָן אַנטקעגן וואַצעקן, געפילט ווי די דעמבעס לויפן אים נאָך, שיסן מיט זייערע לענגלעכע ניס, ווי מיט קוילן, צעשמעטערן די אָלשינע — — —

און איצט, גייענדיק מיטן וואַלד, האָט מרדכי זיך געפילט שטאָלץ, וואָס זיין באָבע האָט מיטן קיסר גערעדט, וואָס ביי זיי אין שטוב איז דאָ זיין בילד און ס׳קאָן זיין, אַז אויף דעם זעלבן וועג ווו ער, מרדכי, גייט, איז נאַפּאָלעאָן געפֿאָרן.

ס'איז געוואָרן הייסער. פון ביידע זייטן וואַלד האָבן די פאַר־בליבענע טראָפּנס פון בייגאַכטיקן רעגן געבלענדט, געפינקלט און זיך געצונדן אונטער דער זון ווי שטיקלעך רעגן־בויגן. נאַקעטע וואָרצלען, ווי אַ שדרה פון אַן אויסטערלישער חיה, האָבן ערטערווייז דורכגעשניטן דעם זאַמדיקן וועג און זיך פאַרפלאָנטערט צווישן די ביימער.

מרדכי האָט זיך אָפּגעשטעלט. איבערן וועג האָט זיך געשלעפּט אַ פויער מיט אַ וואָגן האָלץ. דער פויער אַ באָרוועסער האָט מיט איין האַנט נאָכגעשטופּט דעם וואָגן, מיט דער צווייטער האָט ער געקלאַפּט מיט דער בייטש, געיאָגט די אויסגעמאַטערטע, פאַרשלאָפענע פערד, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז זיי וועלן זיך אָפּשטעלן וועלן זיי שוין פון די זאַמדן נישט אַרויס.

מרדכי האָט געזען, ווי דער פויער מיטן וואָגן פאַרשווינדן. ס'ווערט נאָך שטילער און וואַרעמער ווי פריער, האָט ער פאַרזשמורעט די אויגן און געגאַנגען ווייטער.

אין וואַלד־פּנקס, וואָס איז אַלט געווען איבער הונדערט יאָר, האָט מען פאַרשריבן ווען איינער איז געבוירן געוואָרן, ווען — געשטאָרבן. מרדכי האָט ליב געהאַט צו בלעטערן דעם וואַלד־פּנקס, באַטראַכטן די האַנט־שריפט פון יעדן באַזונדער. תמיד געשמייכלט, דען צומיינסטן פון זיינע זיידעס און פעטערס האָבן קוים געקאָנט שרייבן, אויסגעלייגט די סדרות מיט גרייזן, און געפילט בשעת מעשה, ווי דורות רעדן צו אים.

ער האָט געוווסט, אַז דער מאַמעס יחוס איז אַ שענערער, אַז די משפּחה צווישן זיך באַדויערן, וואָס די מאַמע איז אריינגעפאַלן צווישן עמי־הארצים. און די מאַמע אַליין, ווען דער טאַטע זאָגט אַמאָל, אַז מרדכי גראָט אין גאַנצן אין זיידן, שווייגט אפילו, נאָר מאַכט בשעת מעשה אַזאַ מינע, ווי זי וואָלט געזאָגט: אַ גליק האָט מיך געטראָפן!

מרדכי האָט דער מאַמעס משפּחה ניט ליב געהאַט, געווען מיט זיי פון דערווייטנס, ווי זיי וואָלטן געווען פרעמדע און, ווי אויף צו להכעיס, זיך בלויז געיחוסט מיטן טאַטנס צד, געזוכט און גענישטערט אין פּנקס מיט וואָס זיך אויפצוואַרפן. און ס'איז געווען מיט וואָס.

אין פּנקס איז געווען פאַרשריבן, אַז דער קדושת־לוי איז געפאָרן צו ר' מאירלען נאָך שעפּס, האָט ער ביי זיי אין וואַלד זיך אָפּגעשטעלט מנחה דאַוונען. זיינע צען פינגער זיינען נאָך ביז דעם היינטיקן טאָג

פאַרבליבן אויפֿן ארון־קודש. אַז דער קדושת־לוי האָט זיך אַוועקגעשטעלט דאַוונען מנחה האָט ער פֿון גרויס התלהבות אַרומגעכאַפּט מיטביידע הענט דעם ארון־קודש, וואָס איז געווען פֿריש געפֿאַרבט. פֿון דעמאָלט אָן האָט מען אָפּגעהיט די פֿינגער ווי אַן אבן־טוב און אַכטונג געטאָן, מען זאָל זיי נישט פֿאַרשמירן. און תּמיד, ווען מרדכי איז שלאָף געוואָרן, האָט די מוטער אים צוגעפֿירט צום ארון־קודש, אַרויפֿגעלייגט זיינע הענט אויף דעם קדושת־לויס, זיך פֿאַנאַנדערגעוויינט, אים דערמאָנט איר יחוס, דעם פֿאָטער ר׳ מאירל, אים דערמאָנט, אַז ער האָט דאָ געדאַוונט, און מרדכין איז תּמיד בעסער געוואָרן.

מרדכי האָט פֿאַרגעסן ווו ער איז, געגאַנגען אַ פֿאַרמחטער, געקוקט אין זיין אייגענעם שאָטן, געגלויבט, אַז דער בערדיטשעווער וואַנדערט פֿון שטאָט צו שטאָט, האַקט האָלץ פֿאַר אָרעמע אַלמנות, איז „מתקן" זינדיקע נשמות און זיך געטרייסט, וואָס די גוים האָבן נישט אַ קדושת־לוי.

ער האָט אַפֿילו געהערט פֿון די פּויערים, אַז אויך זייערס אַ הייליקער, פּאַוועל, שלעפּט זיך איבער די וועגן מיט אַ פּעקל אויף די פּלייצעס. און אַז אַ פּויער פֿאַרבלאָנדזשעט אַמאָל אין אַ זומפּ אַריין מיט אַ פֿור משא, וואַקסט ער אויס, ווי פֿון אונטער דער ערד, העלפֿט אַרויסשלעפּן דעם וואָגן, שמירט אָן די רעדער, איז נאָך מכבד מיט אַ פּעקל „טיטון" — און ווערט פֿאַרשוווּנדן.

מרדכי האָט נישט געקאָנט טראַכטן, בלויז געפֿילט, פֿאַרוואָס האָט ער אַליין נישט געוווּסט, אַז ס׳איז נישט קיין פֿאַרגלייך, ווי קומט טאַקע פּאַוועל צום קדושת־לוי? און ער האָט רחמנות געקראָגן אויף די גוים.

אים האָט באַנג געטאָן, וואָס דער בערדיטשעווער איז מער ניטאָ, מקנא געווען און גרויס דרך־ארץ געהאַט פֿאַר אַן אַלטן דאָרף־ייִדעלע וועלכער האָט דעם קדושת־לוי ייִנגלווייז געזען, און געהאַט גרויס פֿאַרדרוס, פֿאַרוואָס ער איז דעמאָלט נישט געבוירן געוואָרן און לעבט אין אַזאַ וואָכעדיקן דור.

מרדכי האָט נישט געהאַט קיין טענות צום רבונו־של־עולם, בלויז געפֿילט ווי עפּעס קוועלט אים, ווי מיט אַמאָל ווערט אים באַנג ביז צו

טרערן, און אײדער ער האָט צײט געהאַט זיך צו אָריענטירן, האָט ער דערהערט, װי זײן אײגענע נשמה ציטערט אויף:

— „לא המתים יהללו י״ה — — — !״

טיף אין װאַלד האָט עפּעס אַ ציטער געטאָן. מרדכי האָט פאַרזשמורעט די אויגן און זיך אײנגעהערט. דער ציטער איז איבערגעגאַנגען אין אַ שטיל, אומעטיק געזאַנג... דאָס געזאַנג איז געװאָרן העכער, שטאַרקער, זיך געטראָגן פון יעדן בוים, פון יעדער צװײג, פון יעדן גרעזל, אײנגעשלונגען אין זיך דאָס שטומע געשרײ פון מרדכיס האַרץ — האָט ער אין גאַנצן פאַרמאַכט די אויגן, געזען װי טויזנטער געװוקסן, װי לעבעדיקע באַשעפענישן ציען זיך צו אים, פלעכטן זיך אַרום װי פעדים, װי שמעקעדיקע ריחות, און מיט אַמאָל דערפילט װי יעדעס גליד זײנס, יעדעס בײנדל אין אים זינגט מיט. — — —

און פון דערװײטנס, אויפן ברײטן זאַמדיקן שליאַך, האָבן זיך געשאַרט האַנט אין האַנט דער קדושת־לוי אין אַ טלית מיט אַ זילבערנע עטרה און דער קײסער מיטן דרײ־עקיקן היטל.

מרדכי האָט טיף געבויגן דעם קאָפּ, געװויספּערט:

— געבענטשט זאָל זײן גאָט, װאָס האָט אײנגעטײלט פון זײן כבוד צו אַ בשר ודם!

ער האָט זיך מיט אַמאָל אַ שטאַרקן טרײסל געטאָן, װי ער װאָלט געפאַלן פון אַ באַרג, צעעפנט די אויגן, קײנעם נישט געזען און זיך שטאַרק פאַרשעמט.

די זון האָט געברענט. מרדכי האָט אַראָפּגערוקט דאָס היטל איבער די אויגן, זיך דערמאָנט אָן רהלען, געפילט אַ לאַך אין האַרץ און אַ צעװײטאָקטער כמעט געלאָפן אַ הײם.

קאַפּיטל 10.

# פ ע ד ע ם.

אַז מרדכי האָט פון דערווייטנס דערזען דאָס הויז, האָט ער זיך פון דער ערשטער מינוט דערפרייט, ווי איינער, וואָס איז שוין אַ לאַנגע צייט פון דער היים. ער האָט גענומען גיין פּאַמעלעכער, עטלעכע מאָל אַ טראַכט געטאָן וואָס ער זאָל זאָגן די עלטערן, גאָר נישט געקאָנט צוטראַכטן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און ווידער דערפילט, ווי עס הויבט אים אָן צו ווערן הויל ביים האַרצן. ער האָט זיך געשעמט אַהיים צו גיין, אין כעס געוואָרן אויף זיך אַליין, וואָס ער קאָן זיך נישט באַהערשן און זיך אויסגעקניפּט שטיקער פלייש. ער האָט באַשלאָסן זיך צו פאַר־דרייען אויף אַ ווײַלע צוריק אין וואַלד אַריין, איבערקלערן מיט אַ קלאָרן קאָפּ אַלץ אויף דאָס ניי, האָט ער פונקט דעמאָלט דערזען, ווי עמעצער קוקט אים אָן און שמייכלט.

ברײַנע איז געשטאַנען ביים פענסטער פון דער קיך און געשאַרט אַ טאָפּ מיט אַ „וויעכעטש" שטרוי.

מרדכי האָט זיך פאַרלוירן און גענומען גלײַך גיין אין שטוב אַריין. ברײַנע האָט פון גרויס שמחה אויפגעהערט צו שאַרן דעם טאָפּ, געזוכט אַ פּלאַץ ווו אים אַוועקצושטעלן און זיך בשעת־מעשה פאַרריכט דאָס טיכל אויפן קאָפּ, איבערלאָזנדיק אויפן שטערן און אַרום די שלייפן עטלעכע סאַזשע־פלעקן. מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם איז זי אַריין צו דבורהלען, האַלטנדיק דעם טאָפּ צווישן די הענט:

— בעל־הביתטישי, ער גייט! מרדכילע גייט!

דבורהלע האָט געהאַלטן אין מיטן דאַווענען, נישט געוואָלט אויס־רעדן, האָט זי געפרעגט ברײַנען מיט די הענט, מיט אַ שטום מויל:

— אָ — אָ — נו?

זי האָט געזען, אַז ברײנע פֿאַרשטײט נישט װאָס זי מײנט, האָט זי אַן אױפֿגערעגטע אױסגעשאָסן:

— אַפֿילו דאַװנען קאָן איך נישט! אָט האָב איך שױן אַן עבֿרה געטאָן איבערן יונגאַטש אױך! — און זי איז באַלד װײכער געװאָרן — װוּ איז ער, װוּ, זאָגסטו?

— אָט גײט ער! — האָט ברײנע געװיזן אױפֿן פֿענסטער.

— ברײנע, למען השם, דערמאָן אים קײן װאָרט נישט — האָט דבֿורהלע זיך אָנגעבעטן, געמאַכט עטלעכע טריט צו דער דינסט, געבליבן שטײן און אַ צערודערטע זיך גענומען ברעכן די פֿינגער — דו װײסט דאָך, אַז ער איז אַן עקשן! צו װאָס קאַליע מאַכן רײד, אַז ס'העלפֿט נישט קײן שטראָפֿן!

— װאָס דאַרף איך אים עפּעס שטראָפֿן? — האָט ברײנע אַ באַ־לײדיקטע פֿלומרשט געשמײכלט — ער האָט קײן עין־הרע אַ מאַמע ביז הונדערט און צװאַנציק יאָר!

מרדכי איז שטיל אַרײַן, געבליבן שטײן אַ רגע בײַ דער טיר, זיך אַרומגעקוקט, װי ער װאָלט געװאַרט װאָס פֿאַרע רושם זײַן קומען װעט מאַכן. ער האָט געזען װי די מוטער פֿאַרלײגט די הענט, פֿאַר־קװעטשט די ליפּן, שאָקלט צו אים מיטן קאָפּ, װי זי װאָלט אים באַװײנט. האָט ער אַ שמײכל געטאָן און צוגעגאַנגען צום טיש:

— גוט מאָרגן, מאַמע!

דבֿורהלע האָט נישט געענטפֿערט, זיך שטיל צעװײנט, געצױגט מיט די אַקסלען און ברײנע, װאָס איז די גאַנצע צײַט געשטאַנען אין אַ װינקל, האָט זיך איצט אַרומגעזען, אַז זי האַלט אַלץ דעם טאָפּ, אים אַראָפּגעלאָזט אױף דער פּאָדלאָגע און זיך געװישט מיטן פֿאַרטוך די אױגן.

מרדכי האָט זיך געפֿילט שולדיק, געװאָלט איבערבעטן די מוטער, זיך אָבער געשעמט און פֿון פֿאַרדרוס געקנײטשט די בלעטער פֿון אָפּגע־נעם קרבן־מנחה סידור:

— אַז כ'װײס נישט, װאָס איר װײנט איבער מיר?

— נו יאָ, די מאַמע דאַרף זיך פֿרײען! קנאַפּ נחת האָט זי פֿון דיר — האָט ברײנע זיך נישט געקאָנט אײַנהאַלטן, זיך געװישט די נאָז, אױסשמירנדיק דאָס גאַנצע פּנים מיט סאַזשע.

מרדכי האָט באַמערקט ווי די מוטער ווינקט צו ברײַנען זי זאָל שווייגן. דערזען ווי די דינסט איז אייגגעריסט, האָט ער זיך פאַרגעסן און זיך צעלאַכט:

— וואָס איז דער מער, ברײַנע? ווו האָט איר זיך אַזוי אויסגעשמירט? אסור, אַ קוימען־קערער!

ברײַנע האָט זיך פאַרשעמט, אַראָפּגעלאָזט די אויגן אויף דער נאָז, זיך געוואָלט איבערצייגן צי מרדכי מאַכט נישט חוזק פון איר, האָט זי דערזען אירע אייגגעריסטע הענט, זײַ געוויזן דער בעל־הביתטע, ווי זי וואָלט זיך דערמיט געוואָלט פאַרענטפערן, געכאַפּט דעם טאָפּ און מיט אַ צניעותדיקן שמייכל אַרויסגעלאָפן.

— אַז צו די אַלע צרות איז נאָך דאָ כּח צו לאַכן אויך — האָט דבורהלע ווי פאַר זיך געזאָגט, זיך אויסגעווישט די אויגן און איז צוגעגאַנגען צום זון — הער זיך אײַן, מרדכי, דער טאַטע האָט געזאָגט כ׳זאָל דיך אַרײַנשיקן צו אים, ער וויל מיט דיר עפּעס רעדן.

— ווו איז ער, דער טאַטע? — האָט מרדכי זיך געפרעגט און געוואָלט אַרויסגיין.

— וואַרט נאָך אַביסל — האָט דבורהלע שטילער געזאָגט, זיך אַרומגעקוקט צי קיינער הערט נישט אונטער און פאַרמאַכט די טיר, וואָס פירט אין קיך אַרײַן — הער זיך אײַן, כ׳האָב צו דיר אַ בקשה — — —

— וואָס איז?

דבורהלע האָט אָנגענומען דעם זון פאַר אַ האַנט:

— מרדכילע, כ׳האָב דאָך נישט מער ווי דיך, זע, טו מיר נישט אָן קיין חרפּות, האָב רחמנות אויף דײַן שוואַכער מאַמען — — —

זי האָט נישט געקאָנט דעררעדן. געמאַכט אַ ליפּ, אַ קוש געטאָן מרדכין אין שטערן און זיך צעכליפּעט ווי אַ קינד.

מרדכי האָט געפילט טרערן אין די אויגן, אַוועקגעזעצט די מוטער, איר געקושט די הענט, איר אַלץ צוגעזאָגט, אַבי זי זאָל זיך באַרוּיקן.

— הער זיך אײַן — האָט דבורהלע זיך געווישט די אויגן — כ׳האָב אַפילו צוגעזאָגט דעם טאַטן כ׳זאָל דיר גאָר נישט זאָגן, נאָר כ׳קאָן זיך נישט העלפן, ס׳הארץ טוט מיר וויי — און די אויגן האָבן זיך בײַ איר בשעת־מעשה ווידער באַגאָסן מיט טרערן — מיר האָבן באַשלאָסן

דו זאָלסט פאָרן מיט ר׳ איטשען נאָך קאָצק — — — אם ירצה השם מאָרגן וועט איר אַרויספאָרן — — —

— כ׳וועל אייך אַלץ צוליב טאָן — האָט מרדכי געשטאַמלט — נאָר — — —

— וואָס נאָר?

מרדכי האָט זיך פאַרלוירן, אויסגעמיטן צו קוקן דער מוטער אין די אויגן:

— איך וויל איר זאָלט ניט אַרויסזעצן דעם פאַכטער!

— ווי דען? וואָס פאָלט דיר איין? קיינער האָט אים נישט בדעה אַרויסצוזעצן!

— אויב אַזוי גיי איך שוין צום טאַטן!

דבורהלע האָט אים צוגעפירט ביז צו דער טיר, געווען גליקלעך, וואָס דער שמועס, פאַר וועלכן זי האָט זיך אַזוי געשראָקן, איז אַזוי לייכט דורך און געווען זיכער, אַז זי וועט נאָך פון מרדכין דערלעבן נחת. מישטיינס געזאָגט, מען וווינט צווישן גוים, ווייט פון אַ ישוב, ווערט אפילו דער איידלסטער מענטש פאַרגרעבט, אַ פשיטא — יונג בלוט! עס צעבריקעט זיך אַמאָל! זי האָט געהאָפט, אַז דער שמועס מיט אברהמען וועט אויך רויק דורך, געוווסט, אַז ביידע זיינען עקשנים און זיך געבעטן ביים זון:

— זע, מרדכילע, רייס דיך נישט איין מיטן טאַטן! אויב ער וועט דיר עפּעס זאָגן, פאַרשווייג, ס׳איז דאָך אַ טאַטע! דו ווייסט דאָך, ער שרייט אָפּ, שרייט אָפּ און אַז ס׳קומט צו עפּעס, שלאָפט ער דאָך קיין נעכט נישט! וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן? יאָ, האָסט שוין גע-דאַוונט? טאָ גיי פריער עפּעס איבערבייסן, ס׳האַרץ איז דאָך דיר מסתמא אַוועק!

— כ׳וועל זיך באַלד שטעלן דאַוונען.

אַן אויפגערוימטער האָט מרדכי אַ האַסטיקן עפן געטאָן די טיר, געפילט ווי זי שפרינגט צוריק, דערהערט אַ קוויטש, האָט ער געמאַכט אַ פנים, ווי ער וואָלט אַרויפגעטרעטן אויף אַ קליין קעצל און אַרויס-לויפנדיק געזאָגט צו דער מוטער:

— כ׳האָב שוין מסתמא עמעצן דאָרט דערהרגעט!

הינטער דער טיר איז געשטאַנען ברײנע, אַ פֿאַרשעמטע, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, ווי מען וואָלט זי געכאַפּט בײַ אַ גנבה, און זיך צוגעהאַלטן דעם שטערן.

— כ'האָב אײַך אַ גוטן קלאַפּ געטאָן, ברײנע? אַז כ'בין אסור שולדיק! — האָט מרדכי זיך פֿאַרענטפֿערט, אַראָפּגעכאַפּט פֿון דער וואַנט אַ האַנטוך, עס אײַנגענעצט אין וואַסער און געגעבן דער דינסט — נאַט לײגט צו צום קלאַפּ וועט עס אויסציען!

— ס'וועט מיר גאָר נישט זײַן, פּטור, פּטור — האָט זיך ברײנע נאָך מער פֿאַרלוירן, וואָס מען פּאָרעט זיך אַרום איר און זיך געווענדעט צו דבורהלען — אַז ס'איז אַ מצווה אויף מיר, בעל־הביתטישי! כ'ווייס, ס'איז נישט שײן אונטערצוהערן, נאָר וואָס קאָן איך מיר העלפֿן, אַז כ'האָב שוין אַזאַ טבע? די שוואַרץ יאָר טראָגן מיך!

מרדכי האָט געשמייכלט און געגאַנגען אין חדר אַרײַן, וווּ די ספֿרי־תּורות זײַנען געשטאַנען. בײַ דער שוועל האָט ער אָפּגעשטויבט די שיך, פֿאַרריכט דאָס היטל און אַ ערנסטער געפּנט די טיר. תּמיד ווען ער איז אַרײַן אין דעם חדר, האָט ער געהאַט דאָס געפֿיל, ווי ער גייט אין אַן אַלטער פֿאַרלאָזענער שול.

דאָס חדר מיט די ספֿרי־תּורות, וווּ די משפּחה איז דורות לאַנג זיך צונויפֿגעקומען חנוכּה חשבונען, זיך געקריגט אויף וואָס די וועלט שטייט און שדוכים געשלאָסן, איז געווען האַלב טונקל און קיל.

מרדכי האָט זיך אַרומגעקוקט, גאָרנישט געזען און געבליבן שטיין בײַ דער טיר. ר' אברהם, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל און צונויפֿגעלייגט דעם טלית, האָט אים אַ רוף געטאָן, ווי ס'וואָלט צווישן טאַטע און זון גאָר נישט פּאָרגעקומען:

— מרדכי, קום נאָר אַהער!

מרדכי האָט זיך אַ טרײסל געטאָן, דערזען דעם פֿאָטער און צו־געגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן.

—האָסט שוין געדאַוונט?

— נײן!

— טאָ שטעל דיך דאַוונען, באַלעמוטשע נישט! נאַ, נעם מײַנע תּפֿילין — און אברהם האָט גענומען אויסטאָן דעם של־יד — יאָ, דו

וויסט? בלי נדר, מאָרגן פרי פאָרסטו דאָך מיט ר' איטשען נאָך קאָצק — — צופרידן? און געלט גנבענען ביים זיידן וועסטו אויך נישט דאַרפן! אברהמס בן־יחיד דאַרף גראָטן אין טאַטן אַריין, זיך פירן ברייט, מענטשן זאָלן וויסן, אַז ער האָט אין וועמען אריינצוגראָטן!

אַ פאַרוווּנדערטער האָט מרדכי אָנגעקוקט דעם פאָטער. שוין דאָס צווייטע מאָל ווי ער הערט אים אַזוי רעדן. אברהם האָט אויסגעטאָן דעם של־ראש און אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויפן זונס אַקסל:

— הער זיך איין, מרדכי, וואָס געווען איז געווען, פאַרגעס עס! נאָר איין זאַך בעט איך דיך — למען השם, זע, כ'זאָל נישט האָבן פון דיר קיין חרפות! זאָגסט מיר צו?

ר' אברהם האָט נישט געוואַרט אויף אַן ענטפער, זיך אויסגעצ־גלייכט, צענומען די באָרד און יעדער קער אין אים איז געווען פון אַ נגיד בן־נגיד, זיין בלויזע האַלטונג האָט אַרויסגערופן דרך־ארץ. ער האָט צעקנעפּלט די קאַנגאַרענע קאַפּאָטע, ברייט אַריינגעשטעקט אַ האַנט אין אַ הויזן־קעשענע און אַ קלימפּער געטאָן:

— כ'פרעג דיך, ס'הערט דאָ קיינער נישט, וואָס פאַרע מחותן בין איך מיט שמחה פּאַכטער? אמת, זיין פאָטער האָט כל־ימיו געשינדן ביים זיידן עליו־השלום די קעלבער און שמחה אַליין, אויב כ'וועל אים נאָר שיקן, וועט ער מיר פאַר אַ גילדן טרייבן אַ קאַלב פאַרן עק אַזש נאָך פּלאָצק! אלא־מה? די מויד געפעלט דיר? נאָר וואָס פאַר אַ מויד וועט דיר נישט געפעלן? ס'איז, רחמנא לצלן, אַ משפחה־פעלער! איך בין אויך נישט בעסער געווען, האָב איך דאָך פאַר דיר אַראָפּגעבראַכט ר' איטשען, זאָלסט האָבן פון וועמען זיך אָפּצולערנען!

פונקט דעמאָלט איז ר' איטשע שטיל אַריין, אַרויסגענומען פון אַ פּאָליצע אַ ספר און זיך פאַרטיפט. ביי ר' אברהמען האָבן זיך די אויגן צעשפּילט, ער האָט מיט אַ מאָל חשק געקראָגן, ווי אין די אַלטע גוטע צייטן, ווען ער איז נאָך אַ יונגער־מאַן געווען, צו מאַכן אַן הלצה. ער האָט זיך אַזוי אַוועקגעשטעלט, אַז מרדכי זאָל נישט באַמערקן ר' איטשען און אָנגעהויבן מיט אַ הויך קול:

— און דו גלויבסט טאַקע, אַז ר' איטשע האָט נישט קיין שלעכטע מחשבות? זעסט, וועגן ר' מענדעלין ווייס איך נישט! דער רבי ווינט מיט אַ ווייב, דערצו האַלט ער נישט שטאַרק פון חרם דרבנו גרשון — — וואָס

קוקסטו מיך אַזוי אָן? גלויבסט נישט? מעגסט זיך אויף מיר פאַרלאָזן! לייגט זיך אויפן שכל, אַז ווי באַלד ס׳איז נישט ביי אים קיין יקר־המציאות, קלערט ער מסתּמא דערפון זעלטן און במילא האָט ער ווייניקער שלעכטע מחשבות — — — אָבער ר׳ איטשע, פאַרשטייסטו מיך, איז דאָך שוין יאָרן אַ פּרוש און דער „בעל־דבר" קריכט אים גוט אין די ביינער, דו ווייסט דאָך! ווי אַלט ביסטו דען? נאָך קיין זעכצען יאָר נישט! און חתונה האָבן ווילסטו דאָך שוין מסתּמא פון אַ גוטע מינוט, האַ, האַ!

מרדכי האָט נישט געגלויבט זיינע אויערן, רויט געוואָרן פון פּאָטערס רייד און גאָר נישט געענטפערט.

— נאָך גוט וואָס דו שעמסט זיך! אַ יידישע מדה! — האָט ר׳ אברהם פּאָטערלעך אַ קלאַפּ געטאָן דעם זון איבער דער פּלייצע, זיך אָפּגערוקט און כּמעט געשריען — טאָ וואָס האָב איך געוואָלט אויספירן? יאָ, טענה איך, אַז ס׳איז אַ געוואַלדיקער נסיון פון אַ מענטשן ער זאָל תּמיד „בשכבך ובקומך" מלחמה האַלטן מיטן יצר־הרע! איך וואָלט עס נישט געקאָנט!

— טאַטע — האָט מרדכי זיך אַ כאַפּ געטאָן, ווי אַן אומגליק וואָלט געשען — טאַטע, שטילער, ר׳ איטשע שטייט דאָך ביי דעם ספרים־אַלמער, קוק!

— וואָס האָב איך דען געזאָגט, וואָס? — האָט אברהם נאָך העכער גערעדט — ווו שטייט ער, זאָגסטו? אַ־אַ, — האָט ער כּלומרשט אַן איבערראַשטער, ווי ער וואָלט אים נאָר וואָס דערזען, אַ מאַך געטאָן צו ר׳ איטשען מיט דער האַנט און גערעדט ווייכער — גוט מאָרגן, ר׳ איטשע! זייט זשע מוחל, כ׳וויל אייך עפּעס פרעגן און האָט נישט קיין פאַריבל, וואָס כ׳בין אייך מטריח — — —

מרדכי איז בלאַס געוואָרן, ער האָט נישט געוווסט ווו אַהינצוטאָן די אויגן, געציטערט, געבעטן גאָט, ס׳זאָל זיך עפּענען אַ גרוב וואָלט ער אַריינגעשפּרונגען, אַבי נישט צוזען, ווי דער פּאָטער וועט מביש מאַכן ר׳ איטשען.

ר׳ איטשע האָט זיך אָבער נישט פאַרלוירן, צוגעגאַנגען ווי עס וואָלט זיך נישט געהאַנדלט וועגן אים, ווו מען וואָלט אים גערופן פּסקענען אַ דין, צי גלאַט פרעגן אַן עצה און כאָטש ער האָט געוווסט, אַז אברהם טרייבט שפּאַס, האָט ער זיך פונדעסטוועגן ניט וויסנדיק געמאַכט, ווי

קיינמאָל גאָרנישט, און איידער אברהם האָט צייט געהאַט עפּעס צו זאָגן האָט ער אָנגעהויבן:

— יאָ, ר׳ אברהם, איר האָט געטראָפן! איך האָב טאַקע שלעכטע מחשבות!

— זייט זשע מוחל, ר׳ איטשע — האָט זיך אברהם פאַרלוירן — איך האָב דאָס נישט געזאָגט! איך האָב נאָר געזאָגט, אַז אויב אַ מענטש לעבט אָן אַ ווייב, איז דער שכל מחייב, אַז מען דאַרף האָבן שלעכטע מחשבות!

— מען האָט טאַקע, ר׳ אברהם — האָט ר׳ איטשע רויק געענט־פערט — און וואָס מער שלעכטע מחשבות דער מענטש האָט, וואָס גרע־סער די מורא ער זאָל נישט זינקען, אַלץ שטאַרקער איז די התעוררות און אַלץ מער מסוגל איז ער אויסצוטאָן די גשמיות פון יעדער „מחשבה זרה" און משיג צו זיין דעם אויבערשטן — — —

— טאָ צו וואָס דער גאַנצער נסיון — האָט אברהם געשמייכלט — אַז מען קאָן אים אויסמיידן? ווי שטייט דאָרט: „על כן יעזוב איש את אביו ואת אמו — — —"

— וואָס זאָל איך אייך זאָגן? — האָט ר׳ איטשע עטלעכע מאָל געקנייטשט דעם שטערן, האַלטנדיק זיך פאַרן שוואַרצן בערדל — איר האָט אַמאָל געזען ווי קינדער הוידען זיך? אום זיך אויפצוהויבן מיט דער הוידע העכער און העכער מוז מען יעדעס מאָל זיך אונטערשפּאַרן מיט אַ פוס אָן דער ערד, און דאָס קינד, וואָס שפּאַרט זיך נישט אָן מיט א פוס אָן דער ערד, וועט זיך איבער איר, איבער דער ערד מיין איך, קיינמאָל נישט אויפהויבן. מיט מענטשן איז דאָס זעלבע. דער מענטש, וואָס האָט נישט קיין „מחשבות־זרות", קיין שלעכטע געדאַנקען, איז שוין אַזוי טיף געזונקען אין גשמיות, אַזוי פאַרגרעבט, אַז ער פילט גאָר נישט, האָט קיין זאַך נישט „מתקן" צו זיין. דען וויסן זאָלט איר, אַז אין יעדער „מחשבה־זרה" איז פאַראַן אַ „ניצוץ־אלוה", אַ געטלעכער פונק, וואָס איז געזונקען צו זייער אַ נידעריקע מדרגה און בעט זיך „תקון". און דער מענטש דאַרף זיך נישט שרעקן פאַר אַ „מחשבה־זרה", ער דאַרף איר אַנטקעגן גיין מיט אָפענע אָרעמס, זי אויסטאָן אַ נאַקעטע, אַוועקוואַרפן דעם מלבוש, דען נאָר דער לבוש איז זינדיק, און אַז ער וועט זי אויסטאָן, די מחשבה מיין איך, אַ נאַקעטע, וועט ער זיך באַ־

העפטן מיטן „ניצוץ=אלוה" און אַזוי ר'נאָך מתקן זיין צוויי זאַכן — ראשית, דערהייבן דעם געזונקענעם „נצוץ" צו אַ העכערע מדרגה, אים אומקערן צו זיין שורש, אים מתקן זיין און מיט דער מיט, וואָס ער וועט מתקן זיין דעם „נצוץ=אלוה", וועט דער מענטש אַליין אויך דערהויבן ווערן און ווערן אַ שותף צום רבונו=של=עולם, איר פאַרשטייט?

ר' איטשע איז אויף אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן. די שוואַרצע אויגן האָבן געברענט, דאָס מויל איז געווען אָפן, זיך געבעלזלט אַרום די ווינקלען און די נאַסע קרומלעכע צײַנער האָבן געקוקט ווילד. ער האָט אַ שאַר געטאָן מיט דער ווייסער האַנט איבערן שטערן און ווידער אָנגעהויבן.

— און איצט קומען מיר צו דער הוידע — וואָס שטאַרקער דו צעוויגסט דיך, דאָס הייסט, וואָס מער די „מחשבה=זרה" באַהערשט דיך, כאַפּט דיך פאַרן גרגרת, אַלץ העכער איז דיין שטייגונג, אויב דו ביסט די מחשבה גובר.

— זייט זשע מוחל, ר' איטשע — האָט אברהם געשמייכלט — הייסט עס, ווי איך האָב אייך פאַרשטאַנען, קומט אויס, אַז ס'איז אַ מצוה צו זינדיקן, כאַ, כאַ, כאַ! און ווען כ'האָב נעכטן געכאַפּט מיין זונדל מיטן פאַכטערס טאָכטער, האָב איך אים געדאַרפט טאָן אַ קניפּ אין באַק — שמח בחור בילדותך, האַ? — — —

ר' איטשע האָט זיך מיט אַמאָל געענדערט. דאָס פייער אין די אויגן האָט זיך ביי אים אויסגעלאָשן, דאָס בלאַסע פנים איז געוואָרן מיד און אַרום די פאַרקוועטשטע ליפּן איז געלעגן אַ פאַרדרוס, ווי ס'וואָלט אים באַנג געטאָן דער גאַנצער שמועס.

— איך וויל, אַז איר זאָלט מיך פאַרשטיין! — האָט ר' איטשע זיך אַ בייזער געטאָן, באַלד חרטה געהאַט און נאָך ווייכער גערעדט, כמעט זיך געבעטן — איך מיין נישט, חס=וחלילה, אַז אַ מענטש דאַרף זיך אַריינטאָן אין גשמיות, דאַרף זיך איבערגעבן דער תאוה אין די הענט אַריין, כ'האָב דאָס נישט געזאָגט! כ'האָב נאָר געזאָגט, אַז אין יעדער תאוה, אין יעדער קליפה איז פאַראַן אַ „ניצוץ=אלוה" און די פונקען בענקען צו זייער שורש, ווי קינדער צו אַ מאַמען, שרייען מיט אַ שטום געשריי פון איין עק וועלט צום אַנדערן, און אַז עמעצער דערהערט דאָס שטו=מע געשריי און באַפרייט דעם „ניצוץ" פון דער קליפה, צי פון דער

תאוה און דערהויבט זי צו איר ערשטער מדרגה, ווערט ער אַליין אויך דערהויבן.

מרדכי האָט געציטערט, געבעטן גאָט, אַז דער פאָטער זאָל נישט מביש זיין ר׳ איטשען, געקוקט אויף אים מיט זיינע גרויסע, גרויע אויגן מיט אַזוי פיל ליבע און איבערגעגעבנקייט, ווי ער וואָלט אים געטרייסט — נעמט אייך נישט צום האַרצן, רבי, איך פאַרשטיי אייך — — —

— זייט איר דאָך אַליין זיך סותר! — האָט אברהם געשמייכלט — מען דאַרף האָבן אַן ערגערע קליפה, ווי אַ ווייב, און איר — — —

— מסתמא, ר׳ אברהם, דאַרף אַזוי זיין! — האָט ר׳ איטשע אים איבערגעריסן און געשמייכלט.

ברייבע האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין דער טיר.

— לאָז דער בעל־הבית גיין אָנבייסן! ס׳עסן שטייט שוין אויפן טיש!

— קומט, ר׳ איטשע, מיר וועלן בעסער עפּעס איבערבייסן! — האָט אברהם זיך געריבן איין האַנט אָן דער צווייטער און זיך געווענדעט צו מרדכין — וואָס וואַרטסטו? שטעל זיך דאַוונען, ס׳איז דאָך שפּעט!

אַז מרדכי איז געבליבן אַליין, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט ביים פענסטער, אָנגעטאָן די תפילין, זיך געפּילט באַליידיקט פאַר ר׳ איטשען און נישט פאַרשטאַנען, צו וואָס דער פאָטער האָט פאַרצויגן דעם גאַנצן שמועס. אים זיינען עטלעכע מאָל אויפן זינען אַרויף ר׳ איטשעס לעצטע ווערטער — מסתמא, ר׳ אברהם, דאַרף אַזוי זיין — געווען נייגעריק, וואָס ר׳ איטשע האָט דערמיט געמיינט און זיך פאַרטראַכט.

מיט אַ זשומעריי איז אָנגעפלויגן אַ בין, זיך אָנגעקלאַפּט אָן דער שויב פון פאַרמאַכטן פענסטער, זיך גערעדלט מיט צעשפּרייטע פליגל איבערן גלאָז און פאַרעקשנט געזוכט מיטן שנוק ווי ר׳נאָך אַריינצוקומען אין שטוב אַריין.

מרדכי האָט פאַרלייגט די הענט אויף אַ הינטן, געשפּרייזט אי־בערן חדר, געוווסט, אַז ער דאַוונט אָן כונה, עטלעכע מאָל געוואָלט צונויפנעמען די געדאַנקען און נישט געקאָנט. ער האָט געהערט ווי די בין קלאַפּט אין דער שויב, איז אים איינגעפאַלן — אַז ווער ווייס?

טאָמער שטייט ער אויך פאַר אַ וואַנט, האָפט, פונקט ווי די בין, זי דורכצוברעכן מיטן קאָפּ און וועט מסתמא די וואַנט קיינמאָל נישט אַרי=בער. פון עגמת=נפש, וואָס ער קאָן נישט אָוועקטרייבן פון זיך די שלעכטע מחשבות, האָט מרדכי מיט אַמאָל אַ קלאַפּ געטאָן אין דער וואַנט אַריין מיט די פויסטן, אָפּגעריבן די הויט ביז צום בלוט און זיך באַרויקט.

אַ רויקער האָט ער געשפּרייזט איבערן חדר, געקוקט אין יעדן ווינקעלע, באַטראַכט יעדע זאַך, ווי ער וואָלט זיך מיט אַלעמען געזעגנט. ער האָט באַטראַכט דעם וואָלענעם פּרוכת, וואָס זיין עלטער=באָבע אסתר=רבקה האָט אַליין געשפּונען, געפאַרבט, אויסגעהאָפטן מיט געלן באַוול. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַרן פּרוכת, דורכגעוועבט מיט זילבערנע בלעטער, וואָס די באָבע שרהלע האָט געלאָזט ברענגען פון ירושלים, געלייגט אויפן זוים פון פּרוכת איר נאָמען, וואָס זי האָט אַליין אויסגע=נייט מיט זילבערנע פעדעם. ער האָט שטיל געעפנט אין ארון=קודשל נאָכן צווייטן, געוווסט ווער פון זיינע זיידעס און פעטערס האָבן געלאָזט שרייבן די ספרי=תורות, געשטאַנען מיט אַ פרייד פאַר די הייליקייטן, אויסגעפּוצטע אין סאַמעט און אין זילבער, ווי שיינע כלות, און זיי געקושט.

מרדכי האָט זיך פאַרגעסן. יינגל=ווייז האָבן די אויסגעצירטע ספרי=תורות ביי אים אויסגעזען ווי גענעראַלן, וואָס היטן אָפּ זייער הויז פון וואַלד=גזלנים. די גענעראַלן האָבן געטראָגן קרוינען מיט גלעקלעך אויף די קעפּ, אויף די ברוסטן — זילבערנע פאַנצערס מיט קליינע גאָלדענע ארון=קודשלעך, ווו די עשרת=הדברות האָבן אַראָפּגע=לויכטן, און ביי יעדן גענעראַל איבער די פּלייצעס האָט געהאָנגען אַ זילבערנער שפּיז — אַ ייד מיט אַן אויפגעשטעלטן פינגער.

מרדכי האָט געשמייכלט. ער האָט אַרויסגענומען פון אַ בלעכן שייטל אַ האַלב=קיילעכדיקן, געקאַרבירטן שופר פון צפת, באַטראַכט די אויסגעקריצטע ווערטער — אשרי העם יודע תרועה — און צוגעשטעקט דעם שופר צו די ליפּן. אַ תרועה האָט זיך דורכגעריסן איבערן חדר. מרדכי האָט זיך דערשראָקן, גיך באַהאַלטן דעם שופר אין בלעכענעם שייטל, דערהערט טריט און זיך אַרומגעקוקט.

ביסלעכווייז האָבן זיך פון די ארון־קודשן, פון אַלע ווינקלען, פון די טונקעלע ווענט גענומען שאַרן פעטערס, זיידעס, באָבעס און מומעס און מרדכין איז היימלעכער געוואָרן. ער האָט געקוקט אויף די זילבערנע און גאָלדענע לייבן מיט די אַרויסגעשטעקטע צונגען, פאַר־בויגענע עקן, וואָס האָבן זיך כמעט געריסן פון די פרוכתן, אָנגעיאָגט אַ שרעק און געטראַכט בשעת־מעשה, אַז נישט בחנם זיינען זיינע זיי־דעס כּוהנים געווען — — ער האָט זיך גענומען אויסטענהן מיט זיי, ווי זיי וואָלטן קיינמאָל גישט געשטאָרבן, געבליבן אין דער אַלטער שול, געשפּינען פון דור־דורות די משפחה־מעשיות און איצט זיינען זיי אַרויס פון זייערע באַהעלטענישן, מיטגעגעבן דעם אייניקל אַ ברכה און צוגעזאָגט אים קיינמאָל נישט צו פאַרלאָזן. און פון אַלע ווינקלען, חפצים, געזימסן, פון דער שוואַרצער, פעטער ערד האָבן זיך געצויגן פעדעם, זיך געוועבט אַרום מרדכין ווי אַ פאַנצער, אַז קיין ווינט זאָל אים נישט צעברעכן, און תּמיד, ווו ער איז נאָר נישט געווען, האָבן די פעדעם אים געצויגן צוריק אַהיים.

קאצק

# צווייטער טייל

## קאַפּיטל 1

### מען פֿאָרט צום רבין

דבורהלע איז געשטאַנען צופֿוסנס מרדכין, געקוקט ווי ער איז געשלאָפֿן אַ פֿרישער מיט דער לינקער האַנט צוקאָפּנס, פּונקט ווי זיין טאַטע, און ס'איז איר מיט אַמאָל געוואָרן פֿאַרדריסלעך, וואָס ער גראָט אין גאַנצן אין פֿאָטער אַריין, ווי ער וואָלט נישט געווען איר זון. דער זיידענער קאַפּל האָט זיך אין שלאָף אַראָפּגערוקט ביי אים פֿון קאָפּ, געבליבן ליגן אויפֿן קישן. דבורהלע האָט פּרובירט אָנטאָן מרדכין דעם קאַפּל, מורא געהאַט אים נישט איבערצוּוועקן, איז זי געבליבן שטיין מיטן קאַפּל אין דער האַנט און געטראַכט, אַז אפֿילו די האָר זיינען אברהמס. גלייכע, שוואַרצע, פֿאַלן אין די אויגן אַריין ווי פּאַסמעס. אירע זיינען דינע, געקרויזטע. און וואָס לענגער דבורהלע האָט געקוקט אויף מרדכין מיט דער פֿרישקייט אין די מאַטע באַקן, מיט דעם שמייכל אַרום די ווינקלען פֿון מויל, איז איר אַלץ וואַרעמער געוואָרן, איר מוטער=האַרץ האָט זיך צעגומען און זי האָט אַליין נישט געוווּסט צי זי וויינט פֿון פֿרייד, וואָס זי האָט קיין עין=הרע אויסגעהאָדעוועט אַזאַ זון, צי זי וויינט, וואָס איר בן=יחיד פֿאַרלאָזט זי איצט. אַ קלייניקייט, אַזאַ ווייטע נסיעה? קנאַפּע פֿינף מעת=לעת זיך שלעפּן מיטן אַקס! און חס ושלום, די שעה זאָל נישט באַשעהען, ס'טרעפֿט אויפֿן וועג... זי האָט נישט געוואָלט קלערן דערפֿון, געמאַכט מיט די ליפּן איבער מרדכיס קאָפּ און אים אָפּגעשפּראָכן אַן עין=הרע.

ברײַנע איז שטיל אַרײַן מיט אַ פֿריש געבאַקענעם קוכן. אַן אָנגענעמער ריח האָט אָנגעפֿולט דעם צימער, פֿאַרכאַפּט דעם אָטעם.

— דאָס געבעקס איז מיר קײַן עין־הרע געגראָטן — האָט ברײַנע אַ גליקלעכע אונטערגעטראָגן דעם קוכן דבורהלען, קלאַפּנדיק בשעת מעשה מיט די פֿינגער אויפֿן ברוינעם אויסגעבאַקענעם באָדעם — זײַט איר, בעל־הביתטישי, אַ מבין ווי לײַכט דאָס איז?

— טאַקע לײַכט — האָט דבורהלע פּרובירט דעם קוכן אויף די שפּיץ־פֿינגער — און וואָס הערט זיך, ברײַנע, מיטן זײַטל־פֿלייש?

— כ'האָב עס נאָך נעכטן אײַנגעפּעקלט און ס'ליגט שוין אפֿילו אין דער בריטשקע אויך!

— ביסטו דאָך טאַקע אַ בריה!

— איר ווייסט עס איצט פֿון הײַנט? — האָט ברײַנע צניעהדיק געשמייכלט.

— הער זיך אײַן, ברײַנע, — האָט דבורהלע געוויזן אויף אַ גרויסער לעדערנער וואַליזע, וואָס איז געלעגן נעבן בעט — כ'גיב אים מיט אויף צוועלף וואָכן וועש. נו טאַקע, אַ ייִנגל אין דער פֿרעמד, ווו וועט ער עס געבן צו וואַשן? וואָס זאָגסטו, ס'וועט זײַן גענוג?

— גענוג, ווי דען... ס'איז די ויותר — —

— ברײַנע, מען טאָר דאָך נישט זינדיקן — האָט דבורהלע צוגעלייגט די האַנט צום האַרץ — מרדכי פֿאָרט דאָך צום רבין, נאָר גלויב מיר, אַז ס'האַרץ טוט מיר וויי, כ'פֿיל שוין, ווי ס'פֿעלט מיר עפּעס אין שטוב!

— ווי דען, כ'גלויב אײַך, בעל־הביתטישי, איך אַליין גיי אַרום ווי אַ נעכטיקע, ווי שוין איר — אַ מאַמע? נאָר צום האַרץ נעמען דאַרף מען זיך נישט, מיר וועלן נאָך אם ירצה השם נחת דערלעבן פֿון אים, איר וועט זען!

— הלוואי, רבונו־של־עולם! — האָט דבורהלע זיך געווישט די אויגן, גענומען אין דער האַנט אַרײַן מרדכיס וועסטל און געוויזן ברײַנען — זעסט, כ'האָב אים דאָ אײַנגענייט פֿינף אימפּעריאַלן. כ'ווייס, אין דער פֿרעמד, ער וועט דאָך מסתמא האָבן אַ צוגעציילטן גראָשן, און בעטן בײַ דער מאַמען וועט ער דאָך אויך נישט קאָנען, טאָ לאָז ער האָבן! וואָס זאָגסטו, האַ? כ'וועל אים גאָר נישט דערציילן. ער וועט עס אַליין

אויסגעפונען, ווער עס איז ליבער זיין, וועט וויסן וואָס אַ מאַמע איז, דאָס וועסטו גייט ער דאָך יעדן טאָג, וואָס זאָגסטו, האַ?

— כ'ווייס, — האָט ברײַנע א קוועטש געטאָן מיט די אַקסלען — גלייכער מען זאָגט אים, מאַלע וואָס... נו, וואָס באַלעמוטשע איך? כ'וועל אַ קוק טאָן וואָס ס'געבעקס מאַכט!

— איך וועל שוין אַ קוק טאָן צום געבעקס — האָט דבורהלע אָפּגעזיפּצט — און דו, ברײַנע, פאַרבינד די וואַליזע און עפן דעם לאָדן, צייט מרדכי זאָל אויפשטיין!

ברײַנע האָט געעפנט דעם לאָדן. אַ כוואַליע ליכט האָט אָפּגעגאָסן דעם צימער, פאַרגאָסן אויף אַ רגע ברײַנען די אויגן און אויפגעוועקט מרדכין.

---

מרדכי האָט זיך כמעט נישט געזעגנט מיט דער מוטער. זי איז געשטאַנען די גאַנצע צייט אויף דער ווערענדע מיט פאַרבראָכענע הענט און געוויינט, געהאַט אַזוי פיל צו זאָגן מרדכין, און אַז ער איז צוגעגאַנגען, גענומען איר האַנט, זי געקושט און געזאָגט: „בלייב געזונט, מאַמע“, איז דבורהלע זיך נאָך שטאַרקער פאַרגאַנגען, אַרומגעכאַפּט דעם זון, פאַרגעסן וואָס זי האָט אים צו זאָגן און אים נישט אָפּגעלאָזט.

— לאָז שוין נעמען אַ סוף! — האָט אברהם אַ בייזער אָפּגערגענומען מרדכין פון אונטער דבורהלעס הענט — ער גייט דאָך נישט פאַר קיין זעלנער אַוועק! אַז דו וויינסט שוין היינט אַזוי, וואָס וועסטו טאָן, אַז ער וועט חתונה האָבן? וויבער בלייבן ווייבער!

ער האָט גענומען מרדכין אונטערן אָרעם, אים אַוועקגעפירט אָן אַ זייט און אים געגעבן די האַנט:

— פאָר געזונטערהייט, מרדכי, זיי מצליח און אַז ס'וועט דיר אויספעלן געלט, נעם ביי אונזער מחותן, ביי ר' יוסלען. ער וועט דיר געבן און דער עיקר — זע, שרייב בריוו!

דער טאַטע מיטן זון האָבן זיך אַ ווײַלע אָנגעקוקט, נישט אַרויסלאָזנדיק איינער דעם צווייטנס האַנט, און יעדער איינער פון זיי האָט געפילט, אַז דער צווייטער האָט עפּעס נאָך וואָס צו זאָגן. ביידע האָבן מיט אַמאָל אַראָפּגעלאָזט די אויגן, ווי זיי וואָלטן פאַרשטאַנען איינער

דעם צווייטנס רעיונות, און שטומע, נישט צופרידענע, וואָס זיי האָבן עפּעס נישט דערזאָגט, זיינען זיי זיך צעגאַנגען.

אַ צערודערטער האָט מרדכי זיך געזעגנט מיט ברײנען, מיט עס־לעכע פישערס, געוואָלט וואָס גיכער איבערקומען און אַריין אין דער בריטשקע. האָט פּלוצים זיך פאַרפּלאָנטערט צווישן זיינע פיס, ווי ער וואָלט זיך אויך געקומען געזעגענען מיט אים. מרדכי האָט אים אָנגע־כאַפּט פאַר דער מאָרדע, אים געגלעט, בשעת־מעשה דערפילט, אַז ס׳איז אים אַליין אויך אַ שאָד אַוועקצופאָרן און ווען דער פאָטער אָדער די מוטער וואָלטן דעמאָלט געלאָזט פאַלן אַ וואָרט ער זאָל נישט פאָרן, וואָלט ער געוויס געבליבן.

מרדכי איז אַריין אין דער בריטשקע, ווו ר׳ איטשע איז שוין גע־זעסן, און מאַרטשין האָט פאַמעלעך גענומען טרייבן די פערד. מרדכי האָט געהערט ווי מען שרייט אים נאָך, געזען ווי די פישערס ציען די היטלען, פּלוצים שפרינגט מיט אַ בילערײַ אויף אַ פריער, אַ פישער כאַפּט אים, האַלט אים צו פאַר די אויערן און מיט אַמאָל האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ברײנע האַלט זיך אָן מיט איין האַנט אָן דער בריטשקע, מאַכט מיט דער אַנדערער צו מאַרטשינען ער זאָל פאָרן פאַמעלעך און טענהט אין אים אַריין אין וועלכן זעקל ס׳פליש ליגט, אין וועלכן די קוכנס. און די זעקלעך זאָל ער נישט אַוועקוואַרפן, זיי צוריקשיקן מיט מאַרטשינען, זאָל אָפּט שרייבן, נישט פאַרשאַפן עגמת־נפש דער מאַמען, דען אַזעלכע מאַמעס זיינען נישטאָ קיין סך! זי האָט דעם זון איינגע־בייט אין ווערטל פינף אימפעריאַלן און אַז ער וועט אויסטאָן פרייטאָג וועש, זאָל ער, למען־השם, אַריינלייגן אינם ציכל מיטן איינזאַק, דען אויף אַזאַ שטיקל וועש איז יעדער אַ בעלן, ס׳איז דאָך ריינער וועב!

און אַז מאַרטשין איז צוגעקומען צום שטיינערנעם פאַרקאַן, האָט ברײנע אַרויסגעשלעפּט פון בוזים אַ ליווענטן טאָרבקעלע און אַ פאַרשעמטע עס אַריינגעשטעקט מרדכין אין דער האַנט אַריין:

— נאַ, מרדכילע, כ׳ווייס, אין דער פרעמד, וועסט האָבן אויף ניס. כ׳בעט דיך, זאָג מיר נישט אָפּ, אין גאַנצן צען פּוילישע גילדן — — — וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן? וועסט עס אויף מיין וואָרט נעמען! נו, באַהאַלט, באַהאַלט, כ׳וועל עס אם־ירצה־השם אָפּנעמען ביי דיר מיט פּראָצענט — — — פאַר געזונטערהייט, גאָט זאָל געבן אַ גליקלעכן

וועג — — — און זי האָט זיך געווענדעט צו ר׳ איטשען — נעמט נישט פאַר אומגוט, ר׳ איטשע, ס׳קאָן זיין כ׳האָב אייך נישט גוט באַהאַנדלט, זייט מיר מוחל, פאָרט געזונטערהייט און טוט למען השם אַכטונג אויף מרדכי׳ן — — —

— גוט, גוט, בלייבט געזונט, ברײנע — האָט ר׳ איטשע זי באַרויקט.

ברײנע האָט אָפּגעלאָזט דעם וואָגן, אים ווידער געוואָלט אָנכאַפּן, איז די בריטשקע דערווייל אָפּגעפאָרן און זי איז געבליבן שטיין מיט אויסגעשטרעקטע הענט און נאָכגעשריען:

— פאָרט געזונט!

— אַ ווילדע יידענע — האָט ר׳ איטשע ווי צו זיך גערעדט.

מרדכי האָט זיך אויסגעדרייט צו ר׳ איטשען, געפילט טרערן אין האַלז און געבליבן אַנטשוויגן. ער האָט געקוקט ווי די פערד הייבן די עקן, ווי זיי גייען באַרג אַרויף, וואַרפן יעדע ווײלע מיט די קעפּ, און די בריטשקע טראָגט זיך מיט אַ געפּילדער איבערן אויסגעשטײנערטן וועג, וואָס פירט פון הויז אין וואַלד אַריין, שפּרינגט דאַכט זיך פון די רעטאָרן אַראָפּ.

די זון איז שוין געשטאַנען הויך אין הימל, געוואַרעמט און צו־געזאָגט, אַז ס׳וועט זיין אַ הייסער טאָג. די לופט איז געווען ריין און בלוי און אַז מען האָט זיך לאַנג איינגעקוקט אין דער בלויקייט, האָט עס געבלענדט די אויגן, איבערגעשטעלט ביימער, קוסטן און פון מאָל צו מאָל האָט אין דער לופט אַ בלישטש געטאָן מיט טראָפּנס פייער. דאָס האָט די ווייסל זיך געשפּילט, זיך געפּליעסקעט, געררופן און געלאַכט מיט אירע מיליאָנען אויגן, זיך געצונדן אין גרין, בלוי, פּאָנס, פאַר־כאַפּט דעם אָטעם און זיך געוויגט, ווי צעפּלאָסן זילבער דורכגעוואָרפן מיט שטיקלעך רעגנבויגן.

מאַרטשין האָט איינגעדרייט אויף אַ זאַמדיקן וועג, וואָס האָט דורכגעשניטן דעם וואַלד, אַראָפּגענומען דאָס היטל פאַר דער שטיינער־נער פיגור, זיך אָפּגעצלמט און אַ פייף געטאָן:

— אַ נו, פרעסערס!

די פערד האָבן אַ כאַפּ געטאָן די בריטשקע, לעבעדיק געלאָפן איבערן זאַמדיקן וועג, וואָס איז געווען באַשאָטן מיט בלעטער און צווייגלעך,

פון מאָל צו מאָל געהירזשעט און זיך געשמיסן מיט די לאַנגע עקן אי־בער די פולע גלאַנציקע זייטן.

מרדכי האָט געוווסט, אַז זיי וועלן פאַרבייפאָרן רחלס הויז און כאָטש ער איז געווען זיכער, אַז רחל איז ניט אין דער היים, האָט ער פונדעסטוועגן געפילט ווי דער אָטעם ווערט ביי אים אָפּגעהאַקט, די קניען ציטערן, וואָס נעענטער די בריטשקע איז צוגעקומען צום הויז. ער האָט באַשלאָסן נישט צו קוקן אַהינצו, פאַרמאַכן די אויגן, האָט זיך, ווי אויף צו להכעיס, בשעת־מעשה דאָס לינקע אויג אויסגעדרייט און גע־קוקט.

אַרום הויז איז געווען שטיל. די פענסטער צוגעמאַכט, און ווען נישט די הינער, וואָס זיינען איבערגעשראָקענע אַנטלאָפן פון מיטן וועג, ווו זיי האָבן זיך געבאָדן אין הייסן זאַמד, און די פּאָר קעזלעך, וואָס זיינען געלעגן אין זעקלעך אויף אַ ברעטל אונטערן פענסטער, צוגעפּרעסט מיט שווערע שטיינער און זיך געטריקנט — וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז אין הייזל וווינט קיינער נישט.

אַ מענטשישער שאָטן האָט זיך אַ שאַר געטאָן אַרום דער סטאָ־דאָלע און איידער מרדכי האָט צייט געהאַט זיך איינצוקוקן איז ער נישט געוואָרן. אַ פאַרציטערטער האָט מרדכי געקוקט מיט ביידע אויגן, דערזען דעם פאַכטער אונטער דער סטאָדאָלע, ווי ער וואָלט זיך פאַר אים באַהאַלטן, און דערפילט ווי מען וואָלט אים אַ שפּיי געטאָן אין פּנים. ער האָט פאַרביסן די ליפּן און אַ טראַכט געטאָן: אַז ווער ווייס? טאָמער איז רחל שוין צוריקגעקומען, ליגט פאַרשלאָסן אין איר חדר, וויינט זיך די אויגן אויס, וואַרט ער זאָל נאָך איר קומען — — ער האָט דאָך געשוווירן, איר צוגעזאָגט — — אָט דאָ, אין דעם פענסטער — — דאַכט זיך מען קוקט אַרויס — — רחל? ער פילט, ווי ס'בלוט זעצט אים אין קאָפּ אַריין. דאַכט זיך, מען רופט אים — — — הא? ער דאַרף נאָר אויסשטרעקן די האַנט און רחל איז זיינע, ער דאַרף נאָר עפענען ס'מויל און מאַרטשין וועט זיך אָפּשטעלן. ווער האַלט אים צו ס'מויל? ווער האַלט אים פאַר דער האַנט? רחל! רחל! ווי ער שרייט, וואָס פאַרע קולות ער מאַכט און קיינער הערט נישט, ווי ס'וואָלטן פאַרוואַקסן געוואָרן ביי אַלע די אויערן — — —

מרדכי האָט געפילט ווי דאָס האַרץ בלוטיקט ביי אים און, ווען ער וואָלט זיך נישט געשעמט פאַר ר׳ איטשען, וואָלט ער זיך פאַנאַנדערגעוויינט. עס האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. אַלץ אַרום האָט שטיל געזונגען, געאָטעמט מיט לעבן און מרדכי איז געווען יונג, איז גענוג געווען, אַז אַ מחנה זונען־פליטערלעך זאָלן אים באַפאַלן, ער זאָל זיך פאַרגעסן. ער האָט געזשמורעט מיט די אויגן, זיך אויסבאַהאַלטן פון די זונען־פליטערלעך און געזען, ווי רחל קומט אַרויס אַן אָפּגעשאָטענע מיט ווייסע בלומען אין די שוואַרצע האָר. זי האַלט זיך פאַרן קורצן אונטערקליידל, קוקט אים אָן מיט גרויסע, דאַכט זיך, קורצזיכטיקע און אין דער זעלבער צייט אַזעלכע טיפע אויגן — האָט מער נישט געקאָנט איינזיצן אין דער בריטשקע, אַראָפּגעשפּרונגען, געפילט אירע האָר, איר לייב — — —

— שעם זיך, האָסט מיך אַזוי לאַנג געלאָזט וואַרטן — — אַלע אין שטוב האָבן זיך גערייצט מיט מיר, געזאָגט, אַז דו וועסט קיינמאָל נישט קומען — — און איך האָב אַזוי געוויינט — — זעסט ווי מיינע אויגן זיינען פאַרוויינט ? גיי, ביסט אַ שלעכטער !

מרדכי האָט זיך אַ טרייסל געטאָן און זיך אַרומגעקוקט. מאַרטשין האָט אָפּגעשטעלט די פערד. פון דער לאָנקע איז אָנגעלאָפן וואַצעק אַ באָרוועסער, אָן אַ היטל. ער האָט געקנאַלט מיט דער בייטש און דער בלינדער אויף איין אויג בורעק איז געלאָפן אויף אַ פריער.

וואַצעק האָט נישט געוווסט וואָס ער האָט צו טאָן. זאָל ער אַ קוש טאָן דעם יונגן „פאַן״ אין דער האַנט אַריין, האָט ער זיך עפּעס געשעמט, פאָרט צוזאַמען געוואַקסן און זיך תמיד מיט אים געשפּילט, און וואָס צו זאָגן האָט ער אויך נישט געוווסט, איז ער געבליבן שטיין און נאַריש געשמייכלט.

— וואָס האָסטו זיך אַוועקגעשטעלט ווי א דראָנג, בהמה דו ? — האָט דער פאָטער זיך אַ בייזער געטאָן — אַז דאָס זעט קיין מענטש נישט, וואַקסט ווילד ווי אַ חיה, קאָן מ׳מויל נישט עפענען ! וואָס שטייסטו, וואָס ? מעלקן וועט מען אַ קו, נישט דיך ! גיב אַ קוש דעם פאַן און גיי צו די בהמות. קוק, ווו די רויטע קו איז שוין !

מרדכי האָט זיך נישט געלאָזט אַ קוש טאָן, איבערגעלאָזט וואַצעקן לעצט־געלט, זיך אַרויסגעבויגן פון דער בריטשקע, אים אַ קלאַפּ

געטאָן איבער דער פּלייצע, האָבן זיי נישט ווילנדיק זיך צעקושט און ביידע האָבן זיך שטאַרק פאַרשעמט.

מאַרטשין האָט אַ יאָג געטאָן די פערד, מכבד געווען די רויטע קו, וואָס איז אַרויס אויפן וועג, מיט דער בייטש און דער בלינדער בורעק האָט זי שוין געטריבן מיט אַ בילערייי צוריק אויף דער לאָנקע.

דער וועג איז געווען לײדיק, זיך געצויגן אין די טונקעלע וועלדער אַריין. די פערד זיינען אַריין אין וואַלד, זיך צעהירזשעט, ווי זיי וואָלטן אַ קאַלטן טרונק וואַסער געטאָן. שטאַרקער געשמיסן מיט די עקן איבער די זייטן און זיך געטראָגן, אפּערוואַרפנדיק מיט די קאָפּיטעס שטיקער ווייכע ערד מיט מאָך. ס'איז געוואָרן קילער. פון ביידע זייטן וועג האָט זיך געצויגן אַן אַלטער, געדיכטער וואַלד. די ביימער זיינען געווען אַזוי פאַרצווייגט און צעוואַקסן, אַז די צווייגן פון ביידע זייטן וועג האָבן זיך כמעט אָנגערירט, נישט צוגעלאָזט די זון און זיך געפלאָכטן איבערן וועג ווי אַ געוועלב. די זון האָט זיך ערטערווייז פאַרגנבעט, זיך דורכגעבראָכן אַ וועג און טיף אין וואַלד האָבן זילבערנע זיילן פליגעלעך זיך געוויגט, זיך אויפגעהויבן איבער די ביימער.

עס איז געווען שטיל, קיל. דאָס קלאַפּן פון די קאָפּיטעס איז געוואָרן בולטער און די פייכטע ערד איז זיך צעלאָפּן און געפידלט אונטער די קלעפּ, ווי גוט אויסגעקנאָטן טייג. ווען ניט ווען האָט זיך אַ פויגל צעשריען, און פון וואַלד, פון אַלע באַשעפענישן, וואָס אין אים, האָט זיך געטראָגן אַ שטיל זשומעריי, וואָס האָט נישט געלאָזט טראַכטן, געשלעפערט און געראָישט אין די אויערן, ווי ים־שקעטעלעך.

די שטילקייט איז מאַרטשינען געקראָכן אין די ביינער. האָט ער אָפּגעלאָזט די לייטשן און זיך צעוויגט אויף דער קעלניע. באַרג אַרויף האָבן די פערד גענומען גיין פּאַמעלעכער. דרעמלענדיק האָט מאַרטשין געפילט, אַז די פערד שלעפּן זיך, פון געוואוינהייט אַ שמיץ געטאָן מיט דער בייטש איבער זייערע קעפּ, אַ בורטשע געטאָן — אַנו, פּרעסערס! — און זיך צוריק צעוויגט.

אויפן בערגל הינטער אַ פאַרטרוקנטן דעמב, ווו אַ בלעכענער, אָפּגעריבענער צלם האָט געהאָנגען, האָט געקניט אַ בעטלער מיט אַ גרויען באַוואַקסענעם קאָפּ און תפלה געטאָן. איבערן צלם אויף אַ נאַקעטער צווייג איז געשטאַנען אַ שוואַרצע וואָראָנע מיט צעשפּרייטע פליגל.

דעם שנאָבל פאַרוואָרפן, געקראַקעט, ווי זי וואָלט מיט אַ שלעכטער בשורה געוועקט די פינסטערע כּוחות פון אַלטן וואַלד, געוואָלט פאַר־שרייען דעם גרייזס שטילע תּפילה.

אויף איר קראַקען האָבן וורואָנעס געענטפערט פון אַלע זייטן. געגומען קלאַפּן מיט די פליגל און אַ מחנה ווי אַ דריי־עק האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין מיטן וועג און אויסגעזען פון דערווייטנס ווי אַ גרויסער, שוואַרצער פליגל.

פון געשריי איז מאַרטשין אויפגעקומען, גענומען טרייבן די פערד. צעיאָגט מיט דער בייטש די וורואָנעס און אַ בייזער אויסגעשפּיגן:

— פאַרשאָלטענע נשמות!

עס איז צוריק שטיל געוואָרן. דער וועג האָט זיך געצויגן באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ און צוריק באַרג־אַרויף. מרדכי האָט געוואָלט טראַכטן וועגן רחלען, וועגן די עלטערן, וועגן קאַצק, נישט געקאָנט, האָט ער פון לאַנגווייליקייט, ווי אַ ייִנגל, זיך אויפגעזוכט, ווי ווייט ס׳אויג האָט געקאָנט כאַפּן, דעם ווייטסטן באַרג־אַרויף און גענומען ציילן ווי לאַנג ס׳וועט נעמען ביז די בריטשקע זאָל דאָרט אַהינקומען. און וואָס נענטער די בריטשקע איז צוגעקומען, איז דער באַרג־אַרויף אַלץ קלענער גע־וואָרן, ביז ער האָט זיך אין גאַנצן אויסגעגלייכט מיט דער ערד. מרדכין האָט באַנג געטאָן, ווי ער וואָלט עפּעס אָנגעוואָרן, אויף דאָס ניי אויפ־געזוכט דעם ווייטסטן באַרג־אַרויף און געווען זיכער, אַז איצט וועט ער אים שוין נישט פאַרלירן. עס איז אים אָבער גיך דערעסן געוואָרן. ער האָט זיך געדרייט אויפן געזעס און מיט אַמאָל אַ צאַפּל געטאָן:

— ס׳איז דאָך אַ פויגל! — האָט אים ר׳ איטשע באַרויקט.

אַ פויגל האָט זיך האַסטיק אַראָפּגעלאָזט פון אַ בוים, אָנגעפלויגן אויף דער בריטשקע ווי אַ שטיין, האָט מרדכי אַ פאַרטראַכטער זיך אַ טרייסל געטאָן, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט געוואָלט דעם שטיין אויסמיידן.

די בריטשקע איז אַרויס פון וואַלד און ס׳איז ליכטיקער געוואָרן אין די אויגן. פון ביידע זייטן פעלד האָבן זיך געצויגן באַוואַקסענע פעלדער, ווי קאָלירטע שטיקער לייוונט. מאַרטשין האָט זיך איבערגע־צויגן, אַרויסגענומען אַ שקעטעלע, געמאַכט פון קאָרע, געטאָן אַ גוטן שניף טאַבעק און זיך צענאָסן.

— דאַנקען גאָט, אַ געדרעטעניש היינטיקס יאָר! — האָט מאַרטשין זיך אויסגעדרייט צו מרדכין און געוויזן אויף די פעלדער — נאָר וויסן, פּאַניע, קאָן מען נישט! וואָס איז געווען פאַראַיאָרן? צוויי וואָכן פאַרן שניט איז אַלץ פאַרבּרענט געוואָרן. גאָט זאָל אויסהיטן, מענטשן האָבן זיך שוין געגנוג אָנגעליטן הונגער — —

פּאַסמעס קאָרן האָבן פאַרכאַפּט דאָס אויג, געקרייצט די פעלדער, זיך געפאַלדעוועט, געבויגן די געלע קעפּלעך. די נאָר וואָס צעבליטע זאַנגען זיינען געווען אַרומגערינגלט מיט קליינע בלימעלעך ווי מיט קרוינען. אַ הייס, שטיל ווינטל האָט קוים אַ בלאָז געטאָן — האָבן די זאַנגען זיך צעוויגט, אָנגעלאָפן אויף די זאַמדיקע פעלדער, ווי אַ ים, און מיטגעבראַכט דעם ריח פון גרויפּן, פון פרישן ברויט. די ריחות האָבן געהאָנגען איבער די פעלדער ווי אַ שטויביקער נעבל, געקרעלט אין האַלז. די גריקע האָט געבליט אין ווייסן, ווי מיט דינע שנייעלעך אָפּגעשאָטן. איבער די זאַנגען איז געהאָנגען אַ פויגל, זיך פאַרגאַנגען, זיך אויסגעמישט מיטן שטילן רויש פון דעם קאָרן און געשלעפערט.

דאָ און דאָרט האָט זיך אַ ברייטביינערדיקער פויער אין מיטן דער לאָנקע אויפגעשטעלט, זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער בלאַנקענדער קאָסע, אָפּגעווישט מיטן לייוונטן העמד דאָס פאַרשוויצטע פּנים, אַרויפגערוקט דעם ברייטן שטרויענעם קאַפּעליוש און זיך איינגעקוקט ווער ס׳פאָרט. דער פויער האָט זיך באַגריסט, נאָכגעקוקט די פרעמדע אין דער בריטשקע, ווי ער וואָלט מיטגעשיקט אין דער ווייטער שטאָט אַריין אַ גרוס, געזען, ווי זיי פאַרשווונדן אין אַ וואָלקן שטויב, און אַ פאַרטראַכטער האָט ער זיך ווידער מיט די אָרעמס צעוויגט, געקלימפּערט מיט דער קאָסע.

מאַרטשין האָט איינגעדרייט. דער וועג איז געלאָפן אָן אַ זייט, געוואָרן אַלץ ברייטער און זאַמדיקער און וואָס מער ער האָט זיך דערווייטערט פון ישוב, אַלץ ווייניקער האָבן זיך געזען תבואות. בלויז קופּקעס גראָז, וואָס וואַקסן אויף זומפּן, האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן. די קופּקעס זיינען געוואָרן געדיכטער, געווען באַדעקט מיט רויר־שטעקעלעך און „טאַטאַרניק". און ווי ווייט ס׳אויג האָט געקאָנט כאַפּן, האָבן זיך געצויגן נאַסע לאָנקעס, אַזש שוואַרץ פון נאַסקייט, און גע־פונקלט אונטער דער זון ווי שויבן.

עס איז געוואָרן מיט אַמאָל אַזוי שטיל, ווי אַלץ וואָלט אויסגעשטאָרבן, ווי דער קלענסטער קלאַנג וואָלט צעשווימען אין דער פייכטער לופט. אַן אומעט איז געלעגן איבער די ברייטע, צעפּאַרעטע פעלדער, אַפּערגעקוקט פון אונטער דעם איינציקן, צעקרומטן בוים, ווי ער וואָלט אַ געלעמטער געבליבן שטעקן אין די זומפּן.

פון הינטער אַ בינטל רויר־שטעקעלעך האָט זיך אויפגעהויבן אַ ווילדע קאַטשקע, געבליבן אַ רגע הענגען אין דערלופטן, ווי זי וואָלט עפּעס אויסגעקוקט, געפּאַטשט מיט די פליגל און נידריק זיך געטראָגן איבער דער לאָנקע.

באַרג אַרויף פון ביידע זייטן וועג זיינען געשטאַנען עטלעכע כאַלופּקעס געדעקט מיט שטרוי. אַ גרויער הונט איז באַפּאַלן די בריטשקע, עטלעכע ביל געטאָן און אַנטשוויגן געוואָרן. בלייכע צעשויבערטע קינדער מיט רויטע אויגן, וואָס זיינען געזעסן אין מיטן זאַמדיקן וועג אַרום אַ פּאַרזעעניש מיט אַ קאָפּ ווי אַ גרויסער אַרבוז, זיינען אויפגעשפּרונגען, איבערגעלאָזט די קאַליקע און זיך צעשאָטן אין אַלע זייטן ווי איבערגעשראָקענע חיהלעך.

מאַרטשין האָט אָפּגעשטעלט די בריטשקע און אַ געשריי געטאָן צו דער קאַליקע:

— וואָס זיצסטו, וואָס, ווי אַ הון אויף אייער? לאָז דורכפאָרן!

— דו זעסט נישט, מענטש דו, אַז כ׳בין פּאַרשאָלטן — האָט דאָס פּאַרזעעניש געענטפערט מיט אַ טעמפּ קול, ווי ס׳וואָלט געקומען פון אונטער דער ערד אַרויס — אָט זיץ איך מיר אין הייסן זאַמד, וואַרעם די פיס, ווערט מיר לייכטער — — —

דער גרויסער קאָלטונעוואַטער קאָפּ איז געזעסן ביז אין דער העלפט אין זאַמד, ווי ער וואָלט אַרויסגעוואַקסן פון דער ערד, געווען צוגעבונדן מיטן נאָפּל צו איר, אַריינגעזויגן די פייכטקייט פון די שטייענדע, פּאַרדימפּעסטע וואַסערן, וואָס אַרום, און אַלץ אין אים האָט דאַכט זיך געשריען: זע, כ׳בין די קללה פון די זומפּן!

ר׳ איטשע איז אַראָפּ פון דער בריטשקע, אַרויפגעלייגט זיין האַנט דער קאַליקע אויפן קאָפּ און אים געפרעגט:

— ווי לאַנג ביסטו שוין קראַנק?

די קינדער, וואָס זיינען זיך צעלאָפן, האָבן ביסלעכווייז זיך צו־געזוקט, געוואָרן דרייסטער און גענומען ענטפערן פאַר דער קאַליקע:

— ער איז אַזוי געבאָרן געוואָרן!

— די אַלטע קראַיעסקאַ, וואָס וווינט אויף די זומפּן, האָט אים פאַרשאַלטן!

— זי איז אַ „טשאַראָווניצע"!

— זיין שוועסטער קראַקעט אויך ווי אַ וואָראָנע!

דאָס פאַרזעעניש האָט געעפנט דאָס מויל, געשמייכלט מיטן לבנה־פּנים, ווי ס'וואָלט אים הנאה געטאָן, וואָס אַלע אינטערעסירן זיך מיט אים און מיט אַמאָל האָט ער אָנגעכאַפּט אַ שייגעצל פאַר אַ פוס, אַרויסגע־בלעקט אַ צונג און זיך צעלאַכט.

ר' איטשע האָט צוגערופן מרדכין,ביידע האָבן דעם קראַנקן שייגעץ אויפגעהויבן, אים אַוועקגעפירט אָן אַ זייט ביז די ברישקע איז דורך און אים צוריק אַוועקגעזעצט אין זאַמד. ר' איטשע האָט דעם קראַנקן איבערגעלאָזט אַ קופּערנעם דרייער, אים געגלעט איבערן קאָפּ, געווונטשן, אַז גאָט זאָל אים העלפן, און אַריין מיט מרדכין אין דער בריטשקע.

מאַרטשין האָט געלאָזט לויפן די פערד. אַליין האָט ער זיך אויס־געדרייט צו זיינע פּאַסאַזשירן, זיי געוויזן אויף אַ הייזל, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ קליינע קעמפּע אין מיטן די זומפּן און אויסגעזען פון דער ווייטנס, ווי אַ צעפאַלענע סוכּה.

— אָט דאָרט וווינט זי?

— ווער? — האָט ר' איטשע געפרעגט.

— די קראַיעסקין, די מכשפה! זי וווינט מיטן טייוול, פּאַניע! דער פּאַן גלויבט נישט? די גאַנצע וועלט ווייס עס! פויערים האָבן זי געזען גיין מיטן טייוול, זיי האָבן אים באַלד דערקענט — געווען דאַר, ווי אַ כאַרט און געדרייט מיטן עק, ווי אַ מאַלפּע.

— און אין „קאָשטשאָל" אַריין גייט זי? — האָט מרדכי געפרעגט.

— פּאַניע, זי קומט צו מאָל נישט אין אַ דאָרף אַריין, ווו ס'איז דאָ אַ „קאָשטשאָל". אַז ביי טאָג גייט זי זעלטן וועו אַרויס, דערפאַר ביי נאַכט, פּאַניע, וואָס דאָרט טוט זיך אָפּ, אַז ס'איז אַ שאַנד צו דער־

צײַלן! זי האָט דאָך דעם גאַנצן געגנט פֿאַרשאָלטן, נישטאָ קײן אײן הויז אויף די זומפּן, ס׳זאָל נישט געבוירן ווערן אַ קינד מיט אַ קאָלטון.

— טאָ פֿאַרוואָס טרײַבן זי די פּויערים נישט אַרויס פֿון דאַנען? — האָט מרדכי ווידער געפֿרעגט.

— באַ — — —

מאַרטשין האָט נישט דערהערט, זיך אויסגעדרייט, אויסגעשפּיגן און גענומען טרײַבן די פֿערד.

האָזן, וואָס זײַנען געזעסן בײַם וועג אויף קופּקעס גראָז און זיך אײַנגעהערט, האָבן אומגעלייגט די אויפֿגעשטעלטע אויערן און איבער־געשראָקענע זיך אַוועקגעלאָזט איבער די פֿעלדער.

מרדכי האָט געקוקט אויף די צעפֿאַרעטע לאָנקעס, אויפֿן שטיבל, וואָס איז געשטאַנען פֿאַרחשכט אין מיטן פֿעלד, ווי ס׳וואָלט איבערגע־ריסן די שטילקייט פֿון די ברייטע פֿעלדער, אַן אומעטיקער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געפּילט, ווי דער שלאָף קריכט אין די אויגן.

פֿאַרטאָג זײַנען זיי אָנגעקומען נאָך פּראַגע און זיך אָפּגעשטעלט אין אַ „זאַיאַזד“. דער „זאַיאַזד“ איז געווען געפּאַקט מיט פֿורן, בריטש־קעס און קאָטשן. אויף די פֿורן זײַנען געלעגן פּויערים מיט די פּנימער אַרויף און געכראָפּעט. אַרום די ווענט בײַ די קאָריטעס זײַנען געלעגן אויף שטרוי פֿערד און געאַרבעט מיט די בײַכער ווי מיט בלאָז־זעק. אַנדערע האָבן געגריזשעט די קאָריטעס, אָפּערגעוואָרפֿן די הינטערשטע פֿיס און געהירזשעט. אין מיטן „זאַיאַזד“ אויף אַ לאַנגע, פֿאַרראָסטעטע קייט האָט געהאָנגען אַ לאַמטערנע, ווו אַ דיק חלבן ליכט האָט געקאָפּטשעט און קוים באַלויכטן די געביידע. בײַם אַרויספֿאָר אין אַ ווינקל איז געשטאַנען אַן אַלטע מיט מאָך באַוואַקסענע ברונע, ווו דאָס וואַסער האָט געשלאָגן ביז צום ראַנד. דאָס שוואַרצע לאָך פֿון דער ברונע האָט אַרויסגעקוקט פֿון דעם האַלב־פֿינסטערן ווינקל און אויסגעזען פֿון דערווײַטנס ווי אַן אויסגעהאַקט אויג.

מאַרטשין האָט אויסגעשפּאַנט די פֿערד, זיי געגעבן אַ טרונק, אײַנגעשיט האָבער און אַריין מיט זײַנע פּאַסאַזשירן צום בעל־הבית. דער בעל־הבית האָט געוווינט אין אַ גרויסע פֿיר־עקיקע שטוב. אין שטוב זײַנען געשטאַנען צוויי בעטן אויסגעשטעלט ווי אַ דלת, אין וועלכע די אייגנטימער פֿון „זאַיאַזד“ זײַנען געשלאָפֿן. אין ערשטן

בעט איז געלעגן אַן אַלטער ייד מיט אַ גרויע באָרד, אין צווייטן — אַן עלטערע יידענע אין אַ ווייסע שלאָף־קופּקע ביז איבער די אויגן. צו־קאָפּנס איז געלעגן אַ שוואַרצע קאַץ. פון דעם בעט האָט זיך געטראָגן אַ משונהדיק וואָרטשען און עס איז שווער געווען צו זאָגן פון וואַנען דאָס קומט — צי פון דער יידענע צי פון דער קאַץ.

אויף דער פּאָדלאָגע זיינען געלעגן פויערים אין די קליידער און געשנאָרכט. אַ גרויסער ציגל־אויוון האָט פאַרנומען כמעט אַ דריטל פון דער שטוב. אויפן אויוון, אַרום אַ גרויסן אייזערנעם טאָפּ האָט זיך גע־טאָפּיעט אַ פייערל. די ווענט זיינען געווען באַהאָנגען מיט שפּאַדלעס, ווידלעס, העק, זעגן און אַ צענדליק פאַרשיידענע בייטשן. אין אַ ווינקל נעבן אַ פּאָליצע מיט אָפּגעשאַרט קופּער האָט געהאָנגען אַ קליין מצהלע אויף אַ ווייס בענדל. די ווענט, די פּאָדלאָגע און די בעטן זיינען גע־ווען באַלייגט מיט פליגן, ווי איבערגעדעקט מיט שוואַרצע פלאַכטעס.

אין שטוב איז געווען דושנע, געשמעקט מיט רויך, און פויערשע מאַכאָרקע האָט שטאַרק געקרעלט אין האַלז.

דער אייגנטימער איז באַלד אויפגעקומען, באַטראַכט די פּאַסאַ־זשירן, זיי געהייסן אַריינלייגן די זאַכן אין אַ גרויסן הילצערנעם קאַסטן און געוויזן מיט אַ גראָבן פינגער אויפן טאָפּ, וואָס איז געשטאַנען אויף דער קיך:

— איר ווילט אפשר אַ גלעזל טיי?

ר' איטשע האָט נישט געענטפערט און זיך געפרעגט ביים ייד:

— אַ בית־המדרש איז ווייט פון דאַנען?

— נישט ווייט, וואַרט אויס אַ מינוט — האָט דער ייד זיך גענו־מען אָנטאָן — כ'גיי אויך.

אין גאַס איז נאָך געווען שטיל. פון יענער זייט בריק האָט זיך שוין געטראָגן אַ ווייט גערויש — דאָס האָט זיך וואַרשע געוועקט. פון אַ זייטיק געסל איז געקומען אָנצופאָרן אַ פּאַכטער מיט מילכיקס. באַלד האָבן זיך גענומען ארויסרוקן פון הויפן ווייבער, מיידלעך, כמעט אַלע אין רויטע, געשטרייפטע אונטער־קליידער, מיט נישט פאַרקנעפּלטע שיך, צעשויבערטע האָר — אַפּנים נאָר וואָס פון די בעטן אַרויס. זיי זיינען באַפאַלן דעם פּאַכטער ווי אַ מחנה בינען. טייל מיט קריגלעך, אַנדערע

מיט פענדלעך, זיינען געקראָכן אויף די רעדער, אויפן וואָגן, אויסגע־שטרעקט די הענט, געשריען, געליאַרעמט:

— מילך, קעז, פוטער!

דער פאַכטער האָט געטריבן די ווייבער פון זיך, געשאָלטן, גע־שלאָגן איבער די הענט — נאָר ווער האָט אים אָבער געהערט.

אַ מגושמדיקער ייד איז געלאָפן פון בית־המדרש מיטן טלית־זאַק אונטערן אָרעם. ער האָט אויפן וועג געקויפט ביי אַ שטעל אַ בינטל ציבעלעס און אַ צופרידענער געשפּאַנט אַהיים — אַפּנים געקלערט וועגן דער שיסל קאַרטאָפל מיט שטשאַוו, וואָס זיין ווייב האָט אים אָנגעגרייט אויפן טיש, ווי ער וועט דאָס איינבראָקן די ציבעלעס אין דער סמעטענע און אַריינכמאַליען, אַז אַ רויך וועט גיין.

פארן בית־המדרש איז געשטאַנען אַ ייד אין אַ פּאָר ווייסע לייוונ־טענע הויזן, אין אַ פאַרמעלט העמד, ווי אַן אויסגעבאַקענער. געשטאַנען איבער צוויי קוישן מיט אייער־קיכלעך.

דער אָפּגעדאַוונטער עולם איז געבליבן שטיין אין פעדער־הויז ביי אַן אָפענעם ספרים־אַלמער, ווו דער שמש מיט אַ פלאַש בראָנפן אין דער האַנט, דעם פראָפן אין מויל, האָט פאַרקויפט וועמען פאַר מזומן, וועמען אויף באָרג אַ שנאַפּס. דער עולם האָט צעכאַפּט די פרישע איי־ער־קיכלעך ווי מצה־וואַסער, זיי פאַרביסן נאָכן שנאַפּס און זיך געיילט אַהיים.

— נישט בחנם זאָגט מען: וואַרשעווער פרעסערס! — האָט דער ייד פון דער אַכסניא זיך צעלאַכט צו ר׳ איטשען.

דאָס בית־המדרש איז געווען געפּאַקט. מען האָט געשפּרייזט אין די טליתים, אין די תפילין. טייל מיט פאַרריסענע קעפּ, פאַרוואָרפענע הענט, אַנדערע האָבן אַריבע־געוואָרפן די טליתים איבער די פנימער, געקלאַפּט מיט די הענט אָן די גלאַנציקע אָפּגעריבענע ווענט, זיך אויסגעטענהט מיטן רבונו־של־עולם אויף פאַרשיידענע אופנים, יעדער אויף זיין שטייגער. אַרום די ווענט ביי ברייטע דעמבאָווע טישן זיינען געזעסן איבער גמרות יונגע־לייט, בחורים, יינגלעך מיט ערב־סטע פנימער, זיך פאַרגאַנגען מיט אַ בענקשאַפט, געלערנט מיט התמדה.

די געשרייען פון די יידן, וואָס האָבן זיך אויף אַ ווײַלע געוואָלט באַפרייען פון דאגת-פרנסה, זיך אָפּשאָקלען פון דער וואָכעדיקייט פאַרן רבונו-של-עולם, זייער זיפצן, זייער פּאַטשן אין די הענט, דאָס שטילע פאַרבענקטע געזאַנג פון די יונגע-לייט, וואָס איבער די גמרות, דאָס אַלץ האָט זיך געטראָגן איבערן בית-המדרש ווי אַ ווײַ-געשריי, בלויז איבערגעריסן געוואָרן ביים אויוון, ווו שנאָרערס זיינען געזעסן מיט אויסגעוויקלטע פּאַפּיראָסן, זיך געקריגט פון נישט האָבן וואָס צו טאָן, זיך געשאָלטן און באַרעדט די גאַנצע וועלט.

ר׳ איטשע האָט גיך, ווי זיין שטייגער, אָפּגעדאַוונט, אַריינגעמאַכט די הענט אין די אַרבל און אַ פאַרמחטער געגומען שפּרייזן איבערן בית-המדרש. ביים אויוון האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. אַ שלעכטער ריח האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין פּנים אַריין, אַז ס׳איז אים אַזש נישט גוט געוואָרן. ר׳ איטשע האָט אַהינטערגעקוקט הינטערן אויוון. אויף אַ צעריבענעם זאַק מיט שטרוי איז געלעגן אַן עלטערער ייד און גע-קרעכצט. דער אַרומיקער עולם האָט אים דערציילט, אַז דער קראַנקער איז אַ פרעמדער, אַן אורח, קומט ערגעץ פון דער ליטע, ליגט שוין דאָ איבער אַ וואָך, טוט אַלץ אונטער זיך און ס׳איז נישטאָ ווער ס׳זאָל אים איבערבעטן.

— וואָס הייסט ס׳איז נישטאָ? — האָט ר׳ איטשע זיך געוווּנדערט — און איר? איר זייט דאָך אויך יידן! ווי לאָזט מען דאָס ליגן אַזוי אַ קראַנקן?

— וואָס דרשנט ער? — האָט אַ שנאָרער געלאָזט פאַלן צווישן דער חברה אַ וואָרט.

— מסתמא אַ מגיד! — האָט אַ צווייטער אונטערגעכאַפּט.

— פעטער, איר קאָנט האָבן ס׳פאַרגעניגן — האָט אַ שנאָרער, בלינד אויף איין אויג, איינגערוימט ר׳ איטשען אין אויער — ווען מאַכט זיך נאָך אַזאַ מצוה?

אַ באַרוועסער יינגל, וואָס איז געשטאַנען צווישן דער חברה, האָט שוין געהאַט צונויפגעדרייט אַ שמאַטע און זי געוואָלט פון דער זייט אַ לאָז טאָן ר׳ איטשען אין קאָפּ אַריין, האָט פונקט דעמאָלט ר׳ איטשע זיך אויסגעדרייט און צוגערופן מרדכין:

— הער זיך איין, מען דאַרף קריגן אַ טאָפּ מיט אַ באַליע. טאַקע באַלד. מיר וועלן מאַכן אין אויוון אַ פייער און אָנוואַרעמען ס'וואַסער. איבריקנס, גיב דעם שמש אַ פּאָר גראָשן וועט ער אַלץ באַזאָרגן!

די שנאָרערס האָבן זיך איבערגעקוקט, געזען, אַז דאָס איז נישט קיין מגיד און יעדער פון זיי איז געווען וויליק צו ברענגען אַ טאָפּ מיט אַ באַליע.

זיי האָבן גענומען קאָנקורירן איינער מיטן צווייטן, זיך געקריגט, געלאָזט אַלץ ביליקער, ביז איינער, נאָך גאָר אַ יונגער, האָט אַלעמען אָפּגעטאָן און זיך אונטערגענומען צו ברענגען אַלץ אומזיסט.

אַז דאָס וואַסער האָט זיך אָנגעוואַרעמט, האָט ר' איטשע איינער אַליין אויסגעטאָן דעם קראַנקן, אים אַריינגעזעצט אין דער באַליע און אים גענומען אַרומוואַשן.

אין בית־המדרש איז מיט אַמאָל געוואָרן שטיל. אַלע זיינען אויפגעשפּרונגען פון די פּלעצער, אַרומגערינגלט דעם אויוון, געקוקט ווי ר' איטשע וואַשט דעם קראַנקן. כמעט אַלע האָבן זיך געהאַלטן פאַר די נעז, אַזוי שווער איז געווען די לופט, געשטאַנען און זיך געוווּנדערט ווי דער פרעמדער איז אויפגערוימט, פאָרעט זיך אַרום דעם חולה, אָטעמט אַריין דעם שלעכטן ריח און טוט צומאָל קיין קרום נישט מיטן פּנים.

ר' איטשע האָט זיך פאַר אַלע אין די אויגן אויסגעטאָן, ווי קיינער וואָלט נישט געשטאַנען אַרום, אַראָפּגענומען פון זיך דאָס העמד, די גאַטקעס, זיי אָנגעטאָן דעם חולה. אים געבענטשט, אויסגעשאָקלט אַלץ געלט פון די קעשענעס, זיי אַוועקגעגעבן דעם קראַנקן און זיך גענומען אנטאָן.

דער עולם איז געשטאַנען פאַרגאַפט, זיך נישט געגלייבט און איינציקווייז איז יעדער צוגעגאַנגען צו מרדכין:

— ס'איז דיין פאָטער.

אַלע האָבן געקוקט אויף ר' איטשעס מאַטן פּנים, אויפן שוואַרצן בערדל מיט די ווייסע קרומלעכע ציינער, געזען דעם שטילן שמייכל אַרום די ליפּן, געזען ווי די גרויסע, שוואַרצע אויגן קוקן מיט אַזוי פיל רחמנות — האָט יעדער אַ ציטער געטאָן, ווי ער וואָלט אים דערקענט, כאָטש קיינער האָט אים קיינמאָל נישט געזען.

ר׳ איטשע האָט זיך שוין געהאַט אָנגעטאָן, געזוכט מיט די אויגן מרדכין, געוואָלט וואָס שנעלער אַרויס פון בית־המדרש, זיין אַליין, איז פונקט דעמאָלט אַריינגעקומען אַ נידריק יידל, זיך איינגעקוקט אין ר׳ איטשען, זיך גענומען דורכשטופן מיט די עלנבויגנס צווישן עולם און זיך צעשריען:

— ס׳איז דאָך ר׳ איטשע!

דער עולם, וואָס האָט איצט געוווסט וועגן ר׳ איטשען פונקט אַזוי פיל ווי פריער, האָט מער נישט געדאַרפט. דער עולם האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו ר׳ איטשען, אים אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן, געגעבן שלום, איבערגעבעטן, אָנגערירט זיינע קליידער. ר׳ איטשע האָט זיך פון דער ערשטער מינוט ווי פאַרלוירן, געבעטן מיט די אויגן מען זאָל אים צורו לאָזן און ביסלעכווייז זיך באַרויקט.

מרדכי האָט קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט פון אים, געזען ווי ר׳ איטשע שטייט צווישן עולם אַ צעשטראַלטער, מיט אַזוי פיל ליבע אין די שוואַרצע אויגן, גיט שלום, בענטשט, און דער עולם קוקנדיק אויף אים האָט פאַרגעסן אָן דער וואָכעדיקייט און זייערע פאַרחשכטע פנימער האָבן זיך גענומען לייטערן.

ר׳ איטשע איז מיט אַמאָל צוגעגאַנגען צו מרדכין, אַרויפגעלייגט אויף אים אַ האַנט:

— קום, מרדכי, מיר מוזן שוין פאָרן, אָבער באַלד! דער עולם ווערט צו גרויס. קום!

---

נאָך מיטאָג האָט מרדכי אַהיימגעשיקט מאַרטשינען, געדונגען אַ בויד נאָך קאָצק און זיי זיינען ווייטער געפאָרן. מרדכי איז געווען פאַרטאָן מיט זיך. ער האָט זיך כמעט נישט אַרומגעקוקט ווו ער פאָרט. בלויז געטראַכט וועגן ר׳ איטשען. ער האָט אפילו נישט באַמערקט, ווי די בויד האָט זיך יעדע ווײַלע אָפּגעשטעלט, אויפגענומען יעדעס מאָל אַן אַנדערן ייד — די יידן, וואָס שלעפּן זיך מיט טלית און תפילין איבער פוילישע וועגן, לאָזן איבער ווייב מיט קינדער, גייען צו פוס פון איין עק פוילן צום צווייטן, גייען צום רבין.

די פערד זיינען האַסטיק געלאָפן, געשיקט פּאָרויס בערג מיט שטויב. די בויד האָט געסקריפּעט, דער קובל, וואָס האָט געהאַנגען צווישן די הינטערשטע רעדער, האָט געקלאַפּט. אַ חסיד האָט אָנגעהויבן אַ זמרל, דער עולם האָט אונטערגעכאַפּט, מיטגעזונגען, גענומען בשעת מעשה אַ שנאַפּס און עס האָט זיך געפילט, אַז מען פאָרט צום רבין.

מרדכי איז געזעסן אָן אַ זייט, געפילט, אַז אַפילו אַזאַ קליינינקייט ווי אַרומצוואַשן אַ קראַנקן וואָלט ער קיינמאָל נישט געקאָנט טאָן. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי אַלע זיינען געשטאַנען, זיך צוגעהאַלטן די נעז. ער אַליין האָט דעם אָטעם נישט געקאָנט כאַפּן, און ר׳ איטשע האָט זיך צומאָלט קיין קרום געטאָן, אַריינגעטעטעמט דעם שלעכטן ריח און גע־וויזן, אַז אַ מענטש דאַרף זיך קאָנען אויסטאָן פון דער וועלט. ער האָט באַשלאָסן צו גיין אין ר׳ איטשעס דרכים, וועט מער אין וואַלד אַריין נישט פאָרן, בלייבן אין קאָצק און זיך איבערגעבן מיטן גאַנצן האַרצן צו עבודת־הבורא. און רחל? ער האָט פאַרקוועטשט די אויגן און ס׳איז אים מיט אַמאָל איינגעפאַלן, אַז די פור צעברעכט זיך, אָדער ווער ווייס? ער ווערט מיט אַמאָל קראַנק, שטאַרק קראַנק, אַזוי, אַ שטייגער, אַ געוואַלדיקער טיפוס, צי אַ לונגען־אָנצינדונג. נו, וואָלט ער שוין צום רבין נישט געפאָרן, מען וואָלט באַלד אויסגעדרייט מיט דער בויד, צו־ריקגעפאָרן אין וואַלד אַריין. און דער טאַטע וואָלט געטענהט צו דער מאַמען, אַז מרדכי איז קראַנק, געפערלעך קראַנק אַלץ איבער רחלען... און זי ברענגען צו פירן פאַסט נישט... און ער ליגט אין אַ געפערלעכע היץ. מישט... און מיט אַ מאָל מרדכי איז געשטאָרבן...

מרדכי האָט זיך ווי אויפגעכאַפּט, געהאַט פאַרדרוס, וואָס אַזעלכע נאַרישקייטן קריכן אים אין קאָפּ אַריין, זיך אויסגעריבן די אויגן און זיך אַרומגעקוקט.

אין דער בויד זיינען געזעסן עטלעכע חסידים ביי צעעפנטע פעק־לעך, געגעסן ציבעלעס מיט ברויט און זיך איינגעהערט, ווי אַן עלטע־רער חסיד האָט געהאַלטן אין מיטן דערציילן:

„— — — פאַרנאַכט איז די רביצין אַריין, אַרויסגענומען פון דעם ספרים־אַלמער אַ פסוק „איוב“ און אונטערגעטראָגן דעם רבין. דער רבי האָט זיך גלייך אויפגעשטעלט, אַוועק אין מקוה אַריין און נאָך קבלת־

שבת האָט ער געהייסן חיימען זינגען. האָט אים דער אַלטער חיים, אַ בן־בית, געפרעגט:

— ס׳טייטש, רבי, ס׳ליגט דאָך אַ מת אין הויז. איר זייט דאָך אַן אבל?

— חיים — האָט דער רבי אים געענטפערט — אום שבת דאַרף אַ ייד פריילעך זיין, זינג!

מרדכי האָט באַטראַכט די חסידים, וואָס שלעפּן זיך שוין וואָכן הינטערוועגנס, לעבן מיט ציבעלעס, לאָזן אין דער היים ווייבער מיט קינדער און די ליבע צום רבין איז אזוי גרויס, אַז נישט קוקנדיק אויף אַלע צרות, לאָזט מען זיך צופוס צום רבין. און ער, מרדכי? פאַרט ווי אַ שררה, האָט מיטגענומען עסן פאַר אַ מנין מענטשן, האָט צופיל געלט און שלעכטע מחשבות לאָזן אים נישט אָפּ.

אַ דערשלאָגענער האָט זיך מרדכי אויסגעצויגן אויפן בינט שטרוי, זיך געפילט זינדיק, געטראַכט, אַז ער מוז אַנדערש ווערן, אַז ער וועט בעטן ביים רבין ער זאָל אים מדריך זיין, אַז — — —

פון די ברייטע פעלדער איז אָנגעלאָפן מיט אַ פייפעריי אַ ווינט, זיך אַוועקגעשטעלט אין מיטן שאָסיי, זיך גענומען דרייען אַרום זיך ווי אַ שרויף, אַריינגעכאַפּט בלעטער, שטרוי, אַלץ, וואָס ס׳איז אונטערגעקומען און אויפגעהויבן דעם שטויב ביז צום הימל. מיט אַמאָל איז פינסטער געוואָרן — אַ שוואַרצע כמאַרע האָט זיך נידריק צעלייגט איבער די קעפּ, ווי זי וואָלט זיך געקליבן אַראָפּצופאַלן. די פערד האָבן אָנגעהויבן צו ניסן, געשמיסן מיט די עקן, געהויבן די אויערן ווי פאַר אַ געפאַר און זיך געטראָגן מיט דער בויד. די כמאַרע האָט זיך אָנגעצונדן, באַלד האָט אַ דונער זיך גענומען קייקלען, אַ קנאַל געטאָן, ווי ער וואָלט דעם הימל אין צווייען צעריסן, און גרויסע טראָפּנס, ווי האָגלען, האָבן גענומען פאַלן. דער עולם האָט זיך געוויצלט, נישט מורא געהאַט פאַרן רעגן, געוווּסט ער וועט באַלד אויפהערן, ס׳איז אַ זומערדיקער. דער רעגן איז געוואָרן שטאַרקער, געגאָסן שנורנוויז. די בויד האָט זיך אָפּגעשטעלט. די פּאַסאַזשירן זיינען אַלע אַרונטער אונטערן וואָגן. מרדכי האָט איבערגעדעקט ר׳ איטשען מיט אַ דיקן זאַק. אַליין האָט ער אָפּגעבונדן דעם קופּל פון צווישן די הינטערשטע רעדער, זיך אויף אים אַוועקגעזעצט און געקוקט ווי דער רעגן שמייסט.

די פערד האָבן זיך געשוועננקט, זיך געטוליעט, אַראָפּגעלאָזט די קעפּ, און אין די שטומע, באַרישע מאָרדעס איז געלעגן אַזאַ טעמפּע אומבאַהאָלפנקייט, וואָס האָט ביי יעדן אַרויסגערופן רחמנות.

עס איז געוואָרן ליכטיקער — דער רעגן האָט אויפגעהערט. די פעלדער, די ביימער, די גראָזן, אַלץ האָט זיך נאָכן רעגן ווי געעפנט און די לופט איז געוואָרן פרישער.

---

ביי נאַכט האָט זיך מרדכי אויפגעכאַפּט, אַלע אין דער בויד זיינען געשלאָפן מיט די פּעקלעך צוקאָפּנס. אַ שטאַרק בענקעניש האָט אים מיט אַמאָל אַרומגענומען, חשק געהאַט אויסצודרייען דעם וואָגן, אין כּעס געוועזן, וואָס דער בעל־עגלה שלעפּט זיך אַזוי פּאַמעלעך מיט די פערד, ווערט פון קיין זאַך נישט נתפּעל. דער בעל־עגלה אַ גרויער, אין דרייען אַ געבויגענער, איז מאָדנע געזעסן אויף דער קעלניע, געקוקט מיטן רעכטן אויג אויף די פּאַסאַזשירן און מיטן לינקן אויף די פערד. מרדכי האָט געזען, ווי זיין אייגענער שאָטן לויפט נאָכן וואָגן, הויבט זיך, טאַנצט ווי אַ לץ. האָט ער זיך גענומען טוליען, געפילט ווי אין האַרץ ביי אים נעמט עפּעס וואַקסן, שפּאַרט זיך אין האַלז אַריין און די אויגן פאַרציען זיך מיט אַ הייטל. דער כּעס איז פון אים אַוועק, געפילט בלויז אַ בענקעניש און ער וואָלט דעמאָלט אַלץ אַוועקגעגעבן צו זיין מיט רחלען — — — ער איז געוועזן זיכער, אַז ער וועט שוין מיט איר קיינ־מאָל נישט רעדן, זי וועט חתונה האָבן פאַר אַ שמיד, צי פאַר אַ פּאַכ־טער — — — ווייטער האָט מרדכי נישט געקאָנט ציען דעם געדאַנק, פאַר־ביסן די ליפּן, געלעגן אַ שטומער און אַלץ אין אים האָט געוויינט.

מרדכי האָט זיך באַגעגנט מיטן בעל־עגלהס רעכטן אויג און אַ ציטער געטאָן. פאַרוואָס שלאָפט ער נישט. שלעפּט זיך ס׳גאַנצע לעבן איבער די שאָסייען, זיצט תּמיד אויף דער קעלניע, וואַרפט מיט די אויגן ווי אַ שד.

— זיידע, איר שלאָפט?

דער אַלטער האָט זיך קיין ריר געטאָן, ווי מען וואָלט צו אים נישט גערעדט און געענטפערט:

— ניין, וואָס איז דען?
— און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איר דרעמלט.
דאָ האָט זיך דער בעל־עגלה אויסגעדרייט מיטביידע אויגן צו מרדכין:
— אַי, קינד מיינס, נישטאָ די אַלטע צייטן! אויף דער עלטער שלאָפט זיך נישט! מען בעט דעם רבונו־של־עולם מען זאָל אַלט ווערן, נאָר גלויב מיר, בחורל, איידער צו זיין אַ שברי־כּלי איז בעסער — — — המ׳, מען טאָר דאָך נישט זינדיקן, ווי שטייט דאָרט: „אל־תשליכני לעת זקנה" — — — זעסט, פריער ווען מיין אַלטיטשקע, צו לענגערע יאָר אונז, האָט געלעבט פלעג איך לאָזן די פערד פּאַמעלעך איבערן טראַקט און אַליין זיך צושפּאַרן, כאַפּן אַ דרעמל, נאָר צייט זי איז געשטאָרבן, זאָג איך דיר, אַז כ׳בין אויס מענטש. אין שטוב אַריינקומען קאָן איך נישט, עס יאָגט, ברודער! ווי שדים וואָלטן זיך אָפּגעריסן! פּוסט אין יעדן ווינקל! קיין קינד, קיין רינד, נישטאָ מיט וועמען קיין וואָרט אויסצורעדן! כ׳מוז זיך אַליין אויף דער עלטער קאָכן אַ לעפל געקעכץ! זעסט, אויף דער קעלניע ביי נאַכט איז מיין בעסטער פאַרגעניגן! כ׳זיץ מיר, לאָז נאָך די פערד און קלער וועגן מיין אַלטיטשקע, כ׳שמועס זיך מיט איר דורך — — —
דאָ איז דעם אַלטנס קול הייזעריקער געוואָרן און ער האָט זיך אויסגעדרייט.
מרדכין איז קאַלט געוואָרן פון בעל־עגלהס רייד. ער האָט לאַנג געטראַכט וואָס צו זאָגן דעם אַלטן, אים געוואָלט טרייסטן, אויף ר׳ איטשעס שטייגער, נאָר גאָר נישט געקאָנט צוטראַכטן. דער אַלטער איז אים איצט ליב געוואָרן. ער האָט אַרויסגענומען פון דער וואַליז אַ פלעשל בראָנפן און אים מכבד געווען.

---

פאַרטאָג האָט די בויד זיך אָפּגעשטעלט אין אַ דאָרף נעבן אַ שענק. די פּאַסאַזשירן האָבן זיך אויסגעטשוכעט, נישט געגלויבט, אַז זיי זיינען דורכגעפאָרן שעדליץ, אַז זיי זיינען נישט ווייט פון לוקאָוו, און צופרידענע אַריין אין שענק.

איבער דער שענק האָבן זיך אַרומגעדרייט עטלעכע חסידים אין די טליתים און געדאַווענט אויפן קול. אויף דער פּאָדלאָגע, אויף לאַנגע בענק, אונטער די טישן זיינען געלעגן יונגע־לייט, עלטערע חסידים מיט יינגלעך, הענט און פעקלעך צוקאָפּנס, און געשלאָפן. ביי אַ לאַנגן טיש זיינען געזעסן עטלעכע פּויערים איבער קופליעס ביר און זיך דער־ציילט מעשיות. פון מאָל צו מאָל האָט זיך אַן אַנדער ייד אָפּגעשטעלט נעבן די פּויערים, אַרויפגערוקט דעם טלית, נישט אויפגעהערט צו דאַווענען און זיך צוגעהערט, וואָס די פּויערים שמועסן. אין אַ ווינקל אויף אַ קליין טישל איז געזעסן אַ דאָרף־שניידער. דער שניידער מיט אַ פּאָר רויטע אויגן, אַ פּאָר שפּאַקולן אויף דער שפּיץ נאָז, ווו איין גלעזל האָט געפעלט, אַ צונויפגעקנייטשטע, פּאַפּירענע מאָס אויפן האַלז, איז געזעסן אַן איינגעקורטשעטער, די באָרוועסע פיס אונטער זיך, און גענייט אַ כאַלאַטל פאַרן שענקער.

דער שענקער, אַ געזונטער, רויטער ייד, מיט אַ לאַנגע, רויטע באָרד, איז געזעסן ביי דער צאָל־באַנק אויף אַ געפלאָכטן בענקל, גע־האַלטן אַ קליין, פעט קינד אין אַ קורץ העמדעלע און עס געפּאַשעט מיט געווייקטע זעמל און געצוקערטן טיי. דאָס קינד האָט פאַרריסן אַ קורץ, פעט פיסל און זיך פאַרטראַכט אויף דעם קליינעם קעצל, וואָס האָט זיך געשפּילט מיט דער לאַנגער ציצה פון דעם שענקערס טלית־קטן. דער שענקער האָט גענומען אַ לעפעלע „פּאַפּע“, לאַנג געבלאָזן, עטלעכע מאָל פּרובירט מיט זיין גרויסן צונג, געעפנט דעם קינד איבער געוואַלט דאָס מיילעכל און אַריינגעפּאַקט, ווי מען פּאַשעט אַ גאַנז. דאָס קינד האָט זיך געשטיקט, אַראָפּגעשלונגען און זיך צעוויינט.

— כ׳וועל מיר אַ מעשה אָנטאָן — האָט די שענקערין, אַ קליין, שוואַרץ ווייבעלע געשריען, אַרומגעלאָפן צווישן די געסט און זיך גע־וואַקלט אונטער דער משא פון איר טראָגנדיקן בויך — וואָס איז שוין ווידער? מען זאָל זיך נישט קאָנען פאַרלאָזן אויף אַ האָר?!

דער שענקער האָט נישט געענטפערט, ער האָט געקלימפּערט מיטן לעפעלע אין גלאָז אריין, דאָס קינד האָט זיך פאַרגאַפט און שטיל גע־בליבן.

מרדכי מיט ר׳ איטשען האָבן זיך געשטעלט דאַווענען. דער עולם האָט זיך ביסלעכווייז אויסגעטשוכעט, זיך אויפגעהויבן פון דער פּאָדלאָגע,

אַראָפּ פון די בענק, אַפּערגעקראָכן פון אונטער די טישן און אין שענק איז געוואָרן אַן אמתער יריד.

די חסידים האָבן זיך גרופּירט לויט די שטעט. דעם סאַמען מיט האָבן פאַרנומען די וואַרשעווער, זיי האָט מען גלייך דערקענט. די ריפּ־סענע קאַפּאָטעס זיינען געווען ביז צום טריט, געלעגן אויף יעדן ווי אויסגעגאָסן: די זאָקן ווייס, ווי מען וואָלט זיי נאָר וואָס געוואַשן; די סאַמעטענע, זיידענע היטלען מיט די ברייטע דענקעס, וואָס האָבן זיך אַזש געלייגט איבער די אויערן, די געפּאַסטע שטריימלען מיט וואַקלענדע עקן, ווי גלעקלעך, אַלץ האָט געשריען — דרך ארץ, כ׳בין אַ וואַרשעווער! אַלע האָבן מיט אַמאָל גערעדט, געגאָדערט אויף אַ ברייטער, וואַרשעווער אויסשפּראַך, זיך געקאָכט, פון יעדער נאַרישקייט נתפּעל געוואָרן און געשטיפּט מיטן שענקערס ווייבל, מיט דער שיקסע, וואָס איז געשטאַנען אין אַן אָפּענעם אַלקער איבער אַ באַליע וועש. זיי האָבן כמעט קיין פּעקלעך נישט געהאַט, געפאָרן צום רבין לייכט, ווי מען גייט און שטייט, מיט די שטעקעלעך אין די הענט. געצאָלט דעם שענקער מזומן — זיינען זיי טאַקע געווען די אָנגעזועענסטע געסט.

אַרום די וואַרשעווער האָט זיך גרופּירט די פּראָווינץ — פאַרטראַכטע יידן אין שווערע ריפּסענע קאַפּאָטעס, וואָס האָבן אַ טבע, אַז מען שטעלט זיי אַוועק, שטייען זיי ווי בלעכענע. די שטיוול נישט אויסגעאַרבעטע, פון איין שטיק לעדער. די טוכענע און סאַמעטענע היטלען מיט קנעפּ אין דער מיט און די ברייטע קעלנער פון די העמדער, וואָס פאַלן איבער די אַקסלען, האָבן זיך ביי טייל פאַרבונדן אונטערן האַלז מיט בענדלעך און ביי אַנדערע געשטאַנען אָפן. זיי האָבן מיט זיך מיטגעפירט גאַנצע זעק מיט עסן, געזעסן אויף די פּעק, זיי געהיט, אויסגעמיטן די וואַר־שעווער, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט, מען זאָל זיי נישט אָפּנאַרן. זיי האָבן ווייניק געגעבן צו לייזן. זיך געחדושט און באַדויערט, וואָס די וואַר־שעווער וואַרפן זיך מיטן געלט, צעטרענצלען די לעצטע פּאָר גראָשן.

יעדע פּאָר מינוט איז אין אַן אַנדער ווינקל אויסגעוואַקסן אַ מנין, מען האָט אָנגעטאָן טלית און תפילין, זיי גלייך אַראָפּגענומען און אַ פּלאַש בראָנפן האָט שפּאַצירט פון מויל צו מויל.

אין אַ זייט איז געשטאַנען אַ יונגערמאַן, איינגעהילט אין אַ טלית, זיך געקלאַפּט מיט די פויסטן אין האַרץ אַריין, זיך געוואָרפן אין אַלע

זייטן, זיך געשלאָגן קאָפּ אָן וואַנט און פון מאָל צו מאָל אַרויסגעלאָזט נישט קיין מענטשישן געשריי.

טייל האָבן זיך געוויצלט, אַנדערע, מיט אָפּענע, פאַרחלומטע פּנימער, האָבן זיך פאַרטראַכט, נחת געהאַט — אַזוי יונג און אַזאַ התלהבות.

אַ וואַרשעווער מיט אַ סאַמעטן היטל איבערן אויער איז אונטער־געגאַנגען צום יונגן־מאַן און אים איינגערוימט, אַז די גאַנצע שענק האָט געהערט:

— וואָס ממיתטו זיך אַזוי? געהאַט לייליתן צו חלום די נאַכט?

דער יונגערמאַן האָט נישט געענטפערט, ווי נישט צו אים וואָלט מען גערעדט, און ווייטער זיך געשאָקלט.

-- אויב דו שטעלסט נישט קיין בראָנפן — האָט דער וואַרשעווער אים אָנגענומען פאַרן טלית — לאָזט מען דיך נישט דאַוונען!

דער יונגער מאַן האָט זיך אויסגעגלייכט, אָנגעקוקט דעם וואַר־שעווער, זיך געבעטן ביי אים מיט די אויגן ער זאָל אים צורו לאָזן, צוגע־לייגט די פינגער צום מויל און געוויזן, אַז ער טאָר נישט מפסיק זיין.

מרדכי האָט פונקט געהאַט אויסגעטאָן די תפילין, געהאַלטן אין מיטן אַראָפּציען דעם אַרבל, נישט געקאָנט זען ווי דער וואַרשעווער שטייט צו צום יונגן־מאַן, איז ער פון כעס אונטערגעלאָפן, אָנגעכאַפּט דעם וואַרשעווער פאַרן קאָלנער און אים אַ שיק געטאָן מיט אַזאַ אימ־פּעט, אַז יענער האָט פאַלנדיק אומגעוואָרפן צוויי יידן.

ס'איז געוואָרן אַ רעש. די וואַרשעווער האָבן אַרומגערינגלט מרדכין, געהויבן די שטעקענעס, געשריען מען זאָל אים אַריבערוואַרפן איבער אַ טיש, מאַכן אַ „משכנתא". מרדכי איז געשטאַנען רויק, אַראָפּ־גענומען פון דער צאָל־באַנק אַ קופּעל און געוואַרט, וואָס דאָ וועט ווערן.

אַ הויכער ייד, אַ באָרוועסער, אין צעריסענע קליידער, מיט אַ באַוואַקסענעם קאָפּ האָר, איז אַפּער פון אונטער אַ טיש, זיך דורכגע־שטופּט מיט די עלנבויגנס אַ וועג און געהאַלטן אין איין שילטן:

— פּרעסערס, זולל־וסובאס, ירבעמס, נישט געגוג, וואָס איר זינ־דיקט, קאָנט איר נישט זען ווי אַ צווייטער דאַוונט מיט כונה? וווהין פּאָרט איר? צום פּושע ישראל? ער טרייבט דאָך אייך פון זיך! זיצט

און חקרנט זיך! קיין רוח=הקודש איז שוין דאָרט נישטאָ, געבליבן בלויז מח, אויסגעטריקנטער מח, איר הערט?

אַלע האָבן פאַרגעסן אָן מרדכין, אַרומגערינגלט דעם באָרוועסן ישׂראל, אָדער ווי מען האָט אים גערופן דעם „קאָצקער מוסרניק". ער איז געווען דער איינציקער, וועמען דער רבי האָט ערב יעדן יום=כּפּור אַריינגערופן צו זיך אין חדר און אים געהייסן זיך מוסר זאָגן. די חסידישע לעב=קינדער האָבן אים פיינט געהאַט און ווען נישט די פרומע חסידים וואָלט מען אים קיין קאָצק נישט אַריינגעלאָזן. איצט ווען ער האָט געשאָלטן דעם רבין, האָבן די וואַרשעווער געהויבן די שטעקנס, די פויסטן, געשריען:

— שווייג, עזות=פּנים! דרך=ארץ!

— נעמט אים אויף אַ משכּנתּא, — האָט זיך איינער אָנגערופן — וואָס שטייט איר?

— רוקט צו אַ באַנק!

— וואַרפט אים אַריבער!

— אָט אַזוי!

פונקט דעמאָלט, ווען די וואַרשעווער האָבן אַ הויב געטאָן דעם באָרוועסן ישׂראל איבער דער באַנק, איז ר׳ איטשע ווי אויסגעוואַקסן פאַר אַלעמענס אויגן. ער איז געבליבן שטיין אין דער מיט, קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. זיין מאַט פּנים איז געווען מיד, ווי עס וואָלט זיך זייער אָנגעשטרענגט, די אויגן האָבן געקוקט מיט אַזוי פיל צער, אַז אַלע אַרום האָבן זיך פאַרלוירן און ביסלעכווייז זיך גענומען רוקן אויף צוריק.

די וואַרשעווער האָבן אָפּגעלאָזט דעם באָרוועסן ישׂראל. ער איז אַראָפּ פון דער באַנק, אַ צי אַרויף געטאָן די הויזן, געמאַכטע פון זאַלץ=זעקלעך, און איידער וואָס, ווען, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן, ווי גרויס ער איז געווען, ר׳ איטשען צו די פיס, זיי אַרומגעכאַפּט, געקושט און געשריען:

— רבי, זיי אונז מדריך! דו ווייסט דאָך, אַז מיר זיינען אָן אַ פּאַסטוך, אַז די אמתע חסידים וואַלגערן זיך ביי פרעמדע טישן, קאָנען מער קיין קאָצק נישט קומען — — — נישטאָ מער קיין רוח=הקודש,

נישטאָ! די שכינה האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן, טאַנצן דאָרט שדים אום — — — רבי, זיי אונז מדריך!

— אוי לאזנים שכך שומעת! — האָבן עטלעכע חסידים אַרויסגע־שריען.

— מען דאַרף אים עוקר מן השורש זיין! — האָט זיך איינער אָנגערופן.

אַן עלטערער חסיד מיט פּאַרקוועטשטע פּויסטן האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום בּאָרוועסן ישראל, אים געוואָלט צעטרעטן מיט די פיס, ממיתן, ער איז מיט אַ מאָל שטיין געבליבן פאַר ר' איטשען, נישט גע־קאָנט קיין טראָט טאָן ווייטער, ווי ער וואָלט פּאַראַליזירט געוואָרן.

ר' איטשע איז נאָך בלאַסער געוואָרן, אויפגעשטעלט ישראלן און שטיל געזאָגט:

— זינדיק נישט, ישראל. ר' מענדעלע איז דער צדיק־הדור. פאָר און בעט ביי אים אַ תשובה.

דער עולם האָט זיך אַ שטעל געטאָן אויף די שפּיץ פינגער, זיך אַ שפּאַר געטאָן צו ר' איטשען, געוואָלט אויפכאַפּן זיינס אַ וואָרט.

ר' איטשע האָט אָנגענומען דעם בּאָרוועסן ישראל פאַר אַ האַנט, אים אַריינגעפירט אין אַ זייטיקן חדר און פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר.

דער עולם האָט זיך געקאָכט. צעפאַלן אין קופּקעלעך, געשריען, געאַרבעט מעשים. באַלד איז די שענק צעטיילט געוואָרן אין גרופּן. איינע האָט געטענהט, אַז מען טאָר ישראלן נישט אַריינלאָזן נאָך קאָצק. די אַנדערע האָט געזאָגט, אַז ווי באַלד ר' איטשע שיקט אים צום רבין נאָך אַ תשובה, דאַרף זיך קיינער נישט מישן.

מרדכי איז געשטאַנען אַן אַ זייט, געקוקט ווי דער עולם קאָכט זיך, פאַרגעסן, אַז איבער אים איז די גאַנצע חתונה אַרויסגעקומען און געטראַכט, צי ער וואָלט געקאָנט זיך אַוועקשטעלן פאַר אַן עדה יידן, ווי דער בּאָרוועסער ישראל, און זיי שטראָפן, זאָגן מוסר. מרדכי האָט באַמערקט, ווי פון אַ ווינקל קוקט מען אויף אים. ער האָט זיך איינגע־קוקט אין פרעמדן און געוועזן זיכער, אַז דאָס פּנים איז באַקאַנט, האָט עס ערגעץ וווּ געזען. ער האָט זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון דעם פרעמדנס בליק, געפילט ווי עמעצער זיצט ביי אים אין מוח און בלע־טערט. איז אים מיט אַ מאָל אַרויפגעקומען אויפן געדאַנק דער זיידע, ווי ער

האָט אים באַגנבעט, אַבי צו פאַרן נאָך קאָצק און אים איז ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. דער פרעמדער איז געווען דער יונגערמאַן, מיט וועלכן ער האָט געלערנט, ווען דער זיידע איז שלאָף געוואָרן. ער האָט אים געוואָלט אויסמיידן און איז אַריין צווישן דעם עולם. דער יונגערמאַן האָט אים אָפּגעשטעלט:

— מרדכי, דערקענסט מיך נישט?

— אה, שמואל — האָט זיך מרדכי אַ כאַפּ געטאָן ווי אַן איבערראַשטער — ביסט שוין לאַנג פון פלאָצק?

— כ'בין שוין באַלד דריי וואָכן אונטערוועגנס — האָט שמואל אַריינגעמאַכט די גראָבע פינגער פון די הענט אין גאַרטל און זיך געוויגט פון איין פוס אויפן צווייטן — הייסט עס, זעען מיך זיך ווידער! אינש באינש פגע, האַ? פאָרסט אַליין?

— ניין, מיט ר' איטשען.

מרדכי האָט באַמערקט, אַז שמואל האָט קוים אַ שמייכל געטאָן, ווען ער האָט געהערט ר' איטשעס נאָמען.

— וואָס זאָגסטו אויף ישראלן? — האָט שמואל געפרעגט אבי עפּעס צו זאָגן — כ'האָב שוין פון עטלעכע חסידים געהערט, אַז אין קאָצק איז עפּעס נישט גלאַטיק — — —

— וואָס מיינסטו? — האָט מרדכי אים גלייך געקוקט אין די אויגן.

— כ'מיין — האָט שמואל געצויגן די ווערטער, ווי ער וואָלט דערמיט בדעה געהאַט צוצוגעבן זיינע רייד מער געוויכט — מען זאָגט דער רבי נעמט קיינעם נישט אויף, גיט אפילו קיין שלום נישט, זיצט פאַרמאַכט אין זיין חדר, צייט דאָס אומגליק האָט פּאַסירט — — —

— וואָס פאַרע אומגליק? — האָט מרדכי געעפנט אַ פּאָר אויגן.

— דו ווייסט גאָר נישט? — האָט שמואל זיך געוווּנדערט, זיך ארומגעקוקט צי קיינער הערט נישט אונטער — פאָרסט מיט ר' איטשען און ווייסט גאָר נישט?

ער האָט גענומען מרדכין אונטערן אָרעם, אים אַרויסגעפירט פון שענק און שפּאַצירט מיט אים איבערן הויף.

— הייסט עס, האָסט גאָר נישט געהערט, וואָס אין קאָצק האָט זיך פאַרלאָפן?

— ניין.

שמואל האָט שטילער גענומען רעדן, זיך צוגעבויגן צו מרדכין, ווי ער וואָלט אים איינגערוימט אַ סוד און אים אָפּגעשטעלט:

— מען זאָגט, אַז דער רבי האָט בפני כל עם ועדה אויסגעשריען — לית דין ולית דין! — — דער עולם פאַרשטייט זיך איז נשתומם געוואָרן — — די מקורבים האָבן מורא געהאַט, דער רבי זאָל נישט פאַרטרייבן דעם גאַנצן עולם, לאָזט מען קיינעם צו אים נישט צו. אין הויף ביים רבין, שמועסט מען, איז חשך. דער רבי וויל אַרויס צום עולם, קלאַפּט מיט די פויסטן אין דער פאַרמאַכטער טיר, שילט — — פאַרשטייסט וואָס דאָס הייסט? דו קאָנסט עס משיג זיין? ר' מענדעלע איז דאָך דער אמתער גאון, דער צדיק־הדור, און זיין שאַרפער, קלאָרער מוח האָט דערפילט אין זיך דאָס אמתע וואָרט, שפּאַרט מען אים איין אין אַ חדר, מען איז מדחיק דעם קץ — — — פיל חסידים האָבן שוין אויפגעהערט צו פאָרן צו אים — — — און מען שמועסט, אַז דער גרויסער עולם וועט פאָרן צו ר' איטשען — — —

מרדכי איז צעטומלט געוואָרן, נישט געגלויבט זיינע אויערן, גע־זען ווי גאַנץ קאָצק איז וויסט, דער הויף באַוואַקסן מיט ווילד־גראָז און דער רבי זיצט איינער אַליין אין אַן איינגעפאַלענע חורבה און שילט די גאַנצע וועלט. אַ גרויס רחמנות האָט אים אַרומגענומען און ער האָט באַשלאָסן גלייך צו גיין צו ר' איטשען, אים בעטן, קושן די הענט, ער זאָל נישט צונעמען דעם עולם ביי ר' מענדעלען, ער איז זיכער געווען ר' איטשע וועט עס נישט טאָן.

— גלויבסט נישט? — האָט שמואל אים איבערגעשלאָגן די גע־דאַנקען — פאַרלאָז זיך אויף מיר! איבריקנס, מיר וועלן דאָך באַלד זיין אין קאָצק. האָסט אפשר איבערגעביסן? כ'האָב נאָך גאָר נישט היינט אין מויל געהאַט.

— קום, קום אין שענק אַריין — האָט מרדכי אַרויפגעלייגט אויף שמואלס אַקסל אַ האַנט — מיר וועלן צוזאַמען איבערבייסן.

אין שענק איז געשטאַנען דער זעלבער טומל וואָס פריער. חסידים זיינען געלאָפן פון איין קופּקעלע צום צווייטן, זיך געקריגט, געטרונקען לחיים. יעדע גרופּע האָט געאַרבעט מעשים, געוואָלט אַריבערקריגן די געגנער אויף זייער זייט. די וואַרשעווער האָבן געשטעלט ביר, בראָנפן, מכבד געווען מיטן בעסטן „טיטון". די איינגעשפּאַרטע פּראָווינץ איז

געשטאַנען שטאָל און אייזן, קיין זאַך האָט זיי נישט געקאָנט רירן. אויסגעמיטן צו רעדן וועגן מענדעלען און פעסט ביי זיך באַשלאָסן, אַז מען וועט ר׳ איטשען נישט מאַכן דאָס מאָל פאַר רבי, הערן זיי אין גאַנצן אויף צו פאָרן נאָך קאָצק.

מרדכי האָט באַשטעלט אָנבייסן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט שמואלן אין אַ ווינקל ביי אַ טישל און אויסגעהונגערטע האָבןביידע געגעסן ווי נאָך אַ קרענק. שמואל האָט נישט אויפגעהערט צו רעדן. מרדכי האָט באַמערקט, אַז זיין געוועזענער רבי האָט זיך נישט געוואַשן צום עסן און פון יעדער זאַך שמייכלט ער, ווי ער וואָלט געזאָגט — ע, ס׳איז אַ נאַרישקייט!

— קומסט אַמאָל אַריין צו מיין זיידן? — האָט מרדכי געפרעגט.

— זעסט, — האָט שמואל זיך געקרעקט מיט אַ ביסן — דיין זיידע, דאָס איז אַן ערלעכער, אָפּגעהיטער ייד! ווערט אויף דער עלטער אַלץ מער מתנגד. וועסט לאַכן, דעם ערשטן טאָג פּסח האָט ער דאָך אַריינגעשטעלט אין פענסטער אַ שיסל מיט קניידלעך, אָרעמע לייט זאָלן עסן געבראָקטס, נו, איז אין שטאָט געוואָרן אַ „ויצעקו“! וואָס פרעגסטו! חסידים האָבן געקריצט מיט די ציין, נאָר אָפּן האָט קיינער קיין וואָרט נישט גערעדט, פּאָרט ר׳ אברהמל, דער עולם האָט דרך ארץ! און צוריק גערעדט, לאָמיר זיך נישט נאַרן, וואָס האָט אַן אָרעמאַן צו עסן, אַז נישט געבראָקטס? אַזוי פּלעגט מען עסן קאַרטאָפל מיט באָרשטש, אַז היי־יאָר ווער קאָן צוקומען צו קאַרטאָפל? אַזאַ יקרות, מען קריגט עס נישט פאַר געלט!

— דו ווייסט, מיין זיידע איז אַמאָל געפאָרן נאָך קאָצק — האָט מרדכי זיך אָפּגערופן.

— כ׳ווייס, ווי דען, אָבער קיין חסיד איז ער קיינמאָל נישט געווען — האָט שמואל געשמייכלט אין דער בלאָנדער וואָנסע אַריין, עטלעכע מאָל געעפנט דאָס מויל, געוואָלט זיך עפּעס פרעגן און אָנגעהויבן צו שטאַמלען — כ׳וויל טאַקע וויסן, כ׳מיין, דו גלויבסט, אַז ער וועט נעמען אין קאָצק קוויטלעך?

— ווער? — האָט מרדכי געעפנט אַ פּאָר אויגן.

— כ׳מיין, ר׳ איטשע — — —

— ווער ווייס — האָט מרדכי אַ צוג געטאָן מיט די אַקסלען — און וואָס זאָגסטו?

— איך זאָג גאָר נישט — האָט שמואל געשמייכלט, ווי ער וואָלט געוווסט עפּעס אַ סוד — כ'האָב גלאַט אַזוי געפרעגט — — און מיינסטו אַז דודל ר' מענדלס וועט שווייגן? און די איבעריקע קינדער? יעדער וועט וועלן נאָכן פאָטער פירן טיש. נאָכן סטריקאָווער פירן טיש אַלע פיר זין און יעדער האָט אַן עולם — מען וועט שוין באַלד אין יעדער שטאָט האָבן אַ רבי — — —

מרדכין האָט פאַרדראָסן, געפילט אין שמואלס שמייכל, אַז ער מאַכט חוזק, געוואָלט אויפהערן מיט אים צו רעדן און נישט ווילנדיק אַרויסגערעדט:

— אויב אַ רבי נעמט קוויטלעך איז עס מן השמים.

— אַודאי, אודאי, אַלץ איז מן השמים — האָט שמואל זיך געקוקט מיטן לינקן אויג אויף דער וואָנסע און ס'האָט אויסגעזען, אַז ער שמייכלט — דו ווייסט, אַז אויפן פשיסכערס קבר האָט זיך אַ שפּיל־פויגל אַוועקגעשטעלט באַלד נאָך דער קבירה, נישט אָפּגעטראָטן פון אָרט, נישט געגעסן, נישט געטרינקען, געהאַלטן אין איין זינגען, ביז ס'איז אויסגעגאַנגען אויפן פשיסכערס קבר זינגענדיק! דאָס איז אויך מן השמים?!

— אודאי! — האָט מרדכי כמעט אַ געשריי געטאָן.

ער האָט באַמערקט, אַז שמואל איז רויט געוואָרן, די אויבערשטע ליפּ הויבט זיך, ציטערט און אין גאַנצן האָט ער אויסגעזען, ווי ער וואָלט זיך געשוובט אים עפּעס צו פאַרטרויען. ער האָט אָנגענומען מרדכין פאַר אַן אַקסל, זיך צוגעבויגן צו זיין אויער און געשמייכלט:

— ס'זאָל בלייבן צווישן אונז — ס'איז קיינמאָל קיין פויגל דאָרט נישט געשטאַנען! ר' הירש פלינסקער, אַ ייד אַ גביר, אַ משכיל, איינער פון דער „קאָלעקאָטקע", וואָס לערנען תנ"ך מיטן דעסערס „באור" און שיקן די קינדער שטודירן, האָט מיר פאַרטרויט אַ סוד, אַז צומאָרגנס נאָך דער קבורה האָט ער אַליין אַרויפגעלייגט אַ טויט פייגעלע אויפן קבר, נו, וואָס זאָגסטו דערויף? דערציייל עס אַ חסיד וועט ער דיך עוקר מן השרש זיין! זיי טענהן ס'איז בלויז אַ רמז, ס'איז גאָר קיין פויגל נישט געווען, דער מלאך גבריאל אַליין האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ

פויגל, דו פאַרשטייסט? דער פויגל איז פונקט אַזוי רמז, ווי שולמית פון שיר־השירים מיינט מען די כנסת־ישראל — — —

דאָ האָט זיך שמואל אַ כאַפּ געטאָן, אַז ער איז צו ווייט פאַרפאָרן, זיך אַרומגעקוקט צי קיינער האָט נישט אונטערגעהערט, געוואָלט פאַר־גלעטן, איז פונקט דעמאָלט צוגעקומען ר׳ איטשע, געקוקט אויף ביידן מיט אַזאַ מינע, ווי ער וואָלט אונטערגעהערט און זיך געווענדעט צו מרדכין:

— מיר פאָרן.

— ס׳וועט אפשר זיין אַ שטיקל פּלאַץ פאַר מיר אויך — האָט שמואל הכנעהדיק זיך געבעטן ביי מרדכין — אפילו אויף דער קעלניע, ס׳מאַכט נישט, אַבי זיך צו דערשלעפּן נאָך קאָצק.

מרדכי האָט אים פיינט געקראָגן, געוואָלט זאָגן, אַז אין דער בויד איז מער קיין פּלאַץ נישטאָ, זיך אַ ווײַלע געקווענקלט און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— גוט, כ׳וועל מאַכן פאַר דיר פּלאַץ.

— האָסט אפשר עטלעכע גילדן, אַ גמילות־חסד, כ׳דאַרף אָפּצאָלן דעם שענקער — האָט שמואל אַ זאָג געטאָן אַזוי כּלאחר־יד.

— וויפיל?

— פינף וועט גענוג זיין.

מרדכי האָט אים געגעבן אַ זילבערנעם פינף־גילדן־שטיק, געזען ווי ער פאַרשווינדט צווישן עולם און זיך פאַרטראַכט. ער האָט נישט פאַרשטאַנען צו וואָס האָט שמואל אים גענדאַרפט דערציילן די מעשה מיטן פויגל. און אַז אַן אפיקורס האָט טאַקע אַרויפגעלייגט אַ טויט פיי־געלע אויפן קבר, איז עס דען אַ פּחיתות־הכבוד פאַרן רבין? און צו וואָס האָט ער אַריינגעמישט „שיר־השירים"? גלויבט ער טאַקע, אַז „שיר־השירים" דאַרף מען פאַרשטיין פשוט, ווי עס לייענט זיך? ווי לאַנג איז, ווי דער זעלבער שמואל האָט אים מדריך געווען אין חסידות? מיט וואָס פאַרע דבקות פלעגט ער אים איבערגעבן ר׳ מענדעלעס מינדסט ווערטל? זאָל זיין ער איז קאַליע געוואָרן פאַר דער קורצער צייט, טאָ צו וואָס פאָרט ער נאָך קאָצק?

אַ נישט צופרידענער איז מרדכי אַרויס פון שענק, געפילט ווי ביי אים אין מח האָט זיך עפּעס אַ פאַרבאָרגן שרייפל געעפנט, קשיות איינע

האַרבער ווי די צווייטע האָבן זיך מיט אַמאָל גענומען שפּאַרן, זיך אָנגעזעצט אָן אים ווי פֿאַרעקשנטע פֿליגן און די ליפּן האָבן שטיל געוויספּערט: „אַרבעה שנכנסו לפּרדס — — —"

---

פֿאַרנאַכט איז די בויד אָן אָנגעפּאַקטע אַרויס פֿון דאָרף. דער עולם איז געווען לעבעדיק, פֿאַרגעסן די קריגערייען, געזונגען און געהאָפּט, אַז פֿאַרטאָג וועט מען, אם ירצה השם, זיין אין קאָצק.

מרדכי האָט עטלעכע מאָל פֿאַרזויגן אַ שמועס מיט שמואלן, באַמערקט, אַז יענער ענטפֿערט נישט געריק, וואַרט מען זאָל אים ציען פֿאַר דער צונג, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אָן אַ זייט און געטראַכט, אַז שמואל האָט מסתמא מורא צו רעדן, עמעצער זאָל נישט אונטערהערן.

שמואל איז געזעסן צווישן די חסידים, געהאַלטן אין איין זאָגן תורה. אַלע האָבן זיך צוגעהערט און אים אָפּגעגעבן כבוד. מרדכי האָט זיך געחדושט אויף שמואלן, אים נישט פֿאַרשטאַנען און געפֿילט, ווי עס ווערט אים אומעטיק. ער האָט געקוקט אויף די ברייטע, שטילע פֿעלדער, אויף די שטיקער וואַלד, וואָס האָבן פֿון דערווייטנס אויסגעזען ווי שוואַרצע וואָלקנס. די זון אַ בלוטיקע איז פֿאַרגאַנגען אין פֿלאַמען, אָנגעצונדן אויף אַ ווײַלע די שפּיצן פֿון וואַלד, איז דער אומעט ביי מרדכין נאָך שטאַרקער געוואָרן. ר' איטשע איז געזעסן מיט פֿאַרמאַכטע אויגן און זיך עפּעס אונטערגעברומט אונטער דער נאָז. די פֿלאַמען האָבן זיך ביסלעכווייז געלאָשן. ס'איז געוואָרן טונקעלער, גרויער, דאָס געזאַנג איז געוואָרן שטילער, האַרציקער און מרדכי אַ דערשלאָגענער האָט געפֿילט, ווי עפּעס גרויט ביי אים אין האַרצן, פֿאַרשווינדט מיט דער פֿאַרגייענדער זון, האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, אַריינגעשטעקט די הענט אין די אַרבל, פֿאַרקוועטשט די ליפּן און זיך צעוויגט.

דער בעל-עגלה האָט איינגעדרייט, אַריין מיט דער בויד אין די לוקאָווער וועלדער און ס'איז מיט אַמאָל געוואָרן פֿינסטער. די פֿערד האָבן גענומען גיין פּאַמעלעכער, זיך געשלעפּט אין די זאַמדן און פֿון דערווייטנס האָט זיך געדאַכט, אַז מענטשן קומען אַרויס פֿון וואַלד, בלייבן שטיין אין מיטן וועג.

דער באָרוועסער ישראל, וואָס איז געזעסן אויף דער קעלניע, די גאַנצע צייט קיין וואָרט נישט אויסגערעדט, האָט דער ערשטער אויס־געשריען:

— צייט מעריב דאַווגען!

די בויד האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער עולם איז אַראָפּ, ז״ך מכין געווען, געוואַשט די הענט אָן דעם טוי־באַדעקטן מאָך, זיך אַרומגעבונדן ווער מיט אַ טיכל, ווער מיט אַ גאַרטל און אַלע זיינען אַריין אין וואַלד.

אַן אַלטער חסיד האָט זיך אַ שטעל געטאָן צו מזרח, אָנגעשפּאַרט ביידע הענט אָן א פאַרצווייגטן בוים און זיך צעוויגט:

— והוא רחום יכפּר עון — — —

דער עולם האָט אונטערגעכאַפּט, זיך פאַרגאַנגען העכער און העכער, די קולות האָבן זיך געטראָגן פון אַ בוים צו אַ בוים, זיך אָפּגעשלאָגן אָן די הויכע סאָסנעס, ווי אָן אָנגעצויגענע סטרונעס, לאַנג געהילכט איבער די לוקאָווער וועלדער, ווי די קולות וואָלטן זיך פאַרפּלאָנטערט צווישן די צעצווייגטעביימער.

אַ פויער איז אויסגעוואַקסן, אַראָפּגענומען דאָס היטל און פון שרעק זיך געגומען צלמען. ער האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט, אַז דאָס „מאַדליען״ זיך יידן, געשטאַנען אַ ווײַלע, און אַ רויקער, וואָס מענטשן שטייען נישט ווייט און בעטן גאָט, איז דער פויער מיט זיכערע טריט פאַרשוווּנדן אין פינסטערן וואַלד.

נאָכן דאַווגען איז דער עולם צוריק אַריין אין דער בויד און די פערד האָבן זיך ווייטער געשלעפּט. טייל חסידים האָבן זיך צעלייגט אויף די פעקלעך, געקוקט אין דעם אויסגעשטערנטן הימל, וואָס האָט געהאָנגען איבערן געדיכטן וואַלד און עס האָט אויסגעזען, אַז דער וואָגן וועט קיינמאָל נישט אַרויס פון דער פינסטערניש. טייל האָבן איינגע־דרימלט, אַנדערע האָבן זיך צונויפגערוקט אין אַ קופּקע, געזעסן פאַר־בלענדטע פון די שטיקער ליכט, וואָס די לבנה האָט געוואָרפן, אויסגע־מיטן צו קוקן אויפן וואַלד, געפילט די גאַנצע אומבאַהאָלפנקייט און שרעק פאַר דער נאַכט און זיך דערציילט מעשיות.

דער באָרוועסער ישראל איז געזעסן אויף דער קעלניע, שטיל, מיט אַ בענקעניש זיך פאַרגאַנגען, ווי דאָס זשומען פון אַ געפיינינקטע פליג, לייכט געפּאַטשט אַ האַנט אָן אַ האַנט, געצויגן די טענער מיט

אַזאַ צער און האַרצרייסעניש, אַז אַלע אין דער בויד זיינען אַנטשוויגן געוואָרן. מרדכי האָט דערפילט, ווי פון קאַרק נעמט ביי אים עפּעס לויפן, ווי אַ ברי פון קאַלט וואַסער וואָלט דורכגעלאָפן זיין גאַנצן קער־פּער און ער האָט אויפגעשוידערט.

דער באָרוועסער ישראל האָט זיך געריסן די לאַנגע קאָלטונעוואַטע האָר, געברומט דורך פאַרקוועטשטע ליפּן, ווי ער וואָלט געהאַט געפּער־לעכע יסורים, צונויפגעפלאָנטערט די פינגער אין אַ קניפּ, זיי אָנגע־שטעלט, ווי אַ לולב, נאָך מזרח, מעריב, צפון, דרום און שטיל, נישט מיט קיין מענטשיש קול זיך צעוויינט:

— ה ו י ה — באבא, א ל ה י נ ו — באמא, ה ו י ה — תפארת, אוי, א ־ ח ־ ד — במלכות — — — — — — — — — — — — — — — —

דאָס געוויין איז לאַנג געשטאַנען אין די אויערן, בולטער געמאַכט די שטילקייט, דעם פחד גרעסער, דאָס פינסטערניש טיפער און דער עולם האָט געציטערט.

מרדכי האָט זיך געכאַפּט, אַז ער זיצט נעבן ר׳ איטשען. מיט אַמאָל דערזען, אַז דער הימל איז געוואָרן ליכטיקער, די שטערן גרעסער, בלישטשענדיקער, געלעגן איינער נעבן צווייטן, ווי אָנגעשאָטן, זיך נידעריק אַראָפּגעלאָזט און ס׳האָט אויסגעזען, אַז באַלד וועלן זיי זיך נעמען שיטן איבער אַלעמענס קעפּ.

ר׳ איטשע האָט אָנגענומען מרדכין פאַר אַ האַנט, געקוקט אין הימל אַריין, אַ ווײַלע געשוויגן און שטיל געפרעגט:

— הערסט?

אַ פאַרבלענדטער האָט מרדכי געעפנט אַ פּאָר אויגן, געקוקט אין הימל, געהערט ווי טויזנטער טענער, איינער דינער פון דעם צווייטן, טראָגן זיך צו אים. די טענער זיינען געקומען פון וואַלד, פון דער פינ־סטערניש, פון די שטערן. ער האָט געפילט ר׳ איטשעס האַנט אויף זיך, געהערט ווי ער רעדט אים אין אויער אַריין, ווי מען וואָלט אים גע־גלעט מיט פוך־פעדערן:

„— — — דורך אמתע נגינה קאָן מען קומען צו דער בחינה פון נביאה, נגינה איז אין זיך כולל אַלע „קשרי־רחמנותא“ און דער אמתער צדיק האָט „יחוד“ מיטן רבונו־של־עולם נאָר דורך נגינה — — —“

מרדכי האָט נישט געהערט, וואָס ר׳ איטשע רעדט, געזען, ווי די שטערן שפּרינגען, שטעלן זיך אויס אין אַ שורה, זיינען זיך מצרף אין אותיות און „יהוה" אַ פייערדיקער וואַקסט אויס רעכטס, „אלהינו" — לינקס.

דער „טאַטע" בויגט זיך אין דרייען, קורטשעט זיך, גאַרט נאָך דער „מאַמע", צעוויינט זיך די „מאַמע", אַז זי איז געבונדן, ווערט אַ רעש, שטערן רוקן זיך פאַנאַנדער, מאַכן פּלאַץ, און אַ געזאַנג דער־גרייכט דעם הימל, זינגען מיט מיליאָנען שטערן, זינגט מיט דער וואַלד. דאָס געזאַנג הילט זיך אַרום דער „מאַמע", ווי אַ קלייד פון ליכט, צע־רייסט די שטריק און פירט זי אַ טאַנצנדע צום „טאַטן". באַגעגנט „טאַטע" די „מאַמע", נעמט זי, באַהעפט זיך מיט איר. ווערט מיט אַמאָל שטיל, קומען פון דער שטילקייט אויף אַלע מיליאָנען באַשעפענישן, וואָס אין הימל. וואָס אויף דער ערד אין די טיפע וועלדער, וואָס אין וואַסער. טרייסלען זיך פאַנאַנדער, צעזינגען זיך מיט אַ שטום געזאַנג און פּאָרן זיך.

---

מיטן טאָג צוגלייך האָט זיך מרדכי אויפגעכאַפּט. ער האָט געהאַט טרערן אין די אויגן, געפילט אויף די באַקן רחלס קושן און אַ פּאַר־ביטערטער האָט ער אין דער ערשטער רגע געוואָלט באַגרייפן פאַר וואָס מען שיקט אים אַוועק פון איר. ער האָט אַ צאַפּל געטאָן, זיך געכאַפּט, אַז ער איז נאָר וואָס פון שלאָף אויפגעשטאַנען און זיך אַרומגעקוקט, די בויד איז געשטאַנען. אַ זקן אויף אַ הילצערנע קוליע מיט אַ טאָרבע אויף די פּלייצעה איז אָנגעקומען פון וועג:

— גוט מאָרגן, נעמט מיט אַ יידן אין שטאָט אַריין!

דער עולם האָט געמאַכט פּלאַץ און אַריינגעזעצט דעם אַלטן אין דער בויד. עמעצער האָט אים געפרעגט:

— איר זייט אַ קאָצקער?

— כמעט — האָט דער אַלטער געשמייכלט — דאָס הייסט, אַ גע־בורטיקער בין איך אַ פּראַגער, נאָר כ׳וווין שוין אין קאָצק איבער פער־ציק יאָר.

— ווי אַלט זייט איר זיידע? — האָט אַ יונגער־מאַן אים אַ צי געטאָן פאַר אַן אַרבל.

— דו דאַרפסט עס נויטיק וויסן? — האָט דער אַלטער זיך באַליי־דיקט און באַלד ווייכער געוואָרן — כ׳וועל דיר זאָגן, כ׳ווייס אַליין

נישט; אַז כ'האָב געדינט ביי בערעקן הינטער פּראַגע בין איך אַלט געוועז זעכצען יאָר און דאָס איז שוין אַ קימלן, באַלד, ס'איז געווען תּק"ן, נו, באַרעכנט? — האָט דער אַלטער געשמייכלט מיט די צוויי איבערגעבליבענע ציין, ווי ווידלעס.

— זייט איר שוין קרוב שמונים — האָט זיך איינער אָנגערופן.

— איר האָט נישט גוט באַרעכנט, פּעטער — האָט דער אַלטער געשמייכלט — כ'בין עלטער.

— געוויס, געוויס, האָט זיך שמואל אַריינגעמישט — דער ייִד האָט שוין איבער אַכציק.

— דער יונגערמאַן האָט געטראָפן — האָט דער זקן געשאָקלט מיטן קאָפּ — דעם ערשטן טאָג שבועות בין איך געוואָרן איין און אַכציק יאָר.

די פערד זייַנען אַרויס אויפן שאָסיי, אַ כאַפּ געטאָן די בויד, זי געטראָגן מיט אַ קלאַפּעריי. די בויד האָט געקרעכצט, זיך געריבן אָן די טרוקענע אַקסן מיט אַ סקריפּעריי, וואָס האָט הייליק געמאַכט די ציין.

מרדכי האָט באַטראַכט דעם ייִד, וואָס האָט אָנטייל גענומען אין דער שלאַכט ביי פּראַגע און דערפילט, אַז ער האָט עפּעס אַ שייכות מיט אים. ער האָט זיך נענטער גערוקט צום זקן און פון גרויס איבערראַשונג נישט געוווסט וואָס ער זאָל אים פריער פרעגן. נישט איינמאָל האָט ער געהערט פון זיין פאָטער, אַז זייער מחותּן, שלמה זביטקאָווער, האָט דעמאָלט געצאָלט די קאָזאַקן אַ זילבערנעם רובל פּאַר אַ טויטן ייִד און אַ גאָלדן רענדל פּאַר אַ לעבעדיקן.

— איר האָט טאַקע געדינט ביי בערעק יאָסעלאָוויטשן — האָט אַ חסיד, וואָס איז די גאַנצע צייט געלעגן אויף זיין פּעקל, זיך מיט אַמאָל אויפגעזעצט און זיך גענומען רייבן די אויגן — ביי דעם זעלבן, וואָס ליגט הינטער קאָצק?

— יאָ, יאָ, — האָט דער אַלטער אַרויסגענומען אַ טאַבעק־שקעטעלע, געמאַכט פון האָרן־ביין, גוט פאַרצויגן, זיך פאַרקרומט, אַ נאָס געטאָן אין דער באָרד אַריין און איבערגעגעבן דאָס שקעטעלע דעם עולם — ביי דעם זעלבן, ביי יאָסלען האָב איך געדינט...

— און ס'איז געווען טאַקע אַ שחיטה, האַ? — האָט אַ חסיד פאַרשאַרצט דעם סאַמעטענעם קאַשקעט — מען דערציילט דאָך, אַז ס'איז

געוועזן שרעקלעך... כ׳ווייס, מען זאָגט, אַז דער גאַנצער יידישער פּאָלק איז אויסגעהרגעט געוואָרן...

— אמת, אמת — האָט דער זקן געוויזן אויף דער קוליע — דאָרט טאַקע האָב איך געפּטרט דעם פּוס!

— אַזוי, טאַקע, אַי, אַי! — האָבן עטלעכע חסידים באַוואונדערט די קוליע, ווי זי וואָלט איצט מער באַדייטונג געהאַט.

דער זקן האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט און אָפּגעזיפצט:

— העי, שוין יאָרן, יאָרן...

— און ער איז טאַקע געווען, ווי הייסט ער, בערעק מיין איך — האָט דער חסיד מיטן פאַרשאַרצטן קאַשקעט ווידער געפרעגט — אַזאַ גרויסער פירער? האָט ער דאָך געמוזט זיין אַ קאָפּ־מענטש! אַ קליינ־קייט, תכסיסי־מלחמה? דאָס איז דאָך אַ שווערער למוד!

— ר׳געווען אַ פּושע־ישראל — האָט עמעצער אַריינגעוואָרפן — מחלל שבת געווען בפרהסיא!

— ביסט אים נישט ווערט צו נעמען אין מויל אַריין — האָט דער זקן זיך געקאָכט — ווער ביסטו דאָס, צדיק אין פעלץ? זוך בעסער דיינע אייגענע חטאים!

— אין סאַמע יום־כפור האָט ער זיך געשלאָגן — האָט זיך אַ צווייטער אָנגערופן.

— האָט ער! — האָט דער זקן פון כעס אַזש אויפגעהויבן די קוליע, ווי ער וואָלט זיך פאַרמאָסטן אויפן חסיד — ר׳ מאירל „דבש” האָט מתיר געווען, אַז דו ווייסט נישט, שווייג!

— נאָר זיך נישט געקריגט, נאָר זיך נישט געקריגט — האָט שמואל געגומען באַרויקן דעם זקן.

— ווער קריגט זיך, ווער, — האָט דער אַלטער נאָך העכער גע־שריען — כ׳האָב נאָר פיינט, אַז אַ מענטש רעדט און ווייסט נישט וואָס!

מרדכי האָט אַרויסגענומען אַ פעשל זיסן בראָנפן, אונטערגע־טראָגן דעם אַלטן, דער אַלטער האָט אַ צי אַריין געטאָן איבער אַ העלפט, זיך דערוואַרעמט און געוואָרן לעבעדיקער.

— ווי האָט ער גערעדט מיט אייך, בערעק, יידיש? — האָט מרדכי געפרעגט.

— וואָס פרעגט איר? ווי דען, אודאי יידיש — האָט דער אַלטער געשמייכלט — כ׳געדענק נאָך ווי כ׳וואָלט אים איצט געזען, אַז ער איז געזעסן אויף דער ווייסער שקאַפע, האָט ער אויסגעזען ווי אַ קיסר. און אַ פּאָר וואָכן האָט ער געהאַט, האָט נישט איין פּאָליאַק אים מקנא געווען, אָן גוזמא, די וואָכן האָבן דערגרייכט ביז צו די אַקסלען.

— עלטערע יידן זיינען אויך געווען אין פּולק? — האָט מרדכי געפרעגט.

— עלטערע? — האָט דער אַלטער פאַרמאַכט איין אויג, געקלערט אַ ווײַלע, ווי ער וואָלט באַלד נישט באַגריפן, וואָס מען פרעגט אים — ווייניק געווען עלטערע, צומייסטן יונגע־לייט. אונזער פּולק האָט זיך אָבער נישט געהאַט וואָס צו שעמען. אפילו אולאַנער האָבן אָפּגעטרעטן, נישט געקאָנט אויסהאַלטן דעם שונאס פייער און מיר, יידן, זיינען גע־לעגן איבער פיר וואָכן ביים אַלטן בית־עולם, הינטער די „אקאפּעס״, געגעבן פּאָניען פּולווער צו שמעקן און אים נישט געלאָזט פון אָרט. און ווען מיר קריגן דעמאָלט צו הילף כאָטש איין פּולק — האָט דער אַלטער שטילער גערעדט, ווי ער וואָלט פאַרטרויט אַ סוד — וואָלט וואַרשע געבליבן ביי אונז. אפילו אין יום־כפור זיינען מיר נישט אַוועק פון די „אקאפּעס״. ר׳ מאירל האָט מתיר געווען. כ׳געדענק ווי היינט, נאָך „כל־נדרי״ האָט זיך דער הימל אויסגעשטערנט, ס׳איז געווען אַ ליכטיקע נאַכט, די שטערן זיינען געלעגן איינס נעבן אַנדערן, געדיכט אָנגעשאָטן, ווי ווינט־פּאָקן. קיינער פון אונז האָט קיין אויג נישט צוגע־מאַכט. מיר זיינען געזעסן אין קופּקעס ביי קליינע פייערלעך. געשמועסט, געזאָגט אַ פּאָר יידישע ווערטער און זיך גערעכט דער שונא זאָל יעדע רגע נעמען שטורמען אונזערע „אקאפּעס״. בערעק איז אויך מיט אונז געווען, געגאַנגען פון איין פייערל צום צווייטן, געהאַט פאַר יעדן אַ גוט וואָרט, אַ וויץ, און ווו ער איז נאָר צוגעקומען איז געוואָרן לעבע־דיקער. אַז וואָס ווייסט איר? דאָס איז געווען אַ דימענטענער יונג! בקיצור, ווו האַלט איך? יאָ. דער שונא איז געווען זיכער, אַז יידן וועלן זיך אין יום־כפור נישט שלאָגן, האָט ער מיטן טאָג צוגלייך גע־נומען שטורמען אונזערע „אקאפּעס״. וואָס זאָל איך אייך זאָגן, קינדער? די לופט האָט געברענט, ס׳האָט געגאָסן מיט פייער... מיר האָבן אָבער אויך נישט געשוויגן. יעדעס מאָל, ווען דער שונא האָט זיך אַ לאָז

געטאָן אויף אונז פון וואַלד אַרויס, האָט עס אויסגעזען, ווי דער וואַלד גייט. אַז אַ פּחד האָט אַזש אַרומגענומען. און אַז דער שונא איז צוגעקומען נעענטער צו די „אקאפּעס", האָבן אונזערע האַרמאַטן זיי אַוועקגעלייגט, ווי מען וואָלט זיי אָפּגעשניטן מיט אַ קאָסע. אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן ביז אַ שטיק אין טאָג אַריין. בערעק איז געלאָפן פון איין „אקאפּע" צו דער צווייטער. דריי פערד זיינען יענעם פרי־מאָרגן אונטער אים געפאַלן און יעדעס מאָל, ווען ער האָט אַ געשריי געטאָן: „פּאַל", האָבן די האַרמאַטן אַ קנאַל געטאָן, אַז די הייטלעך אין די אויערן האָבן אַזש געציטערט. דער שונא האָט זיך געריקט אַלץ נעענטער. די הילצערנע יידישע הייזלעך האָבן זיך אָנגעצונדן, האָבן מיר געהאַט דאָס פייער פון הינטן און פון פאָרנט. מיר זיינען אָבער געשטאַנען ווי איין מאַן ביז צו דער לעצטער מינוט, און אַז דער שונא האָט זיך אַריינגעריסן אין די „אקאפּעס", זיינען מיר אויך נישט אַנטלאָפן, זיך געשלאָגן איבער יעדן שפּאַן ערד, און בלוט האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער. איר פאַרשטייט? צען יונים אויף איין ייד. ווי אַ היישעריק האָבן זיי זיך גענומען שיטן פון וואַלד אַרויס, איצט דעמאָלט האָט בערעק געהייסן אָפּציען. פון גאַנצן פּולק זיינען מיר געבליבן עטלעכע צענדליק, קיין איינער פון אונז האָט זיך אָבער נישט אונטערגעגעבן און איך אַנטלויפנדיק האָב געקראָגן אַ קויל אין פוס אַריין.

— מען דערציילט, אַז שמואל זביטקאָווער — האָט איינער אָנגעהויבן.

— צי איך האָב געקענט שמואל זביטקאָווער? כאַ, כאַ, כאַ! דאָס איז דאָך אַ מלאך געווען! — האָט דער אַלטער איבערגעריסן דעם חסיד די רייד — וואָס ווייסט איר, ווען די קאָזאַקן זיינען אַריין נאָך פּראַגע האָבן זיי דאָרט געמאַכט אַ הריגה, גאָט זאָל שומר ומציל זיין! און ווען נישט שמואל זביטקאָווער, ווער ווייס צי ס'וואָלט געבליבן אַ ייד אין פּראַגע? האָט ער אַרויסגעשיקט שטיפעטן, ר' שמואל מיין איך, און געלאָזט וויסן, אַז יעדער קאָזאַק קריגט פאַר אַ טויטן ייד אַ זילבערנעם רובל און פאַר אַ לעבעדיקן — אַ גאָלדן רענדל, פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט אים געבראַכט מער לעבעדיקע יידן...

דער אַלטער איז אנטשוויגן געוואָרן, פון געוווינהייט אַ טאַפּ געטאָן, צי די קוליע איז נעבן אים, אָפּגעזיפצט און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— און ווו איז בערעק אַהינגעקומען? — האָט שמואל געפרעגט — געבליבן אין פוילן?

— אַ נאַר וואָלט ער געווען! — האָט דער אַלטער געשמייכלט — נאָך דעם זעלבן טאָג האָט ער עוקר־מדינה געווען. וואָס ווייסט איר, ווען ער בלייבט דעמאָלט איבערן טאָג אין פּראַגע, וואָלט מען אים אויפגעהאָנגען! מיינט נישט, ס׳איז אַלץ געווען אויסגערעכנט אויף דער האָר, הינטער דעם אַלעם, דאַרפט איר וויסן, זיינען געשטאַנען גרויסע קעפּ!

— ער איז דאָך צוריק געקומען, בערעק מיין איך — האָט אַן עלטערער חסיד איבערגעהאַקט דעם אַלטן די רייד.

— לאָזט זשע אייך דינען, פעטער — האָט דער זקן געמאַכט צום חסיד מיט דער האַנט ער זאָל שווייגן — כאַפּט נישט די פיש פאַר דער נעץ! וואָס האָב איך אייך געוואָלט דערציילן? יאָ. די ערשטע צייט האָט מען פון אים נישט געהערט, פון בערעקן מיין איך, ווי ער וואָלט אין וואַסער אַריין. שפּעטער האָבן מענטשן דערציילט, אַז ער איז געוואָרן נאַפּאָלעאָנס אַדיוטאַנט, נעמט איין אַ מדינה נאָך אַ מדינה און אַלע, אַפילו קריסטן, האָבן געגלויבט, אַז אונזער בערעק וועט צוריק אָפּנעמען פוילן. איצט, רבותי, לאָמיר לאָזן צורו בערעקן און זיך אומקערן צו מיין פוס. איר מעגט הערן וואָס עס פּאַרלויפט זיך אַלץ — כ׳בין אָפּגעלעגן אין שפּיטאָל ביז אַ שטיק אין ווינטער אַריין. ס׳האָט זיך געפּאַטשקעט, געפּאַטשקעט, נישט בעסער געוואָרן. בקיצור, וואָס וועל איך דאָ מאריך זיין? מען האָט מיר אַראָפּגענומען דעם פוס איבערן קנעכל. איך דאַרף אייך נישט דערציילן, אַז ס׳איז מיר געווען ווינד און וויי — אַ קאַליקע, קיין גראָשן נישט ביי דער נשמה און דאָ רוקט אָן פּסח. איז נישט געבליבן מער ווי נעמען אַ טאָרבע און גיין איבער די הייזער. האָבן מיר דאָך אָבער אַ גאָט, שיקט ער די רפואה פאַר דער מכה. דעם זעלבן טאָג, ווען כ׳האָב געדאַרפט אַרויס פון שפּיטאָל, איז אַריין אַ ווילד פרעמדער מענטש, געפרעגט מיין נאָמען, מיר איבערגעלאָזט אַ בייטעלע מיט צוויי הונדערט גילדן און איידער וואָס, ווען ואיננו — דער בחור איז פאַרשווונדן. שפּעטער בין איך געוואָר געוואָרן, אַז דאָס האָט אַ יידישער מאַגנאַט געשיקט יעדן איינעם, וואָס איז געבליבן לעבן פון בערעקס פּולק, צו צוויי הונדערט גילדן. יענע יאָרן, פאַר־

שטייט איר מיך, איז עס געווען אַ מטמון מיט געלט, האָט מען מיר טאַקע באַלד גענומען רעדן אַ שדוך פון קאָצק, מיט שלמה בעדערס יונגסטע טאָכטער. בקיצור, וואָס וועל איך דאָ לאַנג ברייען, כ'האָב חתונה געהאַט, נאָך דער חתונה זאָגט מיר דער שווער, אַ קלוגער ייד געווען — שמחה, מיין עצה איז זאָלסט ווערן אַ באַרבירער, אַז ס'לוינט פאַר אַ פרעמדן וועט עס פאַר דיר אודאי לוינען! אַ ביסל שערן, אַ ביסל לאָזן אָדער, נישט געזאָרגט, וועסט מיט גאָטס הילף האָבן פרנסה ברוח. יענע צייטן, פאַרשטייט איר מיך, האָט יעדער בעל-הבית איין מאָל אין חדש זיך געלאָזט אין מרחץ שערן און האַקן אָדער. דאָס גאַנצע פאַר-געניגן האָט געקאָסט אַ דרייער, כאַ, כאַ, כאַ. בקיצור, כ'האָב זיך פאַררעדט, יאָ, ווו האַלט איך? בין איך געוואָרן אַ באַרבירער. די ערשטע צייט בין איך געווען פאַריאָגט, געהאַט דאגת פרנסה, קינדער האָבן זיך מיר, לא עליכם, נישט געהאַלטן, נאָר נישט דאָס בין איך אויסן. בקיצור, ס'טוט זיך נישט אַזוי גיך ווי עס רעדט זיך — איינמאָל שיקט מען נאָך מיר אַזש הינטער לוקאָוו אין אַ דאָרף אַריין. אַן אַרענדאַר איז אַוועקגעפאַלן און דורכויס פאַרלאַנגט, אַז נאָר איך זאָל אים האַקן אָדער. דעמאָלט איז עס געווען אַ שווערע נסיעה. קאָצק, פאַרשטייט איר מיך, האָט געהערט צו די עסטרייכער און לוקאָוו צום רוס; אַזאַ נסיעה האָט דעמאָלט געשמעקט מיט סכנות-נפשות. נאָר גאָר נישט, כ'האָב גע-ווסט, אַז מיך, אַ קאַליקע, וועט קיינער נישט טשעפּען. בקיצור, כ'האָב געלאָזט אָדער, דעם ייד איז בעסער געוואָרן און ווי כ'פאָר נאָר אַרויס פון דאָרף, קומט מיר נישט בערעק אַנטקעגן? ער האָט זיך גאָרנישט געהאַט געענדערט. די זעלבע וואָנסן, דער זעלבער שניט אויפן שטערן, בלויז אַן אַנדער היטל האָט ער געטראָגן — אַ פוטערן היטל פון בערן-פעל. כ'בין גלייך אַראָפּ פון וואָגן, זיך אַ שטעל אַוועק געטאָן אַזוי מיט דער קוליע, ווי אין די אַלטע גוטע צייטן, די האַנט אונטערן דאַ-שעק, געזאָגט אזוי און אַזוי, פּאַניע פּולקאָווניקו, אָפּגעגעבן דעם גאַנצן טיטול — — — וואָס זאָל איך אייך זאָגן? איר וועט נישט גלויבן!

ער האָט זיך מיט מיר אַרומגעכאַפּט, געהאַט טרערן אין די אויגן, זיך אויסגעפרעגט וואָס איך מאַך, מיר דערמאָנט ווי מיר זיינען געלעגן הינטער די „אקאפּעס". ער האָט מיך נישט אָפּגעלאָזט, כ'האָב געמוזט מיט אים נעמען אַ שנאַפּס און כ'פאַרזיכער אייך, ווען ער זאָגט מיר

דעמאָלט, אַז ער דאַרף מיך וואָלט איך איבערגעלאָזט ס׳ווייב מיט די קינדער און געבליבן מיט אים. פאַרן אַוועקפאָרן זאָג איך צו אים — פאַניע פולקאָווניקו, די עסטרייכער אולאַנער טיילן אונז אויס צרות. — האָב געדולד — האָט ער געענטפערט — מיר וועלן באַלד צוריק האָבן פוילן. ווער האָט זיך דעמאָלט געקאָנט רעכטן, אַז ס׳וואַרט אים אַזאַ מיאוסער סוף? בקיצור, ווי די זאַך איז געגוי געווען ווייס איך עד היום נישט. כ׳גלויב, אַז דער שונא האָט אים געמוזט פאַרנאַרן איבערן קאָצקער שלאַבוים און ווי נאָר ער איז אַריין מיט זיינע עטלעכע זעלנער אין מאַרק, האָט מען פאַרמאַכט דעם שלאַבוים און פון פאָרנט גענומען געבן פייער. אַנטלויפן, פאַרשטייט איר מיך, איז נישט געווען ווו, ס׳איז געווען א שפיל פאַרן טייוול, האָט ער מיט דער בלויזער שווערד זיך גענומען דורכשלאָגן אַ וועג. יידן, קרעמער, וואָס זיינען פונקט דעמאָלט געווען אין מאַרק, האָבן מיר דערציילט, אַז ער האָט געשניטן קעפ, ווי מען שניידט קרויט. און ווען ס׳פערד פאַלט נישט אונטער אים, וואָלט ער ניצול געוואָרן. וואָס ווייסט איר? שטייענדיקערהייט האָט ער זיך געוועהרט, נישט אַרויסגעלאָזט די שווערד פון דער האַנט, ביז אַן אולאַנער האָט זיך פאַרגנבעט און אים אָפגעמאָסטן מיט אַן אייזן איבערן קאָפ. און אַז בערעק איז שוין געלעגן אין אַ טייך בלוט, האָבן די אולאַנער, „הונטצוואָטעס" געווען, זיך אָפגערעכנט מיט אים, אים צעשניטן אויף פאַסן. באַלד איז אָנגעקומען פויליש מיליטער, זיי האָבן אַרויסגעיאָגט די עסטרייכער פון קאָצק און מיט גרויס פאַראַד מקבר געווען בערעקן ביים סאַמע אַריינפאָר פון שטאָט. אָט זיינען מיר דאָך שוין ביים קבר!

די עלטערע חסידים, וואָס זיינען שוין נישט דאָס ערשטע מאָל געווען אין קאָצק, האָבן זיך צומאָלט נישט איינגעקוקט, בלויז געשמייכלט מיט וואָס פאַרע יראת־הכבוד די קאַליקע רעדט וועגן דעם פושע־ישראל. די יונגערע מיט אָפענע מיילער האָבן ברייט צעעפנט די אויגן.

ביים וועג, ווו מען דרייט זיך אין שטאָט אַריין, האָט זיך געזען אַ בערגל באַוואַקסן מיט הויכע גראָזן. פון מיטן בערגל האָט זיך אַרויסגעשניטן אַ צעקרומטער עפל־בוים. אַרום איז געווען שטיל. עס האָט זיך בלויז געהערט, ווי דער וויעפש, ווו ער איז צום ברייטסטן, שווענקט

און פליעסקעט זיך אָן די לאָנקעס מיט אַ פּלאַפּל, ווי דער טייך וואָלט דערציילט בערעקס גבורות.

פון אַ זייטיק וועגל איז אָנגעלאָפן אַ וואָגן מיט הסידים. זיי האָבן אויסגעמיטן די בויד, פאַרפאָרן צום בערגל און זיך אָפּגעשטעלט.

דער באָרוועסער ישראל איז אַראָפּ פון דער קעלניע אין מיטן פאָרן, עטלעכע חסידים מיט די פעקלעך אויף די פּלייצעס זיינען אים נאָך, האָט מרדכי זיך אַרומגעקוקט, נישט געוווסט, וואָס דאָ איז געוואָרן און געתייסן דעם בעל-עגלה זיך אָפּשטעלן.

די חסידים האָבן זיך אויסגעשטעלט אַרום בערעקס קבר, געוואַל-דעוועט, געשריען, משתין געווען און אַלע מיט אַמאָל האָבן זיך צע-שאָקלט, ווי זיי וואָלטן מחדש געווען די לבנה:

— שקץ תשקצנו, ותעב תתעבנו, כי חרם הוא!

מרדכי האָט געציטערט, אָנגעכאַפּט ר׳ איטשען, וואָס איז געזעסן אַ בלאַסער מיט פאַרמאַכטע אויגן, פאַר אַן ארבל:

— רבי, טרייבט זיי אַוועק פון דאָרט, דען כ׳וועל איינעם דעם קאָפּ עפענען, ווי כ׳בין אַ ייד!

— אוי לעינים שכך רוואות — האָט ר׳ איטשע אַ פאַרוויטאָקטער געזאָגט.

דערווייל איז דער זקן אַראָפּ פון וואָגן, אויפגעהויבן אַ שטיין און אים אַ שיק געטאָן גלייך דעם באָרוועסן ישראל אין קאָפּ אַריין. עס איז געוואָרן אַ טומל. די חסידים האָבן זיך צעשאָטן, נישט געוווסט פון וואַ-נען ס׳איז געקומען.

— יונים וואָלטן דאָך אַזאַ זאַך נישט געטאָן! — האָט די קאַליקע זיך פאַרקליבן צום בערגל און געשריען מיט אַ פאַרשטיקט קול — ווי בעמט זיך ביי יידן, דערצו נאָך חסידים, וואָס פאָרן צום רבין דאָס יה׳נ׳דות צו טאָן אַזאַ הלול-המת? אַ פאַשרפעט זאָלט איר ווערן, ניט דערלעבן אַריינצוקומען אין שטאָט אַריין! און גאָט זאָל אייך שטראָפן איר זאָלט — — — — — מיט בלוט!

— וואָס וויל ער, דער קאַליקע? — האָט זיך איינער אָנגערופן — חברה, נעמט אים צו די קוליע און לאָזט אים איבער אויף ר׳ בערעלעס, דעם צדיקס קבר, עליו-השנאָבל און לאָז ער בילן!

דער אַלטער האָט אויפגעהויבן די קוליע, זיך פאַרמאָסטן, ווי ער וואָלט מורא געהאַט מען זאָל דעם קבר נישט צענעמען, געשטאַנען ווי אַ געטרייער זעלנער און געשריען:

— פּרובירט! פּרובירט! פּושעי־ישראלים! וואָס מיינט איר, די וועלט איז הפקר? הרגענען וועל איך יעדן איינעם!

אַ יונגערמאַן האָט זיך גענומען גנבענען צום בערגל, געוואָלט אָנכאַפּן די קוליע, איז ר׳ איטשע אַראָפּ פון דער בויד, גיך צוגעגאַנגען צום יונגן־מאַן, אים אָנגענומען פאַר אַ האַנט, געקוקט אים גלייך אין פּנים אַריין און אַ בלאַסער האָט ער געציטערט, נישט געקאָנט רעדן פון אויפרעגונג:

— וואָס גייסטו טאָן? שעמען מעגסטו זיך — — — דער אמתער חסיד דאַרף קענען ליב האָבן דעם זינדיקן — — — ליב האָבן — — — דען ווי זינדיק אַ מענטש זאָל נישט זיין, איז ער אַלץ אַ חלק פון צלם אלהים — — — ישראל מיינט דאָך, אַז ער האָט זיך אָנגענומען פאַרן רבונו־של־עולם, זאָג איך דיר — האָט ר׳ איטשע כמעט געשריען — אַז ער האָט נאָר וואָס אָפּגעטאָן אַ נבלה, נישט נאָר ער האָט געזינדיקט, נאָר ער האָט נאָך געמאַכט אַנדערע זינדיקן, טאָ מיט וואָס איז ער בע־סער פאַר ירבעמען?

דער באָרוועסער ישראל איז געשטאַנען צווישן דעם עולם, זיך איבערגעבונדן די שטריק אויפן בלויזן לייב, ווו זיי האָבן איבערגעלאָזט בלוטיקע צייכנס, זיך נישט איינגעהערט וואָס ר׳ איטשע רעדט, גע־שאָלטן מיט טויטע קללות און גערעדט ווי צו זיך:

שקץ תשקצנו, ותעב תתעבנו, כי חרם הוא!
שקץ תשקצנו, ותעב תתעבנו, כי חרם הוא!

שמואל איז אויסגעוואַקסן געבן מרדכין, מאָדנע געשמייכלט, ווי עס וואָלט אים הנאה געטאָן די גאַנצע חתונה און אַ זאָג געטאָן שטיל, אַזוי זיך, כלאַחר־יד:

— וואָס זאָגסטו אויפן באָרוועסן ישראל? געהערט אַ ביסל קללות און חרמות? מענטשן זאָגן ער איז אַן איש־אלהים, דינט דעם רבונו־של־עולם מיט רחבות און וועגן ר׳ איטשען איז דאָך אָפּגערעדט, אַז ער איז אַ צדיק, דאָס זעט דאָך יעדער איינער, — פרעגט זיך, ווער פון זיי ביידן איז גערעכט? כ׳מיין גאָר נישט, גלאַט אַזוי, ס׳איז מיר

איינגעפאַלן אַ רעיון — האָט שמואל געשמייכלט און אַן אויג נישט אַראָפּגעלאָזט פון מרדכין.

מרדכי האָט נישט געענטפערט, נישט געקאָנט פאַרטראָגן שמואלס שמייכל, אים פיינט געקראָגן, זיך אָפּגעדרייט פון אים און געפילט, אַז שמואלס רייד לאָזן אים נישט צורו — נו טאַקע, ווער פון דיביידן איז גערעכט? איינער איז דאָך סותר דעם צווייטן?

די חסידים האָבן מורא געהאַט פאַרן באָרוועסן ישראלס קללות, זיך פאַרלוירן פון ר׳ איטשעס שטילע רייד, צוריק אַריין אין די בוידן, זיך געשעמט איינער פאַרן צווייטן און גענומען פאָרן אין שטאָט אַריין.

מרדכי איז נישט מיטגעפאָרן, ער האָט געזאָגט ר׳ איטשען, אַז ער וועט קומען אין שטאָט אַריין צופוס און אַ צעווייטאָקטער, אַ באַליי־דיקטער, ווי מען וואָלט אים דאָס הייליקסטע אין לעבן פאַרשוועכט, איז ער געבליבן שטיין פאַרזונקען אין רעיונות הינטער אַ בוים און געקוקט וואָס דער זקן וועט טאָן.

דער זקן איז נאָך געשטאַנען אַ ווײַלע מיט דער קוליע אין דער האַנט. געמאַכט מיט די ליפּן אין דער זייט, וווּ די חסידים זיינען אַוועק־געפאָרן, ווי ער וואָלט זיי מיטגעשיקט אַ קללה, און פאַמעלעך זיך אַראָפּגעלאָזט נעבן קבר.

שטיל איז מרדכי אונטערגעגאַנגען, געזען ווי דער אַלטער זיצט ביים קבר און וויינט, האָט עס אים פאַרקוועטשט אונטערן האַרץ, אַ נעבויגענער איז ער געבליבן שטיין און זיך געווישט די אויגן.

דער זקן האָט דערזען מרדכין, גאָר נישט גערעדט, בלויז געקוקט אויף אים, דערפילט, אַז ס׳איז דאָ יושר אויף דער וועלט און ס׳איז אים לייכטער געוואָרן.

ס׳איז שוין געווען גרויסער טאָג. די זון האָט געברענט, געוואָרפן אין די אויגן פליטערלעך ליכט, געשטיפט מיט יונג און אַלט, האָט מען לייכטער אָפּגעאָטעמט. זאָרג און פאַרדרוס זיינען אויף אַ ווײַלע אַוועק און ווי דורך אַ כשוף איז פון אַלט יונג געוואָרן.

מרדכי האָט געהאָלפן דעם זקן זיך אויפהויבן און איבערן זאַמדיקן וועג איז דער זיידע מיטן אייניקל, ווי צוויי חברים, אַריינגעגאַנגען נאָך קאָצק.

---

קאַפּיטל 2.

## ר׳ מענדעלע קאָצקער

צומאָרגנס איז מרדכי אָפּגעזעסן דעם גאַנצן פרימאָרגן ביים רבין אין בית־המדרש און זיך געוווּנדערט, פאַרוואָס דער עולם שטעלט זיך נישט דאַוונען. ס׳איז שוין געווען נאָך צוועלף. איבערן לײדיקן בית־המדרש האָבן עטלעכע אָפּגעריסענע, באַוואַקסענע חסידים אַרומשפּאַצירט איינציקווייז, ווי זיי וואָלטן געווען ווילד־פרעמדע, געמאַכט משונהדיקע הויות און זיך געמחט. מרדכי האָט אָפּגעשטעלט איינעם פון זיי און זיך געפרעגט:

— ווען שטעלט מען זיך דאָ דאַוונען?

דער חסיד האָט פון געוווינהייט אָנגעשטעלט אַן אויער, ווי ער וואָלט בעסער געוואָלט באַגרייפן וואָס מען פרעגט אים, ביז געווען, פאַרוואָס מען האָט אים איבערגעריסן די רעיונות און זיך אַ וואָרף געטאָן:

— אין קאָצק דאַוונט מען נישט!

מרדכי האָט פון גרויס חדוש אַ הויב געטאָן מיט די אַקסלען, נאָכגעקוקט אַ ווײַלע דעם חסיד און איז צוגעגאַנגען צו אַן אָפן פענ־סטער, וואָס האָט אַרויסגעפירט אויפן הויף. דער הויף איז געווען שוואַרץ מיט חסידים. טייל זײַנען געזעסן אויף קלעצער, אויף שטיינער, אַנדערע זײַנען געלעגן אויפן גראָז, געמיטלעך געשמועסט איבער פאַ־נאַנדערגעעפנטע פעקלעך און געגעסן צוזאַמען. אַן אַלטער חסיד איז אַרומגעגאַנגען צווישן עולם מיט אַ קאָש פלעצלעך, וואָס איז געווען גרעסער פון אים און געשריען — כל דכפין יתא ויאכל! דער עולם האָט צעכאַפּט די פלעצלעך ווי מצה־וואַסער. דאָס איז געווען משהלע

חסיד, אַ ייד, וועמעס עובדה ס'איז געווען צונויפצוגעמען יעדן פרימאָרגן בײַ די שטאָט-בעקערס אַ קאָש מיט פּלעצלעך און זיי צו צעטיילן צווישן דעם אָנגעקומענעם עולם.

אָן אַ זייט, קעגניבער דעם רבינס הויז, זײַנען געזעסן דאָרפס-יידן אין שווערע קאַפּאָטעס, עלטערע יידענעס מיט טעכטער, יונגע ווײַבלעך, מאַמעס מיט קראַנקע קינדער, קאַליקעס. זיי זײַנען זיך צו נויפגעקומען פון גאַנץ פּוילן, יעדער מיט זײַן שווער געמיט, יעדער מיט זײַן ביטער האַרץ, געגאַנגען צופוס צענדליקער וויאָרסט, און געהאָפט, אַז דער רבי וועט זיי העלפן. און כאָטש זיי האָבן געוווּסט, אַז ר' מענדעלע נעמט שוין יאָרן נישט קיין קוויטלעך, זײַנען זיי פונדעסטוועגן געקומען פון איבער גאַנץ פּוילן, געזעסן גאַנצע טעג הינטער דעם רבינס פענסטער און געווען זיכער, אַז פון אַ בלויזן קוק זײַנעם קאָן בעסער ווערן. דערשלאָגענע מיט פאַרחשכטע פּנימער, זײַנען זיי געזעסן אַלע צוזאַמען, די קעפּ אַראָפּגעלאָזט, ווי חולאים בײַ אַ דאָקטער אין פּאָדער-הויז, אויסגעהערט איינער דעם צווייטנס אומגליק, מיטגעזיפצט און זיך עצות געגעבן.

מרדכי האָט מיט אַמאָל דערהערט אַ בילעריי, אַז ס'איז אים אַזש קאַלט געוואָרן. צווישן די חולאים האָט זיך אַ יונג מיידל אַוועק גע-שטעלט אויף אַלע פיר, פאַרריסן דעם קאָפּ, פאַרגלייזלט די אויגן און גענומען בילן ווי אַ הונט. דער עולם האָט זיך אָפּגערוקט, געשטאַנען אומבאַהאָלפן, ווי פאַר אַן אומגליק, און זייערע טעמפּע, השכדיקע פּנימער האָבן געקוקט אין אַלע זייטן אַזוי צעשראָקן, אַז אַ רחמנות האָט אַרומ-גענומען. דאָס מיידל האָט זיך געפּילט באַקוועמער, וואָס דער עולם האָט זיך פאַנאַנדערגערוקט, צעעפנט דעם קאַפּטן, העכער פאַרריסן דעם קאָפּ, און מיט אַ בילעריי פון אַ הונט, וואָס דערשמעקט ערגעץ-ווו אַ פייער, שטעלט זיך אַוועק אויף די הינטערשטע פיס, באַהאַלט דעם עק, צעווײַנט זיך, ווי דאָס פייפן פון אַ ווייטן ווינט, זאָגט אָן מענטשן אַ שלעכטע בשורה, פּונקט אַזוי איז דאָס מיידל זיך פאַרגאַנגען.

די חסידים האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון זייערע פּלעצער, אַרומגע-רינגלט די קראַנקע.

— ס'איז דאָך אַ דבוק, רחמנא ליצלן, גיסט זי אָפּ מיט נעגל-וואַסער! — האָט אַ חסיד אַן עצה געגעבן.

— יידן, טשעפּעט נישט מיין קינד! — האָט אַן אַלטע פאַרווייִנטע מוטער זיך געבעטן, אַרומגעכאַפּט די טאָכטער און זי גענומען קושן — לאַהשי, האָב רחמנות אויף דיין קראַנקע מאַמע, פאַרשוואַרץ מיר נישט ס'פּנים פאַר אַ גאַנצע וועלט, נו, באַרויק זיך, קינד מיינס!

דערווייל האָט אַ חסיד געבראַכט פון בית־המדרש אַן עמער מיט נעגל־וואַסער און זי אָפּגעגאָסן. די קראַנקע האָט אַ קוויטש געטאָן, צע־טומלט געוואָרן, אויפגעהערט צו בילן און אָפּגענעצטע איז זי גע־בליבן ליגן אין זאַמד אָן אָטעם, בלויז געדריגעט מיט די פיס.

די מוטער האָט גענומען מונטערן די טאָכטער, זי געריסן פאַר די האָר, פאַר דער נאָז, נישט געקאָנט דערמונטערן, איז זי אויפגעשפּרונ־גען, פאַרבראָכן די הענט און געשריען צום עולם מיט אַ ניגון, ווי מען באַוויינט אַ טויטן:

— וואָס האָט איר געוואָלט פון מיין טאָכטער? גיט מיר אָפּ מיין טאָכטער?!

זי איז מיט אַמאָל צוגעלאָפן צום רבינס פענסטער, גענומען קלאַפּן מיט ביידע הענט, אַז די שויבן האָבן אַזש געציטערט, געוויינט און זיך געבעטן:

— רבישי, הייליקער רבי, האָט רחמנות אויף אַן אָרעמער מאַמע! איין איינציקע טאָכטער איז זי ביי מיר! פון צען געבליבן איין אויס־געוויינט קינד! רבי!..

בשעת די יידענע איז געשטאַנען ביים רבינס פענסטער און גע־וויינט, איז געוואָרן אויפן הויף אַזוי שטיל, אַז מען האָט געהערט, ווי די קראַנקע דריגעט מיט די פיס. אַלע האָבן אָנגעשפּיצט די אויערן, געשטאַנען מיט צעעפנטע מיילער, געוועון זיכער, אַז דער רבי וועט הייסן ברענגען די קראַנקע צו זיך.

דער רבי, אַ קליינער, אַ גרויער, אַזוי באַוואַקסן, אַז מען האָט אפילו דאָס פּנים נישט אַרויסגעזען, איז געשטאַנען אין פענסטער מיט צונויפגעקוועטשטע פויסטן און געשריען צום עולם:

— אָקסן, אַוועק, אַוועק פון מיינע אויגן! כ'בין קיין דאָקטער נישט! כ'האָב געהאָפט צו זיין אַ מענטשן־דאָקטער, האָט איר מיך געמאַכט פאַר אַ קאָנאָוואַל! טאָ וואָס ווילט איר איצט?

אַלע האָבן פאַרגעסן אָן דער קראַנקער, געציטערט פון רבינס רייד. איז זי דערווייל געקומען צו זיך, זיך צוריק אַוועקגעשטעלט אויף אַלע פיר און, ווי אויף צו להכעיס, אַזוי הינטיש זיך צעווײנט דעם רבין גלייך אין פּנים אַריין, אַז בײַ יעדן איינעם איז דורך אַ שוידער.

מרדכי האָט געקוקט אויף די צעקרימטע פּנימער, וואָס האָבן געבעטן רחמים בײַ יעדן חסיד, אויף די אויסגעצערטע קינדער, וואָס האָבן זיך געשאַרט אויף די עלנדע מוטערס, אויף די קאַליקעס, וועמעס צעווייטאָקטע אויגן האָבן זיך געצונדן, געקוקט מיט בטול אויף די אַרומיקע חסידים, ווי זיי וואָלטן זיך געררייצט — זי בילט אויפן רבין, זי בילט אויפן רבין...

מרדכי איז געשטאַנען מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן און געגלויבט, אַז באַלד וועט זיך עמעצער באַווייזן. ער האָט געזען, ווי אַ געשטאַלט, אַ ליכטיק געשטאַלט, טראָגט זיך צווישן עולם, לייכט ווי אַ ווינט, רירט אָן יעדן איינעם מיט זיינע בלייכע פינגער, רייסט איבער דעם פלאָנטער...

אין מיטן הויף איז געשטאַנען אַ ווייבל. זי האָט אַראָפּגעריסן איר אַלט סאַמעטן קאַפּטנדל, אַ האַלב נאַקעטע אַ פּאַל געטאָן אויפן זאַמד, געעפנט אַ פאַרשוימט מויל און קנוילנווייז האָט זיך געגומען וויקלען אַ געלעכטער, ווי אַן אַלטער ייד וואָלט געלאַכט. באַלד האָט זיך אָפּגערופן אַ צווייטס, אַ דריטס, איינס העכער פון צווייטן, איינס פאַרשייטער, אויסגעלאַסענער פון צווייטן. דאָס געלעכטער האָט זיך געוויקלט, געקייקלט און ס׳האָט אויסגעזען, אַז צווישן עולם שטייען אַלטע יידן מיט לאַנגע בערד, האַלטן זיך פאַר די בייכער און לאַכן. פאַר די אויגן האָבן זיך געטראָגן רינגען, זיך געקייטלט, געפלאָכטן, זיך אויסגעמישט מיטן בילן, פאַרשייט אָפּגעקלונגען און ס׳האָט אויסגעזען, ווי נישט־גוטע וואָלטן זיך צונויפגעקומען אונטערן קאָצקערס פענסטער, געוואָלט אים מבולבל מאַכן.

פון צווישן עולם האָט זיך ר׳ איטשע אַרויסגערוקט, צוגעגאַנגען צו דער קראַנקער, אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף איר קאָפּ און זי געפרעגט:

— ווי הייסטו?

— לאה! — האָט דאָס מיידל אַ ביל געטאָן...

— וואָס איז דיר, לאה? האָט ר׳ איטשע זי געפרעגט.

— ס'זיצט עפּעס דאָ. — האָט ס'מיידל געוויזן אויפן האַרץ און זיך צעוויינט.

— נו, ווײן נישט, טאָכטער — האָט ר' איטשע זי גענומען באַרויִקן, אָנגענומען פאַר אַ האַנט — שטעל זיך אויף, אַזוי! גאָט וועט דיר העלפן, וועסט געזונט ווערן.

דאָס קראַנקע מיידל האָט אָנגעהויבן שמייכלען, באַלד זיך אויס־טערליש צעלאַכט, אַרומגעכאַפּט ר' איטשען מיט ביידע הענט און אים אַרייַנגעשריען אין פּנים:

— מיין חתן! דו ביסט מיין חתן!

ר' איטשע האָט זיך נישט אַרויסגעריסן פון דער קראַנקער, גע־בליבן שטיין אין אירע אָרעמס, געקוקט אויף איר מיט אַ פּאָר פאַר־ווייטאָקטע אויגן, ווי אַ פּאָטער קוקט אויף אַ קראַנקער טאָכטער, און זי איינגעשטילט:

— נו, באַרויק זיך, לאה! כ'בין דיין חתן! כ'בין דיין חתן!

— משוגענע! — האָט די אַלטע מוטער זי אַ ריס געטאָן פון ר' איטשען — האָסט שוין גאָר קיין בושות נישט?

די קראַנקע האָט זיך אַרומגעקוקט, ווי זי וואָלט איצט דערזען דעם עולם אַרום זיך, זיך געכאַפּט, וואָס זי האָט נאָר וואָס אָפּגעטאָן און אַ פאַרלוירענע, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, האָט זי זיך געטוליעט צו דער אַלטער מאַמען.

— זי האָט אויפגעהערט צו בילן! — האָט זיך עמעצער פון עולם אָנגערופן.

— דער ימח־שמו האָט קיין שליטה צווישן צדיקים.

— ווו איז ר' איטשע?

— ער שטייט דאָך דאָ!

— ווו?

— ר' איטשע איז דער אמתער צדיק־הדור! — האָט דער באָר־וועסער ישראל אויסגעשריען.

— קוקט, ר' מענדעלע שטייט נאָך אין פענסטער! — האָט עמעצער געוויזן מיט אַ פינגער.

ר' מענדעלע איז געשטאַנען די גאַנצע צייט, געקוקט אויף ר' איטשען און זיין אַלט, צעקנייטשט פּנים האָט אויפגעלויכטן.

ר׳ איטשע האָט צוגעפירט דאָס קראַנקע מיידל צו אַ קלאָץ, זי אַװעקגעזעצט, באַרוּקט, דערזען דעם רבין, װי ער שטייט אין פענסטער און קוקט אויף אים, האָט ער זיך פאַרשעמט און זיך געלאָזט מיט די קלעצער.

ער איז אַריין אין בית־המדרש, עטלעכע מאָל כּמעט דורכגעלאָפן הין און צוריק איבער דער גאַנצער לענג, געקייט דאָס שװאַרצע בערדל, מיט אַמאָל זיך אָפּגעשטעלט, אַרויסגעכאַפּט אַ ספר פון אַ פּאָליצע, אָנגע־שפּאַרט אַ פוס אויף אַ באַנק, עפּעס אונטערגעברומט, געבלעטערט, עס אַװעקגעשטעלט און צוריק גענומען שפּרייזן איבערן בית־המדרש.

מרדכי איז אים אַנטקעגן געקומען. ר׳ איטשע האָט געקוקט אויף אים, װי אויף אַן אומבאַקאַנטן, װי ער װאָלט אים נישט געזען. מרדכי האָט זיך פאַרלוירן, זיך געװאָלט אַװעקדרייען, האָט ר׳ איטשע אים אַרומגענומען:

— נו, מרדכי, האָסט שוין איבערגעביסן?

מרדכי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ, כאָטש ער האָט נאָך נישט געהאַט אין מויל פון נעכטן ביי נאַכט אָן.

— טאָ קום, מיר װעלן אַריין צום רבין — האָט ר׳ איטשע גענו־מען מרדכין אונטערן אָרעם און איז מיט אים אַרויס פון בית־המדרש.

דעם רבינס שמש, אַן עלטערער ייד מיט לאַנגע, שװערע פּאות, איז גיך פאַרבייגעגאַנגען. די לאַנגע פּאות זיינען זיך צעפלויגן, װי אַ פּאָר צעשפּרייטע פליגל פון אַ באָטשאַן. ר׳ איטשע האָט אים אָפּגעשטעלט:

— גוט מאָרגן, ר׳ פּאַװעש!

— אָ, — האָט זיך דער שמש אַ כאַפּ געטאָן, געװאָלט געבן שלום, זיך דערמאָנט, אַז ער האַלט צװישן די ערשטע צװיי פינגער אַ שמעק טאַבעק, האָט ער אים אַריינגעפּאַקט אין דער נאָז, זיך אַ קרים געטאָן און אָפּגעװישט די הענט אָן דער ריפּסינער קאַפּאָטע — שלום־עליכם, ר׳ איטשע!

— װאָס מאַכט דער רבי?

— שװאַך, ר׳ איטשע, שװאַך! — האָט דער שמש אָפּגעזיפצט — פון נעכטן אָן גאָרנישט טועם געװען!

— קאָן מען איצט צו אים אַריינגיין?

— ס'הייסט, אַרײַנגײן קאָן מען — האָט דער שמש געשטאַמלט — נאָר אַז איר וועט איצט אַרײַן, וועט דער רבי שוין אין גאַנצן נישט עסן. זײַס זשע מוחל, ר' איטשע, און גײט דערווײַל אַרײַן צו ר' דודלען און גלײַך, ווי דער רבי וועט עפּעסן, רוף איך אײַך אַרײַן, גוט?

— גוט, גוט, זײַער גוט! — האָט ר' איטשע געריבן אַ האַנט אָן אַ האַנט און איז אַרײַן מיט מרדכין צו ר' דודלען, דעם רבינס עלטסטן זון.

---

ר' דודל, אַ שײַנער ייד אין די פערציקער, מיט פולע, רויטלעכע באַקן, מיט געקרויזטע פאות, בויגיק ווי שפּרינגפעדערס, האָט אַוועקגעשטעלט דאָס גלאָז טײ, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט, זיך אויפגעשטעלט און אַנטקעגן געגאַנגען די געסט אין אַ געשטרײַפטן זײַדענעם שלאַפראָק, אין אַ פּאָר פּערסישע, װײכע שטעק־שיך. ער האָט געגעבן ר' איטשען שלום און זיך געפרעגט אויף מרדכין:

— און ווער איז דאָס דער בחור? עפּעס אַ באַקאַנט פּנים...

— דאָס איז ר' אברהם שרײַבערס זון.

— אַזוי, טאַקע געראָטן אין פאָטער — האָט ר' דודל אַרײַנגעשטעקט מרדכין אַ ווײַך, וואַרעם הענטל, עס נישט באַלד אַרויסגענומען, אים צוגעפירט צום טיש און אַרויסגערוקט אַ שטול — זיך, ביסט דאַכט זיך, אַ בן־יחיד, האַ? און וואָס מאַכט דער טאַטע?

מרדכי האָט זיך פאַרלוירן און אײדער ער האָט צײַט געהאַט עפּעס צו ענטפערן, האָט ר' דודל שוין גערעדט מיט ר' איטשען.

ר' דודל האָט זיך גערעכנט פאַר אַ ייד אַ חלוש — געליטן אויף די פיס, געהאַט גאַל־שטיינער, זיך געשראָקן, אַז ער קריגט אַסטמאַ. יעדעס יאָר איז ער געפאָרן נאָך אויסלאַנד אין די בעדער, תמיד אַהיימגעקומען שוואַכער, ווי ער איז געפאָרן, תמיד מיטגעבראַכט אַ פרישע חולאת, וואָס קײנער האָט נאָך דערפון נישט געהאַט געהערט און זיך אַרומגעטראָגן מיט איר ווי מיט אַן אבן־טוב. און אַז ער האָט גערעדט פון זײַנע חולאתן האָט ער גאָר אָפּגעלעבט, הנאה געהאַט אַלעמען

איבערצושרעקן, זייער געוואָלט מען זאָל אים באַדויערן און נישט איינ־
מאָל, אַז ס׳איז פאָרגעקומען אין הויף אַ מחלוקה, האָט ער געסטראַשעט
דעם עולם, אַז ער גייט זיך לאָזן אָפּערירן. דער גאַנצער הויף האָט
געלעבט מיט דודלס חולאתן. דאָס ווייב האָט גאַנצע טעג געטראַכט,
וואָס פּאַר אַ מאכלים צו מאַכן, דער מאַן זאָל האָבן מיט וואָס צו דער־
כאַפּן דאָס שוואַכע האַרץ. די קינדער זיינען אַרומגעגאַנגען אין די צי־
מערן אויף די שפּיץ־פינגער, קיין הויך וואָרט נישט אַרויסגערעדט, קיין
קלאַפּ געטאָן, ווי זיי וואָלטן געווען אין אַ שפּיטאָל, תּמיד אין זינען
געהאַט, אַז דער טאַטעשי איז נישט געזונט. ר׳ דודל אַליין האָט וויניק
געלערנט, זיך געפּאָרעט יעדן טאָג אין זיין אייגענער אַפּטייק, ווי
אויף פּאָליצעס זיינען געשטאַנען הונדערטער סלאָיקעס, פלעשלעך,
פאַרשיידענע רעצעפּטן, געשפּילט אין שאַך; צוויי, דריי מאָל אַ וואָך, ווען
די „גאַזעטאַ צאַדזשעננאַ״ איז אָנגעקומען נאָך קאָצק, האָט שלמהלע
דער רופא אַריבערגעבראַכט די גאַזעטן צו ר׳ דודלען און געלייענט וואָס
עס הערט זיך אויף דער וועלט. ר׳ דודל האָט געוווּסט די קלענסטע
רכילות, וואָס אַרום דעם הויף, געזען מען זאָל קיינעם נישט צו לאָזן
צום טאַטן און געפירט דעם הויף ביד־חזקה.

דודל האָט זיך געווענדעט צום ווייב, וואָס איז געזעסן אַן אויס־
געבלייכטע ביים אָפענעם פענסטער אין אַ טיפן פליושענעם פאָטעל און
געזופּט טיי:

— שרהלע, ווייסט ווער דאָס איז? ס׳איז דאָך דבורהלעס זון,
דער בן־יחיד!

שרהלע אָנגעטאָן אין שוואַרצן זייד, אַ שוואַרץ שטערן־טיכל ביז
איבער דעם האַלבן שטערן, האָט אַן איבערראַשטע זיך אַ הויב געטאָן
מיטן פאָטעל, ווי זי וואָלט זיך גענטער געוואָלט צורוקן צו מרדכין, און
געבליבן זיצן ביים פענסטער:

— קיין עין־הרע אַ בחור! דו ווייסט, דודל, ער איז דאָך אין
איין עלטער מיט אונזער רבקהלען!

רבקהלע, וואָס איז געזעסן עטוואָס געבויגן ביים טיש, אויסגע־
האָפטן אויף שוואַרצן זייד מיט זילבערנע און גאָלדענע פעדים, וואָס
האָבן געהאַנגען פאַסמעסווייז אַרום איר האַלז, האָט צעעפנט אַ פּאָר
ליכטיקע, צניעותדיקע אויגן, וועלכע מען טרעפט אַזוי אָפט ביי רביימשע



צווישן די חולאים האָט זיך אַ יונג מיידל אַוועקגעשטעלט אויף אַלע פיר, פאַר־ריסן דעם קאָפּ, פאַרגלייזלט די אויגן און גענומען בילן ווי אַ הונט.

(זייט 154)

טעכטער, פון דער זייט אַ קוק געטאָן אויף מרדכין, טיפער אַראָפגעלאָזט דעם קאָפ איבער דער ארבעט און צווישן די פאַסמעס פעדים און די שוואַרצע האָר, האָט זיך דער בויג פון איר האַלז געוואָרפן אין די אויגן.

— שרהלע, זע מען זאָל מכבד זיין די געסט! — האָט דודל אויפגעלייגט געשמייכלט.

שרהלע האָט אַוועקגעשטעלט דאָס דורכזיכטיקע גלאָז טיי, קלאָר ווי אַ גלאָז וויין, אויף אַ שוואַרץ אַכט-עקיק טישל און זיך געווענדעט צו דער טאָכטער:

— רבקהלע, ברענג אַריין טאָרט מיט וויין!

רבקהלע איז געווען הויך און בויגיק, ווי אַ יונג ביימל. מרדכי האָט איר נאָכגעקוקט, געזען ווי זי פאַרשווינדט אין צווייטן צימער, געזען ווי אַ ווייסער שפיץ פון איר אונטערקליידל קוקט אַפער, שלאָגט זיך אָפ אָן דעם שוואַרצן, זיידענעם זאָק, האָט ער זיך מיט אַמאָל דערפילט אַזוי גוט, פונקט ווי אַ קיל ווינטל וואָלט אַ בלאָז געטאָן, ווען די היץ איז אומערטרעגלעך.

ביים צווייטן פענסטער איז געזעסן אַ יונגע פרוי אין אַ קאַפעלוש, אין ווייסע לאַנגע האַנטשן, נערוועז געצוגט מיט די ליפן, ווי זי וואָלט איינגעטענהט מיט זיך. מרדכי האָט באַמערקט, אַז זי האָט זיך צומאָל נישט אומגעקוקט, ווען זיי זיינען אַריין, געזעסן איבער אַ בוך, געמאַכט גרימאַסן, ווי זי וואָלט אליין געווען אין צימער. ער האָט פון דער זייט געכאַפט אַ קוק אויף איר בלאַס, לענגלעך פנים, האָט עס אים דערמאָנט, אַז אַזוי האָט שרהלע געדאַרפט אויסזען יונגערהייט. ער האָט זיך געשטויסן, אַז דאָס איז ר׳ דודלס עלטסטע טאָכטער, אַז איר מאַן איז ר׳ דניאל אייבשיץ, וועגן וועלכן ער האָט זיך אַזוי פיל אָנגעהערט.

אַ יידענע אין אַ קופקע האָט אַריינגעבראַכט אַ זילבערנע טאַץ מיט געבעקס, אַ קאָשעקל וויין אַרומגעפלאָכטן מים זילבערנע שטריק, אַלץ אַוועקגעשטעלט אויפן טיש און אַרויסגעגאַנגען אויף די שפיץ נעגל.

רבקהלע איז צוריק אַריין, אַוועקגעשטעלט אויפן טיש עטלעכע גלעזלעך, געשטאַנען אַ ווילע, ווי זי וואָלט נישט געוווסט וואָס מיט זיך צו טאָן און זיך אַוועקגעזעצט נעבן דער מוטער אויפן פענסטער. זי

האָט אָוועקגעבויגן די טיולענע גאַרדינען, וואָס זיינען געפאַלן פאַלדנ־ווייז איבערן דיל, אַרויסגעקוקט אין געדיכטן סאָד אַריין, אָפּגעריסן אַ בלעטל, עס געקייעט, עפּעס איינגערוימט דער מוטער אויפן אויער און צנועהדיק געשמייכלט.

ר׳ דודל האָט אָנגעגאָסן די גלעזלעך, געטרינקען לחיים און גע־ווישן אויף דעם טאַץ מיט געבעקס:

— פאַרבייסט!

נאָכן ערשטן גלעזל האָבן די אויגן ביי ר׳ דודלען זיך פאַרצויגן. ער האָט פאַרביסן אַ שטיקל טאָרט, זיך אַ רוק געטאָן צו ר׳ איטשען און גענומען מיט אים איינטענהן אין דער שטיל.

מרדכי האָט זיך אַרומגעקוקט. באַטראַכט די שווערע שטיקער מעבל, ערטערווייז צעשפּאָלטן פון אַלטקייט, ווי ס׳וואָלט איבערגעגאַנגען בירושה פון דור־דורות, באַטראַכט די פּאָדלאָגע מיט פּערסישע דיוואַנען, ווו יעדער טריט איז זיך צעשווומען אין דער ווייכקייט און אפילו דעם אומרוס טיק־טאַק פון גרויסן, געשניצטן זייגער, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל, האָט טעמפּ אָפּגעקלונגען, ווי דער זייגער וואָלט אויך גע־ווען איינגעוויקלט אין אַ דיוואַן. דורך די טיולענע גאַרדינען האָבן אַריינגעקוקט שטיקלעך צווייגן, בלעטער, ווי פיליגרין אַרבעט, די בלע־טער האָבן זיך קוים באַוועגן, מיטגעבראַכט אַ ווייט שטיל גערויש, וואָס האָט געשלעפערט. דאָס אַלט־פרענקישע, מאַטע זילבער אויף די ווינקל־טישלעך, אין די שויבן־שענקלעך, די ווייכע דיוואַנען, די דאַמע אין די ווייסע זיידענע האַנטשן, וואָס איז געזעסן ווי אַן אויסגעגאָסענע און געמאַכט מיט די ליפּן, אַלץ איז געווען אַזוי שטום, ווי ס׳וואָלט דורך־אַרץ געהאַט פאַר די דורות פון די אַלטע, ערטערווייז צעשפּאָלטענע שטיקער מעבל.

שרהלע האָט זיך טיפער אַריינגעזעצט אין פאָטעל, אַרויפגעשטעלט די פוס אויף אַ קליין, אויסגעבעטע פיסן־בענקל און מיט ווירדע אַ פרעג געטאָן ביי מרדכין:

— ווו שטייסטו איין?

מרדכי האָט באַלד נישט געכאַפּט וואָס מען פרעגט אים, אַ צערוי־דערטער אָפּער פון הינטערן טיש, זיך איבערגעזעצט אויף אַ ליידיקן שטול, וואָס איז געשטאַנען נעבן שרהלען, זי אָנגעקוקט אַ ווײַלע, גע־

פילט, אַז ער טוט אַ נאַרישקייט, איז ער רויט געוואָרן, געבליבן זיצן און שטול געענטפערט:

— בײַ ר׳ יוסלען.

— כ׳האָב גאָר פאַרגעסן — האָט שרהלע אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי זי וואָלט זיך עפּעס דערמאָנט. — ר׳ יוסל איז דאָך מיט אייך מחותּנים!

— יאָ, — האָט מרדכי אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— ר׳ יוסל איז אַן אָנגעשטאָפּטער גביר — האָט שרהלע פאַר־זשמורעט די אויגן און געוויגט מיטן קאָפּ אום צוצוגעבן אירע רייד מער געוויכט. — אַ בעל־צדקה, מען קאָן נישט זאָגן, לאָזט זיך קאָסטן און מיט אַ פולער האַנט, פונדעסטוועגן איז ער באַגאַנגען אַן עוולה! מיר זיינען דאָך אייגענע מענטשן, ס׳הערט דאָך דאָ קיינער נישט, ער האָט זיך נישט געדאַרפט איינרייסן מיט די קינדער און נעמען אויף דער על־טער אַ מיידל! ער איז דאָך אַ זקן, שוין איבער זעכציק און זי? כ׳וויס נישט צי זי איז מער ווי דריי, פיר און צוואנציק יאָר?

— איר פאָטער איז אויך געווען געגן שדוך — האָט מרדכי זיך אָנגערופן — נאָר ער האָט זיך נישט געקאָנט העלפן. די צוקראָווניע האָט אים בדיל־הזל געשטעלט און ווען ר׳ יוסל גיט אים נישט די דרייסיק טויזנט גילדן, וואָלט מען די צוקראָווניע שוין לאַנג אַרויסגע־שטעלט אויף אַ ליציטאַציע.

— אַזוי איז עפּעס אַנדערש! הייסט עס ער האָט זי אָפּגעקויפט! — האָט שרהלע געצויגן די ווערטער, ווי איצט וואָלט אַלץ ביי איר געווען פאַרענטפערט.

— מען זאָגט זי איז זייער געבילדעט — האָט רבקהלע זיך אָנ־גערופן.

— און אַז זי איז געבילדעט, דאַרף מען גיין אין די האָר און זיך אַרומשלעפּן מיט גוים? — האָט שרהלע זיך געבייזערט.

— פונדעסטוועגן, ווען מען וואָלט מיך אָפּגעגילט, וואָלט איך אויך נישט גענומען אַזאַן אַלטן מאַן! — האָט רבקהלע זיך צעלאַכט און איז רויט געוואָרן.

— זע נאָר, זע, ווער ס׳רעדט — האָט די מוטער איר געגלעט איבערן קאָפּ און זיך געווענדעט צו מרדכין, אַבי צו פאַרציען אַן אַנדער

שמועס — און וואָס מאַכט די מאַמעשי, זי איז דאָך שטענדיק געווען אַזאַ שוואַכע?

מרדכי האָט נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן, געהאַלטן אין איין דאַנקען, געקוקט אויף רבקהלען, ווי זי האָט געריסן אַ בלעטל נאָך אַ בלעטל, זיי געקייעט און אַז ער האָט זיך געקליבן עפּעס צו זאָגן, האָט זיך קיינער צו אים נישט צוגעהערט.

שרהלע האָט גערעדט צו דער טאָכטער:

— איך מיט זיין מאַמעשי זיינען מיר געוואַקסן צוזאַמען, געווען חברטאָרנס פון קינדערווייז אָן...

רבקהלע האָט אויפגעהויבן די אויגן, דרייסטער געקוקט אויף מרדכין, ווי דאָס, וואָס זייערע מוטערס זיינען געווען חברטאָרנס, וואָלט זי דערנענטערט צו אים. מרדכי האָט זיך פאַרגעסן, געהערט ווי ר׳ דודל רעדט וועגן זיין פאָטער, דעם רבין, מיט אַזאַ וואָכעדיקייט, האָט ער אָנגעשפּיצט די אויערן, זיך געוואָלט איינהערן, איז פּונקט דעמאָלט אַריינגעקומען דער שמש:

— ר׳ איטשע, איר קאָנט אַריינגיין.

ר׳ איטשע האָט זיך אויפגעשטעלט, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט צו מרדכין ער זאָל מיטגיין.

—וואָס דאַרפסטו אים — האָט ר׳ דודל אָפּגעשטעלט ר׳ איטשען — לאָז אים דאָ איבער!

— נו, האָט ר׳ איטשע זיך געווענדעט צו מרדכין און אַ צוג געטאָן מיט די אַקסלען — ווי דו ווילסט?

מרדכי איז געבליבן אין א פאַרלעגנהייט, געקוקט אויף ר׳ דודלען, אויף ר׳ איטשען, נישט געוווסט וואָס צו טאָן, זיך געשושבט און מיט אַ מאָדנעם שמייכל, ווי ער וואָלט עפּעס שולדיק געבליבן ר׳ דודלען, האָט ער זיך כמעט ביי אים געבעטן:

— כ׳וועל מיטגיין מיט ר׳ איטשען.

— אַז דו ווילסט, — האָט ר׳ דודל גענומען גיין אין אַ צווייטן צימער אַריין און זיך אָפּגעשטעלט אויף דער שוועל — זיי נישט קיין גאַסט, הערסט?

— קום היינט אַריבער אויף אוונט־ברויט, — האָט שרהלע אים פאַרבעטן.

מרדכי האָט זיך געזעגנט, געווען גליקלעך און נישט געוווּסט, פאַר־וואָס די מענטשן אינטערעסירן זיך אַזוי מיט אים, ער האָט גענומען אַרויסגיין, מיט אַמאָל דערפילט, ווי די מענטשן, דאָס הויז ווערן אים נאָנט, בלויז נישט פאַרשטאַנען דאָס גלייכגילטיקייט, דאָס וואָכעדיקייט צום רבין, מיט וועלכן מען ווינט אונטער איין דאַך.

---

דער שמש האָט זיי דורכגעפירט עטלעכע צימערן, זיי געלאָזט זיצן אין אַ חדר פול מיט ספרים, געהייסן וואַרטן און ער אַליין איז אויף די שפּיץ־פינגער צוגעגאַנגען צו דעם רבינס טיר געבליבן שטיין, זיך איינגעהערט, ווי ער וואָלט צום ערשטן מאָל אַהין אַריין. דאָס איז ער געגאַנגען פרעגן צי דער רבי וועט אויפנעמען די געסט.

מרדכי האָט זיך געוווּנדערט מיט וואָס פאַר אַ יראת־הכבוד דער שמש, וואָס איז שוין מיטן רבין איבער דרייסיק יאָר, באַציט זיך צו אים און אים איז נאָך קשהר געוואָרן, פאַרוואָס ר׳ דודל רעדט וועגן רבין, זיין פאָטער, אַזוי, כּלאחר יד, ווי וועגן אַן עובר בטל.

שוין דרייצען יאָר ווי ר׳ מענדעלע האָט אויפגעהערט אויפצונעמען חסידים, געזעסן אין אַ באַזונדער חדר, זעלטן אפילו שלום געגומען און אויסער מקורבים האָט מען צו אים נישט צוגעלאָזן. די ערשטע צייט האָבן פיל חסידים אויפגעהערט פאָרן נאָך קאָצק, בלויז די מח־מענטשן זיינען געבליבן. פאַר זיי איז געגוג געווען, אַז ר׳ מענדעלע איז איבער דער וואַנט און אָפּגעריסענע, באַוואָקסענע האָבן זיי געהיט און אויפגע־האַלטן דאָס ביסל פייער פון פוילישן חסידות.

די הויף־מענטשן האָבן זיך געשראָקן דער רבי זאָל נישט מיט זיין תורה פאַרטרייבן די איבעריקע חסידים, האָבן זיי אים געהיט, געזען, אַז קיין עולם זאָל צו אים נישט צוקומען. די חסידים, וואָס האָבן פאַר־לאָזט קאָצק, האָבן זיך געוואַלגערט ביי פרעמדע טישן, אָפּגערעכט גלות, געגאַרט אָבער נאָך אַן אמת וואָרט און איינציקווייז צוריקגעקומען. אומ־

צופרידענע, וואָס מען לאָזט זיי נישט צו צום רבין, האָבן זיי איינמאָל פאַרטריבן די שמשים, אויפגעבראָכן די טיר, געוואָלט באַפרייען דעם פאַרשפאַרטן רבין — איז שוין אָבער געווען צו שפעט. דער רבי האָט געטריבן פון זיך, נישט געלאָזט שטיין אין זיינע דלת־אמות, געשאָלטן מיט טויטע קללות.

ר׳ מענדעלע האָט געזען, ווי דאָס חסידות ווערט אויסגעוועפּט, נישטאָ מער קיין אינהאַלט, קיין תוך. די „שטול", הויבט אָן ווערן אַ ירושה־זאַך. די אמתע כּוונה פון חסידות פאַרשווינדט — האָבן זיך חסידים גענומען צו „מצוות־מעשיות". מען האָט אויפגעהערט צו פאַר־שטיין דעם פּרוש־המלות פון בע״שטס תּורה — איז עס געוואָרן אַ תּורת־משה.

ר׳ מענדעלע איז אַרומגעגאַנגען אין גרויס צער, גאַנצע זיבן יאָר געזוכט התבודדות, זיך פיל אָפּגעגעבן מיט קבלה, מיט חקירה און אַז ער האָט זיך דערפילט ביכולת צו דערהויבן דעם בע״שטס תּורה צו אַ העכערע מדרגה, געבן דעם פּוילישן חסידות אַ תּוך, האָט ער זיך דע־מאָלט אַרומגעזען, אַז מען פאַרשטייט אים נישט, אַז מענטשן זיינען צו־פרידן מיט זיך, דאַרפן קיין תּוך נישט, נאָר אויף איינציקע קאָן מען זאָגן — לא על הלחם לבדו יחיה האדם.

ר׳ מענדעלע איז אַריינגעפאַלן אין גרויס עצבות, נישט געגעסן, נישט געטרינקען און געהאַלטן אין איין טענהן:

— טאַטע־פאָטער, און אַז כ׳וועל שוין צונויפנעמען די חסידים, די איינצלנע, וואָס בענקען נאָך דיר, אַוועקגיין מיט זיי אין די וועלדער, וועסטו דען זיין צופרידן? און וואָס זאָלן די זינדיקע טאָן, די, וואָס זיצן אין גשמיות איבערן קאָפּ, זיינען צו שוואַך דיך צו קענען, וואָס זאָלן זיי טאָן, טאַטע־פאָטער? און זיי זיינען דאָך דאָס רוב בנין ורוב קנין!

פון דעמאָלט אָן האָט דער הויף געהאַלטן אַ שטאַרקע וואַך אַרום דעם רבין, כּמעט קיינעם נישט צוגעלאָזט צו אים. איז ער שוין דאָס דרייצענטע יאָר געזעסן איינער אַליין, נישט פאַרטראָגן די שטובּיקע מענטשן און געלעבט בלויז מיט זיך. און אַז די עצבות איז אים באַ־פאַלן (און דאָס האָט זייער אָפט געטראָפן) האָט דער רבי אויסגעהאַקט די שויבן, זיך צעבלוטיקט, אויפגעפּראַלט דאָס פענסטער און אַ באַוואַק־

סענער, ווי אַן איינגעשפּאַרטע חיה, האָט ער געטריבן פון זיך און גע־שאָלטן די גאַנצע וועלט. און ס׳איז שווער געווען צו גלויבן, אַז דער מענטש, וואָס איז געווען בלויז רחמים, וואָס האָט מער מקרב געווען אַ זינדיקן ווי אַ צדיק, דער מענטש זאָל זיצן איינגעשפּאַרט, פיינט קריגן מענטשן און מער ווי אַ קללה פאַר זיי נישט האָבן.

— זייט זשע מוחל, ר׳ איטשע! — האָט דער שמש געעפנט דעם רבינס טיר און געוויזן מיט דער האַנט ער זאָל אַריינגיין.

דער רבי איז זיי אַנטקעגן געקומען. מרדכי האָט געציטערט, געפילט ווי הענט און פיס ווערן ביי אים אָפּגענומען. דער רבי, אַ קליי־נער, אַ באַוואַקסענער, ווי ער וואָלט קיינמאָל צווישן מענטשן נישט געלעבט, מיט אַ פּאָר ווילדע אויגן, באַדעקט מיט לאַנגע ברעמען, איז אַריין אין די זאָקן, ער האָט געהאַלטן אין דער לינקער האַנט אַ זיל־בערנע פּושקע מיט טאַבעק, אָן אַ צודעקל, זיך איינגעקוקט אין ר׳ איטשען, דערנאָך אין מרדכין, אַ שמעק געטאָן צום שקעטעלע מיט טאַבעק און געזאָגט, ווי צו זיך, כמעט זיך געבייזערט:

— ווער איז דאָס דער בחור?

— ס׳איז ר׳ אברהם „שרייבערס“ אַ זון — האָט ר׳ איטשע געענט־פערט.

דער רבי האָט אַ קנייטש געטאָן דעם צעאַקערטן שטערן, זיך געוואָלט דערמאָנען. נישט געקאָנט, האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און גערעדט נאָך מיט אַ בייזערן טאָן:

— באַקאַנט, דער נאָמען איז מיר באַקאַנט, נאָר כ׳געדענק נישט...

— א, האָט דער רבי מיט אמאָל זיך א כאַפּ געטאָן און געגעבן מרדכין שלום — כ׳ווייס שוין. דאַרפסט זיין אַ וווילער בחור, כ׳האָב געקענט דיין זיידן... הייסט אפשר נאָך אים?

דער רבי האָט געשטעלט צוויי שטולן און אַליין האָט ער זיך געזעצט אויפן בעטל.

ס׳איז געווען אַ גרויסער ליכטיקער צימער. אַרום די ווענט אויף די צונויפגעשלאָגענע פּאָליצעס פון ווייס אָפּגעהובלטע ברעטער, זיינען געלעגן ספרים. דאָס בעטל, דער טיש, די שטולן — אַלץ איז געווען געמאַכט פון די זעלבע געהובלטע ברעטער, קיין זאַך נישט געפאַרבט.

אויפֿן טיש זײַנען געלעגן עטלעכע שקעטעלעך מיט טאַבעק, אַ מעשענער טינטער, ווו אַ ליכט האָט געשטעקט, און אַ פּאָר גענזענע פּעדערס.

— פֿאַוול־משה, ווו זײַנען מײַנע לאַטשן? — האָט דער רבי אַ געשריי געטאָן צום שמש, וואָס איז געשטאַנען בײַ דער טיר, און זיך געווענדעט צו ר׳ איטשען — און דו ביסט געוואָרן אַ בעל־מופת! טרײַבסט גאָר דבוקים אַרויס, האַ?

ר׳ איטשע האָט זיך פֿאַרלוירן, אַראָפּגעלאָזט די אויגן, ווי אַ שולדיקער, און גאָרנישט געענטפֿערט.

דער שמש האָט אַרײַנגעבראַכט די לאַטשן, זיי געוואָלט דעם רבין אָנטאָן, האָט דער רבי אים אָפּגעשטופּט מיט דער האַנט, זיך אײַנגעבויגן, דערפֿילט אַ מיש אין קאָפּ און געבליבן זיצן איבער אַ מינוט אַן אײַנגעבויגענער.

דער רבי האָט זיך פֿאַמעלעך אויסגעגלײַכט און אַן אויסגעמאַטער־טער, אָן כּחות, געשאָקלט צו ר׳ איטשען מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט פֿאַרענטפֿערן פֿאַרוואָס ער איז אַזוי שוואַך:

— אַז זיי האָבן מיך פֿאַרשפּאַרט! אַלע, אַלע אַרבעטן מעשים, האָבן נאָך אַלץ מורא, אַז מײַן תּורה זאָל נישט אַראָפּפֿירן די קאָצקער פֿון דרך־הישר! אָקסן! זיי האָבן אײַנגערעדט אַ וועלט, אַז דער מענטש האָט אַ בחירה און אויב ער האָט זי אפֿילו יאָ געהאַט, האָט ער זי שוין לאַנג איבערגעגעבן אונדז אין די הענט אַרײַן! און דאָס אַלץ האָבן מיר, רבײַם, וואָס האָבן געוואָלט אויסלײזן די וועלט פֿון די ווילנער גאונים, מיר האָבן די בחירה צוגענומען און צומאָל קיין כּח גע־האַט אַוועקצושטעלן אונזערע חסידים בײַ די טירן און בויערן זייערע אויערן, און אַז מען וואָלט זיי אפֿילו געבויערט, וואָלטן זיי אויך צוגע־נומען באהבה, צו אַזאַ נידעריקע מדרגה איז דער מענטש געזונקען!

בשעת אין רעדן זײַנען בײַם רבין אויפֿן שטערן אַרויס טראָפּנעס שווייס, אַרום די דורכזיכטיקע שלײפֿן האָבן זיך באַוויזן ווײַסלעכע, אָנגעלאָפֿענע אָדערן, ווי שלענגלעך נאָך אַ רעגן, די ברעמען האָבן פֿאַרדעקט די אויגן, ס׳פּנים איז געוואָרן געל, אָן מראה, איז ר׳ איטשע אויפֿגעשפּרונגען, אונטערגעשפּאַרט דעם רבינס קאָפּ מיט דער האַנט און זיך בײַ אים געבעטן:

— רבי, איר ווילט אפשר אַביסל וואַסער? אַז איר זיצט צופיל אין שטוב! קומט אַביסל אַרויס אויפן הויף!

דער רבי האָט אויפגעהויבן די ברעמען, געקוקט אויף ר׳ איטשען מיט פאַרלאָפענע אויגן און שוואַך געענטפערט:

— אַז זיי האָבן מיך פאַרשפּאַרט, דרייצן יאָר געקאָנט אויסקומען אָן מיר, וועל איך צו זיי נישט אַרויס!

— רבי, כ׳פאַרזיכער אייך, אַז דער עולם גאַרט נאָך אייערס אַ וואָרט, זיצט אָפּ וואָכן אין קאָצק, און אויב איינעם געלינגט אַ קוק צו טאָן אויף אייך איז ער גליקלעך! פּראָסטע יידן קומען צו אייך פון גאַנץ פּוילן. קיינער האָט אייך נישט פאַרלאָזט, רבי, קוקט, — האָט ר׳ איטשע געוויזן מיט דער האַנט צום פענסטער — דער הויף איז פול מיט חסידים!

דער רבי האָט זיך אויפגעשטעלט און ר׳ איטשע האָט אים צוגעפירט צום אָפענעם פענסטער.

פאָרלעך־ווייז האָבן חסידים שפּאַצירט איבערן הויף. די אַטלעסנע קאַפּאָטעס האָבן געבלישטשעט אנטקעגן דער זון, די לאַנגע, ווייסע זאָקן האָבן אָפּגעגעשריען, כמעט געבליצט פון ווייסקייט, די געלאָקטע פּאות זיינען געלעגן איבער די אַקסלען. און אַז מען האָט זיך גוט איינגעקוקט האָט מען געזען, ווי דער אַטלעס האָט זיך ביי טייל חסידים אויסגעדריוולט, ביי אַנדערע איז בלויז געבליבן דער הינטערשלאַק, אויפן גראָז — אין שאָטן, זיינען געזעסן חסידים, געשפּילט אין קאָרטן לשם „היסח־הדעת", געטרונקען ריינעם אָקעוויט, שטיל און האַרציק געזונגען, אַז יעדער איינער האָט זיך געמוזט איינהערן.

דער רבי איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט מיטביידע הענט אָן פענסטער, דערפילט אַזאַ ליכטיקייט, ווי מען וואָלט אַראָפּגענומען פון די אויגן אַ הייטל און ס׳ערשטע מאָל אין יאָרן האָט ער געקוקט אויף ווינע חסידים און נישט געשאָלטן. ער האָט געזען, ווי חסידים ליגן אויסגעצויגן, ווי הרוגים, אין די בלויזע טלית־קטנס און שלאָפן, געזען ווי דער באָרוועסער ישראל שפּרינגט אַ פאַרמחטער איבערן הויף, רוקט דעם קאַפּל אויפן באַוואַקסענעם קאָפּ, ברעכט זיך די הענט, ווי ער וואָלט געהאַט גרויס צער, איז דעם רבין עפּעס קלאָר געוואָרן און ער האָט זיך פאַרטראַכט. זיינע שוואַכע אויגן האָבן נישט געקאָנט

פאַרטראָגן דאָס בלישטשען פון די אַטלעסענע קאַפּאָטעס, דאָס בליצן פון די ווייסע זאָקן, האָט ער אַראָפּגעלאָזט די ברעמען, פאַרגעסן, אַז הינטער אים שטייען מענטשן, געהערט ווי דער עולם זינגט און זיך מיט אַמאָל דערזען אין פּשיסכע.

אַ פאַרמחטער איז ער געלאָפן איבערן בית־המדרש, אומגעוואָרפן שטענדערס, איבערגעשפּרונגען בענק, זיך געטראָגן ווי אַ רויע קראַפט, אַוועקגעשאַרט יעדע זאַך, וואָס איז אים געשטאַנען אין וועג. דער עולם האָט זיך אָפּגערוקט, אים געמאַכט פּלאַץ, געמיינט, אַז ער איז פאַרטאָן אין עבודת־הבורא און אין דער אמתן האָט ער דעמאָלט שטאַרק מקנא געווען דעם רבין, ר׳ בונמען. ביי זיך אין האַרצן האָט ער שוין דעמאָלט געגלויבט, נאָך גאָר אַ יונגער־מאַן געווען, אַז ער איז מער למדן פאַרן רבין, באַנעמט אַן ענין טיפער, און פונדעסטוועגן האָט ער תמיד געפילט, אַז עפּעס פעלט אים, אַז צו ווערן אַ רבי איז ווייניק, וואָס מען איז אַ למדן, מען דאַרף אויך קענען איבערלייענען אַ קוויטל און אַז ער נעמט אַ קוויטל אין דער האַנט אַריין, זעט ער דאָרט גאָרנישט! ער האָט גרויס צער דערפון געהאַט, זיך געטראַכט, אַז צו אים וועט קיינער נישט פאָרן, אַז ער וועט קיינמאָל נישט קומען צו דער מדרגה פון אַ ר׳ בונם. און אַז ער איז געבליבן אַליין מיט זיך, האָט ער געפילט, אַז ער טראָגט אין זיך אַ גרויס וואָרט, וואָס וועט מאַכן אַן איבערקערעניש אין דער וועלט, געפילט, אַז ער וועט איבערשטייגן דעם בעש״ט. ער דאַרף נאָר צוזוכן עפּעס אַ „כלי״, זיכער געווען, אַז היינט, מאָרגן וועט ער די „כלי״ געפונען און דעמאָלט וועט די גאַנצע וועלט מיט אים קלינגען. איז ער אָבער געקומען צווישן חסידים, ווו מען האָט אים געקוקט אין מויל אַריין, געוואָלט הערן פון אים אַ ניי וואָרט, איז ער תמיד שטום געוואָרן, נישט געקאָנט ס׳מויל עפענען. האָט ער שוין יאָ אַמאָל אַרומגערעדט אַ פּסוק, איז דאָרט אַלץ געווען — חריפות, בקיאות, ער האָט דאַכט זיך קיין זאַך נישט דורכגעלאָזט, נאָר דער עיקר, דאָס, וואָס מען קאָן נישט מסביר זיין, דעם קנייטש פון דער באָרד, די אויפגעהויבענע אויגן, די ליכטיקייט פון אַ ברייטן שטערן, דאָס, וואָס ס׳נעמט אַזוי שטאַרק דעם עולם, דאָס האָט געפעלט. האָט ר׳ בונם גענומען דעם זעלבן פּסוק, האָט ער אים אַזוי פיל נישט אַרומגערעדט, געזאָגט צוויי, דריי ווערטלעך, געגעבן אַ משל

און דער פסוק האָט באַקומען אַן אַנדער פּנים, באַקומען חיות, געלעבט! די חסידים האָבן זיך געקוויקט מיט דער תורה, זי איבערגעגעבן בקבלה זייערע קינדער און דעם רבינס שם איז געוואַקסן פון דור צו דור.

ר׳ מענדעלעס עגמת־נפש איז דעמאָלט געווען אין לשער. ער האָט אויפגעהערט לערנען, נישט געגעסן, נישט געטרינקען, זיך אָפּגע־געבן מיט התבודדות, געזאָגט תורה „בנסתר" — קיין זאַך האָט נישט געהאָלפן. מער ווי עטלעכע יונגע־לייט, שאַרפע קעפּ, האָבן נישט געהאַלטן פון אים. און מעגלעך ער וואָלט קיינמאָל קיין רבי נישט געוואָרן, ווען ר׳ בונם, שוין דעמאָלט אַן איינגעהויקערטער, אַ בלינדער פון אַלטקייט, וואָלט עטלעכע יאָר פאַר זיין פּטירה נישט געזאָגט ביים טיש, אַז מענדעלע האָט אים שוין אַריבערגעוואַקסן, זיצט שוין אויף זיין הויקער, זיינען די פּאָר ווערטער געווען געוואָרן, אַז מיינסטן חסידים, וואָס האָבן נישט געהאַלטן פון אים, זאָלן אים אויסבויען אַ הויז אין קאָצק און נאָך ביי ר׳ בונמס לעבן האָט ר׳ מענדעלע געהאַט אַ גרע־סערן עולם ווי זיין רבי.

ער איז אָבער געווען גלייכגילטיק צום עולם, געפּילט, אַז ביי דער ערשטער געלעגנהייט קאָנען זיי אים פּונקט אַזוי פאַרלאָזן ווי ר׳ בונמען און גענומען טרייבן די חסידים פון זיך. ס׳איז געגנוג, האָט ער גע־טענהט, מען זאָל דעם עולם, ווי אַ קינד, פאַרוואַרפן מיט צאַצקעס, וועט ער איבערלאָזן טאַטע־מאַמע און אַוועקגיין צו פרעמדע.

און וואָס דער עולם איז געוואָרן גרעסער, אַלץ מער איז געשטיגן זיין עצבות, אַלץ מער האָט ער זיך אַרומגערינגלט מיט יונגע־לייט, מיט די שאַרפסטע מחות, זיי זאָלן זיין ווי אַן אייזערנע מחיצה צווישן אים און דעם גרויסן עולם. ער האָט ליב געקראָגן התבודדות, כמעט קיין שלום גענומען, געהאַט תרעומות צום רבונו־של־עולם, אַז וויבאַלד „יצר לב האדם רע מנעוריו", די בחירה, וואָס דו האָסט אים געגעבן, האָבן מיר רביים צוגענומען, טאָ ווי נאָך זאָל דער מענטש נישט זינ־דיקן, אַז אויף טריט און שריט האַלט ער אין איין פרעגן — מה למעלה, מה למטה?

איצט, קוקנדיק דורכן פענסטער, ווי דער באָרוועסער ישראל לויפט אַ פאַרמחטער, ווי דער עולם לאָזט אים דורך, קוקט אים נאָך מיט דרך־ארץ, איז אים איינגעפאַלן, אַז ווער ווייס? טאָמער לעבט ישראל

איבער די זעלבע ספקות, ווי ער אַמאָל, ווייל האָבן אַרום זיך אַן עולם, אַ גרויסן עולם, ווי אים, ר׳ מענדעלען, האָט זיך געוואָלט אַלס יונגערמאַן, גלויבט מסתמא, אַז ער האָט אויך עפּעס צו זאָגן — — און ר׳ איטשע? — איז דעם רבין אויפן זינען געקומען, געוועזן זיכער, אַז ר׳ איטשע דאַרף שוין נישט זיין הסכמה, ער איז שוין רבי, מעגלעך היינט, מאָרגן וועלן די אַלע חסידים דאָ מער נישט זיין. ער וועט אַרויסקוקן אויף אַ ליידיקן הויף און ערגעץ אין שכנות, אין אַ שטעטל, וועט זיצן ר׳ איטשע, פירן טיש און זאָגן פאַר די זעלבע אָקסן תורה! אַי, וועט ער זאָגן! ער וועט זיין אַ בעל־מופת אויך! האָט ער דאָך נאָר וואָס אַ דבוק אַרויסגעטריבן! דאָס בערדל קנייטשט זיך שוין ביי אים, די אויגן בלויז ענוות — — —

ר׳ מענדעלע האָט געציטערט, געפילט, ווי מען נעמט ביי אים עפּעס איבערגעוואָלט צו, זיך געטרייסט, וואָס די יונגע־לייט, די שאַרפע מחות וועלן בלייבן מיט אים. ער גייט באַלד צו זיי אַרויס, האָט פאַר זי אַ נייעם „חדוש״, טראָגט זיך שוין מיט אים אַרום יאָרן... זיי וועל נישט גיין מיט איטשען... און אפשר, האָט דער רבי געגומען שמייכלען אפשר גאָר אָפּטאָן אַ שפיצל, ווייזן דעם רבונו־של־עולם, אַז ער איז מע תקיף פון אים? און אַז ער וויל נעמט ער דעם באַרוועסן ישראל, דע עם־הארץ, מאכט אים פאַר רבי און די אַלע אין די אטלעסענע קאַפּאָטע וועלן זיך בויגן פאַר אים, גלייבן, אַז ס׳איז מן השמים!...

דער רבי האָט זיך אויסגעדרייט, אַ ציטער געטאָן, ווי ע וואָלט נישט ערוואַרטעט הינטער זיך מענטשן, זיך באַלד באַרויקט און געזאָגט צו ר׳ איטשען:

— קום מיט מיר ארויס!... האַ, וואָס זאָגסטו, זיי וועלן מיך אויסהערן?

ר׳ איטשע האָט זיך ביי קיינעם נישט אָנגעפרעגט צי ער זאָל דעם רבין אַרויספירן. ער האָט אים גענומען אונטערן אָרעם, געעפנט די טיר און איז מיט אים אַרויס פון צימער.

מרדכי איז נאָכגעגאנגען.

גלייך ווי דער רבי האָט זיך באַוויזן אויפן הויף איז אויסגעוואַקסן אַרום אים אַ קייט פון געפלאָכטענע הענט. דער רבי האָט דערקענט פיל פון די אַמאָליקע יונגע־לייט, וועלכע ער האָט מדריך געווען אין

חסידות, געזען ווי דער עולם פון הינטן ווערט אַלץ ברעסער, וואַקסט, קומט זיך צונויף פון אַלע ווינקלען. מען שטייט אויף די שפּיץ נעגל מיט פאַרריסענע קעפּ, מען הויבט זיך איבער די אַקסלען, אַבי צו כאַפּן אַ קוק אויף אים, איז ר׳ מענדעלע געוואָרן גערירט און פאַרגעסן צו וואָס ער איז אַרויסגעקומען.

דער רבי, וואָס איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן ר׳ איטשען, האָט זיך מיט אַמאָל אויסגעגלייכט, זיך דערפילט יונגער. דער מח איז ביי אים געוואָרן דורכזיכטיק, ווי די שווערע מחשבות, וואָס האָבן זיך דאָרטן געקלבן אין משך פון דרייצן יאָר, זיך איינגעגעסן ווי זשאַווער, וואָלטן צערונען און ער האָט אָנגעהויבן אַלץ צו זען קלאָר און בולט. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די ברעמען, געזען מיט די פאַרמאַכטע אויגן אויף מיילן, געוועזן בכח מיטן בלויזן געדאַנק, ווי אַ כּשוף־מאַכער, איבערצושטעלן מענטשן, הייזער, ביימער, דערפילט ווי די ערד הויבט אָן אַפּערצושווימען פון אונטער זיינע פיס און ער נעמט זיך הויבן אַלץ העכער און העכער. אָט שטייט ער שוין איבער דעם עולמס קאָפּ און וואָס העכער ער הויבט זיך, וואָס מער ער פאַרטיפט זיך, אַלץ ברייטער צעוואַקסט זיך דער עולם. קושט דעם שטויב פון זיינע פיס, וואַשט אים אָפּ מיט טרערן, בלייבט אָבער הענגען ווי אַ שווערע פאַר־ראָסטעטע קייט אַרום זיינע פיס, לאָזט אים נישט אָפּ און יעדעס מאָל, ווען די הויך נעמט שווינדלען אין די אויגן, דערשרעקט זיך דער עולם און מיטן אַלטן „נעשה ונשמע" שלעפּט ער אים צוריק אַראָפּ אויף דער ערד.

איצט, ווען ר׳ מענדעלע האָט אַראָפּגעלאָזט די ברעמען, האָט ער דערפילט, ווי דאָס גרויסע וואָרט, וואָס ער האָט אַמאָל געטראָגן אין זיך, געוואָלט דערמיט די וועלט מזכה זיין און שפּעטער חרטה געהאַט און גלייך ווי ער האָט חרטה געקראָגן, האָט מען אים געשטופּט און עס צוגענומען ביי אים, דאָס זעלבע וואָרט, האָט ער דערפילט, הויבט זיך אָן קנוילן מיילן־ווייט פון אים, וויקלט זיך פאַנאַנדער, ער פילט די „חבלי־לידה" און גלויבט, אַז אַ גרויס, געלייטערט וואָרט וועט ער באַלד געבן דעם עולם, ווען ער האָט געיאָגט פון זיך.

אַ צעשטראַלטער איז דער רבי געשטאַנען, געווען זיכער, אַז די צייט איז געקומען, אז ביז איצט איז ער גאָר קיין רבי ניט געווען, זיך אַליין

געגאַרט, אַז איצט גייט ער נתגלה ווערן. ער האָט דערזען פאַר זיך דעם אָפשיין פון אַ צעגליט וואָרט, וואָס ברענט אין אים, וואָס שפּאַרט זיך אין האַלז אַריין. אַט פאַרהוסט ער זיך, פילט ווי די „כּלי" ווערט געבוירן מיטן וואָרט צוזאַמען און אַז די חסידים, וואָס רינגלען אים אַרום, וועלן איינזאַפּן אין זיך דעם בלויזן אָפּשיין, וועלן זיי דערפון אַליין געלייטערט ווערן.

און ווי דער מח ביים רבין האָט געבליצט, געשפריצט מיט פייער, האָט ער דערזען, ווי איבערן עולם, ווי וואָס איז געשטאַנען איינגעפרעסט, זיך קיין ריר געטאָן און אויסגעזען פון דערווייטנס, ווי אַן אַלטער צעצווייגטער וואַלד, ווו דיביימער האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין אַ וואַנט, איז אויסגעוואַקסן אַ מאָדנע באַשעפעניש. דאָס באַשעפעניש האָט גענומען קריכן איבער דער וואַנט אויף אַלע פיר, ווי אַ קודלאַטער הונט, ווי אַ שד, זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג צום רבין איבער קעפּ, איבער אַקסל, האָט דער רבי ברייטער צעעפנט די אויגן, זיך אַ טרייסל געטאָן, ווי ער וואָלט אין חלום אַראָפּגעפאַלן פון אַ באַרג, זיך דערמאָנט צו וואָס ער איז אַרויסגעקומען, דערקענט דעם באָרוועסן ישראל, ווי ער שפּאַרט זיך צו אים, האָט ר' מענדעלע צוריק דערפילט אונטער זיך די ערד.

דער באָרוועסער ישראל איז געבליבן זיצן אויף עטלעכע אַקסלען, ווי ער וואָלט אַרויסגעוואַקסן פון דעם ים מיט קעפּ, געקוקט מיט זיינע שוואַרצע, פייערדיקע אויגן אויפן רבין, צעעפנט אַ באַוואַקסן מויל, ווי ער וואָלט עמעצן געוואָלט איינשלינגען און מיט אַ פּחד האָבן זיך די ווערטער אַרויסגעקייקלט:

— קאָצקער רבי, טו תשובה!

עס איז געוואָרן אַ מורמל. דער עולם האָט זיך צעוויגט און גע-רוישט ווי אַ ים. הענט האָבן זיך גענומען הויבן, שטריימלען זיינען געפלויגן, גאַרטלען האָט מען פאַרוואָרפן אַרום דעם באָרוועסן ישראל, אים געוואָלט אַראָפּשלעפּן. דער באָרוועסער ישראל איז געזעסן אויף עטלעכע געטרייע אַקסלען, זיך שטאַרקער אויסגעבויגן צום רבין, נישט געקוקט, וואָס דער עולם מורמלט, ווי נישט אים וואָלט מען געמיינט, און העכער גענומען רעדן:

— דיינע חסידים, די וואַרשעווער זולל־וסובאס, לעבן מיט פרעמדע ווייבער, טוען אָפּ מעשי־סדום...

— שלעפּט אים אַראָפּ! — האָט עמעצער אויסגעשריגן.

— לאָזט אים נישט רעדן, דעם עזות־פּנים!

— פאַרשטופּט אים ס׳מויל מיט אַ גאַרטל!

— יונגע־לייט, אָט אַזוי, טוט אים אָן ס׳שטריימל איבערן פּנים — האָט אַן אַלטער חסיד, וואָס איז געבליבן שטיין אין קאַפּל, אוועקגעגעבן דאָס שטריימל, אַ צופרידענער געשריען.

דער רבי האָט אויפגעהויבן אַ האַנט, געוואַרט ביז עס איז שטיל געוואָרן, אַזוי שטיל, אז מען וואָלט געהערט אַ שפּילקע אַראָפּ־פאַלן און זיך געבעטן ביי די חסידים:

— לאָזט אים צורו, טשעפּעט אים נישט, לאָז ער רעדן!

דער עולם איז כּלומרשט געבליבן רויִק, זיך געדרייט, נישט איינגעשטאַנען, געווען יעדע מינוט גרייט דעם באָרוועסן ישראל צו צערייסן, פיל האָבן זיך טאַקע געשראָקן פאַר אים, אַז ער שווינט נישט דעם רבין, וועט ער מורא האָבן פאַר אַ חסיד? דער באָרוועסער ישראל האָט אויסגעשטרעקט דעם לאַנגן האַלז, צעעפנט ס׳מויל און ווי ס׳וואָלט גאָרנישט פּאַסירט, האָט ער נאָך העכער געשריען:

— איצט איז די צייט, קאָצקער רבי, זאָלסט נעמען אויף דיר אַ תשובה! דיינע שאַרפע מחות פאַרקויפן די תּפילין, טענען, אַז דאָס יאָר איז געווען לעדערוואַרג אין קאָצק בזיל־הזול! אַזוינע שיינע ייִדן ווי הירש פאַרציוער און חיים בער גראַפּיצער, האָבן זיך פאַרקוקט אָן דיר, רבי, און אָפּגעמאַכט ביי זיך דריי טעג נישט צו לייגן קיין תּפילין, געוואָלט זען, וואָס פאַר אַ שנוי דאָס וועט האָבן אויפן סדר־העולם! דיין דודלס איידעם, דניאל אייבשיץ, פירט אַראָפּ די בעסטע יונגעלייט פון דרך־הישר און דו שווייגסט? ער האָט די העזה צו זאָגן בפני כּל עם ועדה, אַז זיין פּלונתטע איז בבחינת „זעיר־אנפּין״, דו ווייסט וואָס איך מיין! דריי זיך אויס, קאָצקער רבי, הינטער דיר שטייט דער צדיק־הדור, ר׳ איטשע, בעט ביי אים אַ תשובה!

ר׳ איטשע האָט געציטערט, נישט געקאָנט הערן ווי מען באַליידיקט דעם רבין, זיך אויסגעצויגן פאַר אים אין שטיבל, געוואָלט ווייזן דער־מיט דעם עולם, אַז דער צדיק־הדור איז ר׳ מענדעלע, האָט דער רבי

אים אָפּגעשטופּט פון זיך, געשליידערט ווער עס איז אים נאָר געקומען הינטער דער האַנט און אָנגעהויבן צו שילטן. פאַרן רבינס קללות האָט זיך דער עולם געשראָקן, געגלויבט, אַז אויף וועמען עס פאַלט אַ קללה, איז ווי צו אים, האָט מען זיך ביסלעכווייז גענומען רוקן און אין אַ ווײַלע אַרום איז דער רבי כמעט געבליבן אין מיטן הויף אײנער אַלײן. ר׳ איטשע איז געשטאַנען דערנעבן, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, ווי ער וואָלט אין אַלעם געווען שולדיק. דער רבי מיט פאַרקוועטשטע פויסטן האָט אַלץ אין אײנעם געטופּעט מיט די פיס, נאָכגעשריען דעם עולם, געשאָלטן:

— אָקסן, וואָס ווילט איר פון מיר? ווערט פאַרשרפעט! וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט איבער מיר, כ׳בין קיין רבי נישט! נעמט אייך איטשען און גייט צו אַלדע שוואַרצע יאָר, איר הערט?

ווי דער רבי האָט אַזוי געשריען, איז ר׳ דודל ארויסגעקומען פון ויין שטוב, אַ פאַרשלאָפענער, אין אַ פּאָר ווייכע זעמשינע שטעק־שיך, אָנגענומען דעם פאָטער פאַר אַ האַנט:

— טאַטע, קום אין שטוב ארײַן! ס׳איז נישט געזונט צו שטיין פאַר דיר אויף דער זון!



דאָס באַשעפעניש האָט גענומען קריכן איבער דער וואַנט אויף אַלע פיר, ווי אַ קודלאַטער הונט, ווי אַ שד, זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג צום רבין, איבער קעפּ איבער אַקסל...

(זייט 174)

## קאַפּיטל 3

# דער אַפּיקורוס

אַ געריִרטער ביז צו טרערן האָט זיך מרדכי אַוועקגעדרייט פֿון עולם, געוואָלט בלייבן איינער אַליין. אים האָט זייער ווי געטאָן פֿאַר ר׳ מענדעלען. ער האָט אויסגעמיטן ר׳ איטשען, געגאַנגען איבער די קלעצער, וואָס זיינען געלעגן אין אַ זייט, און געפֿילט ווי שווערע מחשבֿות לייגן זיך איבער אים. ער האָט געהערט ווי מען רופֿט אים, דערקענט שמואלס קול און נישט ווילנדיק זיך אויסגעדרייט.

— נו, ווי געפֿעלט דיר ר׳ איטשע? — האָט שמואל געשמייכלט — ער איז דאָך געפֿערלעכער פֿאַרן באָרוועסן ישראל!

מרדכי האָט אים אָנגעקוקט און נישט געענטפֿערט.

— אַז אין דער גאַנצער חתונה דאָ אויפֿן הויף — האָט שמואל זיך גענומען היצן — האָט געשמעקט ר׳ איטשעס קאָפּ! ווען נישט ער וואָלט דער מוסרניק נישט די העזה געהאַט פֿאַרן גאַנצן עולם אַזוי מבֿיש צו מאַכן דעם רבין! און ווי דער ענו, ר׳ איטשען מיין איך, איז דערנאָך געפֿאַלן ר׳ מענדעלען צו די פֿיס? דער רבי האָט אים אָבער אָפּגעשטופּט, קען אים אויסגעצייכנט! נו טאַקע — האָט שמואל אָנגענומען מרדכין פֿאַר אַ לאַץ — גייט אַרום אַ יונגערמאַן מיט אַ פּאָר פֿאַרגלאָצטע אויגן, טאָ וואָס, אַז ער קען לערנען, כ׳קען אויך, דאַרף מען מאַכן אַזעלכע העוויות? כ׳זאָג דיר אָפֿן, ר׳ איטשע וויל ווערן רבי! ער וועט זיך פֿאַר קיין זאַך נישט אָפּשטעלן! יעדעס וואָרט זיינס ווערט צעטראָגן פֿון מויל צו מויל און ס׳איז גענוג ער זאָל אַ גענעץ טאָן, זיי זאָלן מאַכן אַ מופֿת! דאַרפֿסט מער, נאָך קיין טאָג נישט, ווי ר׳ איטשע איז אין קאָצק און די גאַנצע שטאָט ווייבער, אָן גוזמא, קלייבן זיך צו

אים, האַ, וואָס זאָגסטו דערויף! ר׳ מענדעלע האָט קיין ווייבער נישט אויפגענומען!

— הער זיך איין — האָט אים מרדכי איבערגעריסן — כ׳בין טויט־הונגעריק און אַהיים גיין גלוסט מיך נישט. אפשר ווייסטו ווו מען קאָן דאָ קריגן עפעס איבערצובייסן?

— אודאי ווייס איך, קום, כ׳וועל דיך שוין פירן! — האָט שמואל אַ שלעפּ געטאָן מרדכין פאַר אַן אַרבל און זיך געלאָזט מיט אים גיין.

זיי זיינען אַריין אין מאַרק. די קרעמער זיינען געזעסן אין די טירן האַלב פאַרחלומטע, געקייט די בערדלעך, די וואָנסן און געקוקט אויפן ליידיקן מאַרק, ווו אין דער מיט איז געשטאַנען אַן אַלטע תפלה מיט צוויי הויכע טורעמס. די טורעמס האָבן זיך געשניטן מיט זייערע צלמים אין הימל אַריין. אַרום מאַרק זיינען געשטאַנען קליינע געקאַ־לעכטע הייזלעך און עס האָט זיך געדאַכט, אַז די אַלטע ריזיקע תפלה, וואָס האָט געמאַכט די הייזלעך אויסזען נאָך קלענער איז ווי דורך אַ טעות דאָ אַריינגעפאַלן.

אַ חברה ייִנגלעך זיינען דורכגעלאָפן דעם מאַרק, פאַרריסן די קעפּלעך צו די צלמים און געווען זיכער, אַז די תפלה זינקט יעדן טאָג איין אויף אַ האָר אין דער ערד אַריין.

ביים ראָטהויז זיינען געשטאַנען עטלעכע יידן מיט די שטעקעלעך אונטער די אָרעמס און געשמועסט.

עס איז אַנטקעגנגעקומען אַ תבואה־סוחר מיט אַ שטרוי אין מויל, אַרויסגענומען אַ קאָלירט טיכל, עס געעפנט, און יעדער פון עולם האָט גענומען צו עטלעכע קערנדלעך, זיי באַטראַכט, געזאָגט מבינות.

ס׳איז געווען שטיל. הינער האָבן פויל אַרומגעשפּאַצירט איבערן מאַרק, געזוכט מיט די לאַפּקעס, מיט די שנעבל. אַ יונג הענדל האָט אַרויסגעלאָזט אַן עזותדיקן קריי, אויפגעשטעלט דאָס קליינע רויטע קעמל און זיך גענומען יאָגן נאָך אַ באַיערטע הון. די תבואה־סוחרים האָבן זיך פאַרגעסן, נאָכגעקוקט דעם הענדל, וואָס האָט געיאָגט די הון, פאַר־שווונדן מיט איר הינטער דער תפלה. באַלד זיינען אָנגעפלויגן טויבן, איבערגעריסן די שטילקייט מיט זייער וואָרקען, זיך געטראָגן מיט אַ רויקייט, וואַקלענדיק זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער, און זייער ווייסקייט, זייער גרויקייט האָט אָנגענעם געגלעט איבער די אויגן.

— אָט זיינען מיר שוין! — האָט שמואל אָפּגעשטעלט מרדכין.

זיי זיינען אַריין אין אַ האַלב פינסטערן קאָרידאָר. אַ ריח פון ווייַן, האָניק און מעד האָט אַ שלאָג געטאָן אין די פּנימער. די טונקעלע ווענט אפילו די לופט איז געווען קלעפּיק. אין ווייַן-שענק איז געשטאַנען דער בעל-הבית מיט פאַרקאַשערטע פּאָלעס אין גאַרטל און געצאַפּט ווייַן פון אַ פאַס אין אַן עמער אַריין. אויף די ווענט האָבן געהאַנגען אָן אָפּגעבליאַקעווטער נאַפּאָלעאָן און צוויי יעגערס מיט כאַרטן. די פּאָדלאָגע איז געווען אַזוי ווייס אָפּגעשאַרט, אַז זי האָט אַזש געבלענדט. דורך אַן אָפּענער טיר וואָס האָט געפירט אין אַ צווייטן צימער, האָט מען געזען, ווי אַן עלטערער ייד אין אַ קאַפּל האָט געשפּילט מיט אַ שררה אין שאַך און ביי אַ קיילעכדיק טישל זיינען געזעסן צוויי פּאָליאַקן איבער גלעזער ווייַן. שמואל מיט מרדכין האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ זייטיק טישל, געזען, אַז קיינער קומט נישט אונטער, האָט מרדכי אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש:

— פּעטער, קאָן מען ביי אייך קריגן עפּעס איבערצובייסן?

— וואָס וועט איר עסן? — האָט דער ייד נישט אויפגעהערט צו צאַפּן דעם ווייַן און אָנגעהויבן אויסצורעכענען מיט אַ ניגון — כ'האָב אַ פריש געבראָטן קאַטשקעלע, אַ פערטל גענזנס...

— גיט אַ האַלב קאַטשקעלע! — האָט מרדכי אים איבערגעהאַקט, נישט געלאָזט אויסרעכענען דעם גאַנצן צעטל — גיט אויך אַ קריגל ווייַן, זויערן!

דער ייד האָט פאַרדרייט דעם קראַן פון דער פאַס, פאַרבייגייענדיק זיך גוט איינגעקוקט אין מרדכין און איז אַרויס פון צימער.

אַ מיידל מיט אַ לאָק האָר אין די לאַכנדע אויגן איז באַלד אַריין, געדעקט דעם טיש און אַוועקגעשטעלט אַ ברוינע, פאַריקע קאַטשקע, וואָס האָט געמאַכט אַפּעטיט.

זיי האָבן אויסגעטרונקען צו גלעזלעך ווייַן, געריסן פון די זעמלשטיקער, זיי געטונקען אין דער בראָט-יויך און געגעסן ווי נאָך אַ תענית. שמואל איז גיך זאַט געוואָרן, זיך געפילט אויפגעלייגט, זיך אַרומגעקוקט, צי קיינער הערט נישט אונטער און שטיל אָנגעהויבן:

— ווייסט, כ׳האָב שוין לאַנג געוואָלט מיט דיר רעדן, ס׳איז עפּעס אַלץ נישט אויסגעקומען. כ׳האָב עטלעכע מאָל באַמערקט, אַז דו מיידסט מיך אויס, חדושסט זיך, וואָס מיט מיר איז געוואָרן.

דאָ האָט זיך שמואל נענטער צוגערוקט צו מרדכין, זיך נאָכאַמאָל אַרומגעקוקט און מען האָט געזען, אַז ער האָט געהאַלטן אין איין קנייטשן מיטן שטערן, ווי ער וואָלט זיך געשלאָגן מיט דער דעה, צי ער זאָל יאָ רעדן, צי נישט.

— טאָ הער — האָט שמואל אָפּגעהוסט און נישט געוווּסט ווי אָנ־צוהויבן — אויב וועסט אַפילו נישט מסכּים זיין מיט מיר, בעט איך דיך, זאָלסט מיר נישט איבערשלאָגן די רייד! כ׳וויל דיך, חס וחלילה, ניט אַראָפּפירן פון דרך־הישר! כ׳וויל דיר נאָר דערציילן ווי איך, דיינס אַ געוועזענער רבי, וואָס האָט דיך מדריך געווען אין חסידות, האָט אויס־געפונען, אַז דאָס אַלץ איז אַ שטותעריי! קרימסט זיך שוין באַצייטנס? ע, האָב געדולד! איז דאָך ר׳ מאיר אויך נאָכגעגאַנגען זיין רבין, אלישע בן אבויהן, איבער אַ תחום שבת, ווען יענער איז געריטן אויף אַ פערד און געלערנט ביי אים תורה! וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן?

— אַז דו פאַרגלייכסט זיך צו אלישען?

— איז עס נישט קיין געלונגענער משל! — האָט שמואל אַריינ־געכאַפּט דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען און מאָדנע געשמייכלט — דו ווייסט דאָך אָבער וואָס כ׳מיין? וויל איך דיר זאָגן — האָט ער זיך מיט אַ מאָל אויסגעגלייכט און געוואָרן ערנסט — אַז ווען טויזנטער חסידים לאָזן איבער די ווייבער מיט די קינדער אָן אַ גראָשן געלט און אַליין שלעפּן זיי זיך אַוועק צום רבין, זאָלן קאָנען אַ לעב טאָן, דיר דאַרף איך דאָך נישט דערציילן?... דאָס רוב פון זיי ווייסן דאָך צו־מאָל נישט וואָס אַ רבי איז! ווייסן, אַז ביים רבין איז מען פּטור פון עול פּרנסה. עסן קריגט מען, אַ גלעזל משקה פעלט נישט, טאָ צו וואָס זאָל מען זיצן מיטן ווייב און קינדער און פאַרשוואַרצט ווערן, אַז דאָ איז ס׳לעבן גרינגער? וואָלטן די חסידים כאָטש געלערנט! אַז זיי לער־נען אויך נישט. האַלטן זיך אין איין מחן! פּרוביר לערנען אין „שטיבל“ אַ קאַפּיטל תנ״ך, ווערט מען אויף דיר קוקן ווי אויף אַן אַפּיקורוס און אויב ביסט אַן אָרעמער בחור וועסטו אַריינכאַפּן פּעטש. ס׳האָט שוין נישט איינמאָל פּאַסירט! און דער „הויף“ איז פון זיין זייט גערעכט,

וואָס ער לאָזט נישט לערנען קיין תנ״ך. לערנסטו די נביאים, גייסטו במילא אָוועק פון חסידות, הערסט אויף צו גלויבן אין רבין, ווי אין אַ הייליקן!... אַ פּוילישער „קשאָנדז״, להבדיל, אַז ער געפינט ביי אַ פּויער די ביבל נעמט ער זי צו. דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס דער גלח האָט פּונקט אַזוי מורא, ווי דער „הויף״ — ער האָט מורא, אַז אויב דער פּויער וועט לערנען די ביבל, וועט ער אויפהערן גלויבן אין „קשאָנדז״.

שמואל האָט אויסגעטרונקען זיין גלעזל ווייַן און ווידער אָנגעהויבן:

— אַז דער „זוהר״ איז ביי זיי הייליקער ווי די תורה! און דעם „זוהר״ מיינסטו פאַרשטייען זיי? אַז ס׳איז ביי זיי אַ סגולה גלאַט צו זאָגן „זוהר״, אפילו ווען דו פאַרשטייסט נישט! אַן אמתער ייד, וואָס גלויבט אין „אחדות־הבורא״, טאָר גאָר נישט לערנען קיין „זוהר״. לויט דעם „זוהר״ קומט אויס, אַז יידן גלויבן אין „שלוש״. אַז אַ ייד, וואָס זאָגט יעדן טאָג „אני מאַמין״, ווי קאָן ער גאָר דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז „ה׳ אלוהנו, ה׳ אחד״ — מיינט דריי אין איינס? אַז מען רעדט וועגן אַ „טאַטע״, אַ „מאַמע״ ביי גאָט, טאָ מיט וואָס זיינען מיר בעסער פאַר קריסטן? ווי שטייט דאָרט אין „זוהר״ — האָט ער פאַרקוועטשט אָן אויג און זיך גענומען צופן די צעוואָרפענע האָר אויף דער גאָמבע — תפארת גופא להויה, ואדניתא גופא לשכינה... והכל אחד... כשלהבא דאחידא בגומרא״— נו, פרעג איך דיך, איז עס נישט געצנדינעריי? אַז גאָט, ברוך־הוא, האָט ביי זיי אַ גוף, תאוות, ווי, להבדיל, אַ מענטש...

מרדכי האָט נישט פאַרשטאַנען דעם שמייכל, וואָס איז געלעגן איבער שמואלס ליכטיקן האַלבן פנים, אים נישט מוחל געווען, וואָס ער האָט נאָר וואָס געמאַכט אַ מיאוסן שקר אויפן „זוהר״ און געליטן, וואָס ער קאָן אים נישט ענטפערן. עפּעס האָט אויפגעשטראַלט אין אים, געווען זיכער, אַז שמואל איז אומגערעכט, אַז דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן אַן ענין, וואָס מען דאַרף אים באַנעמען מיטן שכל, ניין, שמואל האָט שוין צופיל שכל! ער האָט געפילט, ווי עס קוואַלט אין אים יעדעס גליד, גיסט זיך איבער, שרייט, איז אָבער נישט ביכולת צונויפצובינדן די אָפּגעריסענע שטיקער אַזוי, אַז אַ צווייטער זאָל אויך משיג זיין, אַז אום אָוועקצונעמען די גשמיות האָט מען אַראָפּגענומען א לבוש נאָך אַ לבוש, ביז ס׳איז געבליבן אַן „אין־סוף״, און די שאַרפע מחות זיינען

נאָך ווייטער געגאַנגען, דערפירט צו אַן „אין" ,אבֿי דער מענטש זאָל חס וחלילה נישט צוטשעפּען אַ שמץ פון גשמיות — טאָ וואָס פאַרע רייד קאָן דאָ זיין וועגן געצנדינערײ?

מרדכי האָט שמואלן אָנגעכאַפּט בײַ דער האַנט, איבערגעריסן די רייד, זיך געכאַפּט בשעת מעשה, אַז זיין געדאַנק איז צו ווייט פאַרלאָפן, נישט געוואָרן און אָנשטאָט צו שווייגן, האָט דער עקשן אין אים זיך פאַרקרימט, ווי ער וואָלט געליטן פיזישע יסורים און אַרויסגעזאָגט דאָס, וועגן וואָס ער האָט אין גאַנצן נישט געטראַכט.

— דאָס זעלבע האָסטו נישט נאָר בײַ די נביאים, נאָר אפילו בײַ די תּנאים! און אַז גאָט האָט געוויזן משהן דעם קשר של תּפילין, וועט עס עמעצן איינפאַלן צו זאָגן, אַז גאָט לייגט תּפילין?

— ע, — האָט שמואל אים נישט געלאָזט ענדיקן — דאָס איז אין גאַנצן עפּעס אַנדערש! די אַלע ערטער אין תּנ"ך, ווו ס'ווערט גע-רעדט וועגן גאָט, ווי להבדיל, וועגן אַ מענטש, זאָגט דער אבן-עזרא, אַז ס'איז „לשבר את האזן", און דער רמ"בם גייט נאָך ווייטער און זאָגט, אַז גאָט האָט משהן געוויזן זיין קשר של תּפילין, הייסט בדרך-מליצה, אַז אַלץ, וואָס שטייט הינטער גאָט, אַלע מדרגות, וואָס פירן צו אים, וועט ער באַגרייפן, נאָר די „השגחה-פּרטית", גאָט אַליין, וועט קיין מענטש קיינמאָל נישט משיג זיין... ס'איז דאָך אַ שיינער געדאַנק — האָט שמואל צעגומען די הענט — אַ טיפער רעיון!... און צוריקגע-רעדט, אַז דו ווילסט איז די גאַנצע מעשה מיטן „קשר" נישט מער ווי אַ דרוש און „אין סומכין על הדרוש". אָבער בײַ זיי, בײַ די חסידים, איז דאָך די קלענסטע נאַרישקייט פון זוהר — סתרי-תּורה! אַז דו ווייסט נישט, אפילו ר' יעקב עמדן האָט שוין געזאָגט, אַז פיל פלעצער פון „זוהר" זיינען אַריינגעשטעלטע, מיין נישט, אַז ס'איז אַזוי לייכט זיך איינצורייסן מיט אַ וועלט, נאָך שווערער איז זיך איינצורייסן מיט טויטע. דערפאַר איז ער אַרויס אין אַן אָפענער מלחמה מיט ר' יונתן אייבשיץ.

— מיט ר' דניאלס עלטער זיידע?

— יאָ. ר' יעקב עמדן האָט אים באַשולדיקט אין כשוף, אין געצנ-דינערײ, אַז ער איז איינער פון דער כּת שבתי-צבֿי, און אַז די מחלוקה איז לשם-שמים, איז סופה להתקים — איז מער טאַקע קיין ספק

נישט, אַז דער מחבר פון „זוהר" איז נישט ר' שמעון בן יוחאי, מען זוייס עס אויף זיכער...

ביי די לעצטע יוערטער איז מרדכי געבליבן זיצן אַ צעמישטער. ער האָט געקוקט אויף שמואלן, זיך געחדושט, פאַרוואָס ער לאָזט אים נישט אַראָפּ קיין פּאַטש און זייער נישט געוואָלט וויסן, ווער ס'איז דער אמתער מחבר פון „זוהר", געהאַט ס'געפיל, אַז אויב ער וועט וויסן, ווערט ער אויס ייד. ער האָט זיך מיט אַמאָל דערמאָנט אָן ר' אייזשען, זיך פאַרגעסן און נישט געלאָזט שמואלן רעדן ווייטער:

— ווייסט, פאַר אַ יאָרן ווינטער האָט מען ר' איטשען צוגעשיקט אין וואַלד אַריין אַ ספר, ס'האָט דאַכט זיך, געהייסן — „תולדות אדם בליעל". אַז ר' איטשע האָט באַקומען דאָס ספר איז ער געוואָרן אַ צע־טומלטער, נישט געענדיקט דעם בלאַט גמרא, וואָס מיר האָבן געהאַלטן אין־מיטן לערנען, מיר געזאָגט, אַז דאָס איז ר' יעקב עמדנס אַ חבור, אַ יקר־המציאות וועגן דעם מקובל ר' יונתן. ער האָט מיך געבעטן כ'זאָל אים אָפּשליסן אין זיין חדר, קיינעם נישט צולאָזן צו אים, ביז ער וועט איבערלייענען דעם חבור. איידער ער האָט זיך אַוועק־געזעצט איבערן ספר, האָט ער מיט טרערן אין די אויגן געבעטן גאָט, עס זאָל זיך צו אים קיין זאַך נישט צוקלעפּן, אויב אין חבור רעדט מען שלעכטס אויף ר' יונתן. אַ מעת־לעת איז ער געזעסן איבערן חבור און אַז ער איז אַרויס, איז ער געווען גוט אויפגעלייגט, געדאַנקט גאָט, וואָס עס האָט זיך צו אים גאָרנישט צוגעקלעפּט און מיר געזאָגט, אַז ס'איז אַ מיאוסער חבור, אַ ייד דאַרף עס נישט לייענען!

— כ'האָב געזען דעם חבור — האָט שמואל געשמייכלט — ס'קאָן זיין ר' יעקב עמדן האָט אַביסל איבערגעכאַפּט די מאָס, אָבער ער איז גערעכט געווען. אַז יעדער שטותעריי ווערט ביי זיי סתרי־תורה! אָט האָב איך ביי זיך אַ ספרל — האָט שמואל אַרויסגעשלעפּט פון דער קע־שענע אַ פאָר אַלטע נישט איינגעבונדענע בלעטלעך — דער מחבר דער־פון איז ר' יונתנס אַ רבי, איינער חיון, אַ שבתי־צביניק, אַ נואף, געמט מען גביל־פה און מען מאַכט דערפון אַ „רזא דיחידא"! נאַ, לייען, זע, ווו מען איז פאַרקראָכן, ס'איז ערגער פון געצנדינעריי, ס'איז זנות!

מרדכי האָט געלייענט:

„... דע שכל הכלים החצונים דומים לאברים דגופא, ועתה בעונותינו בגלות יושבים הק"בה ושכינתיה כישנים, והנה אם איש ואשתו ישנים וירצו ליחדם וישים יד על יד, פה על פה ואבר על אבר, לא יעשה זווג טוב, יען הם ישנים והישן אין בו תאוה, ואין בו שמחת־לב לעורר התאוה, אבל אם יעורר אותו וימשוך אליו הנשמה, אז יתעורר הוא לזווג מעצמו, וישמחו יחד ומעצמם יעשו..."

ער האָט געזעגן אין שמואלן אַ קלפה, וואָס פאַרלויפט אים דעם וועג, רייצט זיך, זוכט אויס טשיקאַווע זאַכן, אַבי אים צו מאַטערן, זיך צו פאַר־קלייבן אין גרגרת, נישט געוואָלט צוגעבן, אַז ער הויבט אָן צו זען זאַכן אַנדערש ווי פריער און זיך כמעט געבייזערט:

— ס'וואונדט זיך מיט וואָס פאַר אַ כונה מען גייט צו צו אַן ענין! ביסט אַ שלעכטער מענטש שמואל און די כונה איז בײַ דיר נישט ריין...

— ווייסט כאָטש, אַז דו רעדסט נאַרישקייטן? — האָט אים שמואל איבערגעריסן.

— גאַנץ מעגלעך — האָט מרדכי פשוט געענטפערט — דו ווייסט אָבער, אַז ס'איז אַ נאַרישקייט. זיץ איך מיט דיר איבער אַ שעה, הער זיך צו צו דײַנע שכלדיקע רייד, און כ'ווייס נישט וואָס דו ווילסט, ווייס נישט מיט וועמען כ'רעד... וואָס טויג מיר די חכמה, אַז הינטער איר קאָן זיך די „סטרא אחרא" באַהאַלטן!

בײַ די לעצטע ווערטער האָט שמואל זיך פאַרלוירן, אויסגעמיטן מרדכיס בליק, זיך נישט וויסן געמאַכט, ווי נישט צו אים וואָלט מען גערעדט און שטאַמלענדיק פאָרגעזעצט:

— נו, איז ר' יעקב עמדן גערעכט געווען? און דאָס אַלץ, גלויב מיר, נעמט זיך פון „זוהר". אַז כ'האָב דיר פריער געזאָגט דער „זוהר" איז נישט פון ר' שמעון־בן־יוחאי, האָסטו זיך אַזאַ קרום געטאָן, אַז כ'האָב געמיינט גייסט זיך אויפשטעלן און מיך איבערלאָזן אַליין. כ'בין אויך נישט בעסער געווען! ברויכסט מער, געדענקסט מיר בײַדע האָבן געלערנט דעם „מגלה טמירין", געפינסט אים אין יעדן „שטיבל" און יעדער חסיד ווייס, אַז דאָס איז אַן אַלט, הייליק ספר, כ'ווייס וואָס פאַר אַ תנא האָט עס אָנגעשריבן? און אַז כ'וועל דיר זאָגן, דאָס דער „מגלה־טמירין" איז נאָך נישט אַלט קיין צוואַנציק יאָר? און נישט קיין תנא נאָר אַ גאַליציאַנער ייד האָט אים אָנגעשריבן? הא, וואָס

זאָגסטו דערויף? אז דאָס איז מעגלעך, פאַרוואָס זאָל נישט מעגלעך זיין, אַז ר׳ שמעון־בן אי האָט נישט געשריבן דעם „זוהר״? מיינסט כ׳שפּאַס, אָסור! דיין מחותן, ר׳ יוסל, קען דעם מחבר פון „מגלה־טמירין״. ער איז אַ טאַרנאָפּאָלער ייד, אַ גביר, אַ משכיל. ברויך מען אַ גרעסערן שפּאַס? זעסט ווי אַ פאָלק זינקט פון טאָג צו טאָג אין שטותעריי, גייט אונטער, קאָן מען זיין גלייכגילטיק? דאָס גאַנצע יידישקייט ליגט אין דער „שטול״, איבער וועלכער מען האַלט זיך אין איין שלאָגן, דען יעדער וויל ווערן רבי. ווען דו וואָלסט געוווסט וואָס פאַר אַ מעשים דודל האָט אָפּגעטאָן? ער איז דאָך געוועזן איינער פון דער חברה, וואָס האָבן זיך געטוישט מיט די ווייבער און מען שמועסט, אַז זיין עלטסטע טאָכטער, דניאלס ווייב, איז נישט זיינע. און דניאל? דו מיינסט, אַז דער באָרוועסער ישראל האָט געזאָגט אַ ליגן? הייבט זיך נישט אָן! נישט איין חסיד וועט דיר זאָגן, אַז דניאלס ווייב, אַ האַלבע משוגענע, איך קען זי, איז בבחינת „זעיר אנפּין״, אז מען לייגט אַריין אַ יראה אין דער טומאה, טאָ מיט וואָס איז דניאל בעסער פאַר פראַנקן? יענער האָט געהאַט אַ הייליקע אוואַטשע און ר׳ יונתן אייבשיצס אייניקל האָט אַ ווייב בבחינת „זעיר אנפּין״! זאָלן אַזעלכע פאַרשווינען אונז מדריך זיין, אַרומפירן אַ וועלט יידן פאַר די נעז?

שמואל האָט זיך אַ הויב געטאָן פון בענקל, זיך צוריק אַוועקגעזעצט און געקלאַפּט איין האַנט אָן דער אַנדערער:

— מען דאַרף זיך אַרויסרייסן פון דעם זומפּ, מען דאַרף אַוועק נאָך בערלין, צי נאָך פראַנקפורט־אַם־מיין. דאָרט זיינען אויך פאַראַן גרויסע ישיבות, ווו אַ חוץ יידישע למודים, לערנט מען אַנדערע זאַכן. און אַז מיר וועלן קומען צוריק דאַרפן מיר זיך נעמען פאַרן יונגן דור. די אַלטע זיינען שוין פאַרלוירן, דאַרפן קיין תוך נישט, אַבי ס׳איז דאָ בראָנפן! מיר דאַרפן זיך נעמען פאַרן יונגן דור, נאָר פריער דאַרפן מיר אַליין פיל לערנען! דאָ זיינען פאַראַן עטלעכע יונגעלייט משכילים, מיר קומען זיך עטלעכע מאָל אַ וואָך צונויף, לייענען צוזאַמען, שמועסן, אַז דו וועסט וועלן, קאָנסטו אויך אַריבערקומען. וועסט לאַכן, אין קאָצק, דעם רבין הינטער דער נאָז, איז דער זיכערסטער פּלאַץ. קיינעם וועט נישט איינפאַלן אונז חושד צו זיין. ווייסט, ס׳איז אַ שלעכטער סמן, וואָס יידישע בחורים לאָזן זיך נישט מער אין דער וועלט אַריין.

אַמאָל פלעגט מען פון פוילן זיך לאָזן אין די ישיבות פון פראַנקרייך, שפּאַניען און דייטשלאַנד איז דאָך אָפּגערעדט! יעדע גרויסע שטאָט האָט געהאַט אירע גאונים, אירע לומדים, אירע ישיבות. פיל מאָל דאַכט זיך מיר, ווען כ׳קום אפילו היינט צופאָרן נאָך מעץ, צי נאָך וורמס, וואָלט איך דאָרט געטראָפן באַקאַנטע פּנימער, דערקענט די גאַסן, די הייזער, די בתי-מדרשים, ווי כ׳וואָלט צוריק געקומען אין מיין געבורטס-שטאָט, וואָס כ׳האָב קליינערהייט פאַרלאָזן. כאָטש כ׳בין דאָרט קיין מאָל נישט געווען. יעדער שטיין, יעדער בית-עולם איז א שטיק יידיש לעבן...

מרדכי האָט דערזען אן אנדער שמואלן און זיך געחדושט פון וואַן נעמט זיך ביים מענטש אַזוי פיל ליבע און דרך-ארץ צו אַ בית-עלמין און אַזאַ נישט פאַרגינען און שנאה צום לעבעדיקן.

שמואל איז אַנטשוויגן געוואָרן, געוואָרפן יעדע ווייל אַ בליק אויף מרדכין, געווען זיכער, אַז ער האָט אים שוין אויף זיין זייט און זיך מיט אַמאָל אַ כאַפּ געטאָן, ווי ער וואָלט עפּעס פאַרגעסן:

— יאָ, כ׳האָב צו דיר אַ שטיקל טובה!

— וואָס?

— אַזוי ווי דיין מחותן, ר׳ יוסל, איז אַן אַלטער משכיל, ער האָט נאָך געשטיצט דעם „בכורי-העתים״, וואָלט אפשר מעגלעך געווען דו זאָלסט פון אים קריגן אַ בריוו פאַר מיר נאָך בערלין, צו... ווען דו קאָנסט מיך אַריינפירן צו אים אין הויז...

— גוט, — איז מרדכי געווען צופרידן, וואָס ער קאָן עפּעס פאַר אים טאָן — כ׳וועל אים נאָך היינט זאָגן וועגן דיר.

ביים אָפענעם פענסטער איז געשטאַנען דעם שענקערס טאָכטער און גערעדט מיט צוויי מיידלעך. איינע פון די מיידלעך, וואָס זיינען געשטאַנען אין דרויסן, האָט געוויזן אויף מרדכין מיט אַ פינגער:

— א שיין יינגל! מען דאַרף מיט אים פאַרפירן אַ שמועס!

— ווייזט אויס נישט קיין אָרעמאַן — האָט דעם שענקערס מיידל צוגעגעבן.

מרדכי האָט געשמייכלט און נישט ווילנדיק אַ קלאַפּ געטאָן מיטן גאָפּל אין טעלער. דאָס מיידל איז צוגעקומען.

— וואָס קומט אייך? — האָט מרדכי געפרעגט

— איר האָט געהאַט אַ האַלבע קאַטשקע, אַ קריגל ווײַן, וואָס נאָך? — האָט ס'מיידל אים געקוקט אין די אויגן אַרײַן, אַז מרדכי האָט זיך אַזש פאַרלוירן.

— זעמל.

— פינף גילדן — האָט ס'מיידל געמאַכט אַ שנעבעלע.

אַ ייד מיט אַ קאָשיקל אַרבעס־שויטן איז צוגעקומען צום פענסטער. איינע פון די מיידלעך, וואָס איז געשטאַנען אויפן הויף, האָט געקויפט פאַר אַ גראָשן שויטן און אַ געשריי געטאָן:

— טעמרע כאַפּ!

איידער דעם שענקערס מיידל האָט זיך אויסגעדרייט, האָבן עטלע־כע שויטן זיך צעלייגט איבער מרדכיס פּנים. די מיידלעך האָבן אויסגע־שאָסן אין אַ געלעכטער און זיך באַהאַלטן.

פון אַלקער איז אַרײַן אַן עלטערער פּאָליאַק, וואַקלענדיק זיך און פאַרשטעלט דעם שענקערס מיידל דעם וועג:

— פּאַננאַ רחלא, כ'מוז דיר אַ קוש טאָן!

— כ'וועל דעם פּאַן די אויגן אויסדראַפּען!

— דו ווילסט נאָך נישט? — האָט דער אַלטער געגלאָצט מיט די אויגן און זי אַרומגענומען — ס'דאַרף ביי דיר זיין אַ כּבוד, אַז איך, „ויעלמאָזשני" קאַרפּינסקי, וויל אַ קוש טאָן אַ קרעטשמערס אַ טאָכטער!

מרדכי איז אַרײַן אין דער מיט.

— אַז מען איז שכּור גייט מען שלאָפן!

— דו כאַלאַטשאַרזש, ווי וואַגסטו? העי, סטאַך!

פון אַלקער איז אַרויס אַ יונגער פּאָליאַק.

— שיס אים, סטאַך, שיס דעם פאַרכעוואַטן ייד, ער האָט באַליי־דיקט דיין טאַטן, דעם אַלטן פּוילישן „הערב" פון די קאַרפּינסקיס, שיס אים סטאַך, ווי אַ הונט! כ'וועל דיר געבן געלט זאָלסט אַנטלויפן נאָך אַמעריקע, שיס אים!

דער שענקער האָט זיך געבעטן ביים יונגן פּאָליאַק ער זאָל צו־בעמען דעם פאָטער, אים אַ קוש געטאָן אין דער האַנט אַרײַן, זיך גע־ביזערט אויף מרדכין.

מרדכי האָט אויפגעציטערט, אַוועקגעשטויסן דעם שענקער, אַז יע־נער איז געפאַלן אויף דער וואַנט, חשק געהאַט דער יונגער גוי זאָל מיט אים אָנהויבן און עטלעכע מאָל איבערגעחזרט:

— אַז מען האָט אַ טאַטע אַ שכור, האַלט מען אים אין שטוב!

— אָבער פּאַניע, פּאַניע — האָט דער זון האַלב־שכור זיך געבעטן ביי די אַרומיקע און געגומען דעם פאָטער אונטערן אָרעם.

— שיס אים, שיס אים! — האָט דער אַלטער נישט אויפגעהערט צו גאַוועגען און זיך געריסן פון זונס אָרעמס — ווען נישט די קורווע אסתּרקאַ, וואָלט המן אויסגעהרגעט אַלע יידן... דעמאָלט וואָלט אַבראַמעק דאָ קיין שענק נישט געהאַט און יידן וואָלטן נישט באַליידיקט דעם פּוילישן „הערב” פון די קאַרפּינסקעס; ווען נישט די קורווע אסתּרקאַ...

אַ באַליידיקטער איז מרדכי אַרויס פון וויינשענק, נישט געקאָנט שלום מאַכן מיט זיך, אַז ווען אַ שונא גרייפט אָן דעם שוואַכן, דאַרף ער איינבייגן דעם קאָפּ, צונעמען באהבה און נאָך דאַנקבאַר זיין. ער האָט געהאַט תּרעומות צום רבונו־של־עולם, נישט געקאָנט באַגרייפן, ווי דער יושר איז און אויב דאָס הייסט יושר, וויל ער פון אַזאַ יושר נישט וויסן. ער האָט נישט געוווּסט וווהין ער גייט, געפילט ווי שמואל האָט פאַרוואָרפן אַרום אים אַ נעץ, וואָס וויקלט זיך פון זיך אַליין, פאַר־פּלאָנטערט זיך אַלץ שטאַרקער און אויב ס'האָט אים פאַרדראָסן — איז עס אויף זיך אַליין — פאַרוואָס ער האָט זיך אַזוי לייכט אונטערגעגעבן אַפילו נישט פּרובירט זיך צו ווערן. ער האָט זיך געערגערט דערפון, געזען, ווי אַלע אַרום אים ווייסן וואָס זיי ווילן, פילן די ערד אונטער די פיס, זיינען אַזוי זיכער מיט זיך, אַז צו וואָס זיי זאָלן זיך נישט נעמען, וועלן זיי אויספירן. בלויז ער איז קיינמאָל נישט זיכער מיט זיך, איז איינשטימיק כמעט מיט יעדן, ס'פעלט אים די חוצפה ער זאָל זיך פילן פעסט, זיין צופרידן מיט זיך, האָט תּמיד ס'געפיל, אַז ער שטייט אין דער לופטן. און כאָטש ער האָט שטאַרק געליטן דערפון, זיך אָפּט געפּייניקט, וואָלט ער זיך מיט קיינעם נישט געוואָלט טוישן, גע־פילט, אַז ווי ערפאַלגרייך אַ שמואל זאָל נישט זיין, איז עס נישט מער ווי די פּעיִקייט פון איינעם פון די הונדערטער סוחרימלעך און מעקלער, די איינרייסער, וואָס דרייען זיך אַרום זיין, מרדכיס, פאָטער.

קאַפּיטל 4

# דער לעצטער

ר׳ יוסל שטראַל האָט אויפגעהערט שרייבן, באַטראַכט דעם באַשריבענעם בויגן פּאַפּיר מיט די העברעיִשע דראָבנע אותיות, ווי אַלע בוכשטאַבן זיינען געווען גאַליק, רונד, די שורות אויסגעוועלבט, ווי האַלבע לבנות. ער האָט געלייענט אַ שורה נאָך אַ שורה, צוגעשטעלט דאָ אַ דריידל, דאָרט אַ פּאַסיקל, געווען זיכער, אַז זיין איבערזעצונג איז נישט ערגער פונם אָריגינאַל. ער האָט געהאַלטן אין איבערזעצן „פֿאַוסט", געאַרבעט דעריבער שוין יאָרן און נאָך נישט פֿאַרטיק געווען אפילו מיט דער ערשטער טייל. פֿאַר אים איז געלעגן אַ ווייַמאַר-אויסגאַבע, געבונדן אין ווייכן לעדער. די בלעטער דיקע, דאַכט זיך האַריקע, דורכגעאַרבעט מיט קרוינען און בוכשטאַבן, זיינען געווען דורכגענומען מיט טאַבעק-פלעקן. ער האָט אַוועקגעלייגט פֿאַר זיך אַ פרישן בויגן פּאַפּיר, אַוועקגעשטעלט מיט רויטן טינט דעם ציפֿער 307 און גענומען לייענען דעם אָריגינאַל. און אַז ער איז צוגעקומען צו דער שטעל, ווו דער שטן ווענדט זיך צו די פרויען —

Fuer euch sind zwei Dinge
Von Koestlichen Glanz,
Das leuchtende Gold
Und ein glaenzender – – –

האָט ער באַשלאָסן עס נישט איבערצוגעבן אין העברעיִש, זיך געשטיצט, וואָס אין שפּעטערע אויסגאַבן האָט מען עס אפילו אין דייטש דורכגעלאָזט. ער האָט אייניקע מאָל איבערגעלייענט די פיר שורות, געשמייכלט, אַרויפגעלייגט זיין זילבערנע טאַבעק-פּושקע אויפן בוך און זיך טיפער אַריינגעזעצט אין פאָטעל.

ער האָט נישט געדאַרפֿט חתונה האָבן אויף דער עלטער. וואָלט ער כאָטש גענומען אַ פּשוט מיידל, וואָלט זיין רייכטום זי צופֿרידנגעשטעלט. פֿעליציע קאָן נישט זיין צופֿרידן, זי האָט זיך בלויז מקריב געווען פֿאַר די עלטערן. ווען איר פֿאָטער האַלט נישט ביים באַנקראָט, וואָלט ער אים קיינמאָל די טאָכטער נישט געגעבן. ער האָט זי בלויז געקויפֿט מיט דעם, וואָס ער האָט באַצאָלט זיינע חובות. ער איז איר פֿרעמד. ער פֿילט עס. כאָטש זי טוט יעדע זאַך, וואָס ער פֿאַרלאַנגט. זי לאַדט אים יעדן אָוונט איין צו זיך אין זאַל, ווען מסתמא אויך היינט קומען, ווייל ער זאָל זיך ווײַלן מיט אירע געסט... און וואָס פֿאַר אַ פּנים האָט ער, אַן אַלטער, צעקנייטשטער ייד, אַפֿילו צווישן די ליבעראַלע שררים און יידישע יונגעלייט? יעדער, וואָס זעט אים אין איר געזעלשאַפֿט, מוז זי באַדויערן און טראַכטן זיך, אַז ס'איז נישט שווער צוצונעמען אַזאַ יונגע, שיינע דאַמע ביי אַזאַ אַלטן שיילאָק... גייט ער טאַקע נישט, זיצט ביי זיך אין צימער, לייענט, אַז ס'שווינדלט אים אַזש אין קאָפּ און לאָז זיך דאָרט טאָן וואָס עס וויל! ער שעמט זיך פֿאַר איר, שעמט זיך אַפֿילו אַ קרעכץ צו טאָן. ער ווייס נישט פֿאַרוואָס, נאָר גלייך ווי זי באַווייזט זיך, ווילט זיך אים אויסזען יונגער... שוין מאַנאַטן, ווי ער לעבט נישט מיט איר... און זיין עשירות? זי איז דאָך געבוירן אין רייכטום... געטע איז גערעכט — רוצה אשה בקב ותפֿלות מעשרה קבין ופּרישות...

ער האָט אַרויפֿגערוקט די ברילן אויפֿן שטערן, געזען דורכן ברייטן, צעעפֿנטן פֿענסטער, ווי דער וויעפּש, אַ רויקער, אַ באַגילדטער רינצלט זיך אונטער דער פֿאַרגייענדער זון.

ער האָט זיך פֿאַרגעסן, געעפֿנט דאָס איינגעפֿאַלענע מויל און געקוקט אין דער פֿאַרגייענדער זון, וואָס האָט זיך אַלץ נענטער גערוקט צום וואַסער, זיך געשפּיגלט און געהילט די ראַנדן פֿון הימל אין גאָלד, אין קופּער. איין אויג האָט זיך ביי אים פֿאַרמאַכט און דאָס צווייטע האָט זיך קיין ריר געטאָן, געקוקט ווי דער טאָג פֿאַרגייט, פֿאַרגייט, שלעפּט מיט זיין אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און געהאַט בלויז איין פֿאַרלאַנגען זאָל אים נישט שטערן און לאָזן אַזוי זיצן. און אַז די זון איז פֿאַרשוווּנדן און איבערן הימל זיינען געבליבן צעוואָרפֿענע, אָפּגעסמאַליעטע שטרייפֿן, האָט דער אַלטער אָפּגעזיפֿצט. ער האָט געהערט

ווי אַ קאַרעטע פאַרפאָרט פאַר זיין הויז, אַ מאך געטאָן מיט דער האַנט אין דער ריכטונג, פון וואַנען דאָס געריש איז געקומען, ווי ער וואָלט זיך ביי עמעצן געבעטן מען זאָל אים נישט שטערן און גענומען אַריינ־לייגן די באַשריבענע בויגן פאַפּיר אין אַ שיפלאָד. פון נישט האָבן וואָס צו טאָן האָט ער איבערגעלייגט אַלץ אין שיפלאָד, ארויסגענומען אַ פּעקל מיט בריוו, וואָס איז געווען ארומגעוויקלט מיט אַ טאַשמע און עס גע־עפנט. ער האָט געקוקט אויף די אָפּגעשאָסענע אַדרעסן און געוווסט אויף אויסווייניק, וואָס אין יעדן בריוו שטייט. די שמאָלע צונויפגע־לייגטע בריוולעך מיט חתימות פון טריף־וואַקס זיינען געקומען פון זשולקיוו, אַ גאַליציאַנער פאַרוואָרפן שטעטל, ווו פון פוילן און גאַליציע זיינען משכילים געפאָרן צו זייער רבין — ר׳ נחמן קראָכמאַל. ער האָט אים געזען — אַ מאָגערער, אַ שוואַכער, גערעדט ווייניק, גע־לאָזן, געקאָנט מסביר זיין דעם שווערסטן ענין קורץ, אין צוויי, דריי ווערטער. אויגן קליינע, וואַרעמע, דער שטערן טיף אין פנים אריין, געטראָגן אַ ריפּסינע קאַפּאָטע סיי זומער, סיי ווינטער. נחמן איז צוגע־שטאַנען צו אים ער זאָל איבערזעצן „פאוסט״. תּמיד ווען ער האָט מיט אים גערעדט, איז אים אויפן זינען געקומען דער אבן־עזרא. יענער האָט אָבער געמוזט זיין פלינקער, רירעוודיקער, גערעדט מיט אַ פאַר־כאַפּטן אָטעם, געבליצט אָן א צוזאַמענהאַנג, זיך תּמיד געיילט, קיין צייט געהאַט זיך אָוועקצוזעצן טראַכטן, געשריבן וואַנדערנדיק מיטן שטעקעלע אין דער האַנט, ווי ס׳וואָלט ביי אים געווען אַ ביי־זאַך, לשם בראַווראַ.

דער ברייטער בויגן פאַפּיר מיט דעם דינעם יינגלשן כּתב קומט פון פאַדואַ. אָט דעם איטאַליענישן ייד פאַרשטייט ער נאָך עד היום נישט! ער קומט אים צו חלום, די לעצטע צייט אַלץ אָפטער, און זיי שמועסן גאַנצע נעכט. עפּעס איז אים נאָך קשה, כּמעט אמאָל, ווען דער איטאַליענער איז אַרויסגעטראָטן געגן רמב״ם און אבן־עזראן, איז ער יוסל — אים געוואָרן א דם־שונא. אויפגעהערט אים צו שיקן די פינף טויזנט גילדן א יאר אויפצוקויפן אַלטע יידישע כּתב־ידן און מיט אים איבערגעריסן אין גאַנצן. איצט טוט אים באַנג, פילט, אַז טיילווייז איז דער איטאַליענער גערעכט געווען, קלייבט זיך אים שיקן דעם ערשטן טייל „פאוסט״. דעם רמב״מס „השארת־הנפש״

איז צו אריסטאָקראַטיש, ס׳איז פאַר יחידי־סגולה, פאַר די בעלי־שכלס. און וואָס האָט ער געוואָלט מיט זיינע דרייצען עיקרים? דער דריטער „אני־מאמין" איז צו אבסטראַקט, נישט יידיש, ס׳פּאָלק באַגרייפט נישט אַזאַ גאָט, וואָס אין דער זעלבער צייט איז ער נ י ש ט און איז י אָ, קאָן צו אים נישט בעטן און שאַפט זיך במילא אַן אַנדערן, דאָס האָבן אפילו איינגעזען די מעטאַפיזיקער און זיך פאַרזאָרגט מיט אַ לאָגוס, אַנדערע מיט אַ בן־אלהים, מיט ספירות, מיט אַ צדיק — אַלערליי מעקלערס, דורך וועלכע מען זאָל קאָנען קומען אין באַרירונג מיט גאָט! און לוצאַטוס „השארת־הנפש", וואָס איז פאַר אַלע, אפילו פאַר זינדיקע... איז שוין דאָס דער ריינער אמת? ווער ווייס? יעדנ־פאַלס איז היימלעכער אַזוי, בעסער! לוצאַטו איז גערעכט, וואָס ער האָט קיין צוטרוי צו יעדער דיאַלעקטיק, האַלט נישט פון שפּינאָזעס געאָמעט־רישע באַווייזן... נו טאַקע, וואָס פאַר אַ ווערט האָט אַ מענטשנס אמת? ווען ער, יוסל, וואָלט נישט געווען אַזוי אַלט און געהאַט מער חוצפּה, וואָלט ער אויך געהאַט אַנדערע אמתן, טאָר מען זיך נישט בלויז רעכע־נען מיטן שכל, ס׳איז יידישער — לא המדרש עיקר, אלא המעשה. און ווי באַלד פּאַול האָט פאַרדרייט דעם פּסוק און געלערנט די רוימער, אַז דער עיקר איז דאָס ג ל ו י ב ן נישט די מ ע ש י ם, האָט ער אין גאַנצן אָפּגעריסן נישט נאָר מיט יידן, נאָר אפילו מיט יידן־קריסטן און דערמיט האָט ער גלייך ביים געבוירן פאַרמשפט דאָס קריסטנטום צום טויט.

דער לעצטער געדאַנק האָט דעם אַלטן אַזוי באַגייסטערט, אַז ער האָט זיך אויפגעשטעלט און מיט שטילע טריט גענומען שפּרייזן איבערן צימער און וואָס טיפער ער האָט זיך אריינגעקלערט אינם געדאַנק, אַלץ מער איז ער אים געפעלן, דער אומעט איז אויף אַ ווײַלע אוועק, דערפילט, אַז ער איז יינגער, האָט נאָר וואָס עפּעס מחדש געווען און געטראַכט, אַז ער וועט עס שרייבן שד״לן, נישט שיין צו זיין אַזוי לאַנג ברוגז...

ער איז גיך מיד געוואָרן און זיך צוריק אַוועקגעזעצט. פאַר אים איז געלעגן אַ בריוו פון גייגערן — דער, וואָס איז געווען געגן מילה און אַזוי ארומגעשניטן דאָס יידנטום, אַז ס׳איז געוואָרן צו קיילעכ־דיק און ס׳האָט פיל נישט געפעלט ס׳זאָל זיך אין גאַנצן אוועקקייקלען

פון דער וועלט. וואָס וויל ער, דער סאָלידער דייטש מיטן פראַק? קריכט פון דער הויט מען זאָל זיך אויסמענטשלען, לערנען ביים גוי חכמה, אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם שמוץ, האַלט אין איין טענהן, אַז מען קאָן אין אונזערע דלת־אמות נישט שטיין און אין דער זעלבער צייט, גלויבט ער, אַז מיר, די שנוציקע, האָבן אַ „מיסיאָן", מיר דאַרפן די וועלט אויסבעסערן! כאַ, כאַ, כאַ! טשיקאַווע, פעלקער, וואָס ליגן אין דר'ערד, קריגן מיט אַמאָל „מיסיאָנען", ווערן גואלים, טרייסטן זיך מיט חלשות... קומט צו אים אַריין אַ פּאָליאַק, טענהט ער אויך, אַז פּאָליאַקן האָבן אַ מיסיאָן, אַז ס'פּוילישע פאָלק איז געקרייצט פאַר די פעלקערס זינד און עס וועט ברענגען משיחן, אַ סאָציאַלן משיח. זיי האָבן זייער גייגער, עפּעס אַ טאָוויאַנסקי. ער איז ווייט פון אונזער גייגער, דעם ראַציאָנאַליסט, יענער איז אַן אמתער רבי, היילט קראַנקע, להבדיל דער בעל־שם, צי אפשר אַ גלגול פון ישון, וויל אויסלייזן די פּאָליאַקן דורך ניסים און האָט זייער חשק אַריינצוקריגן ראָטשילדס מיליאָנען, האַלט מסתמא, אַז זיין קעניגרייך איז פון דיזער וועלט, כאַ, כאַ, כאַ! און וואָס ווילן די פּאָליאַקן פון אים? זיי האָבן זיך אָנגעזעצט און דאָס ווייב אויך, ער זאָל זיין דער קאַסירער, האַלטן די געלטער, וואָס וועלן אַריינקומען פון דער גאַנצער אָקאָליצע. ער וואָלט זיי געגעבן אַ פּאָר טויזנט רובל, זיי זאָלן אים באַפרייען דערפון, יידן דאַרפן זיך נישט מישן, ווען פּאָליאַקן אַליין זיינען דאַגעגן. יאַשינסקי, דער אַלטער הראַביאַ, וואָס אין האַרצן ביי זיך האַלט ער יוסלען פאַר זיינס אַ פאַכטער, כאָטש ער באָרגט ביי אים געלט און רעדט מיט אים וועגן העגעלן, האָט קיין גראָשן נישט געוואָלט געבן, טענהט, אַז ס'איז אַן אומזין, ווייל אַלץ וואָס איז כאַרהאַן איז פאַרנינפטיק. אַ גוייִשער קאָפּ! הייסט עס, אַז דער אויפשטאַנד אין די דרייסיקער איז אויך געווען פאַרנינפטיק, ווייל ער איז געווען און איז אויך דורכגעפאַלן! און אויף אַזעלכע זינדיקע אמתן בויט מען וועלטן און מען מאַכט זיי חרוב. אַנומלט זאָגט אים אַ יונגערמאַן, אַז אויב רוים איז יאָ באַפרייט פון עסטרייך און דער פּאַפּסט איז אַראָפּ פון דער גדולה, איז געקומען די צייט ירושלים זאָל אויפגעבויט ווערן... און דאָס האָט נישט געזאָגט אַ מקובל, אַ גאַנץ קלוגער בחור, ווייס פיל, קען לערנען, דורכגעמאַכט אַ היידלבורגער אוניווערסיטעט און רעדט אַזעלכע שטותרייען... ווער ווייס זיי?

דער נייער דור איז צו ווייט אַוועק און אפשר איז ער שוין צו אַלט, פאַרשטייט מער נישט, וואָס עס טוט זיך אַרום אים? באַלד, וואָס איז אים נאָר וואָס איינגעפאַלן? אַי, אַי, אַרויס פון זכּרון — האָט דער אַלטער זיך גענומען רייבן דעם שטערן — כ׳האָב אים געזאָלט שרייבן לוצאַטון, טאַקע אַלט, אויף דער עלטער, ר׳געדענקט נישט... אויך אַמאָל יונג געווען, געפאָרן נאָך לוואָוו און מיט שלמהן זיך אַריבער געכאַפּט צו קראָכמאַלן. אַלץ אַ חלום. איז נחמן אויפן עולם־האמת און שלמה — רב אין פּראָג. נישט קיין נאַר שלמה, ס׳מוז אים בלויז באַנק טאָן, וואָס ער האָט צו שפּעט אויסגעפונען, אַז ס׳איז נישט כּדאַי זיך איינצורייסן מיט אַ וועלט מענטשן, ווי לאַנג מען קאָן לעבן זאַט און רויק. ער האָט תּמיד געשראָקן פאַר דער אייגענער פעל, גע־גאַנגען, ווו ס׳איז געווען זיכערער, קיין מוט נישט געהאַט, אַנדערש וואָלט אַ מענטש נישט געקאָנט עסן אין לוואָוו צוואַנציק יאָר קישקע, טאַקע פעטע קישקע און אַרבעטן פאַר קצבים! היינט, אַז ער האָט אָנגעטאָן אן אצטלא־דרבנן האָט ער אָפּגעריסן מיט די אַלטע חברים. דאָס רבנות האָט אים געקוילעט, ער קאָן נישט מער, קאָן נישט... פונדעסטוועגן וואָלט ער נאָך געוואָלט זיך מיט אים דורכשמועסן, זיי דאַרפן זיין אין איין עלטער, באַלד, יאָ, אין איין עלטער... זיי האָבן ביידע אָנגעהויבן אַריינצוקומען צו קראָכמאַלן אין איין צייט, געלעגן זומער אין דער תּבֿואה און געלייענט וואָלטערן... אַ חלום, אַ חלום... ס׳רעדל דרייט זיך... ווער ווייסט, מעגלעך, אַז שפּעטער מיט יאָרן וועט דאָס בחורל, מרדכי, פונקט אַזוי זיצן, ווי ער דאָ, און אויך טראַכטן דאָס זעלבע... אַן אייביקער חלום... ר׳האָט גאָר נישט קיין שלעכטן קאָפּ, מרדכי. ווי לאַנג איז ער דאָ? דריי חדשים. פאַר דער צייט לייענט ער גוט דייטש. ער באַנעמט אַ שטיקל „מורה־נבֿוכים" אויך גוט. צו וואָס האָט אָבער אברהם דאָ אַהערגעשיקט דעם בן־יחיד? ממה נפשך, האָט ער אים געוואָלט שיקן צום רבין, צו וואָס האָט ער אים גע־הייסן איינשטיין ביי יוסלען? ער וועט פון דעם „פּרדס" קיין גאַנצער נישט אַרויס. יאָ — האָט דער אַלטער זיך אויפגעשטעלט, איז צוגעגאַנגען צו אַ שוואַרצער, געשניצטער ביכער־שאַנק, אַרויסגענומען דעם „אהבת־ציון", וואָס האָט נאָר וואָס געהאַט ערשינען, און אים אַוועקגעלייגט צו זיך אויפן טיש — לאָז ער לייענען. ער האָט זיך צוריק אַריינגעזעצט

אין פּאָטעל, פאַרמאַכט די אויגן און אַזוי געבליבן זיצן אין טונקעלן צימער. פון די שוואַרצע שענק מיט ספרים, וואָס זיינען געשטאַנען אַרום די ווענט, פון די געשניצטע גיזעמסן האָבן זיך גענומען רוקן שאָטנס, זיך צעלייגט איבער דער פּאָדלאָגע, איבער די ווענט, ווי אַלטע באַקאַנטע, האָט דער איינגעבויגענער יוסל מיט אַמאָל דערפילט אַזאַ מידקייט, ס׳האָט אים אַזוי געצויגן צום געלעגער, ווי עס ציט אַ פאַרטיקע, צייטיקע פרי, וואָס איז זיך אויסגעשטאַנען אויפן בוים, צו דער ערד.

— אַ, יוסל, וואָס מאַכסטו?

— נחמן?

— דערקענסט מיך נישט?

— ביסט דאָך דאַכט זיך מיר געשטאָרבן?

— האָסט פאַרגעסן — „שאין אדם קונה השארת־הנפש אלא אם כן התחכם במה שאחר הטבע...“

— איז עס טאַקע אמת, וואָס דער רמב״ם זאָגט?

— אמת, אמת.

— הייסט עס שמואל דוד לוצאַטו...

— וואָס מאַכט טאַקע דער איטאַליענער?

— ער לעבט.

— דער רמב״ם וויל זיך מיט אים באַקענען. יעדן טאָג, ווען מען רופט אויס די נעמען פון די נאָר וואָס אָנגעקומענע, הערט ער זיך איין צי מען דערמאָנט אַמאָל נישט שמואל דודס נאָמען.

— ער וועט האָבן אַ שיינעם קבלת־פנים, כ׳שטעל זיך פאָר — דער רמב״ם פון איין זייט, דער אבן־עזרא פון דער צווייטער, שפינאָזאַ פון הינטן... איצט די קלענערע! זיי וועלן אים צעצופּן, כאַ, כאַ, כאַ!

— אַך, ווער איז דאָס? — האָט יוסל אַ צאַפּל געטאָן, דערזען פּעליציען און גענומען זיך רייבן די אויגן — אַ דרימל געטאָן...

— וואָס זיצטו אין דער פינסטער?

— אין דער פינסטער? — האָט ער געכאַפּט דאָס גלעקל פון טיש און אָנגעהויבן צו קלינגען — יאָ, כ׳זיץ אין דער פינסטער!

אַ דינער איז אַריין און זיך פאַרנויגט.

— איגנאַץ, מאַך ליכטיק!

דער דינער האָט אָנגעצונדן אַן אייל־לאָמפּ און געוואָלט אָנצונדן די ליכט אין דער קאַנדעליאַברע.

— מען דאַרף נישט, קאָנסט גיין.

פעליציע האָט אים געגלעט איבער דעם גרויען קאָפּ און זיך געבעטן:

— וואָס זיצסטו דאָ אַליין? קום אריין אין זאַל — מיר האָבן געסט.

— ווער איז דאָ?

— די זעלבע, וואָס שטענדיק.

— קאהאַנע?

— קאַהאַנע, קאָמאַראָווסקי...

— דער ראַביע? — האָט דער מאַן איר איבערגעהאַקט — וואָס טוט ער דאָ אין קאָצק? ער איז דאָך גאָר אַ גאַליציאַנער?

— דו ווייסט דאָך וואָס ער טוט?

— ס'ווילט זיך אים ארויסטרייבן דעם רוס, נישט אַנדערש, האַ?

— איז עס אַן עולה?

— ס'איז אַ משוגעת?

— ווי ביי וועמען.

— כ'האָב נעכטן גערעדט מיט רודניצקין, ער האָט צוויי זין אָנגעוואָרן אין דעם ערשטן אויפשטאַנד, טענהט ער דאָס זעלבע. דער פויער, זאָגט ער, וועט נישט גיין!

— קאַהאַנע זאָגט — האָט פעליציע געשמייכלט — אַז אויב אפילו דער אויפשטאַנד איז אַ פאַרלוירענער, דאַרף מען אים אויך מאַכן, ס'איז נאָך שענער, טראַגישער...

— אַ, קאַ־האַ־נע — האָט יוסל שפּאָטיש ארויסגערעדט דעם נאָמען — דאָס זיינען אַנדערע ווערטער! ער טענהט דאָך, אַז איצט, ווען רוים האָט זיך באַפרייט פון פּאַפּסט, וועט מען ירושלים אויך באַפרייען און עס צוריק אָפּגעבן די יידן. נאָך גוט, וואָס ער הייסט נישט יידן זאָלן זיך אָרגאַניזירן און אַליין עס אָפּנעמען ביים טערק.

— דו לאַכסט פון אַלעם...

— כ'מיין עס ערנסט — האָט ער אָנגענומען פעליציען פאַר אַ האַנט — מיר יידן זיינען אַ טשיקאַווע פאָלק. אָדער מיר שטייען אין

גאַנצן פון דערוווייטנס, אַז נישט וואַרפט מען זיך אַריין מיט לייב און לעבן, אַז מיר ברעכן גלייך דעם קאַרק!

— אַז מען איז יונג – האָט פעליציע געשמייכלט — דו ביסט בעסער געוועזן?

ער האָט זיך דערפילט אויסגעשפילט, אַלט, צעבראָכן, מורא געהאַט עס ארויסצוווייזן, געגלעט פעליציען, ווי אַ טאַטע, און זיך געבעטן:

— וועסט מיר אַנטשולדיקן, פעליציע, כ׳בין עפעס נישט מיט אַלעמען, גיי דו אריין צו די געסט, כ׳וועל זיך לייגן.

— וואָס איז דיר?

— גאָר נישט, כ׳פיל זיך מיד — און ער האָט איר אַ קוש געטאָן אין דער באַק אַריין — אַ גוטע נאַכט!

— אַ גוטע נאַכט!

ער איז געבליבן זיצן מיט פאַרלייגטע הענט, אַראָפגעלאָזטן קאָפּ, לאַנג געקוקט מיט די מידע אויגן אין דער זייט, וווּ פעליציע איז פאַרשוווּנדן, ווי זי וואָלט נאָך זיך עפעס איבערגעלאָזט, מיט אַמאָל אַ צוג געטאָן מיט אַן אַקסל, ווי ער וואָלט אַלץ געוואָלט אָפּשאָקלען פון זיך, און זיך צוריק פאַרטיפט אין „פאוסט“.

קאַפּיטל 5

## „די גרויסע אימפּראָוויזאַציע"

פעליציע איז אריין אין אַ זייטיקן צימער, געשטאַנען אַ ווײַלע מיט אַ פאַרשנירלטן שטערן, פאַרביסענע ליפּן, ווי אַ פאַרעקשנט מיידל, ווען ס'גייט עפּעס אָפּטאָן אויף צו להכעיס די עלטערן. זי איז געווען בייז אויף זיך צו וואָס זי איז איצט אריין צום מאַן, אים געגלעט, געזאָגט גוטע רייד, ווי אַ העלדין פון אַ ראָמאַן, וואָס פילט זיך זינדיק, האָט מורא דער מאַן זאָל נישט חושד זיין, האַלט זי אים אין איין צערטלען. זי האָט ליכטיק געמאַכט און גענומען לייענען דעם בריוו, וואָס קאָמאַראָווסקי האָט איר אַריינגעשטעקט אין דער האַנט ביים אַריינקומען. זי האָט געציטערט. דער נאָך גאָר יונגער קאָמאַראָווסקי מיט די בלאָנדע וואָנסן, בלויע קינדישע אויגן מיט זיין אָפּגעהאַקט רעדן אָן אַ צוזאַמענהאַנג, דאָס אַלץ האָט פעליציען פון דער ערשטער באַגעגעניש אימפּאָנירט. זי האָט זעלטן געכאַפּט, וואָס ער רעדט, נישט געקאָנט פאַרקייטלען איין געדאַנק מיטן צווייטן, איז עס איר נאָך מער געפעלן, געפילט אַן אָפּרו נאָך דער קלאָרקייט, לאָגיק און אויסגערעכנטקייט, וואָס האָט געהערשט ביי איר אין הויז. נאָך דעם ערשטן וויזיט האָט שטראַל זיך אויסגעדריקט צום ווייב, אַז דער יונגער קאָמאַראָווסקי דערמאָנט אַ שיין צוגאָווע פערד, וואָס אז ס'דערפילט דעם רייטער אויף זיך, וועט עס שוין מער נישט איינשטיין. איר איז דער פאַרגלייך געפעלן, נישט פאַרשטאַנען ווי ר'נאָך אַ מענטש קאָן תמיד זיין באַגייסטערט, גאַנצע טעג געקלערט וועגן אים, זיך פאַרפלאָנטערט אַלץ מער און פונקט ווי איינער, וואָס האָט קיין פאָרשטעלונג וועגן דער זון, וואַרעמט זיך פונדעסטוועגן אונטער אירע שטראַלן, אַזוי האָט פעליציע

זיך געפילט גליקלעך, ווען קאָמאַראָווסקי האָט זיך געפונען ביי איר אין שטוב.

פעליצע האָט צונויפגעקוועטשט דעם בריוו, אַ קוק געטאָן פון דער זייט אין שפיגל, געוועזן צופרידן פון דעם מאַטן, רויִקן פנים, וואָס זי האָט דאָרט געזען און געשמייכלט, וואָס קאָמאַראָווסקי בעט זיך ביי איר זי זאָל וואַרטן, אַז ער איז זי נישט ווערט, אַז יידן זיינען די וווּנדערבאַרסטע ראַסע. זי האָט ווידער געעפנט דעם בריוו:

„...איך גלויב, אַז די צייט וועט באַלד קומען, טאַקע באַלד, צוליב אונז... די וועלט מוז ווערן באַפרייט. צווישן די דריי פעלקער, וואָס דאַרפן ברענגען משיחן, איז אויך פאַראַן ס׳יידישע. מיר לעבן אין אַ וווּנדערבאַרער צייט! כ׳גלויב, אַז באַלד, באַלד... כ׳וועל פאַלן צו דיינע פיס, קושן דיינע טריט, איינזאַפּן אין זיך דעם שטויב פון דער וועלט, דו זאָלסט אַרויס אַ געלייטערטע און איך זאָל דרייסט קאָנען זאָגן — קום! מיט דעם ליכט פון דיינע אויגן וועלן מיר פאַריאָגן די בייזע גייסטער, וואָסווימלען מחנות־ווייז איבער דער ערד. דאָס צעשטראַלטקייט פון דעם זיבעטן שליָח, וואָס גאָט דאַרף אַראָפּשיקן אויף דער ערד און וועלכער איז שוין צווישן אונז, וועט פאַלן אויף דיר, מלאך מיינער! דאָס פייער פון דיינע אויגן וועט זיך אַזוי צעפלאַקערן, אַז אַלץ־דאָסשלעכטס וועט פאַרשווינדן און די ערד וועט ווערן אַ הימל!

„און אויב דו וועסט נישט גיין מיט מיר, וועל איך בלייבן ליגן ביי דיינע פיס ווי אַ געטרייער הונט, נישט לאָזן קיינעם צו דיר צו, ס׳זאָל אַ שטויבעלע נישט פאַלן אויף דיר, מיין מאטער דאָלאָראָזאַ!

„ערשט נעכטן בין איך גרייט געווען אַוועקצוגעבן מיין לעבן, אַבי רוים זאָל נישט אַריינפאַלן אין די הענט פון אַנטיקריסט. מיט דער ביקס אויף די פלייצעס, מיט די ווערטער: Petrus Apostolus, Princeps Apostolorum, בין איך אַוועק מיט די עסטרייכער אונטערצודריקן די נישט גלויביקע איטאַליענער, און וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט? איך, אַ גוטער קאַטאָליק, האָב געהאָלפן מיט דער אייגענער ביקס ברענגען דאָס קריסטנטום צו קבורה! און קיינער וואַגט מיר נישט צו שפייען אין פנים אַריין דאָס וואָרט אַנטיקריסט! קאַהאַנע איז גערעכט — מיר לעבן אין אַ וווּנדערבאַרער צייט, דאָס אַלטע רוים האָט זיך באַפרייט! הערסט? באַ־פריי־ט!

„און אַז איך וועל אַלט ווערן, מער נישט קאָנען ליגן ביי דיינע פיס, וועל איך צעדריוולען דאָס אייגענע האַרץ, אויף די פאַרבלוטיקטע סטרונעס שפּילן פאַר דיר, אַלע אַרום זאָלן משוגע ווערן — זיידעס זאָלן איבערגעבן אייניקלעך, אַז געלעבט האָט אַמאָל אַן אומגליקלעכער הראַביאַ קאָמאַראָווסקי און אַ ליידנדע פּעליציע. אָ, ווען דו קענסט קאָמאַראָווסקין! ע ר קאָן פילן, וואָס הייסט אַ יחוס פון איבער פערציק דורות! נאָך דיין שלעפּ, פּעליציע, נאָך דיינע שוואַרצע צעפּ ציען זיך איבער פערציק דורות! פערציק דו־רות! כ׳בויג פאַר אייך מיין זינדיקן, מיין קראַנקן קאָפּ! ס׳איז מיר אַזוי שלעכט אָן דיר, אַזוי שלעכט, מלאך מיינער... כ׳וואַרט פוילן זאָל מיך וואָס גיכער רופן... דערווייל קלאַפּ איך קאָפּ אָן וואַנט, שווייג און וואַרט...”

די בריוו האָבן זי משוגע געמאַכט, אַזוי פאַרדרייט דעם קאָפּ, אַז זי האָט נישט געוווסט אויף וואָסער וועלט זי איז. די פּראַזע, אַז זי האָט הינטער זיך אַ פערציק דורותדיקן יחוס, עלטער פון דעם ערשטן פּוילישן קעניג, איז איר נישט אַרויס פון קאָפּ. אָט דאָס איז קאָמאַראָווסקי! זי איז אָבער מיט אים נישט זיכער געווען, קיינמאָל דערפון מיט אים נישט גערעדט און אַז זי האָט אַרויפגעפירט אויף אַ שמועס, האָט ער אויסגעמיטן. זי וואָלט צו יעדן רוף אַוועק מיטן פּאָליאַק נישט געהאַט קיין געוויסנביסע, נישט געזען פאַרוואָס זי טאָר נישט, נישט געטראַכט וועגן די עלטערן. צוליב אַ באַנקראָט האָבן זיי זי פאַרקויפט, איר געגעבן אַ זיידע פאַר אַ מאַן, אַ זיידע אויך נישט, אַ זיידן האָט מען ליב, איר געגעבן עפּעס אַ שטרענגן, קלוגן פעטער, זאָל זי אויף זיי רחמנות האָבן? דער מאַן, פאַר וועלכן זי האָט געהאַט גרויס דרך־ארץ, איז איר יאָ אַמאָל געקומען אויפן זינען, זיך געפילט שולדיק, אים געצערטלט און בשעת־מעשה געליטן דערפון. זי האָט אָבער זעלטן וועגן אים געקלערט.

אָט פאָרט קאָמאַראָווסקי אַוועק און זי בלייבט מיט גאָרנישט. פאַרוואָס רעדט ער נישט? זי וועט עס נישט אויסהאַלטן, אים נישט לאָזן פאָרן, אינסטינקטיוו אַ קוק געטאָן אויף דער האַנט, ווו ביי איר פינגערל האָט נאָכגעהאָנגען אַ ווייסער אָדלער, זיך אַרומגעקוקט. ווי זי וואָלט מורא געהאַט עמעצער זאָל אויפכאַפּן אירע געדאַנקען.

ס'האָט זיך איר זייער נישט געוואָלט בלייבן אַליין אין דעם גרויסן, שטילן הויז. קאַהאַנע? קראַסנאָפּאָלסקי? און ווער נאָך?...

זי האָט אַ צוג געטאָן מיט די רונדע אַקסלען און אויפן טונקעלן געזיכט האָט זיך צעלייגט אַ גלייכגילטיקייט. זי האָט נישט איינמאָל באַמערקט, אַז אין קאָמאַראָווסקיס געגנוואַרט האָבן זיך די יידישע יונגעלייט געביטן, ווי ס'וואָלט ביי זיי געווען אַ יחוס, וואָס אַ הראַביאַ רעדט מיט זיי. דאָס האָט זי געערגערט און קראַסנאָפּאָלסקין כמעט פיינט געקראָגן. דאָס חסידישע בחורל, מרדכי, וואָס איז ביי איר איינ־געשטאַנען, איז שוין איר בעסער געפעלן — קוקט יעדן גלייך אין די אויגן, רויטלט זיך און זאָגט דעם אמת. האָט אָבער קיין מאַניערן נישט, קאָן זיך נישט האַלטן און וואָס קוקט ער אויף איר אַזוי?

זי האָט זיך דערמאָנט, אַז אין זאַל וואַרט מען געוויס אויף איר, נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן אין שפּיגל, אַריינגעשטופּט דעם בריוו אין בו־זעם און א פּריילעכע אריין אין זאַל:

— איר וועט מיר אנטשולדיקן, פּאַנאָוויע, וואָס כ'האָב אייך גע־לאָזט אַליין...

— אָ, געוויס— האָט דער הראַביאַ זיך פאַרנויגט.

— איר זייט דען געהאַט ארויסגעגאנגען? — האָט קאַהאַנע זיך אָנגערופן, נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער און נישט אויפגעהערט אריינצורעדן אין קאָמאַראָווסקין.

פּעליציע האָט באַלד נישט געענטפערט, געבליבן שטיין ביי דער פּיאַנאָ, גענומען עטלעכע אַקאָרדן און זיך צעשמייכלט:

— הערט, פּאַניע קאַהאַנע, טרעפט נישט אַמאָל, אַז איר זוכט זיך אַליין ארום?

— וואָס מיינט איר?

—מען מיינט — האָט קראַסנאָפּאָלסקי אַריינגעוואָרפן — אַז אַ מענטש דרייט זיך ארום אויף דער זינדיקער ערד און זיין קאָפּ פליט אין די הימלען, טרעפט זיך אמאָל, אַז ער פאַרלירט די פיס...

— פיין, פיין!

אַן אויפגעלייגטער האָט קראַסנאָפּאָלסקי ארויפגערוקט די פענסנע אויפן קורצן נעזל און אונטערגעברומט אַ גאַסן־לידל, וואָס ער האָט

מיטגעבראַכט, קומענדיק אויף וואַקאַציעס פון פּאַריז:

Mo‘ssien c est m‘n‘amant, — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— זינגט נישט דאָס לידל — האָט פּעליציע זיך ביי אים געבעטן און זיך נאַכלעסיק אַראָפּגעלאָזט אויף אַ טאַבורעטקע.

— אָ, אַנטשולדיקט, מאַדאַם — האָט ער זיך פראַנטיש פאַרנויגט.

מרדכי איז געזעסן ביים טיש אַ פאַררויטלטער. ער האָט זעלטן זיך אַריינגעמישט אין שמועס. פאַר אים איז אַלץ געווען אַזוי ניי. ער האָט זיך מיט אַמאָל דערוווסט, אַז מיט דער זעלבער היץ, וואָס ער פלעגט רעדן וועגן קאָצקער, רעדט דער גוי וועגן עפּעס אַ טאָוויאַנסקין, וועמעס צוועלף עיקרים קאָמאַראָווסקי האָט נאָר וואָס געהאַט פאַרגעלייענט. ער האָט זיך אפילו געוואָלט אָנרופן, אַז טאָוויאַנסקי האָט גאָרנישט מחדש געווען, אַז די צוועלף עיקרים זיינען נישט מער ווי אַ שטיקל „קבלה", ס'איז קיין נייעס נישט, פונדעסטוועגן געפילט, אַז אַזוי ווי קאָמאַראָווסקי גיט עס איבער, איז עס פאָרט אַנדערש און געהאַט ס'גע־פיל, אַז ער וואָלט דעם יונגן גוי געקאָנט הערן אַ גאַנצע נאַכט.

די פייערדיקע שווערד פון זוהר איז דאָ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שאַרפע שטאָלענע שווערד, איינגעקרעמפּט אין אַ מוסקולדיקער האַנט.

ער האָט געזען טאָוויאַנסקין אַן אַלטן באַוואַקסענעם גוי, מיט אַ טאָרבע אויף די פּלייצעס און מיט אַ סענקוואַט שטעקעלע, פּונקט ווי ער האָט זיך אַמאָל פאָרגעשטעלט פּאַולן.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער הראַביע איז נישט דער איינציקער. איבער פּוילן מוזן זיין טויזנטער אַזעלכע, נישט צופרידענע, ווי ער, מרדכי, און ס'איז אים באַנק געוואָרן. ער האָט זיך מער נישט איינגע־הערט, וואָס זיי רעדן, געקוקט אויף דער וואַנט, ווו אַ קופּערשטיך פון פּעליציען האָט געהאַנגען און געווען דאַנקבאַר, וואָס ער געפינט זיך מיט איר אונטער איין דאַך. ער האָט זי פאַרגעטערט, קיינמאָל נישט גע־טראַכט וועגן איר, ווי אַ זיבעצען יאָריקער בחור טראַכט וועגן אַ שיינער פרוי. ער איז געווען זיכער, אַז זי איז אַנדערש ווי אַלע, זי איז — פּעליציע. ס'איז אים קיינמאָל אויפן זינען געקומען, מען זאָל קאָנען אָנווענדן אויף איר דאָס וואָרט „גשמיות" און זיך ביסלעכווייז איינ־גערעדט, אַז תמיד, ווען ער האָט זיך פאַרטראַכט וועגן „יחוד",

געזען דערבײַ אַ װײַבלעך שכינה־געשטאַלט, איז עס נישט געװען קײן געװײנלעכע פֿרױ, ס'איז געװען דאָס בענקעניש, װאָס ער זעט אין פּעליציעס אױגן.

ער האָט געקוקט אױפֿן קופּערשטיך, געפֿילט, װי עפּעס קלאַפּט בײַ אים אין האַרצן, רײַסט זיך, װי אַ פֿאַרשפּאַרטער פֿױגל, און איבער אים האָבן זיך געטראָגן אָפּגעריסענע װערטער אָן אַ געשטאַלט, אָן אַן אינהאַלט, זיך אַװעקגעשטעלט װי אַ באַרג. ער איז נישט געװען בכּח צו פֿאַרײניקן די װערטער, װאָס האָבן זיך איבער אים געקנױלט, פֿון ערגעץ גערעדט... דער ערגעריש געװאָלט דורכהאַקן דעם באַרג מיטן שטערן און דאָס יונגע האַרץ האָט געבלוטיקט, פֿאַרגאַנגען אין בלוט.

די קאָמאַראָװסקיס זײַנען נישט צופֿרידן מיטן אַלטן גלױבן, זוכן זײ אַ נײַעם און פּונקט װי ס'אַלטע אַזױ איז דאָס נײַע אַ פּאַריטומטער געדאַנק, װעלכן דער ײדישער צער האָט געבױרן און אים קײן „תּיקון" געגעבן. קאָן מען שױן העכער ניש גײן, האָבן מיר ײדן שױן דער־גרײכט דאָס העכסטע, טאָ פֿאַרװאָס ברעכן מיר נישט דעם קאַרק ס'זאָל פֿון אונז קײן שריד ופּליט נישט בלײַבן! איצט דאַרף קײנער נישט אָנפֿאַנגען פֿון אָנהױב, װער עס װיל נאָר קאָן שנאָרן, קאָן אָן װײטאָק אױסרײַסן בײַ אונז אַ שטיק, איבערלאָזנדיק אַ פֿאַרײטערטע װונד און מיט דער הילף פֿון דער שװערד אױסלײזן אַ װעלט!... װאָס פֿאַר אַ באַטרעף האָבן די „צװעלף עיקרים", ס'איז װאָך אַ פּונק אין פֿאַרגלײַך מיטן פֿײַער, װאָס ברענט בײַ אונז! די שװערד... װען מיר קאָנען האַלטן אַזױ פֿעסט די שװערד, אַז די האַנט זאָל קײן ציטער טאָן, דאָס האַרץ קײן צאַפּל — אוה־ה, אַה־ה!

פֿון דער ערשטער מינוט אָן איז מרדכי געװען פֿאַרליבט אין קאַהאַנען, ס'ערשטע מאָל געזען אַ געבילדעטן ײד, װאָס רעכנט זיך מיט חסידות. קאַהאַנע האָט די חסידים פֿאַרגליכן מיט די איסיים, געזען אין זײ דעם פּראָטעסט פֿון ײדישן גײַסט געגן די פֿאַרגליװערטע בוכשטאַבן פֿון דער תּורה. נישט די פֿאָרם, די כּלי איז דער עיקר, נאָר דער גײַסט, װאָס האָט די כּלי געשאַפֿן. דאָס איז חסידות. ער, דער ײד קאַהאַנע, האָט דאָס געװירקט אױפֿן הראַבּיאַ, װאָס האָט זיך פֿאַרקוקט אײַף טאָװיאַנסקין און געשטאַנען אָן דער זײַט פֿון דער באַװעגונג צו באַ־פֿרײַען פּױלן, ער זאָל זיך אַרײַנװאַרפֿן אין דער אַרבעט מיט לײַב און לעבן.

קראַסנאָפּאָלסקין האָט מרדכי נישט פּאַרטראָגן, נישט געגלויבט אַז דער פּראַנט, וואָס גרויסט זיך, אַז ער רעדט פּויליש אָן אַ יידישן אַקצענט, זאָל זיין ר׳ לייבוש חריפס אַן איינִיקל.

קראַסנאָפּאָלסקי האָט זיך געלאַנגווייליקט אין קאָצק, נישט געהאַט מיט וועמען צו טאַנצן, געבעטן די וואַקאַציעס זאָלן זיך וואָס גיכער ענדיקן און יעדן טאָג געבראַכט פּעליציען וויסע רויזן.

פֿאַר די דריי חדשים איז מרדכי געוואָרן אַן אַנדערער, ער האָט פֿיל געהאַט צו פֿאַרדאַנקען דעם מחותן, וואָס האָט מיט אים יעדן טאָג געלערנט, געשמועסט און אים געגעבן צו לייענען ביכער. ער איז אַלץ ווייניקער געגאַנגען צום רבין אין הויף, זעלטן געזען ר׳ איטשען און געפֿילט, אַז ער האָט געלעבט אין אַ צו ענגער וועלט.

דער דינער האָט געעפֿנט אַ זייטיקע טיר און זיך פֿאַרנייגט:

— אָוונט-ברויט איז פֿאַרטיק!

— פּאַנאָוויע, — האָט פּעליציע זיך אויפֿגעשטעלט — קומט עסן!

— כ׳ווייס נישט צי ער איז אַ שאַרלאַטאַן — האָט קאַהאַנע זיך אויפֿגעשטעלט — נאָר אַז אַ פּאָליאַק קאָן זיין געגן דער באַפֿרייונג פֿון פּוילן...

— ער וויל באַפֿרייען די גאַנצע וועלט! — האָט קאָמאַראָווסקי אים איבערגעשלאָגן.

— וואָס מיר גאַנצע וועלט? — האָט קאַהאַנע אָנגעכאַפּט קאָמאַ-ראָווסקין פֿאַר אַ האַנט — אונזערע רענעגאַטן טענהן ס׳זעלבע! ר׳דאַרפֿט מער, איז מיצקעוויטש אין דעם פּונקט זיך צעגאַנגען מיט אים! אויב איר פֿאַרגעטערט יאָ זיין תּורה, וועל איך אייך זאָגן, אַז ס׳איז נישט זיינע, אַז דערמיט טוט מען אַן עולה אַזאַ גרויסן פּאָליאַק און דענקער ווי היינע — וראָנסקי! כ׳וויל שוין נישט רעדן וועגן די שטעלן, וואָס זיינען גענומען פֿון דער קבלה. איצט ווי פֿאַרענטפֿערט איר זיין וועלט-פּאָליטיק? דאָס וועלן אַריינכאַפּן אי דעם פּאַפּסט, אי ראָטשילדן, כ׳מיין ראָטשילדס מיליאָנען?

— דאָס איז דאָך געווען אַ וועלט-באַוועגונג! — האָט קאָמאַראָוו-סקי אים אונטערגעבראָכן.

— איר זאָלט עס זאָגן? — האָט קאַהאַנע זיך צעלאַכט — צוויי פּראָפעסאָרן, דער מיסטיקער פּיער־מישעל און אַ היסטערישע פּראַנצויזין פון לאַטיינישן קוואַרטאַל — דאָס הייסט ביי אייך אַ וועלט־באַוועגונג?

— און צווישן יידן?

— צווישן יידן האָט טאָוויאַנסקיס לערע קיין ערפאָלג נישט גע־קאָנט האָבן, אפילו מיצקעוויטשעס דרשות אין די בתי־מדרשים האָבן נישט געהאָלפן. ווייסט איר פאַרוואָס? ווייל יעדער חסיד, אָט די צע־קנייטשטע יידן מיט די פּאות, זיינען אַליין טאָוויאַנסקעס. זיי מאַכן דערפון נישט קיין וועזן, ווייל ס׳איז ביי זיי אין בלוט! די עטלעכע יידן, וואָס זיינען צוגעשטאַנען צו טאָוויאַנסקען, קאָנט איר איבערציילן אויף די פינגער. זיין אַדיוטאַנט, גרשון ראַם, איז סתּם אַן אויסוואורף און די פּוילישע יידן, וואָס רופן זיך „רבינס", זיינען אַלע געוועזענע באַהעלפערס און אויסגעדינטע ניקאָלייעווסקע זעלנער!

— קומט עסן, קומט — איז פעליציע די ערשטע אַריין אין עס־צימער.

— זעט נאָר, ווי קאַהאַנע קאָכט זיך? — האָט קראַסנאָפּאָלסקי אָנגע־וויזן פעליציען און אים נאָכגעקרומט מיט די הענט.

— דערפאַר זייט איר קיינמאָל נישט ערנסט — האָט פעליציע אָנ־געוויזן יעדן איינעם ווו ער זאָל זיך זעצן — פאַרקוקט אייך אויף קאַהאַנען. . .

— כ׳האָב מורא אָנצוווערן די האָר — האָט קראַסנאָפּאָלסקי זיך צעלאַכט.

קאַהאַנע האָט אינסטינקטיוו זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט אַ פינגער פאַרן קאָפּ, ווו די האָר זיינען געווען אַזוי שיטער, אַז מען האָט זיי געקאָנט ציילן, אַ שמייכל געטאָן און זיך געווענדעט צו פעליציען:

— איר פאַרשטייט, ס׳לעבן איז צוועקמעסיק, אַז מען האָט ר׳ לייבוש חריף פאַר אַ ציידן, ווען די פּוילישע יידן רופן „דער איי־זערנער מח", דאַרף דאָס אייניקל אין גאַנצן קיין מח נישט האָבן, צו־ליב האַרמאָניע... מען טאָר נישט צופיל פאַרשווענדן, אי דעם זיידן, אי דעם אייניקל, די קאָמאַראָווסקיס דאַרפן אויך עפּעס קריגן, נישט וואָר?

— אמת, אמת — האָט קאָמאַראָווסקי געקלאַפּט קאַהאַנען אין די פּלייצעס און זיך אָנגעגאָסן אַ גלאָז וויין — שאַרף געזאָגט, שאַרף! אַ ווונדערבאַר פּאָלק דאָס יידישע! טאָוויאַנסקי איז גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז די פראַנצויזן האָבן נאָר געהאַט איין ליכטיקן פונקט, דאָס איז געווען נאַפּאָלעאָן, וואָס האָט אַ שיין געטאָן, צעיאָגט די פינסטערע גייסטער, וואָס האָבן גענאָגט דאָס מענטשלעכע האַרץ, טעמפּ געמאַכט דעם מח. אַזעלכע ליכטיקע פונקטן האָבן יידן געהאַט און האָבן אָן אַ שיעור! ב'טרינק פאַר דער ווונדערבאַרער יידישער ראַסע!

די גלעזער ווייַן האָבן געקלימפּערט און מען האָט גענומען עסן.

מרדכי האָט באַמערקט, ווען פעליציע האָט זיך איבערגעבויגן איבער דער לאָמפּ, עטוואָס אַרויסגעדרייט די קנויט, ווי פון איר בוזעם איז עפּעס אַרויסגעפאַלן. ער האָט גלייך זיך געוואָלט אַ בויג טאָן, עס אויפהייבן, איר אָפּגעבן, האָט אָבער אינסטינקטיוו אַרויפגעשטעלט דערויף דעם פוס, זיך אַרומגעקוקט צי קיינער זעט נישט און איז שטאַרק רויט געוואָרן. ער האָט זיך מער נישט איינגעהערט, וואָס מען רעדט בייַם טיש, געפילט ווי דאָס שטיקל פּאַפּיר וואַרעמט, בריט, ער ווערט פאַרפלאַמט און זיכער געווען, אַז אַלע האָבן געזען, האַלטן אים פאַר אַ כאַם. אַ פויער אין אַ שענק, ווען ער זעט ווי איינער לאָזט אַראָפּ אַ מטבע, שטעלט ער אויף איר דעם פוס ארויף. ס'פּאַסט פאַר אַ כאַם. ער האָט מיט זיך אַליין געאַמפּערט, אַז ער דאַרף עס גלייך אויפהייבן, איר אָפּגעבן. און אפשר טאָר קיינער דערפון נישט וויסן? דאָס האָט אים באַרויִקט און ער האָט מיטן פוס מער קיין ריר געטאָן, געזעסן אַזוי ביז דאָס אוונט־ברויט האָט זיך געענדיקט און אַז אַלע זיינען אַריין אין צווייטן צימער, האָט ער אויף גיך באַהאַלטן דאָס פּאַפּיר אין קעשענע און נישט קיין דרייסטער זיי נאָכגעגאַנגען.

פעליציע האָט געשפּילט:

Ciemno wszędzie, głucho wszędzie,
Co to będzie, co to będzie!

ער האָט נישט געוווּסט, וואָס דאָס איז, נאָכגעזאָגט די ווערטער זיך דערמאָנט אָן דער היים, אָן רחלען, אָן ר' איטשען, געזען, ווי פעליציעס לאַנגע, ווייסע פינגער שפּרינגען איבער דיביינדלעך און זיך דערפילט אַזוי נאָנט צו איר, אַזוי נאָנט...

די טענער זיינען געוואָרן שטילער, שטילער, געשטאַנען אין דער לופטן, זיך צונויפגעגאָסן מיט דער האַלב־טונקלקייט פון צימער, האָט מרדכי אָנגעשטרענגט די אויערן — שפּילט מען נאָך?

דעם הראַביעס אָנגענעמע שטימע האָט מיסטעריעז געקלונגען:

Mąż straszny...... ma trzy oblicza..

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

Z matki obcej i krew jego—dawne bohatery,

A imię jego-—czterdzieści cztery!

ס'איז מרדכין געווען באַקאַנט, נישט געדענקט ווו ער האָט עס געלייענט. האָט ער עס געלייענט? איז דאָס נישט קיין מדרש, ווו ס'ווערט באַשריבן דער אַנטיקריסט, וואָס דאַרף געבוירן ווערען אין רוים מיט דריי שטערנס...? פון וואַנען ווייס עס דער גוי, האַ?

— אַנטשולדיקט, פּאַניע קראַסנאָפּאָלסקי, וואָס דעקלאַמירט דער הראַביאַ איצט?

— דאָס איז דאָך „די גרויסע אימפּראָוויזאַציע“.

— וואָס?

קראַסנאָפּאָלסקי האָט נישט געענטפערט. ס'איז געוואָרן שטיל. די ווערטער האָבן זיך געקייקלט שנעל, שנעלער, אָנגעוואָרפן אַ באַרג איבער אַ באַרג, איז יעדער געוואָרן בײַ זיך אַזוי קליין, נישטיק, זיך איינגעקורטשעט אין זיין ווינקעלע. די ווערטער, ווי שטיקער פייער האָבן זיך איינגעקריצט בײַ מרדכין אין מח, צעעפנט אַלע ווונדן, וואָס זיינען געווען באַדעקט מיט שפּינוועבס. ער האָט נישט געוווסט פאַרוואָס, דערזען פאַר זיך ר׳ מענדעלען, ווי ער זיצט פאַרשפאַרט בײַ זיך אין צימער, זיצט אַ צוגעשמידטער, רייסט זיך פון די כוחות, שרייט, האָט טענות צום רבונו־של־עולם און טויזנטער פּאָר אויגן לאַכן פון אים, האָבן שפּאַס, ווי דאָס צעבראָכענע, שוואַכע מענטשל לויפט אַרום אין דעם פאַרשפּאַרטן צימערל, האַלט מלחמה מיטן ווינט.

— אַ, קאַהאַנע — האָט מרדכי אַ קוק געטאָן אין דער זייט, ווו דער הראַביאַ איז געשטאַנען און קיינעם דאָרטן נישט געזען.

קאַהאַנע איז געזעסן אין מיטן צימער, גערעדט גיך, נערוועז, געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ער איילט זיך, וויל גיכער ענדיקן, האָט מורא

מען זאָל אים נישט איבעררייסן אין דער מיט. די ווערטער האָבן זיך אים אַ שפּאַר געטאָן אין האַלז, האָט ער פון גרויס אימפּעט זיך אויפגעשטעלט און זיך אַרויסגעהאָלפן מיט די הענט:

„— — — ער האָט נאָר געדאַרפט פאַרמאַכן די אויגן און געפילט, ווי די הענט צעוואַקסן זיך ביי אים ווי פליגל, דערגרייכן דעם הימל און ווו נאָר די פינגער שלאָגן זיך אָן, קומען אַרויס שטערן. ווייל ער — לעשט ער זיי אויס, ווייל ער — צינדט ער זיי אָן, שליידערט איינעם אָן צווייטן, פירט די פינגער איבער די שטערן, ווי איבער פייערדיקע קלאַווישן. ער פילט, אַז ער קאָן באַשאַפן אַ „יש מאין", קאָן חרוב מאַכן וועלטן; אַז ער האָט איבער זיך קיין שליטה נישט, אַז דאָס וואָס ער באַשאַפט איז פריער נישט געווען, נישט געקאָנט זיין, געוואָרן פון זיך; ווייל אים גייט קיינמאָל קיין שאָטן נישט נאָך.

און פונדעסטוועגן איז ער נישט געווען צופרידן, געוווסט, אַז אויב ער וועט אפילו אין זעקס טעג אַ וועלט באַשאַפן, וועט אים קיינער נישט גלויבן, ווייל ער האָט קיין שאָטן נישט, וואָס זאָל די מענטשן האַלטן אין איין צוזאָגן, אַז די שטיינער פון די ברוקירטע גאַסן, פון די וועגן, די שטיינער פון די וועלדער און מדבריות, קאָן ער צו יעדער רגע אין ברויט פאַרוואַנדלען!

דאָס איז דער עיקר!..."

די ווערטער, פלאַמיקע, האָבן זיך ביי קאַהאַנען געריסן מיט אימפּעט, געפּאַלן אויף זיין אָנגעלאָדנטן מח, ווי טראָפּנס פייער, עקספּלאָדירט, האָבן זיך אָן אַ שיער קעמערלעך געהאַלטן אין איין עפענען, אים פאַרבלענדט, איז ער געבליבן שטיין אַ ווײַלע מיט אַ צעעפנט מויל, אַליין נישט געוווסט, וואָס ער רעדט, געזוכט ווי זיך אַרויסצופּלאָנטערן. טויזנטער פלעמלעך האָבן אויפגעבליצט, אים פאַרפירט און הינטער זיי, ווי דורך אַ טיולענעם שלייער, האָט זיך דאָ און דאָרט דורכגעריסן אַ טיפע בלויקייט און ער האָט דערזען אַ שיף. אויף דער שיף האָבן זיך געפונען יידן — די נישט גלויביקע, די פאַרמשפּטע צום אייביקן גהינום. מיט גוטע רייד, מיט עסן און טרינקען האָבן גלהים זיי געוואָלט אויסלייזן, אַז גאָטס חסד זאָל אויף זיי פאַלן. די זינדיקע, מיטן פאַרעקשנטן בלוט, די, וואָס האָבן נישט

געוואָלט הערן, אַז ער איז אומגעקומען פאַר מענטשנס זינד, האָט מען דערטרונקען און די גוטע, אויף וועמען גאָטס וואָרט איז געפאַלן ווי אַ זומער־רעגן אויף טרוקענע ערד, האָבן זיך איבערגעגעבן צו אים מיט אזוי פיל ליבשאַפט, אז א נס איז געשען — זייערע פיס און הערצער האָבן אָנגעהויבן צו בלוטן. פון גרויס ליבע, אַז די היייליקע זאָלן גלייך גיין אין גן־עדן אריין און זיך שוין מער נישט איבערגעבן צו אַנטיקריסט, האָט מען זיי געוואָרפן איינעם נאָכן אַנדערן אין ים אַריין. פון גרויס ליבע... פון גרויס ליבע...

אַלע אין זאַל האָבן געקוקט אויף קאַהאַנען, וואָס איז נאָך אַלץ געשטאַנען מיטן צעעפנטן מויל, די אויגן טיף אין קאָפּ אַריין, ווי ער וואָלט שטאַרק געליטן. ס'זיינען דורך עטלעכע רגעס. ער האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרלירן, נישט פאַרשטאַנען ווי נאָך עפּעס אַן עפּיזאָדל פון גרויש־שפּאַניען האָט זיך אַמאָל אָנגעזעצט אויף אים, ניט געזען אין דעם קיין שיכות מיט דעם, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דערציילן, זיך שוין געוואָלט אַוועקזעצן, ווי ער האָט באַמערקט אויף דער וואַנט מרדכיס שאָטן. דאָס איז געווען דער פלאָנטער זאַל צעשווומען. ער האָט אָפּגעזיפצט, זיך דערמאָנט ווו ער האַלט, זיך אָנגענומען מיט ביידע הענט אַן דעם ווענטל פון זיין שטול און שטיל פאַרגעזעצט:

„— — — האָט ער זיך געלאָזט אַ דערשלאָגענער איבער די גאַסן, געזען ווי די גאַסן זיינען שוואַרץ מיט מענטשן און גרויס צער געהאַט, וואָס קיינער באַמערקט אים נישט.

אַ מאַן, וואָס האָט אויסגעזען ווי ער, איז אים נאָכגעגאַנגען. ער האָט זיך אויסגעדרייט, אַ ווייַלע אָנגעקוקט דעם פרעמדן און אויפגע־ציטערט. דער פרעמדער האָט זיך אַ צי געטאָן, דינער געוואָרן און איז אַרויף אויף דער וואַנט.

— וואָס ווילסטו?

דער פרעמדער האָט זיך איינגעבויגן אין דרייען, קלענער געוואָרן, גענומען דרייען מיטן קאָפּ, מיט די הענט און פיס, אויסגעזען ווי אַ הונט, ווען דער בעל־הבית נעמט אים טרייבן פון זיך, און הכנעהדיק געשמייכלט:

— דו דערקענסט מיך נישט?

— ניין.

— כ׳בין דאָך דיין שאָטן!

— ווער ביסטו?

דער שאָטן האָט זיך אויסגעגלייכט, לענגער געוואָרן און איז אַראָפּ פון דער וואַנט. ער האָט זיך גענומען שאַרן אַרום אים. ווי ער וואָלט זיך געקליבן איינצופלאָנטערן צווישן זיינע פיס און נאָך הכנעהדיקער געשמייכלט:

— כ׳זע ווי דו דרייסט זיך ווי אַ פאַרלוירענער צווישן די גאַסן, ליידסט, וואָס קיינער קען דיך נישט, וווינסט אין אַ קעלער און דיין ווייב מיט קינדער שטאַרבן פון הונגער... נישט וואָר? וואָס ציטערסטו אַזוי?... דו דערקענסט מיך טאַקע נישט?...

קאַהאַנעס שטימע איז געוואָרן שטילער, בלייכער, געפילט, אַז ער האָט אָנגעוואָרן דעם ריטם, נישט אַזוי האָט ער געוואָלט זאָגן, נישט דאָס... פריער, ווען ער האָט זיך געהאַט פאַרפלאָנטערט, האָט ער זיך געדאַרפט אַוועקזעצן... אַזעלכע זאַכן זויגט מען נישט פון פינגער... אַזוי דערציילן קאָן יעדער... דאָס איז נישט מער ווי ליטעראַטור... און וואָס לענגער ער האָט גערעדט, אַלץ מער האָט זיך אים אויסגע-וויזן, אַז די ווערטער ציען זיך ווי פעך, אַז מען דאַרף איבעררייסן, זיך געפילט אָבער אַזוי שוואַך, אַזוי הילפלאָז, אַז ער האָט אפילו דאָס נישט געקאָנט טאָן און ווייטער גערעדט.

„— — — אויב דו ווילסט גיב מיר זיך איבער אויף אַ רגע און דיין קעלער ווערט גלייך פאַרוואַנדלט אין אַ פּאַלאַץ, די שענסטע פרויען וועלן זיין גליקלעך דיר צו פאַרשאַפן פאַרגעניגן, קינד און קייט וועלן מיט פרייד דיר אָפּטרעטן דעם וועג, איינרוימען איינער דעם צווייטן, אַז דאָס גייסט ד ו, נו, וואָס שווייגסטו?

ער איז געשטאַנען אַ פאַרבלענדטער און ווי ער האָט נאָר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ, האָבן די שוואַרצע גאַסן מיט מענטשן פאַר אים געבויגן די קעפּ, געשריען — לאַנג לעבן זאָל דער גאון! לאַנג לעבן...!

און אַז ער איז מיד געוואָרן פון ווילטאָג, די מענטשן אַרום זיינען דערעסן, האָט ער זיך פאַרבענקט צו בלייבן אַליין. ער האָט זיך ווידער געוואָלט אַ שפּיל טאָן מיט די שטערן, שליידערן איינעם אָן צווייטן. זיי לעשן הונדערטערווייז, זיי צוריק אָנצינדן, פילן זיך

בכח צו שאַפן אַ „יש מאין" — האָט ער אויסגעפונען, אַז די פליגל זיינען ביי אים אונטערגעזענקט, אַז זיי הויבן זיך נישט מער, אַז צו טייער האָט ער באַצאָלט פאַר ברויט און ווייב און א ווייטאָק האָט אים אַרומגענומען.

פון צער האָט ער זיך אָפּגעשלאָסן און קיינעם נישט געוואָלט זען. דער שאָטן אָבער האָט נישט אָפּגעטראָטן פון אים און ווי ער האָט זיך נישט אויסבאַהאַלטן, זיך געוואָלט פאַרטיפן, איז דער שאָטן אויסגע־וואַקסן און אים געשטערט. מיט טרערן אין די אויגן האָט ער זיך גע־בעטן ביי אים:

— וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף מיר? דו ביסט מיר פרעמד, כ'פאַרשטיי נישט דיין לשון, לאָז מיך צורו!

— מענטש — האָט דער שאָטן זיך צעצויגן איבער דער וואַנט — ווען דו וואָלסט זיך אַ רגע פאַרטראַכט, וואָלסטו פאַרשטאַנען, אַז דיין שרייען, דיין וויינען, וועט דיר גאָרנישט העלפן. דו ביסט געווען בכח צו פאַרוואַנדלען די שטיינער אין ברויט, האָסטו עס געטאָן? ניין! האָסט דאָך געבענקט נאָך מיר, געווען אומגליקלעך, וואָס די מענטשן, וועלכע זיינען דיר איצט דערווידער, קענען דיך נישט, טאָ וואָס ווילסטו? כ'מעג דיך אפילו איינשליסן אין אַ תפיסה, הרגענען, וועט קיינעם נישט אַרן און קיינער וועט דיר נישט גלויבן! דו האָסט דאָך זיך מיר איבער־געגעבן, זיך געטוישט מיט מיר, האָב איך איינגעשלאָסן דיין כח צו שאַפן אַ „יש מאין" און — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

פון הינטערן פענסטער האָבן זיך געהערט שטימען, דאָס קלאַפן פון קאָפּיטעס. מרדכי האָט זיך געכאַפּט, אַז דאָס פאָרן די געסט אַוועק. ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע דאָס צעקנייטשטע פּאַפּיר, געזען ס'איז אַ בריוו, געוווסט מען דאַרף נישט לייענען, ס'איז נישט אָנ־שטענדיק, און אַ נערוועזער געשלונגען אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט. ער האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען, געכאַפּט איינציקע ווערטער, פראַזן, געפילט בשעת מעשה, ווי עס בליצט עפּעס אויף ביי אים אין מח און אָנגעהויבן ציטערן, ווי מען וואָלט זיך געקליבן ביי אים ס'טייערסטע פון אונטער

די הענט אַרויסצוכאַפּן. ער האָט דעם בריוו צוריק איינגעקנייטשט, גע־שטאַנען אַ ווײַלע מיט די הענט אַרום די שלייפן, ווי ס׳וואָלט אים אַן אומגליק געשען, און זיך ביסלעכווייז בארויקט. ער האָט גענומען אַרויס־גיין. פעליציע איז אים אַנטקעגן געקומען.

— איר האָט דאָס פאַרלוירן — האָט איר מרדכי אונטערגעטראָגן דעם צעקנייטשטן בריוו.

— וואָס? — האָט זי געעפנט דעם בריוו און איז בלאַס געוואָרן — איר האָט עס געלייענט?

— יאָ.

זיי האָבן זיך איבער אַ רגע אָנגעקוקט. צוזאַמען אַראָפּגעלאָזט די אויגן:

— איר וועט שווייגן, אמת?

— איר ווילט כ׳זאָל שווייגן?

— יאָ.

— גוט.

זי האָט אים צוגעשטעלט די ווייכע שמאָלע האַנט צו די ליפּן.

— אַ גוטע נאַכט.

ער האָט אַ קוש געטאָן, ס׳ערשטע מאָל דערפילט, ווי די ליפּן ברענען ביי אים. ער איז אַריין צו זיך אין צימער און אין די קליידער זיך געוואָרפן אויפן בעטל.

## קאַפּיטל 6

# שכר און עונש

ער איז אַ לאַנגע צייט געלעגן אויפן בעט, דאָס פּנים איינגעגראָבן אין קישן, נישט געוווּסט וואָס עס טוט זיך מיט אים און ווי נאָך אַן אומגליק, וואָס קומט אומגעריכטערהייט, בלייבט מען טעמפּ און גלייכגילטיק, פּונקט אַזוי האָט זיך מרדכי דערפילט און געליטן דערפון.

ער האָט געוווּסט, אַז אַ גרויסע עוולה ווערט דאָ באַגאַנגען, זיך נישט געקאָנט קלאָר מאַכן געגן וועמען. געהאַט פאַרדרוס, וואָס עמעצער זיצט אין אים, אַן איינגעקשנטער, טענהט, אַז זיין חוב איז צו דערציילן אַלץ ר׳ יוסלען. יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיך אַ נעם געטאָן אין די הענט, געוואָרן שטייפער, זיכער געווען, אַז ער וועט האַלטן וואָרט, פּונקט דעמאָלט האָט ער דערזען פּעליציען אין קאָמאַראָווסקיס אָרעמס, פאַרגעסן אָן אַלעם. זיך מער נישט געקאָנט באַהערשן. גרייט געווען זיך נישט אָפּצושטעלן פאַר קיין זאַך און אַלץ אין אים האָט אויפגעברילט.

און אַז דער כּעס האָט זיך דורכגעברענט, איז ער געבליבן ליגן אַ מידער, מיט אַ הוילקייט אַרום האַרץ, ווי עמעצער וואָלט זיך נאָר וואָס פון דאָרט אַרויסגעקליבן, איבערגעלאָזט אַ ווינט און זיך דערמאָנט, אַז פּונקט אַזוי האָט ער געפילט, ווען דער פאָטער מיטן פאַטער זיינען אים באַפאַלן, צוגענומען רחלען און אים איינעם אליין איבערגעלאָזט ביי נאַכט אין וואַלד.

ער האָט זיך געקאָרטשעט, געצאַפּלט, געריסן מיט די ציין דאָס ציכל פון קישן.

און דער איינגעעקשנטער, וואָס איז געזעסן בײַ אים טיף אין דער נשמה, האָט זיך נאָך גערייצט, געטענהט, אַז ער איז נישט בעסער פאַר קאָמאַרז ווס זין, אַז דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן שטראַלן, זיין מחותן, דאָס איז נאָר אַן אויסרייד, אַז דאָס רעדט ער זיך אַליין איין — נישט בחנם שפּייזט מען דעם מענטש פון דור-דורות מיט יושר, כאַפּט ער זיך אָן דעם אָן, אומבאַוווּסט, ווען ער טוט אפילו אָפּ אַ פאַרברעכן.

ער האָט געציטערט אינגאַנצן, געפילט דאָס בלוט אין די אָדערן, ווי עס צינדט זיך, בריט. אויסגעהונגערטע פאַרלאַנגען האָבן זיך געקאָרטשעט אין אים, זיך געריסן, געוואָיעט ווי משוגענע הינט.

ער איז געווען בכח צו צעברעכן יעדן איינעם, וועד ס'וועט אים קומען אין וועג אַריין און שטערן. ער וועט נישט גיין אין שפּאַן, וועט זיך נישט לאָזן איינברעכן, ער דאַרף נאָר וועלן, אויסשטרעקן די האַנט און אַלץ, וואָס ס'וועט אים אַנטקעגן קומען, וועט זיין זיינס.

דאָס פייער האָט זיך בײַ אים געהויבן, אַריין אין האַלז אַריין, זיך געשפּאַרט אין מח אַריין און די פאַרלאַנגען האָבן זיך געשמאָלצן, זיך צעגאָסן מיט אַ שווערקייט איבערן גאַנצן קערפּער און ער איז געבליבן ליגן אַן אויסגעמאַטערטער.

מרדכי האָט מער נישט געקאָנט איינליגן, אַראָפּ פון בעט, צעעפנט ס'פענסטער און אַרויסגעשטעקט דעם צעהיצטן קאָפּ. אַ פייכטע חשון-קעלט האָט אים דורכגענומען. ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן. דאָ און דאָרט האָבן שטיקלעך ליכט דורכגעריסן דאָס פינסטערניש און אַז ער האָט זיך לענגער איינגעקוקט האָט ער באַמערקט, ווי דאָס פינסטערניש פאַלדעוועט זיך, לאָזט דורך גרויע פאַסעקלעך ליכט, פאַרשווינדט, און אַרום די ראַנדן, ווו אַלץ איז אין פלאַמען, שיילט זיך אַרויס אַ טיפע בלויקייט. שטיקער ליכט באַווייזן זיך דאָ און דאָרט, שפּרייטן זיך מיט אַ ציטער, הילן איין, און יעדער, אויף וועמען ס'ליכט פאַלט, פאַרגאַפּט זיך, זאַפּט אין זיך אַריין די בלויקייט, ווערט שענער און פילט, ווי ער וואָלט געהאַט אַ שותפות אין דעם אַלעם.

עס האָבן זיך געהערט טריט. מיט איין שפּרונג איז ער אַרויס דורכן פענסטער, אָנגעשפּיצט די אויערן און מיט פאַרקוועטשטע פויסטן געקוקט אין אַלע זייטן. עס איז געווען שטיל. אַ האָן האָט זיך צע-

קרייט, פאַנאַנדערגעטרייסלט די שטילקייט. באַלד אַ צווייטער, אַ דריטער, ווי זיי וואָלטן זיך צונויפגערעדט.

די פייכטקייט פון גראָז האָט דורכגענומען זיינע באָרוועסע פיס, האָט ער אין גאַנצן אַ שטייפער פון קעלט, זיך צוריק אַריינגעכאַפּט אין צימער דורכן פענסטער. ער האָט געוואָלט שלאָפן, זיך איינגעדעקט מיט דער קאָלדרע איבערן קאָפּ, זיך באַלד פאַנאַנדערגעוואַרעמט, געפילט, אַז ער ווערט דערשטיקט, זיך אָפּגעדעקט און געברענט אין גאַנצן.

— ווען איז ער עס? ברעכן זיי דעם קאָפּ! וואָס גייט עס אים אָן זיי זינדיקט? אויף דעם איז דאָך דאָ שכר און עונש!

ער האָט געשמייכלט.

ערשט נעכטן האָט ר' יוסל מיט אים גערעדט וועגן „בחירה", וועגן „שכר און עונש" ביי יידן, באַוויזן, אַז שכר און עונש קאָן מען נישט אָפּטיילן פון לעבן, זינדיקט עמעצער, קריגט ער גלייך זיין שטראָף. און ווי זיכער דער אַלטער איז, חדושט זיך אויפן רמ"בם, וואָס זאָגט, אַז דאָס זיינען „ענינים אשר אין בטבע האנושי שישיגם בשום פנים..."

און ווער ווייס? מעגלעך, אַז איצט, ווען ער, מרדכי, קאָן נישט שלאָפן, ליידט, וואָס אַן עולה ווערט אָפּגעטאָן, מחט זיך וועגן „שכר און עונש", אין דער זעלבער צייט פאַרברענגט קאָמאַראָווסקי מיט איר?

ווו איז דער עונש?

קאָמאַראָווסקי וועט אין דער פרי אַוועקגיין אַ מידער, נישט קיין אייסגעשלאָפענער? די ביינער וועלן זיין צעשרויפט?

מעגלעך.

און פאַרוואָס ליידט ער, מרדכי? ער ליידט דאָך מער פאַרן פּאָליאַק!

פאַר זיינע זינדיקע מחשבות?

און פאַר וועמעס זינד האָט געליטן לייזער דער שניידער, וואָס האָט געבייט מרדכין אויף יום-טוב אַ קאַפּאָטע?

לייזער האָט זיך געקלאָגט, אַז ער קומט נישט אויס מיטן טאָג, מוז אויף זיין נעכט, דען יעדער קונד וויל, ער זאָל פאַרטיק מאַכן דעם בגד אויף יום-טוב. קוים וואָס ער האָט זיך געהאַלטן אויף די פיס, געפילט יעדן גליד, ווי דער גאַנצער גוף זיינער וואָלט זיך געהאַלטן ביים פאַנאַנדערשיטן...

פאַר וועמעס זינד האָט ער געליטן ?

פאַר וועמעס ?

ער האָט זיך דערשראָקן פאַר זיין אייגענעם געדאַנק, געזען, אַז דאָ רייסט זיך איבער ס׳געוועב. ער איז געלעגן מיט אָפענע אויגן, געקוקט אין דעם פינסטערן תהום, וואָס האָט זיך געשפּרייט פאַר אים, חשש געהאַט איבערצושפּרייזן, מעג ער באַצאָלן מיטן אייגענעם קאַרק.

אַלץ אין אים האָט זיך געבויגן פאַר ר׳ מענדעלען, באַגריפן ווי גרויס זיין צער האָט געמוזט זיין, נישט פאַרשטאַנען ווי ס׳נעמט זיך ביי אַ מענטשן אַזוי פיל כח צו פירן מלחמה מיט זיך אַליין. און אַז ער איז געקומען צווישן מענטשן, האָבן זיי פאַרמאַכט די אויגן, נישט געקאָנט פאַרטראָגן זיין פייער, ביז געוואָרן, וואָס ער האָט ביי זיי צוגענומען דאָס פינסטערניש און זיך נישט באַרויקט ביז זיי האָבן אים צוזאַמען מיטן פייער פאַרשפּאַרט אין תפיסה.

וווּ איז ר׳ מענדעלעס שכר ?

עפּעס האָט זיך געצונדן אין אים, געלאָשן, דערזען ווי זיין גאַנצער גוף איז פאַרשנורעוועט מיט רצועות, האָט ער זיי גענומען רייסן מיט די נעגל, מיט די ציין, ווי אַ משוגענער. דער בנין, וואָס ער האָט איבערגענומען פון דור־דורות, האָט זיך אָנגעהויבן וואַקלען, פאַנאַנדערפאַלן און דאָס פייער אין אים האָט אַרומגעכאַפּט די חורבות, זיינען זיי זיך צעקראָכן ווי איבערגעזענקט שטרוי און ער האָט דערפילט, ווי ער טרייסלט פון זיך אַלץ אַראָפּ, באַפרייטן, זיך, ווערט אַן אַנדערער.

און אַז ס׳פייער אין אים וועט זיך צעבלאָזן, אַזוי שטאַרק צעבלאָזן, אַז ס׳זאָל אפילו פון די חורבות קיין זכר נישט בלייבן, וואָס דעמאָלט ?

האַ ?

וועלן די קאָמאַראָווסקיס שוין מער...

## קאַפּיטל 7

# ווען מען וואָלט כאָטש זיכער געווען...

צומאָרגנס, אַז מרדכי האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז אים איינגעפאַלן, אַז די גלייכסטע זאַך וואָלט געווען צו פאַרלאָזן פּוילן. ער האָט נישט געהאַט קיין פּלאַן, נישט געקלערט ווי ער וועט נעמען געלט, געהאַט בלויז איין פאַרלאַנג — זיך אַרויסצורייסן פון דער סביבה. וואָס אַ טאָג איז דער געדאַנק ביי אים רייפער געוואָרן, זיך דערפילט ענגער ביים מחותן אין הויז. און אַז ער האָט זיך באַגעגנט מיטן מחותן, געהערט ווי ער רעדט, ווי די אויגן זיינען פול מיט חכמה, האָט זיך מרדכי פאַרלוירן, קיין איין וואָרט נישט פאַרשטאַנען, בלויז געטראַכט, אַז פּעליציע איז אים נישט געטריי, אַז די קליידער הענגען אויף זיין אַלטן, אויסגעדאַרטן קערפּער ווי זעק, אַז מיט זיין גאַנצער חכמה קאָן ער זיך יעדע רגע פאַנאַנדערשיטן. און אים, מרדכין, קריכן אויך שלעכטע מחשבות אין קאָפּ אַריין, האָט ער דעם מחותן אָנגעהויבן אויסצומיידן. פּעליציע איז צו אים געוואָרן נאָך פריינדלעכער, אים גענומען אונטער אירע פליגל, עס אַרויסגעוויזן ווען ס'זיינען געווען געסט אין הויז, און דאָס חסידישע בחורל איז מער נישט בלאַס געוואָרן, האָט זיך מער נישט געריטלט, ווען זי האָט אים אונטערגעטראָגן איר ווייסע האַנט מיט די לענגלעכע פינגער. ער האָט געקושט די האַנט און יעדעס מאָל געהאַט דאָס געפיל זיך צו וואַרפן אויף איר, צו צעברעכן דעם בויגיקן קערפּער, אַז נישט וועט עס אַן אַנדערער טאָן.

ער איז זעלטן געזעסן אין שטוב, כמעט גאַנצע טעג זיך אַרומגעשלעפּט מיט חסידישע לעב־קינדער, מיט דניאל אייבשיץ, זיך פאַר קיין זאַך נישט אָפּגעשטעלט, צעבראָכן און אַוועקגעשליידערט אַלץ, וואָס

איז אים געשטאַנען אין וועג, און געזעטיקט זיין אויסגעהונגערטן קערפּער. דאָס האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן, די אָפּטע באַגעגענישן מיט קאַהאַנען, דאָס צו רעשעדיקע לעבן האָבן אים אויסגעניכטערט. פאַר דער קורצער צייט איז ער געוואָרן מאָגער, העכער, דאָס מאַטע פּנים ביינערדיק און אין די גרויע, פאַרחלומטע אויגן האָט זיך באַוויזן אַ שטילער צער, וואָס איז פריער נישט געווען, געצויגן צו זיך און לאַנג געבליבן אין זכרון ביי יעדן איינעם, ווער ס'האָט זיך מיט מרדכין באַגעגנט.

אַ גלייכגילטיקער האָט ער זיך אַרומגעשאַרט אין „הויף", זיך מער נישט צוגעהערט, ווי ר' איטשע זאָגט תורה. ער איז געוואָרן אַ בן־בית ביי ר' מענדעלען, ביי ר' דודלען, געזעסן צווישן די „יחידי־סגולה". ווען דניאל האָט גערעדט וועגן „רזי־דאהבה", וועגן דער „מטרנתא" פון „זעיר־אנפּין", געשמייכלט, וואָס דניאלס בעטן שטייען פון צפון נאָך דרום, ער זאָל חס־וחלילה מיט „תשמיש" נישט פוגע בכבוד זיין אָן רבונו־של־עולם, וועמעס וועג איז פון מזרח נאָך מעריב. ער האָט געשפּילט מיט רבקהלען אין שאַך, באַמערקט ווי זי ציטערט אין זיין געגנוואַרט, ווי די פרישקייט צעשפּילט זיך אין אירע באַקן, רעדט וועגן איר זיידן ר' מענדעלען מיט אַזוי פיל דרך־ארץ, מיט אַזוי פיל ליבע, גלויבט, אַז יעדער מענטש דאַרף עפּעס אויפטאָן, אז ס'לעבן איז נישט קיין שפּילכל, קיין צופאַל. דאָס זעכצען יעריק מיידל, כמעט אַ פּראָסטע, האָט מיט פרייד און צנועהקייט געוואַרט אויף דער צייט, ווען זי וועט קאָנען אַוועקשענקען איר לעבן, זיך מקריב זיין, אַבי ווייטער צו ציען דעם פאָדעם, צו דערהאַלטן דעם שטאַם. דאָס איז מרדכין געפעלן. ער האָט געגלויבט, אַז רבקהלע וואָלט פאַר אים געווען אַ גליק, אַז דאָס שטילע מיידל האָט אים ליב, אַז י ע נ ע מיט די ווייסע לענגלעכע פינגער קאָן נישט ליב האָבן, אַז... — און ער האָט כמעט יעדן טאָג זיך געזען מיט רבקהלען, געזוכט, געבענטשט, געשעמט, געהאַלטן אין איין אויסגעפונען ביי איר ענלעכקייטן, וואָס דערמאָנען אָן פעליציען. פונקט דעמאָלט איז קאָמאַראָווסקי פאַרפאָרן נאָך קאָצק אויף עטלעכע טעג. מרדכי האָט זיך אַרומגעזען, אַז ער געגנאַרט זיך, אַז ער האָט רבקהלען נישט ליב, אַז דאָס רעדט ער זיך איין, שרעקט זיך פאַר דער פּוסטקייט אין דער אייגענער נשמה, וויל זי מיט עפּעס

אויספילן, בענקט, קאָן אָן פעליציען נישט לעבן. ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז רבקהלע איז נישט מער ווי אַ פוך־פעדערל, וואָס האָט געוואלט איבעררייסן זיין חלום, אים אויפוועקן. מעג די פעדער זיין ווי אַנגענעם ווייך, ווי לייכט, איז ווי באַלד זי וועקט איינעם אויף, נעמט זי אים ארויס פון אַ וועלט, שניידט איבער אַלע פעדים און טראָגט אים אַריבער אין אַן אַנדער וועלט, וואָס האָט גאָר קיין שיכות מיט דער ערשטער. מרדכי האָט זיך געפילט מיד אָנצוהייבן פון דאָס נייע, מיט איין הויך האָט ער אַראָפגעבלאָזן די פוך־פעדער, נישט געגאַנגען מער אין „הויף“ אַריין. ער האָט נאָכשפּיאָנירט קאָמאַראָווסקי מיט פעליציען, אונטערגעהערט, וואָס זיי רעדן, זיך געשלאָגן קאָפּ אָן וואַנט. פון גרויס צער האָט ער זיך פאַרמאַכט ביי זיך אין צימער, שעהן געקוקט דורכן פענסטער, ווי דער שניי ליגט זיך פלאַכטעסווייז, נישט געזען, ווי די שטיקלעך זומער, וואָס האָבן זיך נאָך געוואַלגערט ביי אים אין דער נשמה, צעשווימען אין דעם נאַסן שניי, געווען צופרידן, וואָס קיינער וועקט אים נישט און ווייטער געשפּינען דעם חלום, געשפּינען.

אַז קאָמאַראָווסקי איז אָפּגעפאָרן, האָט מרדכי זיך אויסגעניכטערט, נישט געגלויבט, אַז ער האָט מלחמה געהאַלטן מיט שפּינוועבס און ס'האָט אים וויי געטאָן פאַר רבקהלען. אַכט טעג האָט ער נישט אַריינגעשמעקט אין „הויף“, זיך געשעמט צו ווייזן אויף די אויגן, זיך פיינט געקראָגן, וואָס ער האָט אַליין אַלץ קאַליע געמאַכט. נישט איינמאָל האָט ער געהערט דאָס פלאַטערן פון פליגעלעך, דאָס קלאַפּן פון אַ הערצל... ס'איז דאָך גענוג געווען ער זאָל פאַרמאַכן די פינגער, ס'זאָל זיין זיינס... ער וואָלט אַלץ אַוועקגעגעבן צו זיין איצט ביי איר.

אין הויף איז מרדכי געוואָר געוואָרן, דאָס דער רבי פילט זיך פאַר די לעצטע טעג זייער שוואַך, פאַלט אָפּט אַוועק און דער עולם גייט שוין עטלעכע טעג אַרום אַן איבערגעשראָקענער. מען האָט אים כמעט ווי אויפגעהערט צו היטן און יעדער, ווער ס'האָט נאָר געוואָלט, האָט לייכט צו אים געקאָנט צוקומען.

ר' איטשע האָט זיך דערפרייט מיט מרדכין:

— ווו ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן? רבקהלע האָט מיך עטלעכע מאָל געפרעגט צי דו ביסט נישט חלילה קראַנק און דער רבי האָט זיך

איך נאָכגעפרעגט אויף דיר... כ'האָב שוין געוואָלט שיקן אויסגעפינען וואָס דו מאַכסט...

מרדכי האָט נישט געענטפערט, נאָכגעגאַנגען ר' איטשען און אַז ער איז אַריינגעקומען אין פּאָדערהויז, וואָס האָט געפירט צום רבין, האָט ער זיך געחדושט, וואָס דער אַמאָליקער פחד דערוועקט זיך אין אים. דער רבי האָט אים באַגעגנט מיט אַ שמייכל:

— דיין מחותן לערנט נאָך אַלץ דעם „מורה־נבוכים", האַ? אַ טעמפּער ייד, דיין מחותן, אַ טעמפּער! נו, ער האָט שוין דיך מדריך געווען? דיין מחותן, מיין איך... און איטשע שווייגט, ס'אַרט אים אַפּנים נישט — „שכּל המאבד נפש אחת מישראל, כּאלו אבד עולם מלא"!

מרדכי האָט נישט געוווסט, צי דער רבי מיינט ערנסט, צי ער לאַכט פון ר' איטשען, געקוקט אויף זיין וואַקסן פּנים, וואָס האָט זיך קוים אַרויסגעזען פון דעם וואַלד האָר, זיך צונויפגעגאָסן מיט די האָר פון קאָפּ, פון די פּאות.

ר' איטשע איז אַרויס אין פּאָדערהויז, ווו ר' פּאַוועש, דער שמש, האָט געשריבן קוויטלעך. מרדכי האָט נישט געוווסט וואָס מיט זיך צו טאָן, געשטאַנען ביים רבינס טיש מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן.

— זיי זיך מודה — האָט דער רבי זיך באַקוועמער אַוועקגעזעצט אויף זיין ווייסער אָפּגעהובלטער שטול — טראַכסט גאָרנישט וועגן פאָרן שטודירן, נאָך אויסלאַנד מיין איך?.. אַז מען פאַלט אַריין צו אַזאַ מחותן, ווי דו האָסט, איז ראשית דאַרף מען מציל זיין אַ יידישע נשמה, מען דאַרף שיקן נאָך אויסלאַנד שטודירן! און אַז וועסט שוין אויסשטודירן, האַ? וואָס דעמאָלט? וועסטו נישט זיצן, מיינסטו, ווי איך דאָ, און וואַרטן אויפן טויט, האַלטן אין איין מחן זיך, צי מען וועט דאָרט שמייסן, האַ, וואָס זאָגסטו? — האָט דער רבי אָפּגעזיפצט, אַריינגעלאָזט אַ האַנט אין דער באָרד און ווי צו זיך גערעדט — ווען מען וואָלט כאָטש זיכער געווען, אַז מען וועט דאָרט שמייסן, ווען מען וואָלט כאָטש זיכער געווען...

מרדכי האָט זיך פאַרלוירן, אויסגעמיטן דעם רבינס בליק און זיך שלעכט געפילט, וואָס דער רבי רעדט מיט אים ווי מיט אַ גלייכן. ער האָט געקוקט דורכן פענסטער אויף די פאַרשנייטע פעלדער, וואָס האָבן זיך געצויגן איבערן וויעפּש, ביז צום וואַלד, געזען ווי קראָען

מיט פאַרריסענע קעפּלעך לאָזן זיך אַראָפּ פון דיביימער, שפּרייזן לייכט איבערן שניי, צייכענען אויס לאַפּקעס, עפענען מיט אַ בייזקייט די שאַרפע שנאָבלען, קראַקען, האָט עס אים פאַרקלעמט אונטערן האַרץ, זיך דערמאָנט אָן „שכר און עונש" און נישט פאַרשטאַנען, ווער ס'איז גערעכט.

א וועלט מיט יידן זיינען זיכער, דאָס די טויערן פון גן־עדן שטייען שוין אָפן, גלויבן, דאָס די גאַנצע „פמליה של מעלה" וואַרט מיט אומגעדולד אויף דער מינוט, ווען ר' מענדעלעס נשמה וועט זיך באַווייזן, און ער, מרדכי, זעט פאַר זיך אַ צעבראָכן מענטשל, וואָס וויל נישט שטאַרבן, האָט שוין אָבער קיין כח נישט צו ראַנגלען זיך מער, איז גרייט זיך איבערצוגעבן דעם מלאך־המות אין די הענט, וויל אָבער איין קליינינקייט, גאָר אַ קליינינקייט...

וועט מען כאָטש דאָרט שמייסן?

ווער איז גערעכט?

ווער?

אין דער טיר איז געשטאַנען אַן אויסגעדאַרט יידל מיט רויטלעכע אויגן, אַ דאַר נעזל מיט אַ פאַרפלאַמטן שפּיץ, געהאַלטן אין איין האַנט אַ קוויטל, מיט דער צווייטער זיך געצופּט די עטלעכע שפּיץ האָר, וואָס זיינען געוועזן צעוואָרפן איבער דער גאָמבע און געציטערט אין גאַנצן.

— ווילסט עפּעס? — האָט דער רבי זיך געפרעגט.

דאָס יידל האָט צוגעטראָגן ס'קוויטל, צוריקגעגאַנגען אויף הינטערוויילעכס און געבליבן שטיין ביי דער טיר. דער רבי האָט נישט גענומען ס'קוויטל, עס אַוועקגעלייגט אויפן טיש און ווידער אים גע־פרעגט:

— וואָס ווילסטו?

— רבי — האָט דער ייד זיך אַ בויג געטאָן, געוואָלט צוגיין נענטער און געבליבן שטיין ביי דער טיר — רבי... כ'קאָן נישט מער...

— וואָס קאָנסטו נישט?

— כ'בין אַ שוחט, אַ דאָרף־שוחט, רבי... כ'שחט אויף די דער־פער ביי יידן און אַז ס'טרעפט זיך אַ בהמה ווערט טריף, כאַפּט זיך דער

דאָרפסמאַן מיך שלאָגן... נעכטן האָב איך געשהטן אַן אָקס ביי משה סטאַוויסקער, דעם פּאַכטער, נישט ווייט פון קאָצק, האָב איך דעם אָקס געגבלט, האָט מיך דער פּאַכטער אַזוי צעהרגעט, אַז כ'שטיי קוים אויף די פיס...

דאָ איז דער שוחט אַנטשוויגן געוואָרן, עטוואָס געעפנט ס'מויל, געגלאָצט מיט די פייכטע, רויטלעכע אויגן, אַריינגעצויגן דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען, איז מרדכין איינגעפאַלן, אַז אַזוי האָט דער שוחט געמוזט אויסזען, ווען דער פּאַכטער האָט אים געשלאָגן.

— טאָ וואָס ווילסטו פון מיר? — האָט דער רבי געפרעגט.

— מיין שווער — האָט דער שוחט אָנגעהויבן שטאַמלען — איז שוחט אין לוקאָוו, שוין אַ ייד אַ זקן, שחט מיט אַ בריל, זעט לחלוטין נישט, טאָר נישט שחטן, איז אָבער אַ מטופל מיט קינדער...

— טאָ וואָס ווילסטו? — האָט דער רבי אים נישט געלאָזט ענדיקן — ווילסטו אודאי כ'זאָל פּסלען זיין שחיטה און דיך אַריינזעצן דאָרט, האַ? דיין שווער, זאָגסטו, איז בלינד, איז אָבער אַ מטופל מיט קינדער... אַזוי, אַזוי...

דער רבי האָט געשאָקלט אַ ווײַלע מיטן קאָפּ, געקוקט דורכן פענסטער, געזען ווי דאָס דינסט־מיידל איז אַרויס פון דודלס שטוב, אויסגעגאָסן אַ פּאָמעשאַף אין שניי אַריין. קראָען זיינען אָנגעפלויגן, גענומען נישטערן אין שניי, געריסן מיט די שאַרפע שנאָבלען, צעצופּט די קישקעלעך פון אַ הון, וואָס מען האָט אַרויסגעוואָרפן. די קראָען האָבן געפּאַטשט מיט די פליגל, געהאַקט מיט די שנאָבלען, זיי גע־שאַרפט אָן שניי, און די לופט איז פול געוואָרן מיט אויפטרייסלענדע קולות.

— קום אַהער — האָט דער רבי צוגערופן דעם שוחט — זעסט די שוואַרצע וואָראָנעס, ווי זיי רייסן זיך איבער די קישקעלעך, פליען איינע דער צווייטער מיט די שנאָבלען אין די אויגן אַריין? זעסט?

— כ'זע.

— ווייסטו ווער דאָס זיינען?

פון שרעק האָט דער שוחט זיך גענומען רוקן אויף צוריק און נישט געענטפערט.

— דאָס זיינען פאַרשאָלטענע נשמות פון שוחטים, הערסט? פאַר־שאָלטענע נשמות...

דער שוחט האָט זיך אַרויסגעשאַרט נישט טויט, נישט לעבעדיק. דער רבי איז געבליבן זיצן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, גערעדט זיך אין דער באָרד אַריין:

— ער איז בלינד? מען דאַרף אים פסלען? נישט ביי מיר, נישט ביי מיר...

אין דער טיר איז געשטאַנען אַ יידענע מיט אַ יינגל.

— וואָס ווילט איר?

— הייליקער רבי — האָט די יידענע זיך אַ בויג געטאָן ביז צו דער ערד, זיך אויסגעגלייכט און אַרויסגערוקט אַ בלייך יינגל, אָנגעטאָן אין ווייסע, לייוונטענע מלבושים — פון אַכט איז ער געבליבן איינער, איין אויסגעוויינט קינד, נעמט איינדאַרן פונקט ווי יענע, צו לענגערע יאָר אים, בין איך געקומען, אַ זינדיקע אשה, וואָס איז נישט ווערט איבער־צוטרעטן דעם הייליקן רבינס שוועל, דער רבי זאָל אים בענטשן...

— וואָס ווילן זיי פון מיר? — האָט דער רבי אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ צום פענסטער — זיי ווילן מיך שוין באַלד מאַכן פאַר אַ גאָט! איך בענטש נישט! כ'ווייס נישט ווי נאָך מען בענטשט! געהערט? מען קאָן זיי נישט אַרויסשלאָגן פון קאָפּ! אָקסן!

— הייליקער רבי — האָט די יידענע אַן אומבאַהאָלפענע ויך צע־וויינט — רבי, טרייבט מיך נישט! הייסט, וועל איך צעטיילן מיין גאַנץ פאַרמעגן... טאָן צדקה, אַבי...

אַ בלייכער איז ר' איטשע אַריין פון צווייטן חדר, גענומען באַ־רויקן די יידענע, געבענטשט דאָס קראַנקע יינגל, זיי פאַמעלעך אַרויס־געפירט און שטיל געטרייסט:

— בעט גאָט, וועט ער אייך העלפן! איר ווילט געבן צדקה? גוט! גוט! צדקה עושה מחצה — צדקה העלפט!

דער רבי איז געבליבן אַן אָנגעברוגזטער, אַ לענגערע צייט געלאָזט שטיין ביים אַריינגאַנג אַ באַיאָרטן, האָראָפּאַסנעם ייד, מיט ווייסע שטיוול פון איין לעדער, געקוקט אויף אים גלייכגילטיק, ווי ער וואָלט אין חדר נישט געווען, דערנאָך האָט ער זיך אַ בייזער געטאָן:

— וואָס שוין ווידער?

דער ייד איז צוגעגאַנגען נענטער, אָנגעשטעלט אַ תמעוואַט פּנים מיט בלויע קינדישע אויגן, געריעדט געלאָסן, פּאַרזיכטיק, ווי דאָס אַרויסרעדן פון יעדן וואָרט וואָלט געווען אַ שווערער ענין, צו וועלכן ער איז נישט געוווינט געווען און זיך אַפּנים לאַנג צוגעגרייט.

— שוין צוויי וואָכן ווי איך בין אונטערוועגנס, הייליקער רבי.

— פון וואַנען קומסטו? — איז דער רבי געוואָרן ווייכער.

— פון טשעכאַנאָווע, הייליקער רבי.

— האָסט דאָך דאָרט אַ רבי? ר׳ אברהמל טויג שוין נישט?

— ר׳ אברהמל זאָל לעבן האָט געאסורט.

— ווילסטו איך זאָל מתיר זיין?

דער ייד האָט נישט געענטפערט און ווי אַ שולדיקער אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— נו, לאָמיר הערן!

— שוין דרייסיק יאָר, הייליקער רבי, ווי איך באַזאָרג גאַנץ טשעכאַנאָווע מיט וואַסער.

— ביסט אַ וואַסער־טרעגער?

— יאָ, הייליקער רבי. אַצינד מאַכט זיך מיר אַ שדוך...

— ביסט אַן אלמן?

— כ׳בין נאָך אַ בחור, הייליקער רבי! די שטאָט לאָזט מיך אָבער נישט חתונה האָבן, טענהט — „לא יבוא ממזר בקהל ה׳״.

— דיינע עלטערן האָסטו געקענט?

— נישט געקענט, הייליקער רבי.

— און ס׳מאַכט זיך דיר אַ שדוך?

— יאָ, הייליקער רבי... אַן אלמנה מיט צוויי הונדערט גילדן...

— האַ, וואָס זאָגסטו? — האָט דער רבי זיך געווענדעט צו ר׳ איטשען, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען און זיך איינגעהערט — אַ ייד דאַרף חתונה האָבן!

— עס וואָלט אָבער גלייך געווען — האָט ר׳ איטשע זיך אָנגערופן — ער זאָל זיך אַריבערציען אין אַן אַנדער שטאָט, שאין מכירין, נישט שטעכן מענטשן די אויגן.

— פאַר אַהיים און האָב חתונה! — האָט דער רבי כמעט אַ געשריי געטאָן צום וואַסער־טרעגער — זאָג ר׳ אברהמל טשעכאַנאָווער, אַז איך, מענדל קאָצקער, בין מתּיר!

ר׳ איטשע, וואָס האָט געהאַלטן זיין שוואַרץ בערדל צווישן די ליפּן, האָט עס ארויסגעלאָזט ווען דער וואַסער־טרעגער איז אַרויס פון צימער און סתּם אָנגעהויבן:

— אויף דעם פּסוק אין קהלת — „ושבתּי אני ואראה את העשוקים״ — זאָגט ר׳ דניאל חייטאַ, אַז דאָס מיינט מען ממזרים. „והנה דמעת העשוקים״ — אַז זיין טאַטע איז געווען אַ בעל־עבירה ובא על הערוה, וואָס איז דער אָרעמער וואַסער־טרעגער שולדיק? „ומיד עושקיהם כּח״ — און אַז די סנהדרין האָבן מיטן כּח פון דער תּורה, וואָס זיי האָבן זיך אַליין גענומען, דערווייטערט די ממזרים, זיי מרחק געווען פון כּלל־ישראל — „ואין להם מנחם״ — און ס׳איז נישטאָ ווער ס׳זאָל זיי טרייסטן, זאָגט דער רבונו־של־עולם — „עלי לנחמם״ — איך וועל זיי טרייסטן! אויב די סנהדרין האָבן זיי געפּסלט פאַר דער וועלט, וועלן זיי לייכטן פאַר מיר, ווי גאָלדענע מנורות אויף יענער וועלט.

— וועמעס תּורה איז עס? — האָט דער רבי צוגעשטעלט אַ האַנט צום אויער ער זאָל בעסער הערן.

— ר׳ דניאל חייטאַס.

— ווייס איך? — האָט דער רבי זיך אַ קרום געטאָן, ווי ער וואָלט דערמיט חייטאַן מבטל געמאַכט — באַלד איז פאַראַן אַ פּאַרטיקער פּסוק, אַ רעצעפּט!... ווי נאָך קאָן אַ מענטש אַזוי אַלץ שטעלן אויף זיך? זיין זיכער מיט אַלעם? איך האַלט מיט בית־שמאַין! און אַז צו מיר וואָלט געקומען אַ גר כ׳זאָל אים אויסלערנען די גאַנצע תּורה על רגל אחת, וואָלט איך אים אויך דורכגעטריבן! ס׳וואָלט מיר אַפילו אויפן שכל נישט געקאָנט קומען אַז — „ואהבת לרעך כּמוך״ — איז ס׳גאַנצע יידישקייט! ווייל ס׳איז נישט, און ס׳וועט נישט זיין! ממה נפשך — האָט דער רבי זיך אָנגעכאַפּט פאַר דער באָרד — ואהבת לרעך כּמוך — איז אפשר די העכסטע מדרגה, ס׳איז בבחינת שבת־שבתון, וואָס נאָר יחידי־סגולה קאָנען משיג זיין מיטן שכל און אַ בשר ודם, וואָס רוט נישט ווי דער סמבטיון, שטאַרבט אָפּ יעדן טאָג, יעדע שעה, וואָס פאַר אַ שייכות — האָט דער רבי מיט אַמאָל אָפּגעהאַקט, געבליבן זיצן אַ מידער און

אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — אַרויסגעוואָרפענע רייד! ווען ס׳גאַנצע יידישקייט וואָלט מיט אַן אמת געלעגן אין „ואהבת לרעך כמוך״, וואָלט שוין פון אונז קיין שריט ופליט נישט געבליבן! ווייסטו פאַרוואָס? ווייל דער מענטש האָט בטבע קיין ליבע צום צווייטן! וואָס זאָג איך? אַ פיל קלענערע מדרגה, ווי למשל, רחמנות, האָט ער אויך נישט! ס׳דאַרף ביי איינעם פעלן אַ פוס, צי אַ האַנט, זיין אויס־געדאַרט פון הונגער, ס׳זאָל ביי אונז אַרויסרופן רחמנות צו אים. דרייען זיך דאָך אַרום אונז טויזנטער מענטשן מיט הענט און פיס און זייערע יסורים איז אין לשער, טויזנטער מאָל גרעסער ווי ביי די אָן הענט! לעכצן מענטשן נאָך אַ ביסל רחמנות, גייען אויס פאַר אונזערע אויגן, און מיר גייען פאַרביי צופרידענע ווי קיינמאָל גאָרנישט! טאָ וואָס פאַר אַ רייד קאָן דאָ זיין פון „ואהבת לרעך כמוך״? אַ גליק, זאָג איך דיר, וואָס אין יעדן פון אונז האָט זיך פאַרוואָל־גערט אַ ניצוץ פון בית־שמאי!

— טאָ פאַרוואָס זייט איר, רבי, אַזאַ מיקל? — האָט ר׳ איטשע זיך געפרעגט.

— וועגן מיר רעד נישט! איך מיטן רבונו־של־עולם...

ר׳ איטשע האָט געוויזן דעם רבין אויף ר׳ מרדכין, וואָס איז גע־שטאַנען מיט אַ צעעפנט מויל, דער צער אין די אויגן האָט געפלאַקערט, גרייט געווען זיך צו וואַרפן ר׳ מענדעלען צו די פיס, זיך מיט אַמאָל גע־כאַפּט, אַז ער שטערט און זיך גענומען אַרויסרוקן.

אין דער טיר איז אים אַנטקעגן געקומען אַן עלטערער ייד, מיט אַ לאַנגע באָרד און אַ ווייסן שמויסענעם פעלץ, נישט באַצויגן, ווי פויערים טראָגן. דער ייד האָט אָפּגעקלאַפּט דעם שניי פון די שטיוול און אַ צעשראָקענער זיך געפרעגט ביי מרדכין:

— ווו איז דער הייליקער רבי, זאָל לעבן?

מרדכי האָט אים געוויזן.

דער ייד איז גלייך צו צום רבין, אַראָפּגעכאַפּט די פוטערנע קוט־שמע, און איידער מען האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט ער זיך איינגעבויגן ביז צו דער ערד און גענומען קושן די פּאָלע פון זיין ווייסער, זיידענער קאַפּאָטע.

דער רבי האָט געמיינט ס'איז אַ גוי, גענומען רופן דעם שמש, וואָס האָט גערעדט פּויליש. דערווייל האָט זיך דער ייד אויסגעגלייכט, געהאַלטן ס'היטל אין דער האַנט און אויסגעשאָסן:

— הייליקער רבי!

— אַ ייד גאָר? — האָט דער רבי אויפגעהויבן די לאַנגע ברעמען און געשמייכלט — זיי ווילן מיך שוין באַלד מאַכן פאַר אַ גלח! וואָס שטייסטו אָן אַ היטל?

דער ייד איז צעמישט געוואָרן, גענומען אָנטאָן ס'היטל און גע־גלאָצט מיט די אויגן.

— אודאי אַ דאָרפס־ייד — האָט ר' איטשע אים פאַרענטפערט — וווינט אויפן ישוב, זעט פון איין ראש־השנה צום צווייטן קיין ייד נישט...

און רעכנט — האָט דער רבי געשמייכלט — אַז מען נעמט פאַרן שררה אַראָפּ ס'היטל, איז דאָך פאַר מיר על אחת כמה וכמה...

מרדכי איז אַרויס, געבליבן שטיין אויפן „הויף" און זיך נישט געקאָנט פאַנאַנדערקלייבן צווישן ר' מענדעלען און ר' איטשען. ער האָט געזען, ווי די קראָען האָבן זיך צעלייגט איבערן שניי, ווי אַ שוואַר־צע דריי־עקיקע פלאַכטע, זיך דערמאָנט אָן דעם אויסגעדאַרטן שוחט מיטן פאַרלאָפענעם נעזל און בשום־אופן נישט געקאָנט שלום מאַכן מיטן רעיון, אַז קראָען, וואָס פויערים גלויבן, זיי זיינען פאַרשאָלטענע נשמות, זאָלן אויך זיין גלגולים פון שוחטים?

איז דאָס יידיש?

ביי יידן איז אַ שוחט אַ שיינער ייד, אַ בן־תורה, טשעפּעט קיין פליג נישט. אויגן ווייכע, טריט שטילע, און אַז ער שחט אַ בהמה, איז עס מיט יראה, מען הערט קוים ווי ער גייט אונטער, מעשה כהן־גדול, מאַכט אַ ברכה, טוט אַ ציִ מיטן בלאַנקענדן חלף און כי, כי, כי, געשחטן אין נאָמען פון גאָט!

מרדכי האָט אויפגעציטערט, אומבאַוווּסט דערפילט, אַז ר' מענדעלע איז גערעכט און וואָס לענגער ער איז געשטאַנען, אַלץ אומעטיקער איז אים געוואָרן. ער האָט נישט געוווּסט, וואָס עס קווּעלט אים, געדענקט, אַז ער האָט עפּעס געדאַרפט טאָן, אַז ער האָט זיך געגרייט אַ גאַנצן פרי־מאָרגן, געהאַט פאַרדרוס וואָס ער קאָן זיך נישט דערמאָנען.

ער האָט זיך געשאַרט ארום הויז, אַריינגעגאַנגען אין גאָרטן, נישט באַמערקט, ווי ס'איז געוואָרן פינסטער, געגאַנגען ביז איבער די קניען אין שניי, זיך איינגעהערט, ווי עס פידלט און געהאַט ס'געפיל, אַז שוין יאָרן ווי ער געפינט זיך איינער אַליין אין דער מיט פון אַ פאַרפרוירענעם טייך. דאָס אייז קנאַקט, פּלאַצט און ער פאַלט, וויל זיך כאַפּן מיט די הענט, פּיט די פיס, צעשווימט אַלץ און ער פאַלט ווידער, הויבט זיך און פאַלט. ער האָט זיך דערשראָקן פון אייגענעם אויסגעשריי, זיך אַרומגעקוקט, דערזען אין איינעם פון דודלס פענסטער אַ געשטאַלט און דערפילט די היימלעכקייט פון אַ וואַרעם און ליכטיק צימער. אין מח ביי אים האָט זיך עפּעס געעפנט, ווי אַ קעמערל, זיך דערמאָנט, אַז ער איז געקומען צוליב רבקהלען און ס'איז אים לייכטער געוואָרן.

### קאַפּיטל 8

## אַראָפּגעלאָזטע אויגן

ביי ר׳ דודלען איז נאָך געווען פינסטער. בלויז אויף שויבן פון איין פענסטער האָבן זיך געצונדן פייערלעך. דאָס האָט זיך געשפּאַרט אַ פלאַם פון אַן אַלט־פּוילישן קאַכל־אויוון. קעגנאיבער דעם קאַכל־אויוון אויף אַ ווייכע אָטאָמאַנע איז געלעגן דושקה, ר׳ דניאל אייבשיצס ווייב, אין אַ באָרדע סאַמעטנע גאַבּרעלאַ, וועמעס שלעפּ איז פאַלדנווייז געפאַלן אויף דער פּאָדלאָגע. זי האָט זיך פויל ווי אַ קאַץ געצויגן אונטער דעם רויטלעכן אָפּשיין, זיך אַרומגעלייגט מיט קישעלעך, זיך געטוליעט צו רבקהלען, וואָס איז געזעסן דערלעבן, איינגעהילט אין אַ ווינטער־טוך, און פאַרבּענקט געקוקט אין פייער. די דיקע ווענט, די שווערע, טיפע דיוואַנען אויף דער פּאָדלאָגע האָבן איינגעזאַפּט דאָס סיקען פון פייער און די אייגענע שטימע איז געוואָרן אַנדערש, געקלונגען ווי פון אונטער דער ערד אַרויס.

דושקה האָט אויסגעטאָן איר שטערן־טיכל און אַ קאָפּ געדיכטע, אַרומגעשוירענע קרייזלעך האָבן זיך צעשאָטן און איר צוגעגעבן עפּעס יינגלשעס. די האָר זיינען געווען אַזוי שוואַרץ, אַז איבער די שוואַרצע קרייזלעך האָט זיך דורכגעשלאָגן אַ גרויקייט, ווי פון זילבערנעם שטויב.

זי האָט זיך געוויקלט אַרום רבקהלען, זי אַרומגענומען, איינגענורעט אַ האַלב פּנים אין איר שויס און נישט אויפגעהערט רעדן:

„— — כ׳האָב אַזוי ליב, אַז דו קעמסט מיך... לייכטער, לייכטער, אָט אַזוי! ווייסט גאָר וואָס? קעם מיך מיט די פינגער...״

זי האָט אָנגענומען רבקהלעס פינגער, מיט זיי געפירט ביי זיך איבערן קאָפּ, איבערן האַלז און מיט יעדן אָנריר פאַרזשמורעט די אויגן, אויפגעציטערט ווי פון אַ ברי.

— ס׳איז דיר קאַלט? — האָט דושקה געפרעגט.

— ס׳איז מיר עפּעס אַזוי קאַלט!

— טאָ נעם מיך אַרום, וועל איך דיך אָנוואַרעמען! דיינע פינגער זיינען ווי אייז... אָ, ס׳קילט... ווייסט, רבקהלע, כ׳האָב אַזוי ליב, אַז מיר בלייבן אַליין, גאַנץ אַליין... מען דאַרף נאָך פאַרמאַכן טיר און לאָדן, פאַנאַנדערהייצן אַלע אויוונס, זיצן אין דער פינסטער, ווי איצט דאָ, און דו, קרוינעשי, וועסט מיר קעמען די האָר... לייכטער, לייכטער... כ׳וועל זיי מער נישט אָפּשערן, די האָר, דניאל זאָגט כ׳זאָל זיי לאָזן וואַקסן...

— ווער, דניאל? — האָט רבקהלע אַ פאַרחדושטע געפרעגט.

— געדענקסט וואָס פאַרע האָר כ׳האָב געהאַט מיידלווייז? זיי וועלן מיר צוריק אָנוואַקסן, אַזעלכע לאַנגע — האָט זי אַ ציי געטאָן מיט דער אַנטבלויזטער האַנט ביז איבער די קנעכלעך — ווי געפעלט דיר דאָס שטערן־טיכל, וואָס דניאל האָט מיר געבראַכט?

— מיט די גראַנאַטן?

— יאָ. די גראַנאַטן זיינען אַזוי רויט, אַזש בלוטיק, אַז כ׳טו זיי אָן, דאַכט זיך, די האָר ווערן ביי מיר רויט. דו וואָלסט געוואָלט האָבן רויטע האָר? איך וואָלט אַזוי געוואָלט מיינע האָר זאָלן זיין רויט, פייערדיק רויט, ווי אָט די צינגלעך אין אויוון, זעסט? דניאל זאָגט, אַז איך האָב געדאַרפט האָבן רויטע האָר, לאַנגע, רויטע האָר, כי, כי, כי!

— אָ, דעריבער האָסטו זיך גענומען פוצן אין רויט?

דושקה האָט נישט געענטפערט, זיך אויפגעזעצט, באַהאַלטן די פיס אונטער דער גאַבערלאַ, אויסגעצויגן עטוואָס דעם האַלז און אַן אָפּגעגאָסענע פון רויטן שיין, האָט זי שטיל און סודותדיק געזאָגט:

— קיינער טאָר דערפון נישט וויסן, רבקהשי, אפילו דער זיידעשי אויך נישט...

— אַז וואָס?

— אַז ער איז צווישן אונז.

— ווער?

זי האָט באַלד נישט געענטפערט, זיך מער געבויגן צום פייער און גערעדט נאָך שטילער:

— ער וועט טראָגן אַ פורפורא, אַ פייערדיקע פורפורא...

— וואָס וועט ער טראָגן?

זי האָט זיך אַ האַסטיקן צי געטאָן צום צעפּלאַמטן קאַכל־אויוון, געמאַכט אַ מינע, ווי זי וואָלט עפּעס אַריינגעוואָרפן אין די פּלאַמען און זיך אויסטערליש צעלאַכט:

— כי, כי, כי! אַ פּייערדיקע פּורפּורא וועט ער טראָגן, כי, כי, כי!

— כ'האָב נישט ליב, אַז דו לאַכסט אַזוי — האָט רבקהלע זיך אָפּגערוקט פון דער שוועסטער — לאָ'מיך, דושקה, וועל איך אָנצינדן אַ ליכט.

— צינד נישט, רבקהשי, צינד נישט... כ'האָב אַזוי ליב, אַז ס'איז פינסטער, כ'וואָלט געוואָלט עס זאָל אייביק זיין נאַכט, דו נישט? דער טאָג איז ביי מיר אַן אָפּקומעניש! מאַנסבילן האַלטן זיך אין איין דרייען און איך האָב פיינט מאַנסבילן, כ'האָב אַזוי פיינט געזונטע, שיינע מאַנסבילן! רבקהלע, האָב איך ליב קינדער! כ'האָב ליב קינדער און קאַליקעס. אַז כ'דערזע אַ קאַליקע מוז איך זיך אָפּשטעלן... זייערע צעקרומטע, פאַרחשכטע פּנימער באַרויקן מיך... כ'פאַרגעס, אַז כ'בין דניאלס ווייב, ר' מענדעלעס אַן אייניקל... ס'ווילט זיך מיר זיצן מיט זיי אין רינשטאָק, גיין אין טראַנטעס, בעטלען, אַריינעטעמען זייער ריח און מיטזינגען. און ווייל די מאַמעשי לאָזט נישט זינגען זייערע לידער, ווילט זיך דוקא!

זי האָט זיך מיט אַמאָל איינגעקאָרטשעט, פאַרגלייזלט די אויגן, געפירט איין האַנט איבער דער צווייטער, ווי מען פירט אַ בויגן איבער אַ פידל, און מיט אַ האַרץ־רייסנדעם ניגון זיך צעוויגט:

— — O Jezu mój, o Jezu mój,<br>Gdy będę w ciężkościach<br>Sam przy mnie stój — —“

רבקה האָט איר פאַרשטעלט מיט דער האַנט ס'מויל, נישט גע־לאָזט ענדיקן, האָט זי זיך אויסגעגלייכט און מיט אַ בייזער ארומגע־נומען די שוועסטער:

— און ביי אונז אין שטוב דרייען זיך אַ גאַנצע טאָג אַרום מאַנס־בילן... ברר! וואָס ציטערסטו? ס'איז דיר קאַלט? אַרומנעמען דיך? פעסטער? רבקהשי, ווען דו וואָלסט כאָטש געווען שלאַקרירעק צי גע־לעמט! וואָלט איך דיך ליב געהאַט! כ'וואָלט נישט אָפּגעטראָטן פון

דיין בעט און דו וואָלסט מיר „געוורוזשעט". ס'איז מיר אַזוי הייס! רבקהשי גלעט מיך, דיינע פינגער זיינען קאַלט... איצט איז מיר אַזוי גוט, אַזוי גוט, אַה, אַז=אַזוי...

רבקהלען איז געווען דערווידער דער שוועסטערס צערטלעכקייט, נישט פאַרשטאַנען ווי נאָך מען קאָן ליב האָבן קאַליקעס, זי געוואָלט פרעגן צי זי האָט פיינט מרדכין, באַלד חרטה געהאַט, זיך גענומען באַפרייען פון איר און נישט אויפגעהערט זיך צו בעטן:

— לאָז, דושקה, כ'וועל אָנצינדן אַ ליכט.

— מען דאַרף נישט, רבקהשי, לאָמיר זיצן אין דער פינסטער. אין דער פינסטער קאָנסטו יעדן איינעם אַרויסרופן. אַז כ'וויל שטייט דער טאַטעשי פאַר מיינע אויגן און ער איז גאָר היינט מיט דער מאַ=מעשי אין לוקאָוו. וואָס זאָגסטו, ס'וועט ווערן פון דעם שדוך? אַז דו וועסט חתונה האָבן וועל איך בלייבן איינע אַליין — איז דושקה אַ ווייליע געבליבן זיצן אַזאַ פאַרלוירענע און באַלד אויפגעשפרונגען — קום, וועל איך דיר „וורוזשען", אַרויסרופן דעם יונגגמאַן, וואָס מען רעדט דיר, קום!

— גיי, ס'איז כשוף!

— אַז ס'וואָלט געווען כשוף, וואָלט דניאל עס נישט געטאָן! נעכטן האָט ער אַרויסגערופן זיין עלטער=זיידן, דעם רבין ר' יונתן!

— טאַקע? — זיינען די אויגן ביי רבקהלען גרעסער געוואָרן — דו האָסט אויך געזען דעם מת? מאַמעלע! און דורך וואַן קומט ער אַריין? ער הענגט אין דער לופטן? און ער רעדט ווי אַ מענטש? כ'וואָלט עס נישט אויסגעהאַלטן!

— כ'האָב זיך טאַקע דערשראָקן! — האָט דושקה געשמייכלט — מאָל דיר, דניאל בעט זיך ביים זיידע ר' יונתן, ער זאָל אים איבער=געבן דעם „יחוד", דורך וועלכן ער האָט גערעדט מיטן אר"י, און דער זיידע אין צעריסענע תכריכים שטייט אַ צעלעכערטער און די לעכער באַוועגן זיך, די לעכער רעדן, לאַכן... רויטע לעכער, פייערדיקע לע=כער, כי, כי, כי!

— גיי, דושקה, האָסט שטענדיק אַזעלכע מעשיות, אַז ס'ווערט מיר אַזש קאַלט — האָט רבקהלע אויפגעציטערט.

דושקה האָט נישט געענטפֿערט, אַ שלעפּ געטאָן די שוועסטער און בײדע זײנען אַרײַן אין אַ קלײן, פֿינסטער צימערל. זי האָט אָנגעצינדן אַ דיק וואַקסן ליכט, עס אַוועקגעשטעלט צווישן צוויי שפּיגלען אויף אַ קײלעכדיקן טיש פֿון מאַרמלשטײן און שטיל פֿאַר זיך אָנגעהויבן צו פּרעפּלען מיט די ליפּן. מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם האָט רבקהלע זיך אײַנגעקוקט אין מאַרמלשטײן און דאָרט גאָרנישט געזען. זי האָט גע־קוקט אַ לענגערע צײַט, געפֿילט, ווי די אויגן־לעפּלעך ווערן שווערער און איבערן מאַרמלשטײן ציבדן און לעשן זיך פֿינטעלעך, ווי די שאַרף פֿון נאָדלען. אײַנציקווײַז האָבן די זילבערנע און גאָלדענע פֿעדעמלעך, וואָס אויפֿן שטײן, זיך אָנגעהויבן צו באַוועגן, זיך געשלענגלט, געדרײט, געוואָרן נעפּלדיק און אין דער לופֿט האָט עפּעס אַ רויש געטאָן, ווי עמעצער וואָלט זיך געוועקט, גענומען גײן.

— שאַ — — —

פֿון ערגעץ האָט זיך דערטראָגן אַ שטיל געזאַנג. רבקהלע האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן דער שוועסטער, געציטערט, און פֿאַר די אויגן האָט געשימערט און געבלענדט אַ טיפֿער שנײ. בײמער, מענטשן האָבן זיך פֿאַרבײַגעטראָגן, דאָס געזאַנג איז נאָך געוואָרן שטילער ווי פֿריער, זיך צונויפֿגעגאָסן מיט דער בלײכקײט פֿון דער פֿולער לבֿנה, וואָס האָט מיט טויזנט קאַלטע פֿעדעם זיך געשפּרײט איבער דער פּראָסטיקער נאַכט, פֿאַרפֿירט דאָ אַ דורכגײער, דאָרט אַ פּויער מיט אַ פּאָר פֿערד. האָט רבקהלע פֿון אָרט זיך נישט געקאָנט רירן, געזען ווי די קאַלטע שטראַלן וועבן זיך אַרום איר, פֿלעכטן זיך, ציען זיך ווײַט, ווײַט אין זיפֿן שנײ, ווו אָנגעפּעלצטע מענטשלעך טראָגן זיך אויף שליטלעך און מיט אַמאָל פֿאַרשווינדט אַלץ.

דושקה האָט זי אָנגעכאַפּט פֿאַר אַ האַנט:

— זעסט?

רבקהלע האָט געזען, ווי פֿון נעפּל שײלט זיך אַרויס אַ געשטאַלט. און ווי אַ נאַכט־וואַנדלער, געפֿירט פֿון קאַלטע לבֿנה־שטראַלן, האָט ז׳געשטאַלט זיך געשאַרט צווישן די בײמער, אָנגעקומען מיט אַ געזאַנג.

— דערקענסט אים? — האָט דושקה געפֿרעגט.

רבקהלע האָט אים דערקענט, געפֿילט, ווי אין איר הויבט אָן עפּעס מיטצוזינגען, זײַנען די פֿיס געוואָרן אַזוי לײַכט, לײַכטער ווי

דער ווייסער שניי, און דער מח אַזוי לופּטיק, לופּטיקער ווי די פּראָסטי־קע נאַכט.

— דאַכט זיך, מען גייט? — האָט דושקה אָנגעשפּיצט אַן אויער און אויסגעלאָשן דאָס ליכט.

— ס'דאַכט זיך דיר.

— מען גייט, זאָג איך דיר.

— אַ חוץ דניאלן איז דאָך קיינער אין הויז נישטאָ.

— ווער איז דאָס?

— ווער גייט?

מרדכי האָט געעפנט די טיר, געבליבן שטיין אין דעם פינסטערן צימער, זיך געחדושט, ווי ער וואָלט פאַרבלאָנדזשעט, געוועזן זיכער, אַז נאָר וואָס איז דאָ געווען ליכטיק און מיט אַמאָל איז אַזוי פינסטער. זאָל עס אים זיך האָבן אויסגעדאַכט? ער האָט געזען, ווי אין אַ ווינקל זעצט זיך עמעצער צו, דערקענט דושקהן און זיך נישט גערירט פון אָרט.

— זע נאָר, דושקה, ווער ס'גייט? איר וועט מיר אַנטשולדיקן, מרדכי — האָט רבקהלע זיך אין גאַנצן געטרייסלט — לאָמיר אַריינגיין אין דער סאַליע, כ'צינד גלייך אָן אַ ליכט.

דושקה האָט לייכט ווי אַ קאַץ זיך אַרויסגעשאַרט, פאַרשוווּנדן, און ביי מרדכין אין זכרון איז אַ לענגערע צייט געבליבן דער רויטער שלעפּ, וואָס האָט זיך נאָכגעשאַרט נאָך איר.

זיי זיינען אַריין אין דער סאַליע. ער האָט געקוקט ווי רבקהלע פאַרשניצט מיט אַ זילבערנעם שנויץ די ליכט, גלייכט אויס די קנייט־לעך, צינדט זיי אָן. ער האָט נישט באַמערקט, ווי אַ באַהאַלטענע פרייד שטראַלט פון אירע שטילע אויגן, פון די קוים פאַררויטלטע באַקן און אפילו פון די לאַנגע אַריבערגעוואָרפענע פון פאָרנט צעפּ.

דאָס, וואָס זי האָט אים נישט געפרעגט, פאַרוואָס ער האָט זיך אַזוי לאַנג נישט געוויזן, האָט אים געערגערט, געזען, אַז ער איז זיך טועה, אַז רבקהלע קלערט גאָרנישט וועגן אים, אַנדערש וואָלט זי אפילו פון העפלעכקייט וועגן זיך געפרעגט וואָס מיט אים איז געווען. ער האָט דאָך מיט אַן אמת געקאָנט קראַנק זיין. ער איז איר ווילד פרעמד, וואַרט מסתמא, ער זאָל זיך וואָס גיכער אָפּטראָגן, און ער, שוטה, האָט זיך

איינגערעדט, אַז זי האָט אים ליב, אַז זי קוקט אויס די מינוט ער זאָל עס איר זאָגן, און איז נאָך מער ביי זיך געפאַלן.

און ווי אויף צו להכעיס האָט זי נאָך קיינמאָל אַזוי שיין נישט אויסגעזען ווי איצט. די אַראָפּגעלאָזטע שוואַרצע ברעמען האָבן זיך געצייכנט איבער די בלייכע באַקן, געקוקט אַזוי צוריקגעהאַלטן און אין דער זעלבער צייט דערמאָנט דעם פלאַטער פון אַ ווייס שפּיצל אַרום אַ מיידלשן האַלז, וואָס שימערט אַפּער אַ טונקל קלייד, פאַרשווינדט און רוימט איין, אַז דער רייץ פון קליידער ליגט אין דעם, מען זאָל זיי קענען אויסטאָן.

איז די געצנדינער דערווידער געוואָרן די פּרוי=גאָט מיט די פאַרשייטע אויגן, מיטן נאַקעטן בליק, וואָס קוקט יעדן גלייך אין פּנים אַריין, האָט קיין סודות נישט, האָבן זיי זי פאַרברענט, דאָס אַש צעשאָטן, ס'זאָל פון איר קיין זכר נישט בלייבן, געכאַפּט אַ שעמעוודיק יידיש מיידל מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, זי אַוועקגעשטעלט אין אַלע געבעטהייזער, אויף אַלע שייד=וועגן, זי געקרוינט פאַר אַ גאָט און שוין טויזנטער יאָרן ווי גויִשע טעכטער קניען פאַר איר, בעטן צו איר, טראָגן דאָס יידישע מיידל אויף די הערצער, און געבליבן זיינען זיי מיטן זעלבן נאַקעטן בליק, וואָס קוקט יעדן אַזוי פאַרשייט אין די אויגן.

דער געדאַנק איז מרדכין געפעלן געוואָרן, אים געוואָלט איבערגעבן רבקהלען, זיך דערמאָנט, אַז זי האָט אים אַזוי קאַלט אויפגענומען און אָפּגעמאַכט, אַז אויב זי בעט אים נישט זיצן, גייט ער גלייך אַוועק.

רבקהלע האָט דערפילט אַרום זיך אַ פרישקייט, וואָס האָט געשלאָגן פון זיין צעפלאַמט פּנים, פון די דורכגעקלעטערטע קליידער, אַ פרישקייט פון אַ פראָסטיקן ווינטער=טאָג. די פרישקייט האָט זי דורכגענומען, און אַלץ אין איר האָט שטאַרק געוואָלט זיך צוטוליען צו מרדכין, אַריינעטעמען דעם פראָסטיקן ריח, פילן דעם הויך, וואָס שלאָגט פון זיין מויל, פון די נאָז=לעכער, און אפילו פון די קליידער. זי האָט זיך איינגעטוליעט אין איר ווינטער=טוך און באַקוועם זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל פון דער אָטאָמאַנע.

— וואָס שטייט איר? איר איילט זיך?

— יאָ, כ'איל זיך.
— טאָ גייט!
דער פּאַרדרוס איז בײַ מרדכין מיט אַמאָל אַוועק. דאָס הייסן גיין האָט אים באַרויִקט. ר' איטשע האָט דאָך אים איבערגעגעבן, אַז זי האָט זיך געהאַלטן אין איין נאָכפרעגן אויף אים. ער האָט זי געוואָלט איבערבעטן און איז צוגעגאַנגען נענטער:
— רבקהלע איז בייז?
— איך בין ברוגז אויף איך.
— אויף מיר?
— יאָ.
— פאַרוואָס?
— ווײַל איר זײַנט אַ שלעכטער!
— איך?
— יאָ, איר.
— מיט וואָס?
— אַז מען איז קראַנק — לאָזט מען וויסן!
— איך בין נישט קראַנק געווען.
מרדכי האָט באַמערקט, ווי די אויגן זײַנען בײַ רבקהלען פאַרלאָפן, איז אים וואַרעם געוואָרן, געווען גליקלעך, וואָס ער געפינט זיך מיט איר אין איין צימער. ער איז געווען זיכער, אַז די שלעכטע מחשבות וועט ער בייקומען, אויסרייסן מיטן וואָרצל, זיך באַפרייען פון זיי. און וואָס לענגער ער איז געזעסן און געשוויגן, אַלץ זיכערער איז ער בײַ זיך געוואָרן, אַז ער האָט זי ליב, און געזוכט אַ געלעגנהייט ווי איר דאָס צו זאָגן. ער האָט אויפגעכאַפּט רבקהלעס צוריקגעהאַלטענעם בליק. זי האָט אים אַ ווײַלע אָנגעקוקט און צוריק אַראָפּגעלאָזט די אויגן. ער האָט זיך צוגעזעצט, ווי אַ שולדיקער אויסגעשטרעקט זײַן האַנט, זיך שטומערהייט עפּעס געבעטן, דערפילט רבקהלעס האַנט אין זײַנער, זיך אַ ציי געטאָן, געגלעט אירע טיפע, ווייכע האָר און געהאַט ס'געפיל, אַז דאָס זײַנען די ערשטע אַקאָרדן, וואָס ער נעמט, פאַרבײַגייענדיק, שטעלט דאַכט זיך אָן דעם טאָן, און די טענער, ווי פון זיך, האָבן זיך אַ הויב געטאָן, זיך גענומען פלעכטן אין אים, אַרום אים.

ער האָט געציטערט פון פרייד און פאַר די אויגן איז געוואָרן אַזוי נעפּלדיק.

— רבקהלע איז טאַקע ברוגז?

— וואָס שווייגט רבקהלע?

זי האָט אַרויסגענומען איר האַנט פון זיינער, זיך טיפער פאַררוקט אויף דער אָטאָמאַנע און חשק געהאַט זיך צו רייצן מיט אים.

— ווען איר ווייסט וווהין מיין טאַטעשי איז היינט געפאָרן?

— וווהין?

— טרעפט.

— געפאָרן אָנקוקן פאַר רבקהלען אַ חתן?

זי האָט אויפגעהויבן אַ ווייַלע די לענגלעכע ברעמען, געוואָלט עפּעס זאָגן און באַלד חרטה געהאַט. אין די אויגן איז געלעגן אַזאַ שטילער טרויער, אַז ביי מרדכין האָט פאַרפעלט אָטעם. ער איז געווען זיכער, אַז באַלד וועט עפּעס געשען, וואָס וועט אים מאַכן גליקלעך אויף אייביק.

— וואָס האָט רבקהלע געוואָלט זאָגן?

זי האָט נישט געענטפערט, פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט די הענט.

— רבקהלע וועט אויף מיין וואָרט זאָגן! — איז מרדכי צו איר צוגעשטאַנען און געוואָלט אַוועקנעמען די הענט פון איר פּנים.

ער האָט געקושט אירע האָר, געפילט איר קאָפּ אויף זיין אַקסל. זי האָט זיך נישט געווערט, בלויז איר אָטעם, וואָס האָט מרדכין געגלעט איבערן אויער, אויפגעוועקט יעדן נערוו, האָט דאַכט זיך איינגערוימט:

— כ׳האָב דיך ליב... כ׳האָב דיך ליב...

פון גרויס פרייד האָט ער זי אַרומגענומען, און ווי פון זיך, האָט עפּעס אַ צאַפּל געטאָן אין זיין נשמה, געווען פאַרדריסלעך, וואָס מ׳איז אים אַזוי לייכט אָנגעקומען.

קאַפּיטל 9

# תּפארת

מרדכי האָט געזוכט אין דער פינסטער דאָס טירל פון גאָרטן, עס נישט געקאָנט געפינען, איז ער אַריבערגעקראָכן דעם פּלויט, זיך גע־לאָזט מיט דער פאַרשנייטער לאָנקע, און זיך געחדושט, וואָס ס׳איז אַזוי גליטשיק. ער האָט נישט געפילט, ווי דער פראָסט קנייפּט, געשאַרט מיט די פיס ער זאָל נישט פאַלן און ס׳האָט אים ווי געטאָן, פאַרוואָס ער איז נישט גליקלעך. טיף אין אים האָט געהאַלטן אין איין בלעזלען זיך, אַז ס׳איז נישט דאָס, אַז ס׳האָט געדאַרפט זיין אַנדערש און די עטלעכע ווערטער, נאָך וועלכע ער האָט אַזוי געגאַרט, זיי געוואָלט הערן פון רבקעלעס מויל, די ווערטער האָבן אים איצט געשראָקן און ער האָט זיך נישט אויפגעהערט צו פרעגן — זאָל דאָס הייסן גליק? און וואָס מער ער האָט זיך פאַרטראַכט, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן דער פאַרדרוס, געגאַגט און דורכגעטריפט דורך יעדן ביין, וואָס רבקהלע האָט אים ליב און נישט פעליציע. ס׳האָט דאָך געקאָנט זיין פונקט פאַר־קערט. וואָלט ער דעמאָלט געווען גליקלעך?

ווער ווייס?

ווער?

אַ הויכער מאַן איינגעהילט אין אַ שמויסענעם פעלץ, אַז מען האָט ס׳פּנים נישט אַרויסגעזען, איז מרדכין אַנטקעגן געקומען און אים אָפּגעשטעלט:

— יונגערמאַן, פון וואַן גייט מען אַזוי שפּעט?

— איר דאַרפט עס וויסן?

— ביסט דאָך אַ חצוף אויך!

— נישט קיין גרעסערער פון אייך!

דאָס קול איז מרדכין געווען באַקאַנט. ער האָט געכאַפּט אַ קוק פון דער זייט, דערקענט דעם באָרוועסן ישראל און זיך געוווּנדערט, וווּהין ער גייט אַזוי שפּעט.

דער באָרוועסער ישראל האָט אַרויפגעלייגט אויף מרדכין א האַנט און זיך איינגעקוקט אים אין פּנים אַריין:

— אַה, דו ביסט עס! ער האָט שוין דיך אויך אַרייגעכאַפּט, דער פּושע ישראל?

— וואָס פאַרע פּושע־ישראל? אַז כ׳ווייס נישט וואָס איר רעדט?

— גייסט דאָך פון דניאלן?

— ניין.

— ווי דען ביסטו געווען אַזוי שפּעט?

מרדכי האָט אים געוואָלט זאָגן, אַז ס׳איז נישט זיין באַבעס דאגה, געפילט ווי דעם באָרוועסנס שוואַרצע אויגן נעמען אים דורך. האָט ער זיך פאַרלאָרן און אַרויסגעשטאַמלט:

— ווי כ׳בין געווען?

— דאָס פרעג איך דאָך?

— ביי ר׳ דודלען.

— ווי נאָך ביסטו געווען ביי ר׳ דודלען, אַז ער מיטן ווייב זיינען היינט גאָר אין קאָצק נישטאָ?

מרדכי האָט געהאַט פאַרדרוס, צו וואָס ער האָט זיך אויסגערעדט, און זיך נאָך מער פאַרלוירן. נו טאַקע, איז ער דאָס מחויב אָפּצוגעבן דין וחשבון דעם באָרוועסן ישראל? און איידער ער האָט צייט געהאַט עפּעס צו ענטפערן, האָבן די אויגן ביי ישראלן זיך צעפינקלט און ער האָט ווייטער גערעדט:

— און אַז מען גייט פון ר׳ דודלען דאַרף מען שפּרינגען איבער פּלויטן? זיי זיך מודה, אַז דו גייסט פון דניאלן!

— שוין מער ווי אַ וואָך, ווי כ׳האָב אים נישט געזען — האָט מרדכי זיך פאַרענטפערט ווי אַ שולדיקער.

— מיט אַן אמת?

— ווי כ׳בין אַ ייד!

— גלויב איך דיר! ביסט דאָך ר׳ איטשעס אַ תּלמיד!

— וועגן וואָס פרעגט איר דאָס אַלץ? — האָט מרדכי זיך אַ שטעל געטאָן אים אין וועג אַריין, ווי ער וואָלט אים געוואָלט פאַרהאַלטן און דער פּאַרדרוס, וואָס ער האָט זיך פאַרענטפערט פאַר אַ ווילד־פרעמדן, האָט אין אים אָנגעהויבן וואַקסן.

— קאַצק שלאָפט רויק, איבערגעגעבן די נשמות אין מענדעלעס רשות, מענדעלע — אין דודלס, דודל — אין שבתי־צביניקס — האָט ישראל כּמעט אויסגעשריען, אַרויסגענומען פון דער קעשענע אַ קורצן, טיפן ציבעק און מיט אים געטייטלט צום הויף — און דאָרט טוט מען איצט אָפּ מעשי־סדום! וואַי, וואַי, מענטשן זיינען טויב, מענטשן ווינען בּלינד, זעען נישט די „סטרא־אחרא״ פאַר זייערע אויגן, זעען נישט, ווי דער שבתי־צביניק לעבט מיט פרעמדע ווייבער! איך וועל אים עוקר מן השורש זיין, דעם פּושע־ישראל! זעסט דאָס ביסל אַש? — האָט ישראל גענומען קלאַפּן מיט צוויי פינגער אין ציבעק און אויסגע־שיט דאָס אַש זיך איבערן קאָפּ — אַזוי וועט ער ביי מיר פליען אויף אַלע פיר זייטן, ס'זאָל פון אים קיין שריד ופליט נישט בלייבן! אַזאַ קללה, אַזאַ קללה!

ישראל האָט אַ בלישטש געטאָן מיט די שוואַרצע אויגן, זיך איינ־געוויקלט אין שמויסנעם פעלץ און אַוועקגעגאַנגען אין אַ גוטע נאַכט.

מרדכי איז געבליבן שטיין אין איבעראַשטער פון דעם צוזאַמענ־טראַף און ס'איז אים קשה געוואָרן, וואָס ישראל טוט דאָ אַזוי שפּעט. ער האָט אים נאָכגעקוקט, געזען, ווי ישראלס הויכע עטוואָס געבויגענע פיגור וויגט זיך איבערן גליטשיקן פעלד, דאַכט זיך פאַלט, הויבט זיך און אין די אויערן קלינגט נאָך — וואַי, וואַי, ס'וועט נישט בלייבן קיין שריד ופליט — האָט מרדכין דורכגעשוידערט.

פאַר די אויגן האָט זיך געשפּינען ירושלים אַ באַלאַגערטע, מענטשן שלאָגן זיך מיט די לעצטע כּחות, פאַלן אין די גאַסן פון הונגער, ווילן זיך נישט איבערגעבן דעם שונא, און צווישן זיי דרייט זיך אַרום דער באַוואַקסענער נביא, הערט נישט אויף צו שיטן זאַלץ אויף די ווונדן, האַלט אין איין דערמאָנען, אַז אַ קללה הענגט איבער דער הייליקער שטאָט, איבערן בית־המקדש, קיין זאַך וועט נישט העלפן, ירושלים מוז חרוב ווערן.

מרדכי האָט נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס די אויסגעהונגערטע יידן האָבן נישט צעריסן דעם נביא אַ לעבעדיקן. זיך אַרומגעקוקט, דערזען, ווי ישראל בויגט אָפּ אַ ברעט פון אַ פּלויט, קריכט אַריין אין גאָרטן. מיט האַרצקלאַפּעניש האָט ער אים גענומען נאָכגיין. ער איז געגאַנגען שטיל, אויף די שפּיץ פינגער, און אַז ער איז צוגעקומען צום פּלויט און קיינעם נישט געזען, האָט ער געהאַט ס׳געפיל, ווי ער וואָלט עפּעס אָנגעוואָרן.

אַרום הויז האָט זיך באַוויגן אַ געשטאַלט, אויסגעוואַקסן איבער דניאלס פענסטער און אַריינגעקוקט דורך די שפּאַלטן פון לאָדן.

מרדכין איז געוואָרן אומהיימלעך, און ביי אים אין מח האָט זיך געפּלאָנטערט, אַז דער באָרוועסער ישראל גייט אונטערצינדן דעם הויף. ער האָט זיך דערמאָנט אָן רבקהלען, אָן ר׳ מענדעלען, אינסטינקטיוו צונויפגעקוועטשט אַ קויל שניי, זי אַ שיק געטאָן צום פענסטער און זיך באַהאַלטן. דאָס געשטאַלט האָט זיך אויסגעדרייט, געקוקט פון וואַנען די קויל איז געקומען און פאַרשוווּנדן.

מרדכי האָט זיך געלאָזט צום פענסטער. דער שניי, וואָס האָט זיך געשמאָלצן ביי טאָג, געטריפט פון די ביימער, האָט מיטן אוונט גענומען פרירן, איבערגעצויגן די ביימער מיט אייז, האָבן זיי אויסגעזען ווי פון דורכזיכטיק גלאָז.

פונם פאַרמאַכטן לאָדן האָט זיך געצויגן אַ שטראַל, געפאַלן צווישן די ביימער, זיך צעבראָכן אָן די געפרוירענע פריזמעס, האָבן שטיקלעך רעגנבויגן זיך געצינדן און פאַר די אויגן האָט געפינטלט מיט גרין, בלוי און פיאָלעט.

מרדכי איז געבליבן שטיין ביים פאַרמאַכטן לאָדן, דערקענט דניאל אייבשיצס שטימע און איז אַריין אין פינסטערן פעדערהויז. ער האָט אַ שפּאַר געטאָן אַ טיר, ס׳איז געווען פאַרמאַכט. ער האָט שטאַרקער אַ שפּאַר געטאָן, האָט דער קייטל נאָכגעלאָזט. קיינער האָט זיך נישט אומגעקוקט ווי ער איז אַריין.

דושקה אַ האַלב נאַקעטע מיטן שטערן־טיכל פון גראַנאַטן איז געזעסן אין מיטן צימער, אַרום איר אין אַ ראָד האָבן חסידים מיט ווייבער זיך געהאַלטן פאַר די הענט. די קעפּ פאַרוואָרפן, די אויגן

פאַרמאַכט, און ווען נישט די פיס, וואָס האָבן זיך געשאַרט, וואָלט מען געקענט מיינען, אַז פון גרויס דבקות איז זיי באַפאַלן אַ דרעמל.

אין אַ ווינקל איז געשטאַנען אַ נידעריק יידל, זיך געשלאָגן קאָפּ אָן וואַנט, זיך אויסגעשמירט מיט בלוט, וואָס איז בײַ אים גערונען פון דער נאָז, פון שטערן און מיט אַ וויינענדיק קול שטיל גערופן:

— טאַטע, טאַטע, אוי, טאַ־טע!

צוויי ווייבלעך האָבן זיך געהאַלטן פאַר די הענט, זיך געדרייט גיך, גיכער, אַז זייערע קליידער האָבן זיך צעבלאָזן, ווי צעעפנטע שירעמס, זיך געוואָרפן איינע דער צווייטער אין די אָרעמס, אויסגעמאַטערטע זיך אַראָפּגעלאָזט און אַזוי געבליבן ליגן אויף דער פּאָדלאָגע.

אויף אַ ווייכע אָטאָמאַנע איז געזעסן טעמרעלע, ר׳ מענדעלעס שוועגערן פון וואַרשע. זי איז געזעסן פאַררוקט אין אַ ווינקל, די פיס אונטער זיך, די לויזע זיידענע קליידער זיינען געפאַלן אין ווייכע ליגעץ, זיך געפאַלדעוועט אַרום די קניען. זי האָט אַראָפּגענומען די פּערל פון האַלז, זיך געשפּילט מיט די בייטשלעך, געקלימפּערט, ווי זי וואָלט עמעצן געוואָלט אָפּטאָן אַ כשוף.

דושקה האָט פון דער זייט געקוקט אויף טעמרען, און יעדעס מאָל, ווען דניאל איז אויסגעוואַקסן לעבן דער אָטאָמאַנע, האָט זי אומבאַהאָלפן אַ קרים געטאָן מיטן מויל, ווי אַ קינד, ווען ס׳האַלט זיך ביים פאַנאַנ־דערוויינען, אים אַ רוף געטאָן, עפּעס איינגערוימט און מיט נצחון גע־קוקט, ווי טעמרע קלימפּערט מיט די בייטשלעך פּערל.

דניאל, אַ הויכער, מיט זייער שמאָלע פּלייצעס, ווי ביי אַן איבער־געוואָקסן בחורל, איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט ביי אַ שטענדער. דאָס שיינע, בלייכע פּנים, ווי מען וואָלט ביז צו אַ טראָפּן בלוט פון דאָרט אָפּגעצאַפּט, האָט אויסגעזען זייער מיד. ער האָט נישט געוווּסט וואָס מען וויל פון אים, נישט פאַרשטאַנען, צו וואָס מען קומט זיך נאָך האַלבע נאַכט צונויף, זיך געחדושט, צו וואָס נחמן זאָגט אין זיין נאָמען פאַרן עולם תורה, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געזאָגט, געליטן, וואָס ער קאָן זיך נישט באַפרייען אויף אַ רגע פון טעמרעלען און אין דער זעלבער צייט וואָלט ער אַלץ מוחל געווען, ווען ער קאָן מיט איר בלייבן אַליין.

נחמן, אַ רויטער, מיט אַ פייערדיקע באָרד האָט געזאָגט תורה אין דניאלס נאָמען. ער האָט גערעדט גיך, אָפּגעהאַקט, מיט אַזאַ זיכערקייט,

אָפּט אַנטשוויגן געוואָרן, און זיין בליק איז געפֿאַלן איבער אַלעמענס קעפּ, ווי ער וואָלט געזען זאַכן, וואָס דער אַרומיקער עולם זעט נישט. די אויגן האָבן ביי אים געברענט, די באָרד — געפֿלאַקערט און כאָטש ער האָט פֿאַרדרייט יעדן פּסוק, האָט זיך געפֿילט, אַז ער שטייט העכער פֿון די אַרומיקע לומדים, און כמעט יעדער, מיט וועמען ער איז נאָר געקומען אין באַרירונג, איז שוין געבליבן אונטער זיין השפּעה.

דער עולם האָט אויפֿגעהערט טאַנצן, זיך געקליבן אַרום דניאלן, געשלונגען נחמנס ווערטער. אַן עלטערער ייד האָט זיך יעדע ווײַלע איבערגעקוליעט, געוויזן דערמיט, אַז אין דניאלס געגנוואָרט דאַרף יע־דערער ווערן שטויב, דניאל זאָל האָבן אויף וואָס צו טרעטן. און וואָס שנעלער נחמן האָט גערעדט, אַלץ שטילער און סודותדיקער איז געוואָרן אַרום. די היץ, וואָס האָט געשלאָגן פֿון אויוון, האָט גערויטלט די באַקן, צעוואַרעמט די גלידער, איז דער עולם נישט איינגעשטאַנען, זיך געשטעלט פֿון איין פֿוס אויפֿן צווייטן.

אַ ווייבל האָט זיך אַזוי שטאַרק אײַנגעקוקט אין דעם בלייכן דניאל, אַז זי האָט אַזש פֿאַרזשמורעט די אויגן, עטוואָס צעעפֿנט ס׳מויל און די דאַרע פֿאַררויטלטע באַקן האָבן געעטעמט מיט עונג. זי האָט מיט אַמאָל אַ שטעק אויסגעטאָן די הענט, ווי זי וואָלט עמעצן געוואָלט איבערגעוואָלט פֿאַרהאַלטן, זיך געקאָרטשעט אין דרייען, אַרויסגעלאָזט אַ קרעכץ און ווי ס׳וואָלט איר מיט אַמאָל נישט גוט געוואָרן, האָט זי זיך אָנגעכאַפּט אָן דער וואַנט, באַהאַלטן ס׳פּנים און די הענט און זיך דערפֿילט זינדיק.

קיינער האָט נישט באַמערקט, ווי דושקה איז געבליבן זיצן איינע אַליין אין מיטן צימער, אַ פֿאַרלאָזענע. זי האָט זיך מער נישט איינגע־קוקט אין טעמרעלען, וועלכע דער עולם האָט פֿאַרשטעלט. מיט פֿאַר־מאַכטע אויגן האָט זי זיך איינגעהערט, וואָס נחמן זאָגט, געהערט ווי אַ רויט, פֿייערדיק קויל וויקלט זיך אַרום איר, וואַרעמט און גלעט איבער די אויגן־לעפֿלעך:

„— — — דער מענטש ליבט דעם בורא לויט דער מדרגה, ווי ער איז אים משיג. און אַזוי ווי דעם מענטשנס שכל האָט אַ גבול, איז ער

ניט ביכולת צו דערגרייכן די מדרגה פון עבודת-הבורא. דען מישטיינס געזאָגט, ווי ווייט קאָן אַ בשר-ודם אַוועק מיטן שכל..."

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— מיטן שכל? האַ? מיטן שכל? וואָס וויל מען פון איר? — האָט דושקה דערפילט, ווי אַ משא לייגט זיך איבער איר, געזען, ווי די אַרומיקע דערווייטערן זיך, ווערן נישט, און איבערן חלל וויקלען זיך קאָלירן איינע איבער דער אַנדערער, איינע אין דער אַנדערער, טראָגן זיך מיט געזאַנג און אַ שאַרפער ריח, ווי פון בלומען, נעמט זיך שפּרייטן. דער ריח ווערט שאַרפער, געדיכטער, מאַכט שנעלער קלאַפּן דאָס בלוט. די קאָלירן ווערן דינער, דינער, ציען זיך העכער און העכער, פּלאַצן, און פון די שפּאַלטן הויבן זיך פייערדיקע בלומען מיט צעעפנטע בעכערלעך, זינגען שטיל און האַרציק, ציען זיך צו דער לבנה אויף הויכע, דינע שטענגלעך און צווישן די שטענגלעך שוועבן דניאל מיט טעמרען, פליען פון אַ בלום צו אַ בלום. די בלומען בויגן זייערע קעפּלעך, פאַרמאַכן די בעכערלעך און האַלב פאַרטריקנטע, קראַנקע, האַלטן זיי זיך קוים, קרעכצן און איבער זיי טראָגט זיך אַ פייערדיק געזאַנג. דניאל פאַרשווינדט מיט טעמרעלען. — וואָס? נחמן זאָגט נאָך?

„— — — דינען און ליבן דעם רבונו-של-עולם קאָן מען נאָר דורך „אהבה". אום צו דערגרייכן די העכסטע מדרגה פון „אהבה" מוז מען פריער קומען צו „עלית-נשמה", זיך אין גאַנצן אויסטאָן פון גשמיות, זיך פילן אַ שותף צום בורא און דאָס קאָן מען נאָר דערגרייכן דורך „רזי-דאהבה" און „הזדוגות". יאָ, הזדוגות! אויף דער וועלט צווישן זכר און נקבה און אויף יענער וועלט מיט „תפארת" — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— זכר און נקבה? זי האָט פיינט זכרים! אַזעלכע שווערע, באַוואַקסענע, בערדיקע, און די בערד שטעכן, קריכן איבערן לייב... בררר! וואָס קוקט ער אויף איר. אַזוי? וואָס קוקן זיי? אַזויפיל גייציקע אויגן! און נחמן? זיין רויטע באָרד ווערט גרעסער, גרעסער, צעגיסט זיך אין אַ טייך, אַ פייערדיקן טייך... איר ווילט קוקן? כאַ, כאַ, כאַ! באַלד, באַלד, אַ פריער אין פייער אַריין. אין פייער! קיין איינציקער זאָל נישט בלייבן! אַצינד קוקט! קוקט, ווי כ'וואַרף אַראָפּ די קליידער, עפנט אייערע גייציקע אויגן, ס'ברענט? כאַ, כאַ, כאַ, איר האָט דאָך

געוואָלט קוקן! קוקט, קוקט! אָט איז דניאל! ווי ער קאָרטשעט זיך אין די פלאַמען? דניאל! דני־אל! — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דושקה האָט צעעפנט די אויגן, קאַלטע אַנגסטן האָבן געשלאָגן פון איר לייב. דניאל איז געשטאַנען לעבן איר, געגלעט איר שטערן און זי באַרויקט:

— גיי, שפּאַר זיך צו, ביסט אויסגעמאַטערט.

ער האָט זי אָנגענומען פאַר אַ האַנט, און איז מיט איר אַרויס פון צימער.

בשעת דניאל איז צוריק אַריין און דער עולם איז נאָך געשטאַנען אַ פאַרגאַפטער אַרום נחמנען, האָט טעמרעלע זיך לייכט אַראָפּגעשאַרט פון דער אָטאָמאַנע, געקלימפּערט מיט די בייטשלעך פערל און זיך גע־לאָזט טאַנצן פאַר דניאלן. דער עולם האָט זיך מער נישט איינגעהערט, געקוקט, ווי טעמרעלע וואַרפט פויל אַפער הענט, פיס, בויגט זיך, און אירע אויגן, גרויסע, שוואַרצע אויגן לאָזן נישט איינשטיין, ציען יעדן איינעם אַריין אין טאַנץ. די באַוועגונגען ווערן ראַשער, ווילדער, די ווייסע ציין שאַרפער, די אויגן שפּריצן פייער, בייזערן זיך, לאַכן, איז דער עולם מער נישט איינגעשטאַנען, געוואָרן מיטגעריסן, זיך געכאַפּט פאַר די הענט, אַריינגעכאַפּט מרדכין, אַרומגערינגלט דניאלן מיט טעמ־רעלען און זיך פאַרגעסן.

מרדכי האָט זיך מיטגעשאַרט, ווי אַן איבעריקע זאַך, געזען ווי הענט פלאָנטערן זיך פאַנאַנדער, די קנויל צעוויקלט זיך, פּאָרלעך שטייען אָפּ, בלייבן ליגן אין די ווינקלען. האָט אים אַזאַ שרעק אַרומגענומען, אַז ער האָט זיך געמוזט צוזעצן. די ליכט האָבן זיך איינציקווייז גע־לאָשן. ס׳איז געוואָרן פינסטער. באַלד איז די פינסטערניש געוואָרן שוואַכער און פון אַלע ווינקלען האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסצושיילן געשטאַלטן. דורך אַן אָפענעם לאָדן האָט אַ פולע, קאַלטע לבנה אַריינ־געקוקט. אַ פאַרשלייערט געשטאַלט איז אויסגעוואַקסן, זיך געזעצט אויף מרדכיס קניען און אים אַרומגענומען:

— אויב ס׳איז אייך נישט באַקוועם, זאָגט, גיי איך גלייך אַראָפּ!

מרדכי האָט געשוויגן, זיך געוווּנדערט, וואָס ער האָט קיינע ביינע מחשבות און כאָטש ס'הארץ האָט אים געזאָגט ווער דאָס איז, האָט ער פונדעסטוועגן מורא געהאַט אויפצוהויבן דעם שלייער.

פון דער פינסטערניש האָבן זיך געהערט פאַרשטיקטע אָפּגעהאַקטע אויסגעשרייען, און איבער זיי האָט זיך געטראָגן דאָס שטילע וויינען פון דעם ייד, וואָס האָט זיך געשלאָגן קאָפּ אָן וואַנט:

— טאַטע, אוי טאַטע, אוי טאַ-טע!

אין דער טיר איז געשטאַנען דושקה אין אַ ווייס נאַכט-העמד אי-בער די קנעכלעך. זי האָט געקוקט מיט אָפענע אויגן און גאָרנישט גע-זען. דער אַרומגעשוירענער קאָפּ-האָר, די דינע פיס האָבן דערמאָנט אַ יונג-בחורל. זי איז געשטאַנען אַ ווײַלע, זיך אַ ציִ געטאָן צו דער לבנה און פאַרמאַכט די אויגן. דושקה האָט זיך געלאָזט איבערן צימער. אויסגעמיטן שטולן, מענטשן און זיך אָפּגעשטעלט ביי דער אָטאָמאַנע. ס'י האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט, ווי זי וואָלט עמעצן געוואָלט אָנרירן, זיך ווידער אַ ציִ געטאָן צו דער לבנה, זיך צעהעשעט, שטיל, ווי אַ וויינענדיק קינד, ווען ס'האַלט ביים איינשלאָפן, און איז אַרויס פון צימער מיטן זעלבן וועג דורך וועלכן זי איז אַריינגעקומען.

אַ גרויסער צער האָט מרדכין אַרומגענומען, געשטאַנען צווישן אים און דעם אַרומיקן עולם, ווי אַ מחיצה, איינגעזאַפּט יעדן פאַרלאַנג, נישט געטראַכט, אַז ביי אים אויף די קניען זיצט אַ פרוי און אַ פאַר-ווייטאָקטע וואַרעמקייט פון אַ יונגן פאָטער, וואָס האָלט זיין קראַנק קינד אויף דער שויס, האָט זיך געוועקט אין אים. די פרוי האָט גע-וויינט. און אין דעם וויינען האָט זיך געהערט דער גלגול פון אַ ניגון, וואָס האָט דערמאָנט אָן אַלטע שולן, בתי-מדרשים, ווו דורות יידן זיי-בען געזעסן אין די זאָקן און נאַס געמאַכט די „קינות" מיט טרערן —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

פון דרויסן האָבן זיך געטראָגן קולות. די קולות זיינען געקומען פון אַלע זייטן:

— אַזאַ נבלה!

— אַזאַ נבלה!

— מיט פרעמדע ווייבער!

— און אונטער דעם רבינס דאַך!

— מען דאַרף זיי עוקר מן השורש זיין!
— נישט לאָזן קיין שריד ופליט!
— שבתי־צביניקעס!
— אמתע שבתי־צביניקעס!
— גייט אין זיידעס דרכים, דער תּכשיט!
— וואָס פאַרע תּכשיט?
— דניאל.
— שטאַמט דאָך פון די אייבשיצעס!
— ביסט נישט ווערט צו נעמען ר׳ יונתנס נאָמען אין מויל אַריין, שייגעץ דו!
— ווער איז דאָס דער צדיק אין פעלץ?
— מען זאָגט דעם ליפנער שוחטס ווייב איז דאָרט?
— און ר׳ לייבוש פאַרצעווערס אויך!
— אַז אין אַלעם איז שולדיק דער געלער־רמאי!
— נחמנען מיינסטו?
— און איך זאָג, אַז אין אַלעם איז שולדיק די חצופה!
— וואָס פאַרע?
— טעמרעלע!
— די וואַרשעווערן?

מרדכי האָט זיך אַרומגעזען, אַז ס׳איז צו שפעט צו אַנטלויפן, מען קאָן דערהרגעט ווערן, איז ער אַ גלייכגילטיקער געבליבן שטיין, געוואַרט דער המון זאָל זיך אַריינרייסן.

— גיט אונז אַרויס נחמנען — האָט עמעצער אַריינגעשריען דורכן פאַרמאַכטן פענסטער.

— און דניאלן!
— דעם פּושע־ישראל!
— וועט מען אייך נישט טשעפּען!
— דניאלישי קרוין, באַהאַלט זיך — איז דושקה אָן איבערגעטראָגן, איינגעהילט אין מאַנס פוטער, צו אים צוגעשטאַנען.
— זיי קאָנען דיר, כ׳ווייס וואָס טאָן! כ׳בעט דיך, דניאל, דורכן קעלער קאָן מען אַריבער צום זיידעשי... וואָס וואַרטסטו?

אַ צעטומלטער, אָן אַ מראה אין פּנים, איז דניאל געשטאַנען, געוואַרט אַ האַנט זאָל אים אָננעמען, וועט ער גיין וווּהין מען וועט אים פירן. נחמן איז אויסגעוואַקסן.

— רבי, פאַרלאָז אונז נישט!

דאָס איז געגנוג געווען. דער צעשראָקענער דניאל האָט זיך אויסגעגלייכט, נישט געהייסן אָנצינדן קיין ליכט, פאַרשפּאַרט טיר און פענסטער, געגעבן יעדן איינעם, וואָס ס׳איז אים געקומען אונטער דער האַנט צו פאַרטיידיקן זיך.

דער המון אין דרויסן האָט גענומען האַקן שויבן. די ווייבער אומבאַהאָלפענע האָבן געבראָכן די הענט און געוויינט. ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט און דער דרויסיקער עולם האָט אויפגעבראָכן די טיר, די פענסטער, זיך גענומען שפּאַרן פון אַלע זייטן און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשלעג.

אין טומל האָט מרדכי זיך אַרויסגערוקט. ער האָט דורכגעקרייצט דעם גאָרטן, אַריבער דעם פּלויט און זיך געלאָזט מיטן וויעפּש.

ס׳איז אים קלאָר געוואָרן, אַז חסידות גוססט, געזען ווי אַ וועלט מיט יידן טרינקען זיך און ס׳איז גענוג אַ האַלב־נאַקעטע דושקה, אַ פאַרשייטע טעמרע זיי, זאָלן זיך פאַרגעסן. אויב ס׳איז אמת, אַז די צייט וועט ברענגען משיחן, האָט ער דאָך שוין לאַנג געדאַרפט זיין? יעדער טאָג פון גלות איז דאָך געווען און איז ראוי אים אויפצונעמען? און ווער ווייס? מעגלעך, אַז משיח דאַרף קומען פון זיך, איז שוין צווישן אונז, דאַרף מיט זיין השפּעה אַוועקנעמען דאָס עקרשאַפט פון מיליאָנען מענטשן, וועלן זיי אים דערקענען?

מעגלעך...

וואָס ווייטער מרדכי איז געגאַנגען מיטן פעלד, אַלץ אויפגערוימטער איז ער געוואָרן, פאַרגעסן, אַז ס׳איז נאַכט, געטובלט און געהייליקט אין זיך אַ ניי וואָרט, וואָס האָט זיך געטראָגן פון דער ווייט, פון דער ברייט, שטום אַרויסגעזונגען פון דער ווייס פאַרשנייטער ערד, פון די נאַקעטע ביימער, וואָס זיינען געווען באַצויגן און באַהאָנגען מיט אייז, ווי מיט קרישטאָל פון מיליאָנען שטערן און געפילט, ווי פעדים פון ווייטע וועלטן קומען זיי ביי אים אין האַרצן צונויף.

דער הימל האָט זיך געהילט אין פלאַמען, זיך געשפרייט איבערן פעלד„ איבערן וואַלד ווי אַ העל-רויטער שלייער. מרדכי האָט זיך אָפּגעשטעלט, זיך דערמאָנט אָן רבקהלען, אָן ר' מענדעלען, געווען זיכער, אַז דער „הויף" ברענט, געשטאַנען אַ ווײַלע, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אומקערן, און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— לאָז ברענען!

די צווייגן באַדעקט מיט אייז האָבן זיך געצונדן אונטער די פלאַמען, זיך געשפיגלט אין די קרישטאָלענע פריזמען, אין די גלעזערנע שטאַמען, האָבן זיך דאָ באַוויזן פייגל מיט וויוויערקעס, דאָרט הירשן מיט האָזן, אַפּערגעקוקט פון הינטער יעדן בוים, אַראָפּגעקוקט פון יעדער צווייג, פון יעדער קאַרפּע.

מרדכי איז געשטאַנען אין אַ פאַרכשופטער וועלט. ער האָט צעקנעפּלט אויף זיך די קליידער, אַראָפּגעכאַפּט דאָס קאַראַקולענע היטל, דערפילט אונטער זיינע פיס דאָס אַש פון ברענענדע „הויפן", פון דורות, און זיך מיט אַמאָל אויסגעצויגן ווי גרויס ער איז געווען אין שנייאַריין.

אַ צעפלאַמטער הימל האָט זיך געשפרייט איבער אים, זיך אַראָפּגעלאָזט, אים אַרומגענומען מיט נישט אַ דאָיקער רויקייט. ספקות זיינען צעשוומען, נישט געוואָרן צווישן הימל און ערד, האָט אים אַזאַ פרייד אַרומגענומען, אַז ער איז אויפגעשפּרונגען אַ פרישער און זיך געלאָזט אַ זיכערער איבערן פאַרשנייטן פעלד.

## קאַפּיטל 10

# שלמה מולכו

צווײ בײַ נאַכט איז מרדכי אַהײמגעקומען. ער איז שטיל אַרײַן צו זיך אין צימער, נישט אָנגעצונדן קײן ליכט, זיך גענומען אויסטאָן און אַזוי געבליבן זיצן אויפֿן בעט. פּאַסירונגען אָן אַ צוזאַמענהאַנג האָבן זיך פֿאַרבײַגעטראָגן, אויפֿגעבליצט און זיך געלאָשן בײַ אים אין האַרצן, ווי שטערן. ער האָט זיך דערמאָנט אָן פֿאָטער, ווי ער זיצט אַ האַלב אויסגעטאָנענער אויפֿן בעט, לײענט „קריאת-שמע", און די מוטער זיצט קעגנאיבער אַ פֿאַרווײנטע. אַ שטילער פּײַן האָט מרדכין גענאָגט. ער איז צוגעגאַנגען צום פֿענסטער. פֿאַרשנײטע פֿעלדער האָבן זיך געשפּרײט, שטערן, ווי אַרײַנגעזעצטע אויגן, האָבן זיך קײן ריר געטאָן, גלײַכגילטיקע אַראָפּגעקוקט, ווי נעכטן, ווי אײערנעכטן, ווי פֿאַראײאָרן. ער האָט זיך בעסער אײַנגעקוקט, דערזען צווישן די שטערן גרעסערע, פֿינקלדיקע, דערזען קלענערע, גאָר קלײנע, פֿאַרזשמורעט עטוואָס די אויגן, האָבן זילבערנע שטויבעלעך זיך גענומען פֿלעכטן ווי פֿעדים איבער די שטערן, זיך געצויגן צו אים.

מרדכין האָט אַזאַ בענקעניש אַרומגענומען נאָך אַ מענטש, אַז ער וואָלט זיך יעדן אײנעם געוואָרפֿן אין די אָרעמס און זיך פֿאַר אים מתודה געווען. ער איז מיט אַמאָל צוגעגאַנגען צום קאַכל-אויוון, אַרויסגענומען אַש, זיך געשיט אויפֿן אָרט, ווו מען לײגט דעם של-ראש, זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד בײַ דער טיר און אָן ווערטער האָט זיך פֿון אים געריסן דער זעלבער װײנענדיקער ניגון, וואָס ער האָט ייִנגל=

זוייז געהערט פון זיין זיידן, ווען יענער האָט אָפּגערעכט „חצות“. ער האָט זיך נישט געפרעגט צו וואָס ער טוט עס, זיך נישט געחדושט, וואָס ער, מרדכי, דאַוונט שוין חדשים נישט, און מיט אַמאָל האָט ער זיך גענומען אָפּרעכטן „חצות“. עס האָט זיך אים געוואָלט וויינען, און אָפּגיסנדיק זיך מיט טרערן, האָט ער זיך אַפילו נישט געפרעגט פון וואַנען ער קען „תקוני־זוהר“ אויף אויסווייניק און געהאַט ס'געפיל פון איינעם, וואָס זאָגט אין חלום אַ בלאַט גמרא, וועלכן ער האָט קיינמאָל נישט געלערנט, רעדט אויף אַ שפּראַך, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געהערט. און וואָס לענגער מרדכי האָט געזאָגט „תקוני־זוהר“ אַלץ שטאַרקער האָט ער געוויינט, געוויינט פון חדוה, וואָס זיין האַרץ רייניקט זיך, געצאַפּלט פון פרייד, דערפילט אַ שייכות צו די שטערן, וואָס האָבן אַריינגעפינקלט פון אומבאַקאַנטע וועלטן, איז די פרייד געוואָרן אַזוי גרויס, געקוואָלן פון יעדן אבר, זיך איבערגעגאָסן, און די ליפּן האָבן געטריפט:

— אַלע זיינען גערעכט, אַלע! ר' מענדעלע, ר' איטשע, דער באָרוועסער ישראל! אַלע זיינען גערעכט, אַלע! דניאל, דושקה, טעמרע! אַלע, אַלע — פעליציע, קאָמאַראָווסקי, קאהאנע... אַלע, אַל־לע — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מרדכי האָט זיך שטאַרקער צעוויגט, אויפגעהערט זאָגן, זיך דערמאָנט, אַז „תקוני־זוהר“ זאָגט מען ביי אַ רבינס פּטירה, זיך פאַרטראַכט און אַ מידער אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן וואַנט.

— וואָס טוט זיך דאָ? וואָס טוט זיך? וואָס רייסן זיך אַלע קריעה? דער רבי איז נסתלק געוואָרן? אַזוי... אָט ליגט ער! ר' איטשע שטייט ביי דער טיר און זאָגט „תקוני־זוהר“. דער רבי ליגט צוגעדעקט מיט זיין ווייסער זיידענער קאַפּאָטע. אַזוי פיל ליכט! אַזוי פיל מענטשן! די ווענט רוקן זיך פאַנאַנדער. . . וואָס ליגט ער עפּעס אויף דער מטה? ווער איז דאָס? דער באָרוועסער ישראל? וואַרפט אים אַרויס! וואַרפט אים אַרויס! קיין האַנט הויבט זיך נישט. דער באָרוועסער ישראל גייט צו צום רבין:

— קאָצקער רבי, טו תשובה!

דער רבי, איינגעוויקלט אין דער ווייסער זיידענער קאַפּאָטע, שטעלט זיך אויף. אַלע צעלויפן זיך, די ווענט נאָך זיי. דאָס צימער ווערט גרעסער, גרעסער, ווערט בלויז חלל און אין מיטן חלל שטייט

מרדכי אַ פאַרלוירענער. דער רבי נעמט אים אָן פאַר אַ האַנט, רעדט קיין וואָרט נישט, שטעלט טריט, דראָבנע טריט, קרעכצט און רירט זיך נישט פון אָרט. מרדכי ציטערט, קוקט זיך אַרום — זיי שטייען ביי אַ הייל. אַ בת־קול, ווי דאָס בלאָזן פון אַ שופר, טרייסלט אויף די לופט:

— יוסף קאַרו! יוסף קאַרו!

דער שטיין, וואָס האָט פאַרשטעלט דעם אַריינגאַנג אין דער הייל, האָט זיך אַוועקגעקייקלט, און אַן אויסגעדאַרטער מענטש, אָן אַ העמד, וואָס זאָל צודעקן זיין נאַקעט לייב, בלויז אַ גאַרטל פון בלעטער אַרום די לענדן, איז געזעסן אין דעם אַריינגאַנג און געלערנט. דער נאַקעטער מענטש האָט זיך צומאָל נישט אומגעקוקט, ווייטער געלערנט, מסביר געווען עמעצן אַן ענין, כאָטש אין הייל האָט מען קיינעם נישט געזען. ער האָט אויפגעציטערט פון מאָל צו מאָל, ווי די פרעמדע בליקן וואָלטן אים געשטערט.

אַ באַוואַקסן פאַרזעעניש מיט אַ מוראדיק פנים, ווי ביי אַן אויס־טערלישע חיה, איז אַרויסגעקראָכן פון דער פינסטערער הייל און מרדכין שטיל באַגריסט:

— וואָס ציטערסטו? דאַרפסט זיך נישט שרעקן, איך בין יוסף קאַרוס „מגיד״. געוווּן זיך איין צו קוקן מיר אין די אויגן, וועסט דאָרט געפונען אַן אָפּגלאַנץ פון דעם, וואָס הייסט „רחום וחנון״. נאַ, דאָ האָסטו אַ פעקל מיט עסן, לאָז זיך אין וועג אַריין, קאָצק איז פאַר דיר קיין פלאַץ נישט, גיי נאָך מזרח, גיי נאָך מעריב, גיי נאָך צפון, גיי נאָך דרום, לאָז דיך אין דער גרויסער וועלט אַריין, צווישן מענטשן, און אַז אַלע וועגן וועלן דיר קלאָר ווערן, אַלע מענטשן — נאָענט, דעמאָלט בלייב שטיין ביי די טויערן פון רוים. און אַז ס׳וועט אויף דיר קומען אַן עת־צרה — האָט דאָס פאַרזעעניש זיך צוגעבויגן צו מרדכין, אים אַ ווײַלע אָנגעקוקט, איז מרדכין קשה געוואָרן, ווי נאָך האָט אים גאָר געקאָנט איינפאַלן אַ רגע צוריק, אַז דעם „מגידס״ צעשטראָלט פנים איז מיאוס — און אַז ס׳וועט אויף דיר קומען אַן עת־צרה — האָט דער „מגיד״ איבערגעחזרט, און שטיל עפּעס איינגערוימט מרדכין אויפן אויער — וועסטו מיט דעם דאָזיקן „יחוד״ מיך תמיד קאָנען אַרויפרופן. גיי און זיי מצליח!

מרדכי האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין, געגאַנגען טעג, נעכט, דורכגעגאַנגען שטעט, מדינות, ווו ער האָט אַפילו ס׳לשון נישט פאַר־שטאַנען. די קליידער האָבן אָנגעהויבן אויף אים פאַנאַנדערפאַלן, פון די שיך איז קיין זכר געבליבן און וואָס שטאַרקער ער האָט געוואָלט אַרויסטרייבן פון האַרצן דעם יאוש, אַלץ טיפער האָט ער זיך צו אים פאַרקליבן. אַ הונגעריקער, אַ דורשטיקער האָט ער זיך גע־שלעפט איבער אַ וויסטן געגנט, געזוכט צווישן די שטיינער אַ וואַ־סערל, ווי אַ טרונק צו טאָן. פון אונטער אַ גרויסן שטיין איז אַרויסגע־רונען אַ שנירל וואַסער, געפאַלן מיט אַ רויש, זיך געשלענגלט צווישן צווייגן און בלעטער, מרדכי האָט זיך געלאָזט נאָכן רויש, דערזען אַ רייטער אויף אַ צוגאָווע פערד און גענומען גיין שנעלער.

— ווער איז דאָס ? אַ באַקאַנט פנים . . . אה, ס׳איז דאָך קאַהאַ־נע ! . . .

— גוט, גוט מרדכי, זעץ דיך אויף מיין פערד, טו אָן מיינע קליידער און פאָר אין שטאָט אַריין !

פון צווישן די שטיינער האָט זיך געקייקלט אַ ווידער־קול, ווי ס׳וואָלט אַרויסגעקומען פון אַ הייל :

והיכא יתיב ? — און ווו זיצט ע ר ?

אפיתחא דקרתא ! — ביים טויער פון רוים !

ומאי סימניה ? — און וואָס איז זיין סימן ?

יתיב ביני עניי סובלי חלאים — ער זיצט צווישן אָרעמעלייט, וואָס ליידן פון קראַנקהייטן.

וכולן שרו ואסירו בחד זמנא — און אַלע בינדן זיי אויף און פאַרבינדן זייערע וווּנדן אין איין צייט.

איהו שרי חד ואסיר חד — ער בינדט אויף און פאַרבינדט יעדע וווּנד זיינע באַזונדער.

אמר — דלמא מבעינא, דלא איעכב — טראַכט זיך, טאָמער וועט מען אַ פאָדער טאָן, זאָל איך זיך נישט פאַרהאַלטן.

דאָס ווידערקול האָט זיך דריי מאָל איבערגעחזרט, אויף דריי פאַרשיידענע קולות, אויסגעניכטערט מרדכין פון דער מידקייט, פאַרטרי־בן דעם יאוש. ער איז אַרויף אויפן פערד, עס אַ טרייב געטאָן, דורכ־

גערטין טיטוסעס טויער, ווו ער האָט „מנחה״ געדאַווענט, און זיך אָפּגע־
שטעלט ביים ערשטן גויִישן גאַסט־הויז:

— בעל־הבית, כ׳בין אַ ריטער פון דעם הויז פּירעס, כ׳האָב אין
רוים אַ געליבטע, נאָך וועלכע כ׳גיי אויס און אירע עלטערן האַלטן זי
געפאַנגען, האָבן אַוועקגעשטעלט אַ שווערע וואַך און קיין ריטער טאָר
זיך נישט באַווייזן אַרום שלאָס, ווו זי געפינט זיך, בעט איך דיך,
בעל־הבית, נעם צו מיין פערד, מיינע קליידער, זוך אויף ביי דיר אין
שטאַל אַלטע טראַנטעס...

מרדכי האָט זיך איינגעהילט אין אַ זיידענעם דגל, ווו ס׳איז גע־
ווען אויסגעניייט מיט רויטן זייד — ממעמקים קראתיך אל — אַרויפגע־
וואָרפן אויף זיך די טראַנטעס און זיך געלאָזט צום בריק, וואָס איבער
דער טיבער.

הונדערטער קאַליקעס זיינען געזעסן אין שורות, געשלאָפן צעלייגט
אַרום די פאָרענטשעס. מענטשן אָן פיס, אָן הענט, אָן אויגן, האָבן זיך
געקריגט, געשאָלטן די גאַנצע וועלט, צעעפנט די ווונדן, זיי געוואַרעמט
אויף דער זון. און אַז ס׳איז אָנגעפאָרן אַ ריטער זיינען די קאַליקעס
שטיל געוואָרן, גענומען זאָגן אויפן קול „ברכה״, ציילנדיק די ברוינע
פאַטשערקעס אויף די לאַנגע בייטשן. די צעעפנטע ווונדן, די צעפוילטע
גלידער, דער חלל, ווו גלידער האָבן געדאַרפט זיין, אַלץ האָט זיך גע־
ריסן צום פאַרבייגייער נאָך אַ נדבה, אויסרעכענענדיק בשעת־מעשה די
נעמען פון די הייליקע.

צווישן די קאַליקעס איז געזעסן מרדכי. ער האָט געפלאָכטן זיינע
פאַטשערקעס. ווי רערן פון אַ מנורה, אַכט רערן אַרום דער רעכטער
האַנט, אַכט אַרום דער לינקער, נישט געזען ווי פון אַלע ווינקלען
רייסן זיך צו אים אויסגעוועבטע טויערן, שפיצן פון „טמאות״.

די שפיצן האָבן זיך גערוקט נענטער, געקומען פון אַלע עקן
שטאָט, דינע, דינערע, אויפגעטרייסלט די לופט מיט זייערע גלאָקן,
איינגעשלונגען, וואָס זיי האָבן אָנגעטראָפן אויפן וועג. מרדכי האָט גע־
האַלטן אין איין מתקן זיין דעם „ניצוץ־אלוה״, וואָס אין יעדער „טמאה״,
אים דערהויבן צו זיין שורש, מצרף געווען די „פונקען״ און פייערדיקע

אותיות זייבען אויסגעוואַקסן איבער די רערן, זיך געצונדן, זיך געלאָשן, זיך געשפּיגלט אין דעם שטילן טיבער, ווי אין אַ בריליאַנטענעם שפּיגל.



און אַז די׳ אותיות איבער די רערן האָבן זיך שטאַרקער צעפּלאַקערט, זיך געצויגן צום ליכט פון אין־סוף, ווי אַ קינד צו אַ מאַמע, געפּלאַטערט, ווי ווייס צעגליטע צונגען, זיך אויסגעבויגן, זיך צונויפגעקומען, די ערשטע רער מיט דער לעצטער, יעדע מיט איר חברטאָרן, דער אָנהויב מיטן סוף, דער סוף מיטן אָנהויב, דכר ונוקבא, פּונקט ווי דער פלאַם קומט זיך צונויף מיט דער קויל, דעמאָלט האָט זיך דערהערט אַ געוויין. דאָס האָט די „ה“ פון די ערשטע אַכט רערן, די „נון“ פון די צווייטע אַכט רערן זיך געריסן איינע צו דער אַנדערער, געיאָמערט פון בענקעניש און זיך קיינמאָל נישט געקאָנט צונויפקומען, ווייל די זכרים פון די ערשטע אַכט רערן האָבן זיך באַהאָפטן מיט די נקבות פון די צווייטע און די יניקה, וואָס זיי האָבן געצויגן, איז געקומען פון שורש, פון דער „ה“ און „נון“, אַריינגעשטראָמט אין יעדער רער באַזונדער, זיך צונויפגעגאָסן מיט זיי, געוואָרן איינס, ווי אַ מוטער ווערט איינס מיטן קינד, וואָס דאַרף געבוירן ווערן.

איבער די ווייס צעגליטע צונגען האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ שורה צוויי און צוואַנציק צעשוומענע אותיות, זיך אויסגעבויגן אין אַ פייערדיק ראָד, בלוי ווי סאַפּירשטיין, האָט מרדכי אַראָפּגעוואָרפן די שיך, פון גרויס שרעק געפאַלן מיטן פּנים צו דער ערד און עטלעכע מאָל איבערגעחזרט—מחשבה, דבור ומעשה, הכל הוא דבר אחד בהקב״ה.

פון דעם פייערדיקן ראָד האָט זיך אַרויסגעשיילט אַן אַנדער ראָד, פון אַנדערן ווידער אַן אַנדערס און אַז זייער צאָל האָט דערגרייכט צען, האָבן די רעדער אָנגעהויבן ציטערן, וואַרפן בלוילעכע שטיקער

פייער און פון אַ געדיכטן רויך האָט זיך באַוויזן גאָט, אַרומגערינגלט מיט שרפים.

— קדוש, קדוש, קדוש, עפנט די טויערן, מאַכט אַ וועג, דער אַל־מעכטיקער קומט! — האָבן די שרפים געפּאַטשט מיט די פליגל איגם נהרא דנור, וואָס איבער דער כתר. און וואָס שטאַרקער זיי האָבן גע־פּאַטשט, אַלץ מער שטערן האָבן זיך אָפּגעריסן, געבליבן הענגען צווישן די בלויע רעדער, גרעסער און טיפער געמאַכט די מחיצה, האָט זיך דאָס בענקעניש פון די שרפים פאַרשטאַרקט צו דער ליכטיקייט, וואָס האָט קיין אָנהויב, וואָס האָט קיין סוף, צו דער ליכטיקייט, וועמעס אָנהויב, וועמעס סוף איז „אַ י ן״.

— קדוש, קדוש, קדוש...

— ווער ביסטו? — האָט זיך געהערט און נישט געהערט פון מזרח, מעריב, צפון, דרום—דאָס האָט דער מענטש דיך געקרוינט פאַר אַ גאָט, דיך אויסגעפּוצט אין דונערן און בליצן, דיך געמאַכט פאַר אַן „אל רחום וחנון״, פאַר אַ נוקם ונוטר ביז דעם פערטן דור, אויסגעמאָסטן דיינע גלידער, דיר איינגערעדט, אַז טאָג און נאַכט דאַרף מען דיר זינגען שירה. ווער ביסטו, ווער? און אַפילו, דו, מיט דיינע בלוטיקע פיס און הענט, וואָס האָסט געוואָלט אויסלייזן דעם מענטשנס זינד מיט דיין אייגן בלוט, ווער ביסטו? דיין לעבן, דיין טויט, דיין רחמנות, וואָס האָט זיך געוואָלט באַזעצן אויף די חורבות פון די הילצערנע און שטיי־נערנע געטער און וואָגלט נאָך ביז היינט איבער דער וועלט, איז פּונקט אַזוי פאַרגענגלעך ווי די געטער, טאָ ווער ביסטו? אַפילו דאָס שענסטע פון דיינע מעשים, דאָס, וואָס אַ גאָט האָט דערנעענטערט צו זיך אַן „אשת־זנונים״. איז אויך נישט מער ווי מענטשלעך, טאָ וואָס ווילסטו? קאָרטשע זיך, קריך פון דער אייגענער הויט, דו, וועמען דער מענטש, די טפה סרוחה, האָט געקרוינט פאַר אַ גאָט, דיך געהייסן מאַכן פון רוים — ירושלים, ווייס, אַז דיין שעה האָט געשלאָגן, דיין טאָג פאַרגייט, פאַרגייט — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער פייערדיקער הימל האָט זיך גענומען לעשן, די וואַלן פון נהרא־דנור האָבן זיך צעשפּילט, זיך צעברומט ווי הונגעריקע לייבן, פאַרברענט אַלץ וואָס אַרום, שטיקער וואָלקנס זייבען אָנגעשוואָמען פון

אַלע זייטן, אָנגעיאָגט אַ פינסטערניש און צווישן די וואָלקנס האָט זיך געטראָגן ר׳ איטשע אַ בלייכער, אַ פאַרחלשטער, זיך אָנגעהאַלטן אָן ר׳ מענדעלען, אַ באַוואַקסענער, אין דרייען אַ געבויגענער פון אַלטקייט. מרדכי האָט געזען, ווי זיי לויפן, קוקן זיך צומאָל נישט אום, לויפן דערשלאָגענע, פאַרחשכטע, ווי מען וואָלט זיי פון ערגעץ ווו אַרויסגע־טריבן, דעם „עתיק־יומין" מיטן „בחור ואיש מלחמה" — האָט מרדכי זיך צעוויינט, געהאַט תרעומות צום „אין־סוף", זיך פאַרגאַנגען אין טרערן און געזען, ווי פון אַלע זייטן טראָגן זיך צו אים קאַליקעס. זיי שיי־קן צו אַ מיידל מיט אַ ליידיקן פלאַץ, ווו ס׳איז אַמאָל אַ נאָז געווען, זי זאָל אַ שטיף טאָן מיט אים, שיקן צו אַ מיידל מיט אויסגעטריקנטע הענטלעך, ווו פון פינגער איז קיין זכר געבליבן, בלויז דינע, פאַרוואַק־סענע קנאָכן האָבן זיך געבאָמבלט. נעמען די מיידלעך זיך דרייען, הייבן די פלאַכטעס, קומען אָן נאָך און נאָך, נעמען זיך פאַר די הענט. די קאַליקעס קלאַפּן צו מיט די הענט, מיט די קוליעס און די מיידלעך רינגלען אַרום מרדכין, כאַפּן אַריין מאַגדאַלענען, טעמרען, נעמען זיך דרייען, שנעל, שנעלער. פאַלן מיט אַמאָל אויף אים אַרויף, מאַטערן אים ביז טרערן, אָן אויפהער, האָט מרדכי אַ געשריי געטאָן און צע־עפנט די אויגן.

ער איז געזעסן ביי דער טיר, די פיס איינגעשלאָפן, ווי זיי וואָלטן נישט געווען זיינע. עס האָט אָנגעהויבן טאָגן. ער האָט זיך גע־וואָלט דערמאָנען, וואָס אים האָט געחלומט, נישט געדענקט, בלויז גע־פילט אַ מידקייט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, די פיס האָבן געשטאָכן ווי מיט שפּילקעס און אַ הינקעדיקער האָט ער זיך געלאָזט היין און צוריק איבערן צימער. ער האָט אַזוי געשפּרייזט אַ לענגערע צייט, זיך מיט אַמאָל אָפּגעשטעלט ביים טיש, לאַנג געקוקט אויף אַ צעעפנט ספרל און עטלעכע מאָל איבערגעלייענט: „ספר מפואר". ער האָט דער־זען פאַר זיך דעם גאַנצן חלום, נישט געוואָרן איבערראַשט, בלויז אַ שטילער טרויער האָט אים אַרומגענומען, אָנגעפילט ס׳האַרץ, נישט וויי־געטאָן, נישט אויפגערעגט, זיך געהאַלטן אין איין וויקלען אַרום אים און אויפוויקלען.

אים איז קלאָר געוואָרן, פאַרוואָס מענטשן, וואָס האָבן אויפגעט־טרייסלט וועלטן, געגעבן דעם לעבן אַ נייעם תוך, האָבן נישט איבער־

געלאָזט נאָך זיך קיינע כתבים. תמיד האָט זיך באַוויזן אַ תּלמיד, צי תּלמידים, געשריבן אין נאָמען פון רבין, און גוט אַזוי!

ער האָט גענומען דעם „ספר המפואר", געדרוקט אין סאַלאָניקי, ווי אָרעם, ווי אָרעם! אַשאָטן פון אַ שאָטן! וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס חבורל מיטן ליכטיקן געשטאַלט פון אַ Diogo-Pires? Diogo-Pires — שלמה מולכו — אליהו הנביא, וואָס קומט אָנזאָגן דער וועלט, אַז משיח זיצט בײַ די טויערן פון רוים, לאָזט הערן גאָטס וואָרט, אַז דער טיבער וועט פאַרפלייצן די זינדיקע שטאָט, און קלעמענס דער זיבעטער פאַרלאָזט פון שרעק דעם פאַלאַץ, אַנטלויפט — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מען האָט אָנגעקלאַפּט.

קאַפּיטל 11

# דער „מגיד“

מרדכי האָט געעפנט. אַ יונג דינסט־מיידל האָט אים אַרייגעבראַכט אַנגעבייסן. זי האָט געהויבן די נאָך נישט אַנטוויקלטע פּלייצעס, געוואָלט מרדכי זאָל זי באַמערקן און ס׳האָט איר גענומען עטלעכע מינוט ביז זי האָט צעשטעלט דאָס עסן אויפן טיש.

מרדכי האָט געשפּרייזט הין און צוריק, ווי ס׳וואָלט אין צימער קיינער נישט געווען, און אַז דאָס דינסטמיידל האָט שוין געהאַלטן ביים אַרויסגיין, האָט ער זי אָפּגעשטעלט:

— פריידע, האָסט געזען נעכטן ס׳פייער?

— וואָס פאַרע פייער?

— ווייסט גאָרנישט?

— ס׳האָט דען געברענט?

— דעם רבינס הויף...

— מאַמעלע — האָט ס׳מיידל זיך אָנגעכאַפּט מיט די פינגער פאַר די באַקן, פאַרקרימט ס׳פּנים, ווי זי וואָלט געהאַט יסורים — ס׳קאָן נישט זיין! ווען ס׳וואָלט חס וחלילה עפּעס געווען, וואָלט דאָך דראַנע די שמל־יידענע געוווסט און זי האָט גאָרנישט דערציילט! ניין, ניין — האָט ס׳מיידל זיך געהנדלט — מרדכי שפּאַסט אַודאי!

— כ׳שפּאַס נישט — איז מרדכי געוואָרן נאָך ערנסטער און אַליין אויך אָנגעהויבן צווייפלען.

— כ׳וועל נאָר צעוואַשן ס׳געפעס — האָט ס׳מיידל געעפנט די טיר — גיי איך גלייך אין שטאָט אַריין, ס׳קאָן נישט זיין, ס׳קאָן נישט!

מרדכי האָט גענומען עסן. געשלונגען נישט צעקייטערהייט און בשעת=מעשה געטראַכט צי ס׳האָט זיך אים מיט אַן אמת נישט געחלומט, אַז דער „הויף“ האָט געברענט. יאָ, דער הויף האָט געברענט! דער באָרוועסער ישראל האָט אים אונטערגעזונגען! ער איז זיכער! דער הויף האָט געברענט, געדאַרפט ברענען... וואָס? געדאַרפט ברענען? הייסט עס ער אַליין גיט צו, אַז ער איז נישט זיכער? באַלד — האָט מרדכי אַוועקגערוקט פון זיך דאָס עסן, זיך אויפגעשטעלט און מיט אָנגעשטרענגטע אויגן אויפגעכאַפּט דעם קלענסטן געדאַנק, וואָס האָט אויפגעבלעזלט אין אים, קיין איינעם נישט געלאָזט זיך אַרויסגליטשן — און דעם באָרוועסן ישראל האָט ער נעכטן ביי נאַכט באַגעגנט? און טעמרעלען האָט ער געזען טאַנצן? און אַ פאַרשלייערטע דאַמע איז געזעסן אויף זיין שויס? און דושקה אין אַ בלויז העמד? הייסט עס דער הויף האָט געברענט צי ס׳זאָל אַלץ האָבן געווען אַ חלום? מעגלעך... און דער „מגיד“? און אַז יוסף קארו איז אריין אין שמעון=בן=יוחאיס הייל, האָט זיך צו אים באַוויזן... דרך ארץ! דו פאַרגלייכסט זיך צו ר׳ יוסף קאַרו, צו ר׳ שלמה מולכו? מענטשן פון ברייטסטן שניט, יחידי סגולה, וואָס האָבן געוויזן דער וועלט, אַז י ש ר א ל איז דער סוד פון דער בריאה, אַז י ש ר א ל, א ו ר י ת א ו ק ו ד ש א ב ר ו ך ה ו א זיינען א י י נ ס, מענטשן, וואָס זיינען מיט פרייד אומגעקומען אויף קדוש=השם...

און דו?

דער מח האָט ביי אים שנעלער אָנגעהויבן צו אַרבעטן, אים נישט אָפּגעלאָזט אויף אַ מינוט, ווי ער וואָלט אים געהאַלטן אויף אַ קייט. געדאַנקען, ווי מחנות פייגל, זיינען מיט אַמאָל אָנגעפלויגן, געשפּרונגען הין און צוריק, פאַרשוווּנדן, נישט איבערלאָזנדיק נאָך זיך קיין שפור, און פון הינטער דער פוסטקייט האָט זיך יעדע ווייל געהערט אַן אָפּקלאַנג פון אַ געלעכטער. ער איז צוגעגאַנגען צום פענסטער, דערפילט דאָס אייגענע האַרץ, אָנגעהויבן הויכן אויף דער פארפרוירענער שויב און זיך איינגעקוקט. צווישן דיביימער פון גאָרטן האָבן שפּאַצירט פעליציע מיט קאָמאַראָווסקין. פון קרענקונג האָט מרדכי אָנגעהויבן שווערער צו עטעמען, געליטן, וואָס ער קוקט דורכן פענסטער און זיך צוריק אַוועקגעזעצט ביים טיש. נו, טאַקע, וואָס גייט אים

פעליציע אָן? זי איז דאָך אים אַ ווילד פרעמדע! דאָס געלעכטער אין גאָרטן האָט נישט אויפגעהערט. מרדכי איז אויפגעשפּרונגען, געוואָלט פאַרמאַכן דעם לאָדן און האָט פאַרצויגן די פאָרהאַנגלעך. ער איז געגאַנגען איבערן צימער גיך, כּמעט געלאָפן הין און צוריק, ווי אַ חיה אין אַ שטייג, און אַז ס׳געלעכטער האָט אויפגעהערט איז ער געבליבן שטיין אין מיטן צימער און זיך איינגעהערט. ער האָט פאַנאַנדערגערוקט די פאָרהאַנגלעך, געעפנט אַ לופטשיק און געזען, ווי דאָס פּאָרל פאַרשווינדט צווישן די פאַרשנייטע ביימער, באַוויזט זיך ווידער.

פּאַסירונגען האָבן זיך פּאַסמעסוויז פאַרבייגעטראָגן, זיך געשנורעוועט אַרום מרדכין. ער האָט אָנגעשפּאַרט דעם שטערן אָן דער פאַרפרוירענער שויב און דערפילט אין זיך אַ שטילן טרויער.

פעליציע, פעליציע...

דיין געליבטער איז אַריין אין קדשי-קדשים, דורכגעשטאָכן דאָס פּרכת און מיר פאַרגייען אין בלוט...

פעליציע, פעליציע...

און אַז ביסט טויזנט מאָל שענער פאַר קלעאָפּאַטרען, איז וואָס? מער ווי אַ בירוניקה, אַן אסתּרקע, אַ קעבס-ווייב וועסטו נישט זיין!

פעליציע, פעליציע...

צו וואָס האָסטו געשיקט דיין געליבטן אין בית-המקדש אריין? צו וואָס? איבער דיר פאַרגייען מיר דאָך אין בלוט, איבער דיר, פעליציע...

וויין, וויין...

וויין, וויין...

אָרעמע פעליציע, אומגליקלעכע שוועסטער מיינע...

מיין בלוט קאָכט אין מיר, דאָס בלוט פון די נביאים זידט אין מיר, ווען איך זע, וואָס פון דיר איז געוואָרן, וואָס זיי האָבן פון דיר געמאַכט...

שוועסטער...

מיר וועלן נישט שווייגן, מיר וועלן נקמה נעמען פאַר אונזער בלוט, פאַר דיין שיינקייט, פאַר דיין צניעות...

מיר זיינען די שוואַכסטע?

יאָ, שוועסטער, די שוואַכסטע האָבן שוין איינמאָל אַ שליידער געטאָן דער וועלט אַ פלאָנטער, פון וועלכן זי קאָן נאָך ביז דעם היינטיקן טאָג נישט פטור ווערן.

טרייסט דיך, שוועסטער, טרייסט דיך...

איבער יידישע בית־עלמינס שלעפט זיך אַרום נישט איין פעליציע, נישט איין שרהלע אַ באַליידיקטע, זאָגט נביאות, אַז משיח איז שוין געקומען, וואַרט אויף אים, אויף איר חתן. און אַז מיר וועלן מער דעם פּיַין נישט קאָנען איבערטראָגן וועט א שרהלע, צי אַ מרים פון דאָס ניי אַזוי פאַרקנוילן די וועלט, זי זאָל זיך מער שוין קיינמאָל נישט קאָנען אויפפלאָנטערן!

פאַר אונזער בלוט, פעליציע, פאַר דיין שיינקייט, פאַר דיַין צניעות...

פעליציע, פעליציע...

---

מרדכי איז אַרויס פון צימער. שטראַל איז אים געקומען אין פנים אַריין מיט אַ פעקל צייַטונגען.

— אין וואַרשע איז גאָרנישט היימלעך.

— וואָס איז?

— צייט קראָנבערג האָט אָפּגעקויפט דעם „קוריער־פּאָראַנני" קאָן מען אים אין דער האַנט אַריין נישט נעמען. וואָס מען עפנט אַ בלאַט גייט אַלץ די זעלבע סדרה — יידן און יידן. פּאָליאַקן מיינען מן הסתם, אַז די פינסטערע „כאַלאַטשאַרזשעס" האָבן מיט אַמאָל זיך אַרומגעזען, ווי אָרעם זיי זיינען גייסטיק, און דורשטיקע זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער פוילישער קולטור! בהמות, ניין און ניינציק פּראָצענט פון פוילישע יידן ווייסן נישט, צי אַזאַ זאַך ווי פוילישע קולטור איז גאָר בנמצא!

— וואָס זאָגט איר צו יאַסט־אָווס דרשה ביי די קאַרמעליטן אויף לעשנאַ? — האָט מרדכי זיך אָנגערופן אַבי עפעס צו זאָגן און זיך געשעובט, צי ער זאָל אים פרעגן וועגן דער נעכטיקער שרפה.

— א נייעס, נו, — האָט שטראַל אַ הויב געטאָן מיט אַן אַקסל — די זעלבע תורה האָט קאַהאַנע נאָך פאַר אַ יאָרן געדרשנט! קאַהאַנען אָבער פאַרשטיי איך, נאָר אַז אַ רב, דערצו נאָך דער וואַרשעווער, ר. מייזעלס מיין איך, מיט דער כנופיה נעמען טענהן ס'זעלבע, זע איך

אין דעם געפאַר. ממה נפשך — האָט שטראַל אָנגעווײַזן אויף די צייטונ־גען, ווי ער וואָלט פון דאָרטן עפּעס אַרויסגעלייענט — אויב פּוילן איז דעם וואַרשעווער רבס פאָטערלאַנד, איז רוסלאַנד — דעם מאָסקווער רבס, און אויב ס׳זאָל חס וחלילה קומען צו אַ צוזאַמענשטויס, דאַרפן די ביידע רבנים זיך ווערן דם־שונאים, גיין אויף מעסער־שטעך. ווען יידן וואָלטן פון תמיד אָן געפירט אַזאַ פּאָליטיק, וואָלט פון זיי ביז איצט שוין קיין זכר נישט געבליבן! דאַרפסט מער, אפילו דער מאַרגראַביאַ וויעלאָפּאָלסקי איז דאַגעגן! און אַז דער קייסער איז געווען אין ווילנע, ווער האָט אים צומייסטן געזונגען שבחים? אָדיניעץ! איינער פון די גרעסטע פּוילישע דיכטער! ער האָט אָנגעשריבן לכבוד דעם קייסער אַ שיר, ווו ער שטייגט איבער אַלעמען אין פּאַטריאָטיזם, אפילו דעם רוס קוקאָלניק, נו, פרעג איך דיך, ווו איז דער שכל, וואָס אונזערע משכילים ווילן איבערשטייגן די פּאָליאַקן? ניין, מרדכי, מיר יידן דאַרפן זיך ניש מישן! — האָט דער אַלטער אַ צופרידענער אַ מאַך געטאָן מיט פּעקל צייטונגען און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

מרדכי האָט פאַר זיך געזען דעם פאָטער און שטראַלן מחותנים. האָט זיין פאָטער צוגעשטעלט פּראָוויאַנט אין 1831. ס׳פערד איז אונטער איר דערהרגעט געוואָרן ביי וואָליע, ווען דער שונא האָט גענומען וואַרשע, און שטראַל? ער שרייט ס׳איז אַן אומזין, יידן דאַרפן זיך נישט מישן און פאַר זיין געלט האָט מען שוין עטלעכע הונדערט ביקסן אריבערגעמולכט פון אויסלאַנד.

אַ דינסט־מיידל מיט אַ פלעדערוויש אין דער האַנט איז זינגענדיק אַרויס פון אַ טיר. זי האָט דערזען דעם בעל־הבית, אַנטשוויגן געוואָרן און גענומען גיין אויף צוריק. שטראַל האָט זי אָפּגעשטעלט.

— די מאַדאַם שלאָפט נאָך?

— די מאַדאַם איז געגאַנגען פאַר אַ שפּאַציר.

— אַליין?

— די מאַדאַם איז געגאַנגען מיטן הראַביאַ.

די צופרידנהייט אויף שטראַלס פּנים איז נישט געוואָרן. ער האָט זיך אויסגעריבן מיט צוויי פינגער די אויגן, זיך צעגענעצט און איבערן פּנים האָט זיך צעלייגט אַ טעמפּע מידקייט, ווי ביי אַ קורצזיכטיקן, ווען ווען ער טוט אויס די ברילן. ער האָט אָפּגעהוסט.

— אַ וווילער גוי קאָמאַראָווסקי!

— וואָס, ער האָט ליב יידישע פיש? — האָט מרדכי זיך געכאַפּט, אַז ער איז פאַרקראָכן און איז רויט געוואָרן.

— וואָס האָט ער ליב? יידישע פיש? — האָט שטראַל זיך געמאַכט תמעוואַטע — פון וואַן ווייסטו, אַז ער האָט ליב יידישע פיש?

ער האָט מרדכין דורכגענומען מיט די אויגן, ווי ער וואָלט עפּעס געוואָלט פון אים אויסגעפונען, זיך צעלאַכט דין און אומבאַהאָלפן און אין געלעכטער איז געווען עפּעס פויגלישעס, וואָס האָט דענערווירט.

פעליציע איז אונטערגעקומען א צעפלאַמטע פון פראָסט, שטיפע־ריש א כאַפּ געטאָן דעם מאַנס אַ האַנט און זי אונטערגעטראָגן צו זיר באַק:

— קאַלט?

— ווו האָסטו געלאָזט דעם הראַביאַ? — האָט ער גענומען איר האַנט אין זיינער, זי געגלעט און די קנייטשן אויף זיין אַלט פּנים האָבן געשמייכלט, געזאָגט מרדכין, אַז ער האָט אַ טעות.

— ער איז אויף דער וועראַנדע, קוקט איבער די פּאָסט.

— ער האָט שוין איבערגעביסן?

— ניין.

— וועל איך אים אריינרופן.

— גוט. ווו גייסטו? ער זיצט צו דער גאַס צו.

מרדכי האָט אריינגעטעמט א דינעם ריח, ווי פון מירטן־בלעט־לעך, וואָס פעליציע האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך, זיך מער נישט געפילט אַליין און איז אַרויס פון פעדער־הויז.

דער פראָסט האָט געפידלט, פאַרכאַפּט דעם אָטעם, געהאַנגען אי־בער די ביימער, איבער די הייזער, ווי צעדריוולטע וואַטע.

מרדכי איז געגאַנגען מיט אַן אויסגעטראָטענע סטעזשקע, מער ניט באַשולדיקט פעליציען און געטראַכט, אַז ס׳איז נישטאָ קיין מיאוסערע זאַך, ווי אַן אַלטער מאַן נעמט אַ יונג ווייב.

פאַרדאגהטע יידן זיינען געלאָפן פון דאַוונען, די טליתים־זעק אונטער די אָרעמס, די פנימער איינגעטוליעט אין די ווינטער־קאַפּאָטעס. אַ יידענע מיט אַ פאַרטוך האָלץ ביז איבער דער נאָז האָט אויסגעט־ראָטן אין שניי אַ וועג, צוגעהאַלטן די העלצער מיט די פאַרקרומטע

פינגער פון קעלט און געקרעכצט. פון אַ שפּייז־געוועלבל איז אַרויס אַ ייד מיט אַ טלית־זאַק אונטערן אָרעם, געהאַלטן אין דער האַנט אַ געבייטלט ברויט, געקלאַפּט מיט די שפּיץ פינגער אין באָדעם אַריין צי ס׳איז אויסגעבאַקן און אַ צופרידענער, וואָס ער וועט אַריינבראָקן דאָס פרישע ברויט אין דער הייסער גריץ, האָט ער זיך געלאָזט מיט אַ שמייכל אַהיים.

די אַרומיקע אַלטעגלעכקייט האָט ביי מרדכין אָפּגענומען הענט און פיס. ער האָט זיך אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט, ווי ער וואָלט האַלב אויפגעקומען פון אַ חלום, און פון אונטער די אַרומיקע פּאַסירונגען האָט אָפּערגעבליצט:

נו, איז וואָס? נו, איז וואָס?

ער איז געגאַנגען דורך זייטיקע געסלעך, אויסגעמיטן מענטשן, געוואָלט פון דערווייטנס אַ קוק טאָן אויפן „הויף“.

— שלום־עליכם, מרדכי!

פאַר אים איז געשטאַנען שמאי שאפּט אין אַ שאָפּענעם פעלץ. מרדכי האָט געקוקט אויפן פוטער מיטן ברייטן קאָלנער, געווען זיכער, אַז שאפּט האָט דעם פוטער נישט געקויפט, צוגענומען ביי אַ שרה פאַר פראָצענט און זיך דערמאָנט, ווי דער פאָטער האָט שמאין איינמאָל אויסגעפּאַטשט.

— זיינט איר שוין לאַנג אין קאָצק?

— פון נעכטן אָן. כ׳האָב דיך געזוכט ביים רבין אין בית־המדרש. ווו געפינסטו זיך, ווו?

— איר זיינט שוין געווען אין „הויף“?

— ווי דען, כ׳האָב זיך שוין געזען מיט ר׳ איטשען...

— ס׳איז, דאכט זיך, נעכטן געווען אַ פייער? — האָט מרדכי סתּם אַ פרעג געטאָן.

— פשש... דאָס הייסט אַ שרפה! אַ גאַנצע נאַכט האָט געברענט! מרדכין איז ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. ער האָט נישט אַרויסגעוויזן, אַז דאָס פייער האָט מיט אים אַ שייכות און געפרעגט אין דער וועלט אַריין:

— הייסט עס, דער הויף איז אין גאַנצן אָפּגעברענט געוואָרן?

— נישט געבליבן קיין גאַנץ ברעט, דער שאָדן באַטרעפט אין די שווערע טויזנטער!

— און די ספרי־תּורות?

— וואָס מיינסטו?

— האָט מען כאָטש די ספרי־תּורות געראַטעוועט?

— ס'האָט דאָך געברענט ביים שׂרה הינטער דעם בית־עולם.

— אַזוי גאָר — האָט מרדכי צעעפנט אַ פּאָר אויגן, ווי מען וואָלט איב מיט אַמאָל אַ שטאַרקן קלאַפּ געטאָן איבערן קאָפּ — אַזוי...

— וואָס האָסטו דען געמיינט? האָט שמאַי געשמייכלט.

— גאָר נישט — האָט מרדכי אַ קנייטש געטאָן מיטן שטערן און יך פאַרלוירן — ווען זיינט איר... נעכטן, זאָגט איר, זיינט איר געקומען? וואָס הערט זיך אין וואַלד?

— דער טאַטע, ווי דער טאַטע, ווייסט דאָך? און די מאַמע האַלט אין איין וויינען, וואָס איר מרדכילע מוז נעבעך זיין אין דער פרעמד. כ'האָב פאַר דיר אַ בריוו — האָט ער גענומען זוכן אין אַלע קעשענעס — נאַ, און אויב דו נויטיקסט זיך אין געלט, זאָג, וועל איך דיר געבן.

— איר וועט מיר געטרויען? — האָט מרדכי אויפגעריסן דעם בריוו ווי צום לייענען, זיך מיישב געווען און אים אַריינגעלייגט אין דער בוזעם־קעשענע.

— דיין טאַטנס אַ וואָרט איז דער קראַנטסטער וועקסל — האָבן זיך די קליינע אויגן ביי שאַפּטן צעשפּילט — האָסט אפשר צייט, מרדכי?

— וואָס איז דען?

— כ'וויל זיך מיט דיר דורכרעדן, כ'דאַרף אויך זיין אין „סאָנד“, איז אויב דו האָסט צייט, פיר מיך צו.

מרדכי איז מיטגעגאַנגען, די נייגעריקייט, וואָס שמאַי האָט אים צו דערציילן, איז געוואַקסן, אַרויסגערופן אָן אַ שיער קאָמבינאַציעס, אים געשראָקן פאַרן פאָטער, וועלכער קאָן נישט הערן, ווי די מוטער וויינט, לויפט איינער אַליין איבערן וואַלד, זידלט פון פאַרדרוס די פּויערים, פּילט, אַז ער גייט אונטער, אַז זיין שׂרה טאַבעצקי איז שוין אונטערגעגאַנגען, און שמאַי, שמאַי שאַפט, וואָס האַלט אין איין פרעגן פון וואַנען איז עס געדרונגען, אַז מען דאַרף גיין אין אַ ווייסן קאָלנער מיט שוואַרצע שיך, טאָמער פאַרקערט, אַ שוואַרצן קאָלנער מיט

ווייסע שיך — אַט דער שמאי, וואָס זיצט תמיד אין „סאָנד", נעמט יעדן טאָג צו ביי אַן אַנדער פּריץ אַ גיט, ווערט בעל־הבית איבער — — —

— שמאי — האָט מרדכי אים אָפּגעשטעלט — ווי ווערט אייך ניט נמאס צו משפטן זיך דאָס גאַנצע לעבן? ווייסט איר כאָטש, אַז אַ וועלט מיט מענטשן זיינען אייך שונאים? איר זיינט דאָך אַ ייד אַ גביר, איז צייט איר זאָלט הנאה האָבן פון אייער עשירות, נישט — —

— כאַ, כאַ, כאַ, — האָט שאַפט זיך שפּיציק צעלאַכט — דאָס רעדט פון דיר אַרויס דער קצין־בן־קצין! איך ווייס, אַז געלט איז נישט אַלץ! פונדעסטוועגן צו לעבן אַזוי ברייט, ווי דיין פאָטער, דאַרף מען קאָנען! כ'קאָן זיך טאַקע ערלויבן צו עסן אַ מיטאָג פאַר פינף גילדן, אפילו פאַר צען גילדן, נאָר דעם אמת געזאָגט, איז עס ביי מיר אַן אָפּקומעניש! דאָס זיצן, דאָס באַדינען דיך, דרייערליי פליישן — כ'קאָן עס נישט פאַרטראָגן! גיי איך מיר אַריין אין אַ גאָרקיך פון אנשי־שלומנו, קאָסט מיך אין גאַנצן אַ גילדן און כ'האָב הנאה! צו דיין טאַטן, זעסטו, וועל איך זיך קיינמאָל נישט פאַרגלייכן! ער פירט דאָך אַ שטאָט איבער זיינע כוחות! מיינסט טאַקע, אַז דער טאַטע איז אַזאַ עושר? הויבט זיך נישט אָן! אין פלאָצק וועסטו געפינען צענדליקער יידן, וואָס זיינען רייכער פון אים. און דאָס, וואָס כ'האָב אַ וועלט מיט שונאים, וואָס קאָן איך מיר העלפן? מענטשן וועלן קיינמאָל נישט פאַרגינען זייערס אַ גלייכן, ווען ער ווערט רייך! יאָ — האָט ער זיך געצופּט דאָס גרויע, שיטערע בערדל — מען האַלט דאָך מיך פאַר אַ געפערלעכן קמצן, נאָר גלויב מיר, מרדכי, ווען כ'קריג פאַר מיין צירעלען אַ לייטישן חתן, וואָלט איך אים איבערגעגעבן די געשעפטן און אַליין זיך צוריקגעצויגן פון האַנדל — — — פאַרשטייסט, אַז מיטן טאַטן קאָן איך נישט רעדן! ער ווייס, אַז שמאי האָט זיך נאָך ביי דיין זיידן געוואַלגערט אין קיך, געפאָרן פאַר אַ גילדן אין שטאָט אַריין שחטן עופות, געשטאַנען ווי אַ פאַכטער פאַר אַ שררה און דער טאַטע איז דער שיינער ייד, מיט אַן אמת, דער נגיד, דער גרויסער בעל־צדקה! ער פאַרגעסט אָבער, דיין טאַטע, אַ קלייניקייט — אַז שמאי איז ביים היינטיקן טאָג דער רייכס־טער ייד אין דער אָקאָליצע, קאָן צו יעדער צייט צונעמען דעם וואַלד ביים יונגן טאַבעצקי און דער טאַטע בכבודו ובעצמו וועט בלייבן ביי מ י ר אַ מענטש, ביי ש מ א י ן!

מרדכי האָט זיך געפילט באַליידיקט פאַרן פאָטער, נישט געקאָנט פאַרטראָגן דאָס שמאַלציקע פייערל אין שמאַי'ס אויגן און אים געוואָלט אָפּשטעלן.

— שמאַי אָבער — האָט שאַפּט זיך געקלאַפּט אין האַרץ אַריין און ווייטער געזעדט — ווייס, ווער דיין טאַטע איז און ווער עס ניט טאָן, שמאַי איז קיין פּראָצענטניק! נאָר נישט דאָס בין איך אויסן. רעד איך פאַר אַ מאָר וואָכן מיטן טאַטן, דער אמת איז, אַז כ'קאָן מיט אים נישט רעדן, רעד איך, אַז כ'גיי צונעמען דעם וואַלד און אים אַוועקגעבן די קינדער גדן — — — פרעגט ער — וואָס פאַרע קינדער? קאָן איך אים שוין אין די אויגן גלייך נישט קוקן און כ'זאָג שטיל — כ'מיין, ווען ר' אברהם... ווי דער שטייגער איז... מיינסט, מרדכי, אַז איך בין בײַ זיך געגאַרט? כ'ווייס, אַז כ'בין נישט דעם טאַטנס גלייכן! נו, טאַקע, ווי קומט שמאַי צו ר' אברהמען? נאָר אַז גאָט האָט מיך געבענטשט מיט אַזאַ עשירות, גלויב איך, אַז עס איז מסתמא מן השמים מיר זאָלן זיך משדך זיין. וואָס זאָגסטו? האָסט דו געדאַרפט הערן ווי דער טאַטע איז מיר אָנגעפאָרן! כ'קען דעם טאַטן, ווייס זיינע משוגעתן... אלא מה, טראַכט איך מיר, כ'וועל רעדן מיט דיר, ביסט געלאַסענער.... אויב ס'זאָל ווערן, מרדכי, צי איך זיך צוריק פון די געשעפטן, גיב דיר אַלץ אי־בער, מיין גאַנץ פאַרמעגן... האַ, וואָס זאָגסטו?

מרדכי האָט נישט געגלויבט זיינע אויערן, זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז שמאַי, דער, וועמען מען האָט געשאַצט אין אַ מיליאָן גילדן, און בײַ וועמען אין שטוב איז נישט געווען אַ שאַף זיך אַריינצוואַשן. נאָר אַ גריבל האָט מען אויסגעגראָבן בײַ דער טיר, וווהין מען פלעגט גיסן נעגל־וואַסער, דער ייד איז בכּח זיך צו שיידן מיט זיין גאַנץ פאַר־מעגן, אַבי זיך איינצוקויפן אין יחוס. דאָס האָט אים אַזוי גערירט, אַז ער האָט זיך פאַרלוירן, נישט געקאָנט זאָגן דעם אמת, אַז ער האַלט נישט בײַ חתונה האָבן, קלויבט זיך אַוועק צו פאָרן, געזען פאַר זיך אַ אַנדער שמאַין, וועמען ער האָט נישט געוואָלט פאַרשאַפן קיין עגמת־נפש. די צונג האָט זיך בײַ אים אַ דריי געטאָן, און ער האָט אַרויס־געשטאַמלט:

— זאָרגט נישט, שמאַי, ס'וועט אַלץ גוט זיין!

ביידע זיינען אָפּגעגאַנגען איבער אַ מינוט, געשוויגן. דער שני־ האָט געסקריפּעט. שאַפּט האָט זיך מיט אַמאָל אַ כאַפּ געטאָן:

— כ'האָב גאָר פֿאַרגעסן! וואָס זאָגסטו צו דעם צעטל מיט נעמען, וואָס הענגט ביים רבין אין בית־המדרש?

— וואָס מיינט איר?

— מען דערציילט — האָט שאַפּט אויסגעצויגן די פּלייצעס, אַז מען האָט קוים דעם קאָפּ אַרויסגעזען — אַז היינטיקע נאַכט האָט מען ביי דניאלן אָפּגעטאָן מעשי־תעתועים, מ'קאָן עס פּשוט איבער די ליפּן נישט ברענגען! און ווי? אונטער איין דאַך מיט ר' מענדעלען! ווער זאָל זיך ריכטן? אַזאַ נבלה, אַזאַ...

— ס'הענגט, זאָגט איר, אַ צעטל?

— אין דער פרי האָט געהאָנגען. שפּעטער האָט ר' דודל אים גע־ הייסן אַרונטעררייסן. וואָס מיינסטו, ס'איז אַ כבוד פֿאַר ר' דודלען? מען שמועסט שטאַרק, אַז דער „הויף" וועט צווינגען דניאלן, ער זאָל געבן דושקהן אַ גט. אהה, האָט מען זיי צעהרגעט! יעדער איינער פֿון זיי האָט אַריינגעכאַפּט אַ „משכנתא", נחמנען האָט מען אַזוי צעממיתט, אַז ער ליגט צו בעט! אין הויף איז חשך! יאָ, הער זיך איין, ווי קומט עס, מרדכי, וואָס דיין נאָמען איז דאָרט פֿאַראַן — איז שמאי געוואָרן לעקעשעוואַטע — כ'האָב אַליין איבערגעלייענט — — —

— מיין נאָמען?

— יאָ, כ'האָב זיך געחדושט. נו טאַקע, ווי קומט עס, דו... כ'מיין, ווי פּאַסט... ר' איטשע האָט גרויס עגמת נפש דערפֿון! ווייסט דאָך, ער רעדט נישט...

מרדכי האָט נישט געענטפֿערט, זיך נישט איינגעהערט, וואָס שמאי רעדט, דערפֿילט ווי קאָצק איז אים מיט אַמאָל ענג געוואָרן, ביים מחותן קאָן ער נישט איינזיצן, ס'יאָגט אים פֿון צימער אַרויס, ביי ר' דודלען וועט מען היינט־מאָרגן פֿאַרמאַכן פֿאַר אים די טירן... ער האָט זיך דערמאָנט אָן „מגיד", וועלכער האָט אים געהייסן גיין אין דער גרוי־ סער וועלט אַריין, געזאָגט, אַז קאָצק איז פֿאַר אים קיין פּלאַץ נישט, און זיך געווענדעט צו שמאין:

— הערט, שמאי, כ'וויל איר זאָלט מיר באָרגן פינף טויזנט גילדן, נאָר מיט דעם תנאי, דער טאַטע זאָל דערפֿון נישט וויסן.

— צו וואָס דאַרפסטו אַזוי פיל געלט?

— כ׳דאַרף.

— ווען וועסטו „פעלנאָליעטנע״? איבער אַ יאָר?

— איבערצוויי.

— גוט, נו קום אַריבער צו מיר אויף דער אכסניה.

— ווען?

— ווען ס׳איז דיר באַקוועמער. כ׳וועל דאָ מסתמא זוימען אַ צוויי וואָכן.

— וועלן מיר זיך זען, לאָמיר זאָגן... וואָס איז היינט? — מיטוואָך?

מרדכי האָט באַמערקט, ווי פון דער צווייטער זייט גאַס מאַכט מען צו אים מיט דער האַנט, דערקענט קאַהאַנען און ער האָט זיך געזעגנט מיט שמאַין.

— וועלן מיר זיך זען די אַנדערע וואָך.

— גוט.

מרדכי איז אַריבערגעגאַנגען צו קאַהאַנען און אים געדריקט די האַנט:

— און איך האָב געמיינט, אַז איר זיינט אין וואַרשע?

— כ׳בין היינט פאַרטאָג צוריקגעקומען — האָט קאַהאַנע נישט אַרויסגעלאָזט מרדכיס האַנט — הערט, פאָרט מיט מיר מיט צו די פראַנציסקאַנער.

— אין קלויסטער אַריין?

— מען וועט אייך דאָרט נישט אָפּשמדן — האָט קאַהאַנע געשמייכלט — פאָרט מיט, קאָמאַראָווסקי וואַרט אויף מיר ביי ראָזנס ווייז־שענק מיט אַ געשפּאַנטן שליטן.

— אַזוי ווי כ׳גיי? — האָט מרדכי אָנגעוויזן אויף דער קאַנגאַ־רענער קאַפּאָטע, וואָס הינטערן פוטער.

— וואָס מאַכט עס אויס — האָט קאַהאַנע אַ הויב געטאָן מיט די אַקסלען און געשמייכלט — און אויב איר ווילט, וועלן מיר זיך טוישן. נעמט מיין רעקל און גיט מיר אייער קאַפּאָטע, נו, קומט — האָט ער אַרויסגעלאָזט מרדכיס האַנט, געבומען גיין גיך, אַז מרדכי איז יעדע ווילע געבליבן הינטערשטעליק.

פֿאַרן שטורם.

# דריטער טייל

## קאַפּיטל 1

## רוים און ירושלים

— נידעריק, ברייטבייניק, די צו ברייטע עטוואָס אויסגעבויגענע פּלייצעס, האָבן געמאַכט דעם גרויסן קאָפּ אויסזען קלענער. די טיפע ווינקלען פון קאָפּ מיט די איינצלנע, צעוואָרפענע קרייזלעך, ווי פון שוואַרצן זייד, האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיטן ברייטן שטערן, און פון אונטער די דיקע, שוואַרצע ברעמען, וואָס האָבן זיך געוועלבט אַרויף, האָבן אַרויסגעפינקלט אַ פּאָר אומרויקע אויגן, וואָס האָבן פאַרזיכערט, אַז צו וואָס דער מענטש זאָל זיך ניט נעמען, וועט ער עס דורכפירן.

די פּוילישע אימיגראַנטן פון פראַנקרײַך, בעלגיע און דייטשלאַנד האָבן גוט געקענט „אונזער" קאַהאַנען, אין די סטודענטישע קאָלאָניעס האָט מען אים פאַרגעטערט, דערציילט וועגן אים לעגענדן, אים גערופן „הייליקער פּאַוול".

פיליפּ קאַהאַנע איז געפאָרן פון איין קאָלאָניע אין דער צווייטער. גערעדט איבער „דזשאַדי", „ניעבאָסקאַ קאָמעדיא", געלערנט די יוגנט ווי צו לייענען פּאָעזיע, זי אָרגאַניזירט פּאָליטיש, געהאָלפן דעם גענעראַל מיעראָסלאַווסקי באַשאַפן צווישן די סטודענטן אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל זיין גרייט צו יעדן רוף זיך אָנצושליסן אָן אויפשטאַנד.

קאַהאַנע האָט גערעדט פּויליש מיט אַ יידישן אַקצענט, זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון העברעישן אידיאָם, פון דעם נביאס משל, געבויט די זאַצן, ווי ער וואָלט גערעדט יידיש און אַז זיינס אַ חבר, אַ פּאָליאַק, האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט, פאַרוואָס ער באַפרייט זיך נישט דערפון,

האָט ער געענטפערט, אַז ער וועט דעם תוך נישט מקריב זיין פאַר דער פאָרם, פשוט דערפאַר, וואָס ער איז געבוירן געוואָרן אַ ייד.

קאַהאַנע האָט נישט געוווּסט, ווי מען לאָדנט אָן אַ פּיסטאָליעט, און אין דער זעלבער צייט האָט ער געלייענט פאַר סטודענטן לעקציעס אין פעלד־פאָרטיפיקאַציע, געלייענט איבער טאַקטיק און סטראַטעגיק.

אויפן ערשטן קוק איז געווען עפּעס קאָמישעס אין זיין גאַנצער פיגור. דער רירעוודיקער קאַהאַנע, מיט די שוואַרצע קרייזלעך, האָט זיך קוים אַרויסגעזען פון צווישן די בלאָנדע, געוויקסיקע פּאָליאַקן. האָט ער זיך אָבער צערעדט, האָבן די בלאָנדע צוהערער פאַרגעסן, אַז צווישן זיי שטייט אַ קליין יידל, דערזען איבער זיך אַ נביא, וואָס שליי־דערט בליצן און פלאַמען, רייסט מיט שטיינער און בערג, פאַרשפּרייט אַרום זיך אַ פייגלעכע אומרו, וואָס טראָגט זיך, וואָגלט איבער פּוילישע פעלדער און וועלדער, זאָגט אָן, אַז די שעה איז נאָענט — פאַרלאָזט דאָס יונגוואַרג די שולן, די לער־ביכער, לאָזט דער פויער איבער דאָס אַקער־אייזן אויפן פעלד, לאָזט איבער ווייב און קינד, און באַפרייטע זאַמלען זיי זיך אין די וועלדער.

קאַהאַנע האָט זיך יאָרן אַרומגעשלעפּט אין אויסלאַנד, געווען אַ קאָמוניסט, געפלאַנט אויסצובויען אַ קאָלאָניע אין אַמעריקע, אַ מין „נייע איקאַריען", געזאַמלט געלט, פאַראינטערעסירט אימיגראַנטן. פּונקט דעמאָלט האָט ער זיך באַגעגנט אין פאַריז מיט העסן, און פון זיין פּלאַן איז גאָרנישט געוואָרן. העס האָט אויף אים געהאַט אזאַ איינפלוס, אַז קאַ־האַנע האָט אָנגעהויבן צו קוקן קרום אויף זיינע פריערדיקע חברים, נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס זיינע קאָלעגן, וואָס זיינען ערשט נעכטן אַרויס פון דער יידישער סביבה, שעמען זיך מיט זייער אָפּשטאַמונג, און הראַביא יעלענסקי, אַ גוי פון דריטן דור, וועמעס עלטער־זיידע, ר' שאַיעס, איז געווען פראַנקס אַפּאָסטאָל, ווייזט ביי יעדער געלעגנהייט אַרויס זיין יידישקייט, וואַרפט זיך דערמיט אַלעמען אין די אויגן, ווי דאָס וואָלט געווען זיין אמתער יחוס.

קאַהאַנע האָט אָנגעהויבן פרום צו ווערן, פאַרלאָזט אַ באָרד, גע־רעדט אין פאַריזער בתי־מדרשים, אַז די גאולה איז נאָענט, געגלויבט, אַז די צייט איז געקומען אַלע אונטערדריקטע פעלקער זאָלן אַראָפּוואַרפן פון זייערע קברים די שווערע מצבות און אויפשטיין תחית־המתים.

ער האָט זיך געשלעפּט איבער די פּאַריזער גאַסן, ווייטער גע־שפּונען די התגלות, וואָס זיינע ברידער, די נביאים, האָבן אָנגעהויבן אויפן באַרג מוריה און וואָס האָט זיך נאָך ביז דעם הײַנטיקן טאָג נישט איבערגעריסן. אפילו ווען דער געצנדינערשער רוים האָט געמאַכט אַ סוף צום גריכישן און יידישן קולטור־לעבן, איז פון די חורבות אַרויסגע־וואַקסן אַ נײַ לעבן, וואָס איז נתגלה געוואָרן דורך אַ ייד. און איצט, ווען דאָס קריסטלעכע רוים גוססט און ס'נייע לעבן קלאַפּט שוין אין די פענסטער, וועקט דעם מענטש צו מעשים, דערציילט, אַז די גאולה איז נאָענט, ליגט אין מענטשנס אייגענע הענט — אפילו ד אָ ס נייע לעבן ווערט אויך נתגלה דורך אַ ייד.

קאַהאַנע האָט העסן פאַרגעטערט, געקוקט אויף סיבילען, ווי אויף מאַגדאַלענען, געשטאַנען ביים קוואַל פון יידישער התגלות, געשעפּט גאָטס וואָרט, עס פאַרשפּרייט אין די בתי־מדרשים, ווו מען האָט אויף אים געקוקט ווי אויף אַ משוגענעם, עס פאַרשפּרייט צווישן פּוילישע סטו־דענטן, ווו מען האָט זיך נישט צוגעהערט צו אים. ער איז אָבער נישט מיד געוואָרן, געהאַלטן אין איין פלאַנצן אויף דער שטיינערנער ערד, ביז ס'איז אַ נס געשען — פון צווישן די שטיינערנע שפּאַלטן האָבן זיך דאָ און דאָרט אַרויסגעריסן פאַרעקשנטע ביימלעך, זיך פאַרצווייגט, זיך געוואָרצלט אין טרוקענעם שטיין, דערמאָנט גאָטס וואָרט.

קאַהאַנע האָט געזען, אַז זיין אַרבעט וועט שוין נישט פאַרלוירן גיין, מען וועט זי טאָן אָן אים, איז ער אַ צופרידענער צוריק געפאָרן נאָך פּוילן, געגלויבט, אַז היינט־מאָרגן וועט דאָס פּוילישע פאָלק זיך באַפרייען, אויפשטיין תחית־המתים, דערנענטערן די גאולה.

---

אַז קאַהאַנע מיט מרדכין זיינען צוגעקומען צו דער ווײַן־שענק, האָבן זיי פון דערווייטנס דערזען, ווי קאָמאַראָווסקי מיט יעלענסקין זיצן אין אַ געשפּאַנטן שליטן.

יעלענסקי איז פלינק אַרויסגעשפּרונגען און זיי אַנטקעגן געגאַנגען.

— באַקענט אייך — האָט קאַהאַנע אים געגעבן די האַנט און גע־וויזן אויף מרדכין — הראַביאַ יעלענסקי...

— צו הונדערט טויזנט טייוואָלים — האָט יעלענסקי אים איבער־געריסן און מיט די אויגן זיך אַנטשולדיקט פאַר מרדכין — וואָס פאַרע הראַביא בין איך אים? מען רופט מיך יערזשי, יערזשי יעלענסקי! כ׳הייס נאָך מיין זיידן — י ר ו ח ם.

דאָס לעצטע וואָרט האָט ער אַקצענטירט און געקוקט אויף מרדכין מיט אַזאַ קרענקלעכער גדלות, ווי ער וואָלט נישט דערמאָנט אַ יידישן נאָמען, נאָר דעם עלטסטן פוילישן הערב.

ער האָט געוויזן מרדכין ווו זיך צו זעצן, אַליין אויך אַריינגע־שפּרונגען אין שליטן, און אַ געשריי געטאָן צום אָנטרייבער:

— פאָר!

יעלענסקי האָט איינגעדעקט אַלעמענס פיס מיט אַ האָריקן „קאָץ״, זיך באַקוועם אַוועקגעזעצט און אויף אַ מינוט נישט אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט געערדט גיך, געעפנט און פאַרמאַכט די לאַנגע פינגער פון דער רעכטער האַנט און די פאַלירטע, דורכזיכטיקע נעגל האָבן צוגעגעבן די ווערטער אַ שאַרפקייט.

— אַז ס׳איז אַ חרפּה צו זיין אַ הראַביאַ! אין קעניגלעכן הויף האָט מען מיטן הערב געהאַנדלט, ווי מיינע זיידעס מיט בראַנפן! און ביי סטאַניסלאַוו אויגוסטן האָט יעדער כאָם פאַר פינף, זעקס הונדערט דוקאַטן געקאָנט ווערן אַ הראַביאַ!

מרדכי האָט זיך איינגעקוקט אין יעלענסקין, געזען פאַר זיך אַ יידיש פּנים. די אויגן לענגלעך, פינקלען ווי שוואַרץ ביר, נעמען דורך. קיין סימן פון דער נישט זיכערקייט און שרעק, וואָס מען זעט אין יידישע אויגן.

— וואָס זאָגט איר — האָט קאַהאַנע זיך אָנגערופן — ווי די גאַנ־צע פּרעסע האָט אויפגענומען יאַסטראָווס רעדע?

—„צוויי ברידער פון איין ערד?״ — האָט יעלענסקי זיך צעלאַכט — וואָס פאַרע ברידער זיינען מיר? אפשר דו מיטן הראַביאַ קאָמאַ־ראָווסקין, צי מיט מיעראָסלאַווסקין? איך נישט! איך בין אַ ייד! כ׳רעד שוין נישט, וואָס אין די דרייסיקער איז מאַראַווסקין נישט אָנגעשטאַ־נען די שלאַכטאַ זאָל זיך שלאָגן צוזאַמען מיט יידן, אפילו דער „גרויסער״ לעלעוועל איז אויך געווען דאַגעגן און מיט אַמאָל ב ר י ־ ד ע ר? דאַרפסט מער? נעם מיין אַלטן! אַ פרומער קאַטאָליק, האַלט

אין איין תּפֿלה טאָן, חברט זיך בלויז מיט גלחים, סטראַשעט, אַז אויב כ׳וועל נישט פּרומער ווערן, און כ׳וועל אים נישט אויפֿהערן צו דער־גיין די יאָרן מיטן זיידע ירוחם, דוקא ווען געסט וועלן זיין אין הויז, כאַ, כאַ, כאַ, וועט ער מיך מאַכן פֿאַר אויס יורש — — — דאַרפֿט איר אַ בעסערן קאַטאָליק? האָט דער אַלטער אָבער אַ שוואַכקייט, טרייבט פֿון הויז די אָרעמע שלאַכטאַ, וואָס שדכנט זיך צו מיין שוועס־טער, וויל פֿאַר איר אַ הראַביאַ, און דוקא פֿון די אַלטע, פּוילישע הראַ־ביעס, און זיי, די הראַביעס, ווילן אים פֿאַר קיין פֿאַל נישט מוחל זיין, וואָס דער זיידע ירוחם האָט געקראָגן פֿון בישאָף דעמבאָווסקי הונדערט שמיץ!

— שמיץ? — האָט מרדכי אַן איבעררעשטער איבערגעפֿרעגט.

— יאָ, פּאַניע, שמיץ. דאָס איז געווען, באַלד... דאָס איז געווען ווינטער אין 1750. דער פּרומער בישאָף האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל, אַז אין פֿיר און צוואַנציק שעה זאָלן אַלע יידן פֿאַרלאָזן קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, און קיין פּאָליאַק זאָל ניט דערוועגן צו קויפֿן אַ יידיש הויז. מיין זיידע האָט אָנגערעדט די יידן זיי זאָלן אונטערצינדן די היי־זער, נישט איבערגעבן זיי דעם קלויסטער. ער האָט דער ערשטער אונ־טערגעצונדן זיין הויז און פֿון יידישן קוואַרטאַל איז איבער נאַכט קיין זכר געבליבן. דערפֿאַר האָט מען אים אויסגעצויגן אין מיטן מאַרק אויפֿן שניי, געשמיסן, און דער פּרומער דעמבאָווסקי האָט געצוווּנ־גען מיין עלטער־באָבע צו ציילן די שמיץ, וואָס מען גיט איר מאַן...

יעלענסקי האָט געקוקט פֿון איינעם אויפֿן צווייטן, ווי ער וואָלט געוואָלט אויסגעפֿינען דעם רושם, וואָס זיינע רייד האָבן געמאַכט.

יעדעס מאָל, ווען קאָמאַראָווסקי האָט געהערט יעלענסקין רעדן, האָט ער זיך פֿאַרלאָרן, ווי אין אַלעם וואָלט ער געווען שולדיק, געווען שולדיק, וואָס זיין זיידע, זיין טאַטע האָבן געשמיסן פּויערים, געשמיסן יידן, זיך געגרויסט, און געוויילט דערמיט געסט. ער האָט געקוקט אויף די דריי יידן, וואָס זיינען אים אין דער זעלבער צייט אַזוי פֿרעמד. דאָס לעכערלעכע, וואָס מען האָט אין אים איינגעפֿלאַנצט פֿון קינדווייז אָן צו דעם ייד, איז פֿאַרשווּנדן, און ער האָט דערזען אין יעדן איי־נעם מיט יידיש בלוט עפּעס טראַגישעס, קינס צייכן. איז ער דאָך גע־

וואַקסן מיט יערזשין, צוזאַמען געלערנט, צוזאַמען געחלומט און יע־
דעס מאָל, ווען ער איז געקומען צו אים צו גאַסט, האָט יערזשיס פּאָטער
מיטן פאַרדאַגהטן פּנים, די שווערע, הייליקע בילדער, דאָס נישט הוי־
כע רעדן, אַלץ האָט אים געשראָקן, און ער האָט געהאַט ס׳געפיל, אַז
ער געפינט זיך אין אַן אַנדער וועלט, וואָס וועט אים תמיד זיין פרעמד.

יעלענסקי האָט אַ פינקל געטאָן מיט די אויגן און געענדיקט:

— דער בישאָף האָט מורא געהאַט די קומענדע דורות זאָלן נישט
פאַרגעסן זיין גרויסע איבערגעגעבנהייט צו דער קירכע. האָט ער אַליין
באַשריבן, ווי ער האָט אַרויסגעטריבן די „אומגלויביקע", נישט רחמנות
געהאַט אויף קינדער און אַלטע, זיי געטריבן מיט הינט און שטעקנס
ביז איבערן גאַרטל אין שניי און דעם „פאַרכאַטן" י ר ו ח ם האָט
ער געדאַרפט פאַרברענען, נישט אָפּלאָזן מיט הונדערט שמיץ. צום סוף
דריקט דער בישאָף אויס די האָפנונג, אַז זיין ביכל וועט זיך געפינען
איז יעדער קאַטוילישער שטוב.

— דאָס איז דאָך דאָס זעלבע ביכל, וואָס דיין פּאָטער האַלט אין
איין אויפקויפן — האָט זיך קאַהאַנע אָנגערופן.

— יאָ, ער צאָלט שווער געלט, ווייל נישט, מען זאָל וויסן זיין יחוס—
האָט יעלענסקי אַריינגעשמייכלט אין זיין דיקער, שוואַרצער וואָנטע—
מען קאָן דאָס ביכל מער נישט קריגן. כ׳האָב אָבער מורא, אַז דער
אַלטער וועט מיך מער איבער זיין שוועל נישט אַריבערלאָזן! איר
ווייסט, וואָס כ׳גיי טאָן? כ׳גיי עס לאָזן איבערדרוקן, כ׳וועל צוגעבן
דעם יחוס פון ירוחמען ביז פּיאָטר יעלענסקין, און עס צעשיקן צו אַלע
אונזערע שכנים, כאַ, כאַ, כאַ! וואָס זאָגט איר דערויף?

ער האָט נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער, אָנגעכאַפּט קאָמאַראָווס־
קין פאַר אַ האַנט און ווייטער גערעדט:

— אייער „יעדנאָשטש" איז אַן אומזין! אַז איר האָט נישט גע־
קאָנט פאַרדייען, דו און דיינע זיידעס, עטלעכע הונדערט געשמדטע יידן,
וואָס שטייען אייך נאָך היינט ווי אַ ביין אין האַלז, ווי קאָנט איר גאָר
חלומען צו אַסימילירן די יידן פון פוילן? פון אייערע פלאַקסענע האָר
וועט דאָך קיין זכר נישט בלייבן!

די פערד האָבן זיך געטראָגן איבערן שניי, אויפגעהויבן אַ קאַלטן,
שטעכיקן שטויב, געשמיסן מיט די לאַנגע עקן איבער די גלאַנ־

ציקע זייטן, פאַרוואָרפן די קעפּ מיט די צעהיצטע נאָז־לעכער, און גע־הירזשעט.

יעלענסקי האָט נישט אויפגעהערט רעדן און איבערן וועג, צווישן די שטעכיקע שנייעלעך, האָט זיך געקייקלט אַ האַרציק געלעכטער.

מרדכי האָט אָנגעקוואָלן פון יעלענסקיס רייד, געקוקט אויפן שטאָלצן הראבֿיא, געזוכט אַ שייכות צווישן אים און די „מה־יפית"־יידן, אין וועמעס נאָמען ער רעדט. ער האָט פאַר זיך געזען מולכון, ווי ער קומט אָנצורייטן נאָך רעגענסבורג, דאַרף אויפגענומען ווערן אין קייסערלעכן הויף, איז זיכער, אַז ער וועט דעם קעניג געווינען אויף זיין זייט, און מרדכין איז תּמיד קשה געווען, צו וואָס מולכו האָט דעם ערשטן וויזיט געמאַכט ביי ר' יוסלמאַנען, דעם שתּדלן, מיט וועלכן ער האָט זיך צומאָל נישט געקאָנט צונויפרעדן. ר' יוסלמאַן, אַ דערשלאָ־גענער, דייטשער ייד, מיט אַ געלע שאַנד־לאַטע אויף די פּלייצעס, וואָס בויגט זיך פאַר יעדן דורכגייענדן קריסט, און מולכו — אַ שטאָלצער ריטער, וואָס האָט זיך ערצויגן אין קעניגלעכן הויף! איצט קוקנדיק אויף יעלענסקין, איז מרדכין קלאָר געוואָרן, פאַר וואָס שלמה מולכו האָט זיך געחברט מיט יוסלמאַנען, דעם שתּדלן.

— אַז מען קאָן מיט דיר נישט רעדן—האָט קאָמאַראָווסקי עטלעכע מאָל איבערגעהאַקט יעלענסקין.

— וואָס דאַרפסטו מער? — האָבן די אויגן ביי יעלענסקין גע־פלאַקערט — כ'האָב ליגן אַן אַנאָנים ביכל, ווי עס ווערט באַשריבן, ווי מען האָט מיין פאָטער געקריסטלט. יעדעס מאָל, ווען כ'לייען דאָס ביכל, פאַלט מיר איין, אַז אַ פּאָליאַק בענקט מער נאָך ראַסן־הערשאַפט ווי נאָך אַ פוילישן שטאַט!

— נישט אמת, נישט אמת — האָט קאַהאַנע זיך אַ קרום געטאָן.

— דער שרייבער פון ביכל — האָט יעלענסקי נישט באַמערקט קאַהאַנעס קרום, און גערעדט אין איין אָטעם—קלאָגט זיך, וואָס מען קאָן נישט דורכגיין די וואַרשעווער גאַסן, מען זאָל נישט באַגעגענען אַ נעאָ־פיט. די נעאָפיטן פאַרנעמען זיך נישט מיט קיין אַרבעט, יעדער האַלט איבער צוואַנציק שענקען, לעבן אָפּגעזונדערט, זיינען זיך קיינמאָל נישט משדך מיט אַן א מ ת ן קאַטאָליק, געבליבן די זעלבע יידן, כאַ, כאַ, כאַ, ווי געפעלט עס דיר?

— טשיקאָווע, טשיקאָווע — האָט קאַהאַנע זיך געקנאַקט די פינגער, — קאָן מען קריגן ביי דיר דאָס ביכל?

— געוויס, כ׳האָב אפילו אויסגעפונען, ווער ס׳האָט געשריבן דאָס אַנאָנימע ביכל, איינער אַ גלח, האַגאַרטאָווסקי הייסט ער, הערט אָבער ווייטער — אויף די „כשצינעס״ — דערציילט דער גלח — זיינען געווען אַ דרייסיק נעאָפיטן, קיין איין אמתער קאַטאָליק. ס׳עסן איז געווען ווי ביי יידן — געפילטע פיש, ווייסע חלה — — — דאָס רעדן מיט די הענט, די צעשראָקענע, כיטרע אויגן, אפילו דאָס צו אָפטע צלמען זיך, אַלץ האָט מיר אויסגעזען, אַז כ׳זיץ צווישן יידן, אַז זיי קוקן אויף מיר קרום, וואַרפן אַריין יידישע ווערטער, וועלכע איך פאַרשטיי ניט, ווי זיי וואָלטן זיך אויסגעהיט פון מיר, ווי פון אַ פרעמדן, בין איך אין מיטן מאַלצייט אַרויסגעגאַנגען — — —

— אָט זיינען מיר שוין — האָט קאַהאַנע זיך אָנגערופן.

אַלע זיינען אויף אַ ווייל אַנטשוויגן געוואָרן, אויסגעמיטן צו קוקן אויף קאָמאַראָווסקין, ווי יעלענסקיס רייד וואָלטן סותר און נאַריש געמאַכט זייער איצטיק פאָרן.

באַרג אַרויף האָבן זיך געצויגן אָפגערייניקטע סטעזשקעס, ווו פון ביידע זייטן איז געלעגן אַ טיפער שניי. לאַנגע געקאַלעכטע געביידעס זיינען געווען צעוואָרפן איבערן גאַנצן שטח און אויסגעזען פון דערווייטנס ווי קאַזאַרמעס. אין דער מיט איז געשטאַנען אַ קלויסטער מיט צוויי טורעמס, וועמעס צלמים, באַשאָטן מיט צעדריוולטן שניי, האָבן זיך געצייכנט אין דער דורכזיכטיקער לופט. די טויערן פון קלויסטער זיינען געווען ברייט צעעפנט און די פלעמלעך פון די וואַקסענע ליכט האָבן זיך אָפגעשפיגלט אין שאָטן, פאַרשוווּנדן, און זיך צוריק באַוויזן. פון אַלע זייטן זיינען אָנגעפאָרן שליטלעך מיט פויערים, יונגען מיט סענקעוואַטע שטעקנס זיינען אָנגעקומען קופקעסווייז, פרויען אין שוואַרצע קליידער האָבן געקניט פאַרן קלויסטער און איינציקווייז פאַרשווּנדן אין די צעעפנטע טויערן, ווי אין אַ באַלויכטענער, טיפער הייל. מאָנאַכן אין לאַנגע, ברוינע קאַפּאָטעס מיט גאַרטלען, ווו די טראָלדן האָבן זיך געבאָמבלט צווישן די פיס, האָבן זיך גאָטפאָרכטיק געשאַרט צווישן עולם, געטאָן זייער טעגלעכע אַרבעט, ווי קיין זאַך וואָלט נישט פאָרגעקומע-

דער שליטן האָט זיך אָפּגעשטעלט. יעלענסקי האָט אויפגעהויבן דעם „קאָץ" און אַלע זײַנען אַרויס. עס איז שווער געווען צוצוקומען צום קלויסטער. דער עולם האָט זיך געשפּאַרט פון אַלע זייטן. יעדע ווײַלע איז אָנגעקומען אַ פרישע קאָמפּאַניע. איינער האָט געטראָגן אַ צלם, אַן אַנדערער — אַ הייליק בילד און דער עולם האָט געזונגען. דאָס געזאַנג האָט זיך געטראָגן פון אַרום און אַרום. דאָ האָט מען געבענדיקט, דאָרט אָנגעהויבן, דאָ איז אימיצער אַרײַן אין דער מיט און דאָס שטילע געזאַנג האָט זיך געקייקלט איבערן ווײַסן שניי, אָנגעיאָגט אַ טרויער. ס'פאָלק האָט זיך געהאַלטן אין איין צלמען און שטיל מיטגעזונגען, ווי אויף אַן „אָטפּוסט".

אַ יונגער גלח איז אויסגעוואַקסן, זיך באַגריסט, פון דער זייט אַ קוק געטאָן אויף מרדכין. ווען מען האָט אים פאַרגעשטעלט, איז מרדכין געוואָרן אומהיימלעך, געמיינט, אַז פון אַלע זייטן קוקט מען אויף אים.

— פּאַניע קאַהאַנע — האָט דער גלח אַ צופרידענער געוויזן אויף די מענטשן, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין אָנקומען — איצט וועט שוין קיינער נישט זאָגן, אַז ס'פאָלק איז געגן אויפשטאַנד, האַ?

מרדכי האָט זיך נישט צוגעהערט. ער איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, האַלב פאַרמאַכטע אויגן, נישט געפילט, אַז אַרום אים איז אַ געדיכטע וואַנט מיט מענטשן, וואָס האַלט זיך אין איין צוזאַמענפּרעסן, פאַרשטעלט וואָס טוט זיך אַרום. אין מח ביי אים איז געוואָרן אַזוי לופטיק, אַז ער האָט זיך געהויבן איבער אַלעמענס קעפּ, געזען, ווי דער שונא אַ באַוואָפנטער קומט אָן, שטעלט אָן די ביקסן און סטראַשעט, אַז אויב מען וועט זיך נישט פאַנאַנדערגיין וועט ער שיסן. דער עולם האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, ווי איין מענטש זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קניען און זיך געבעטן ביים שונא:

— שיס!

דער עולם האָט זיך אַ וויג געטאָן, געוואָלט נענטער צוקומען צום קלויסטער, מיטגעשלעפּט מרדכין, האָט ער דערפילט, ווי ער זיצט אין אַ קלעם, טראָגט זיך מיטן שטראָם, ווי אַ שפּענדל, און מורא געהאַט, די מאַסע זאָל נישט צעקוועטשן קאַהאַנען. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, דערזען אַרום זיך פאַרדעכטיקע פּנימער, דערזען שפּיציקע אויגן, געהערט

ווי אַן אַלטיטשקער און אַ „קאָנפעדעראַטקע“ דערציילט, ווי ער האָט אין די דרייסיקער פאַרטיידיקט וואַרשע, און קיינער פון די אַרומיקע הערט זיך בישט איין. אַלע מימ צעעפנטע מיילער, גייציקע אויגן רייסן זיך צום קלויסטער מיט אָנגעשטעלטע עלנבויגנס, איז מרדכין איינגעפאַלן צי די זעלבע מאַסע וואָלט בכח געווען זיך צו שטעלן קעגן וועלכן עס איז שונא?

ביים אַריינגאַנג אין קלויסטער, ווו דאָס בילד פון דער הייליקער מאַמע איז געשטאַנען, האָט מען אויסגעשטעלט אַ גיפסענע פיגור פון אַ יונגער פרוי. אויפן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ „קאָנפעדעראַטקע“, אויפן האַרץ אַ ווייסן אָדלער פון בלומען און איבער די הענט און פיס האָבן געהאָנגען אייזערנע קייטן. אַ הייפעלע יונגע־לייט מיט מיידלעך האָבן געקניט אויפן שניי און געזונגען:

Boże coś Polskę — — —

דאָס פאָלק האָט אונטערגעכאַפּט, געבליבן שטיין ווי אַ וואַנט, און אין דער קאַלטער לופט האָט עפּעס אַ ציטער געטאָן אָן ווערטער.

ביי דער פיגור איז אויסגעוואַקסן אַ גלח. נאָך אים אַ צווייטער, אַ דריטער. דער עולם האָט זיך קיין ריר געטאָן, געשטאַנען מיט צע־שטראַלטע פּנימער, נישט געהערט, וואָס מען רעדט, בלויז געפילט, אַז די שעה האָט געשלאָגן, מען דאַרף צערייסן די קייטן.

קאַהאַנע האָט געאַרבעט מיט די פויסטן, גערעדט הייזעריק. די, וואָס זיינען געשטאַנען נאָנט, האָבן געוואָרפן די היטלען, געשריען „יעדנאָשטש“. מרדכי האָט דערפילט אַ פּאָר נאַסע וואָנסן פון טאַבעק־שמעקן אויף זיינע באַקן — אַן עלטערער גוי האָט אים אַרומגעכאַפּט און זיך צעקושט:

— אַז „יעדנאָשטש“, זאָל זיין „יעדנאָשטש“!

עמעצער האָט פאַרצויגן, און איבערן פעלד האָט אַ הילך געטאָן:

Z dymem pożarów — — —

דאָס געזאַנג איז געוואַקסן העכער און העכער, זיך געקייקלט איבער די פוטערנע היטלען פון די פּויערים און אין דער לופט האָט זיך געטראָגן אַ הייליק גלויבן פון אַ פאָלק, אַז היינט, מאָרגן וועט עס באַפרייט ווערן.

די לופט האָט אויפגעציטערט אַרום און אַרום:

— ער פאָרט, ער פאָרט.

— ווער?

— פרינץ פּאָניאַטאָווסקי!

— ווער איז ער?

— ווער ער איז? כ׳ווייס — — — ווי זאָגט מען דיר?

— אַ פרינץ?

— יאָ, פּאַניע, אַ פרינץ!

— ניין, ס׳איז גאָר הראביא זאַמאָיסקי!

— ביסט זיכער?

— זיכער צי נישט זיכער, נאָר ס׳קומט, ברודער, אָנצופאָרן נישט ביליע=ווער!

— וואָס זאָגסטו אויף אַזאַ געשפּאַן?

— ווי דאָס לויכט!

— גאָלד!

— ריינע גאָלד!

פון וואַלד איז אָנגעריטן אַ סוויטע שלאַכטשיצעס. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געלויף, קיינער האָט נישט געוווּסט, ווער עס קומט אָנ=צופאָרן. מען האָט אָנגערופן פּאַרשיידענע נעמען, זיך געשפּאַרט, זיך געוועט. באַלד האָט זיך באַוויזן אַ קאָטש, געשפּאַנט „נאַ=שפּיץ" אין צען פערד — לויט די צען פּוילישע גובערניעס. אין קאָטש איז געזעסן אַ יונגערמאַן, אַרומגערינגלט מיט דאַמען. די פערד, געהילט אין בלוי=זיי=דענעם בראָקאַט, דורכגעוועבט מיט זילבערנע אָדלערס, האָבן געטראָגן אויף די פּאַרריסענע קעפּ גאָלדענע יחוס=הערבן. בויגיקע פּוילישע טעכ=טער, אין נאַציאָנאַלע „קראַקאָווסקע" קליידער, האָבן געשלאָסן אַן ערן=וואַך, עטוואָס געבויגן זייערע שטאָלצע קעפּ, געפּשופּט מיט די בלויע אויגן, מיט די גאָלדענע צעפּ. די גלאָקן האָבן זיך שטיל צעוויגט, און פון קלויסטער איז דעם פרינץ אַנטקעגן געקומען אַ הייליקע פּראָצעסיע. און די קלויסטער=גלאָקן האָבן זיך שטאַרקער צעוויגט, און די שטאָלצע, פּוילישע טעכטער האָבן טיפער געבויגן זייערע קעפּ, העכער און שטאַר=קער האָט געקלונגען זייער געזאַנג, באַגלייט מיט אַ קרעכץ פון אַ יידישער פידל. אַזוי האָט מען אַראָפּגעשליידערט דעם שווערן יאָך,

פאַרהילכט די חרפה און ווייטאָק פון פּוילישן פאָלק — האָט דער עולם שטיל און הייליק זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קניען פאַר זייער פּרינץ און געגאַרט נאָך זיינס אַ וואָרט.

און שטאָלץ איז געשטאַנען דער פּרינץ איבער דעם קניענדיקן פאָלק, קריגעריש געפּיסן זיין לאַנגע וואָנסע און געזען, ווי פון וואַלד קומט אָן אַ ייד. דאָס איז געווען משהלע דאָרף־שוחט, אַ קליין יידל מיט אַן אויסגעגעסן בערדל, וואָס האָט אַהיים געטראָגן אַ זעקל מיט לונג־און־לעבערס. פאַרגעסן האָט דער פּרינץ, אַז מען קניט און מען וואַרט אויף זיינס אַ וואָרט. ער איז ארויס פון דער קאָטש, אַנטקעגן געגאַנגען דעם יידל, אים אַרומגעכאַפּט און זיך צעקושט מיט אים. האָבן די שלאַכטשיצעס געוואָרפן די „קאָנפעדעראַטקעס“, די דאַמען — די ווייסע, זיידענע האַנטשן, און דאָס נאָר וואָס תפילהדיק פאָלק איז אויפגעשפּרונגען מיט אַ וויוואַט, געשריען „יעדנאָשטש“, לאַנג לעבן זאָל מאָשעק — האָט זיך די ברייטע נאַטור פונם פּרינץ צעשפּילט אונטער די דאַמעס געשרייען, האָט ער משהן געכאַפּט אויף די הענט, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דאָס יידל האָט געדריגעט מיט די פיס, געוויינט, אים אַריינגעזעצט אין דער קאָטש און דער צוג האָט זיך ווייטער געצויגן.

די דאַמען האָבן גענומען באַרויקן דעם שוחט, אים געגלעט, אַראָפּגענומען פון די העלזער סאַמעטלעך, בענדער, צירונג, אויסגעפלאָכטן פאַר אים אַ „קאָנפעדעראַטקע“ מיט אַ פּאַווע־פעדער, געזאָגט אויף אים פּאַרפומען פון זילבערנע פלאַקאָנען און געוואָרפן גורל, ווער עס זאָל אים צוערשט אַ קוש טאָן. דער שוחט איז נעבעך געזעסן אין געבראָכטע צרות, געוויינט, תפילה געטאָן.

מרדכי איז אויסגעוואַקסן ביי דער גיפּסענער פיגור, ווו הייליקע פאָנען האָבן געפלאַטערט. אַ בלייכער, מיט אויפגעהויבענע הענט, איז ער געשטאַנען עטוואָס געבויגן, זיך קיין ריר געטאָן. די אויגן אָפענע, מילדע, האָבן געקוקט עטוואָס צעשראָקן און ווען מעס בליק האָט צו זיי פאַרבלאָנדזשעט, האָט זיך שוין פון זיינע אויגן נישט געקאָנט באַפרייען. צווישן די פלאַטערנדע פאָנען האָבן אַרויסגעשטראַלט צוויי פנימער, ווי צוויי לייבלעכע ברידער — דער בלייכער „זון“ און דער נאָך בלייכערער מרדכי.

די געשרייען זיינען געוואָרן קלענער, דאָס געזאַנג שטילער. דאָ און דאָרט האָט מען געטייטלט מיט די פינגער, ווי אויף אַ וווּנדער, זיך נישט געכאַפּט, וואָס דאָ טוט זיך, פאַרגאַפּטע זיך געהויבן אויף די שפּיץ פינגער:

— ווער איז דאָס?

— ווער איז דאָס?

— אַ ייד?

— ער זעט דאָך אויס ווי פּאַן יעזוס?

— ווער איז דאָס?

— ווער?

מרדכי איז געשטאַנען ווי פריער. ס'פּנים בלייך, אויסגעצויגן, די האָר נאַכלעסיק צעוואָרפן איבערן שטערן, די קאַפּאָטע צעקנעפּלט און די ווייסע, איידעלע הענט געווענדט צום עולם.

די פּלוצלינגע שטילקייט האָט געזשומעט אין די אויערן, בולטער געמאַכט דאָס איינטאָניקע וויגן פון די קלויסטער-גלאָקן, און אַ פּחד געמישט מיט נייגעריקייט האָט זיך געוויגט אין די הערצער.

קיינער האָט נישט באַמערקט, ווי פון וואַלד זיינען אָנגעריטן קאָזאַקן אויף קליינע, פלינקע פערד. מיט אַמאָל האָט זיך דערהערט דאָס קלאַפּן פון אַ פּויק. די קאָזאַקן זיינען אָנגעלאָפן מיט פינקלדיקע באַיאָנעטן, מיט אָנגעשטעלטע ביקסן צום שיסן.

אָנשטאָט צו אַנטלויפן האָט דער עולם זיך נאָך מער צוזאמענגע- דריקט, פּלייצע צו פּלייצע, זיך צונויפגעגאָסן אין אַן אומענדלעכער וואַנט, און איבער דער וואַנט איז געשטאַנען מרדכי, ווי אויסגעהאַקט פון מאַטן שטיין, זיך אָנגעשפּאַרט מיט איין האַנט אָן דער הייליקער מאַמע און געקוקט אויפן עולם.

די מאַסע האָט זיך אַ שפּאַר געטאָן, געוואָלט אַריין אין קלויסטער, געווען אָבער אַזוי צוזאַמענגעפּרעסט, אַז קיין איין מענטש האָט זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן, איז די מאַסע געבליבן שטעקן אין דער לופט, דאַכט זיך געהאָנגען, ווי אַ פויסט וואָלט זיך איר אַוועקגעשטעלט אין האַלז, און מיט גלאָציקע אויגן געקוקט אויפן בלייכן ייד.

די פּויק איז אַנטשוויגן געוואָרן, און ס'האָט זיך געהערט אַ היי- זעריק קול פון אַן אָפיציר:

— צעגייט אייך, אַז נישט וועט מען אייך מיט געווער צעטרייבן!

קיינער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. אַ יונגער גלח האָט אויפגעהויבן אַ צלם און זיך צעזונגען:

Święty Boże — — —

דער עולם האָט אונטערגעכאַפּט:

Święty Boże, święty mocny, święty a nieśmiertelny, zmiłuj się nad nami.

אַלע האָבן אַראָפּגעכאַפּט די היטלען, געזונגען העכער, פאַרעקשנט געקוקט אויף די פינקלדיקע באַיאָנעטן, אויף די לעכער פון די אָנגע־שטעלטע ביקסן, זיך געמאָסטן מיט כּוחות.

אַ לייכט קלאַפּן פון פויקן, ווי מען וואָלט אַרבעס געשאָטן, האָט אויפגעטרייסלט די לופט. באַלד איז דאָס קלאַפּן געוואָרן שטאַרקער, איבערגעגאַנגען אין אַ וואָיען, אַז דרעשטשעס זיינען דורך איבערן לייב, און אַ קנאַל פון ביקסן האָט פאַרטויבט אויף אַ רגע דאָס שטילע גע־זאַנג. דער גלח האָט אַרויסגעלאָזט דעם צלם, אַ צווייטער האָט אים אויפגעהויבן, גלייך געפאַלן פון אַ קויל. מרדכי האָט אונטערגעכאַפּט דעם צלם.

די צונויפגעפּרעסטע וואַנט פון מענטשן האָט נאָכגעלאָזט, אַריבער־געשפּרונגען איבער די קרעכצן פון די געפאַלענע, זיך נישט צעלאָפן, און מיט אויפגעהויבענע שטעקנס, מיט בלויזע הענט, מיט שטיינער זיך אַ שפּאַר געטאָן צום שונא.

מרדכי איז געלאָפן אויף אַ פריער.

ס'העמד צעריסן, ס'ווייסע לייב צעעפנט, די ליפּן פאַרקוועטשט פון ווייטאָק און די אָנגעצונדענע אויגן האָבן דאַכט זיך געשריען צום שונא:

— שיס! מאָרדעווע אומשולדיקע מענטשן!

עמעצער האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר אַ האַנט. ער האָט געזען, ווי אַ יינגל האָט זיך צוגעזעצט, אָנגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר שטומע, צעשראָקענע אויגן, און בלוט האָט זיך אַ גאָס געטאָן ביים יינגל פון מויל. מרדכי האָט אים צוגעלייגט דעם צלם צו די ליפּן, און איז גלייך אַוועקגעשלעפּט געוואָרן מיטן שטראָם. ער איז געלאָפן ווי אין פיבער, געפילט, ווי די הענט ברענען ביי אים, שרפענען, זיך געוואָלט באַפריי־ען

פון די ווייס צעגליטע שטיקער אייזן, וואָס ער האָט געהאַלטן צווישן די פינגער, און טויזנטער פּאַסירונגען האָבן אויפגעשיינט ביי אים אין אַ רגע. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ווען די מאַסע, ווי אַ רויע קראַפט, האָט אומגעוואָרפן און אויסגעריסן אַלץ, וואָס ס'איז איר געשטאַנען אין וועג? יאָ, ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אויפגעכאַפּט אַ פאָדעם נאָך אַ פאָדעם, געהאַלטן דעם סוד פון דער וועלט, אַ פאַרבלוטיקטן, געוואָלט אים אַ שליידער טאָן דער מאַסע, ווי אַ צערייצטן ביק, זי זאָל משוגע ווערן, זי זאָל זיך אויפעסן לעבעדיקערהייט. ער האָט אַ הויב געטאָן די הענט, דערזען ווי דער צלם צעוואַקסט זיך, בלייבט שטיין צווישן אים און דער מאַסע, ווי אַן אייזערנע מחיצה. רויטע טראָפּנס פייער זיינען פאַרביי מיט אַ זשומעריי. מרדכי האָט דערפילט אַ שליידער אויף צוריק — דער צלם אַן איבערגעבראָכענער איז געלעגן ביי זיינע פיס. ער האָט דערזען קאַהאַנען, ווי ער שטייט איבערן צעבראָכענעם צלם מיט צעשפּרייטע הענט און שרייט:

— רוים איז געפאַלן! רוים איז געפאַלן!

די מאַסע האָט זיך אַ שפּאַר געטאָן, זיך געקייקלט אין דער בלויקייט אַריין מיט די פיס אַרויף, נישט געוואָרן. מרדכי האָט זיך געחדושט, פאַרוואָס ס'איז מיט אַמאָל אַזוי שטיל געוואָרן. ער האָט גערופן, זיך געיאָגט אין דער בלויקייט. אַלץ איז אָפּגעשטאָרבן. צעשווימען.

## קאַפּיטל 2

# בלוט און פייער

מרדכי האָט געעפנט אַן אויג, ניט געקאָנט פאַרטראָגן די ווייסקייט פון שניי און עס צוריק פאַרמאַכט. ער האָט זיך געחדושט, פאַרוואָס ער קאָן זיך קיין ריר ניט טאָן. זיין גאַנצער קערפער איז געווען פאַרגליווערט. דער שניי, וואָס איז געלעגן אויף זיין צעעפנט העמד, האָט זיך צעשיט מיט אַ ברי איבערן לייב, און ער האָט זיך אויסגעניכטערט. אַ גרויער הימל מיט אַ בלאַסן אָפּשיין פון אַ שטערן איז געהאָנגען איבער אים. די שטילקייט פון דער אָנקומענדער נאַכט האָט געזשומעט אין די אויערן, און ער האָט זיך בשום אופן נישט געקאָנט דערמאָנען, ווי לאַנג ער ליגט שוין אַזוי. ער איז געווען זיכער, אַז ער איז פאַרווונדעט. די פיס האָבן געשווערט און געזונקען אין שניי אַריין, ווי אָנגעזאַפּטע קלעצער. ער האָט גענומען שאַרן מיט די הענט אַרום זיך, אָנגעטאַפּט דעם צעבראָכענעם צלם און זיך דערמאָנט, ווי דער אויסגעצערטער גלח איז געבליבן ליגן ביים קלויסטער. דער גלח איז געפאַלן פאַר פוילן, פאַר זיינע ברידער — די טויזנטער פויערים, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט פון אַרום און אַרום — און ער, מרדכי? פאַרוואָס ליגט ער דאָ? אַ קראָ האָט זיך צעשריען, באַלד אַ צווייטע, אַ דריטע און מיט אַ קראַקען האָבן זיך קראָען אַראָפּגעלאָזט פון אַלע זייטן. מרדכין איז איינגעפאַלן, אַז אַ מענטש מוז דאָרטן ליגן. ער האָט אָנגעשטרענגט די אויגן, געזען, ווי די שוואַרצע שנאָבלען צייכענען זיך איבערן שניי, ווערן לענגער, שפּיציקער, פאַלן הין און צוריק, ווי בלאַנקענדע קלינגלען, לאָזן זיך אַראָפּ, ווו דער מענטש ליגט. אַ קראָ האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיט צעשפּרייטע פליגל אויפן שאַרבן, פאַרריסן דעם שנאָבל,

ווי אַ בוימפּיקער, און מיט אַ פּאַרעקשנטע פּינקטלעכקייט געפּיקט אין שטערן אַריין, טיפער, טיפער, ווי די קראָ וואָלט מיט אַ קלין זיך געקליבן שפּאַלטן דעם שאַרבן. מרדכי האָט זיך געכאַפּט, אַז ער זעט גאָרנישט, אַז דאָס שטעלט ער זיך בלויז פאָר, און ער האָט אויפגעציטערט. אַ פאַרלאַנג צו לעבן האָט אין אים גענומען וואַקסן, און וואָס העכער און טומלדיקער דאָס קראַקען איז געוואָרן, אויפגעטרייסלט די שטיל־קייט פון דער נאַכט, אַלץ שטאַרקער איז ביי מרדכין געוואָרן דער פאַר־לאַנג, זיך גענעגלט אָן דעם צונויפגעפּרעסטן שניי, זיך געקרעמפּט אין דער שניידנדער לופט. און אַז די לבנה האָט מיט איר אַרויס־קומען אויסגעלאָשן אויף אַ רגע די שטערן, אָפּגעגאָסן מרדכין מיט אַ מאַט ליכט, האָט ער זיך דערפילט דורכזיכטיק, געזען אַרום און אַרום אויגן, וואָס נעמען אים דורך, און איז פון שרעק אויפגעשפּרונ־גען. מרדכי האָט זיך אַרומגעקוקט, נישט געוווּסט ווו ער געפינט זיך, געזען פאַר זיך פאַרשנייטע קוסטן און זיך איינגעהערט. דאָס קראַ־קען האָט מיטגעבראַכט אָפּגעריסענע קלאַנגען, ווי מענטשן וואָלטן גע־רעדט. אויפן שניי, ווו די לבנה האָט אויסגעשניטן אַ וועגל, האָט זיך באַוויגן אַ שאָטן פון אַ מענטש. מרדכי האָט זיך גענומען שאַרן אויף אַלע פיר. פון הינטער אַ קוסט האָט זיך געהערט אַ פּויעריש קול:

„— — — — מיט אַ קויל אין הינטער־חלק — — — —

— נו שטעל זיך, פּאַניע „וואַיאָווניקו"! שטעל זיך!

— ס'האָט זיך דיר פאַרוואָלט „וואָיעווען"? האַ?

— ‏וי שטייף דאָס איז!

— אַזאַ „וואָנסאַל"!

— האָסט מורא געהאַט, מען וועט דיר צעשלעפּן דעם וואַלד, גע־שמיסן, אַז אַ פּויער האָט גענומען אַ דרענגל אויף אַ דישעל, איצט שווייגסטו, האַ? מער ווי אַ ברעט אויף אַ טרומנע וועסטו מיט דיר נישט מיטנעמען!

— וועסט שוין מער נישט שמייסן פּויערים אין הויף!

— נישט קריכן צו זייערע ווייבער!

— נו בויג איין אַ פּוס! צי אויס די קאָפּיטעס!

— אַז ס'האָט זיך דיר פאַרוואָלט „וואָיעווען", האַלט זיך מיט דער קויל אין הינטער־חלק!

מרדכי האָט מער נישט געקאָנט איינליגן. ער איז אויפגעשפּרונ־
גען, און זיך אַ וואָרף געטאָן צום קוסט. דער פויער, אַן איבערגעשראָקע־
נער, האָט אַ כאַפּ געטאָן אַן אָנגעשטאָפּטן זאַק, אינסטינקטיוו אַ געשריי
געטאָן: „יעזוס־מאַריאַ" און גענומען לויפן. פון גרויס שרעק האָט ער
דעם זאַק אויך אַוועקגעוואָרפן און איז פאַרשוווּנדן. ביים קוסט איז
געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אַ נאַקעטער מת. דאָס רעכטע אויג עטוואָס
צעעפנט, ס'מויל אויסגעקרומט, די לינקע האַלבע וואָנסע פאַרקוועטשט
צווישן די פאַרדריקטע ליפּן, אַזוי אַז ס'האָט זיך מרדכין אויסגעדאַכט
ס'שטייט אַ מענטש מיט אַ האַלב פּנים, קוקט אויף דיר, וואָס מען האָט
אים אויסגעטאָן אין אַזאַ קאַלטער נאַכט אַ נאַקעטן און וויינט. אַ
יוכטענער שטיוול, וואָס דער פויער האָט נישט צייט געהאַט ארייינצו־
לייגן אין זאַק אַריין, האָט זיך געוואַלגערט אין שניי. אויפן מתס
האַרץ, ווו דאָס בלוט פון דער ווונד איז שוין געווען פאַרגליווערט,
האָט געהאַנגען אַ קליין צלמל. מרדכי איז געשטאַנען פאַרן טויטן
מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווי פאַר אַן אָפענעם קבר, נישט געוווּסט
ווער דאָס איז, פאַרגעסן צו וואָס ס'מזל האָט זיי ביידן דאָ אַהערגע־
בראַכט, געזען דעם פאַריתומטן שטיוול און אין די אויערן האָט ביי
אים געקלונגען:

— ווועסט שוין מער נישט שמייסן פויערים אין הויף?

די קראָען אַרום האָבן נישט אויפגעהערט צו קראַקען. מרדכי
האָט אויסגעצויגן דעם טויטן, און כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז די
קראָען וועלן אים אויסגראָבן, האָט ער פונדעסטוועגן אָנגעשיט אויף
אים אַ בערגל מיט שניי, אַריינגעשטעקט דעם צעבראָכענעם צלם און זיך
געלאָזט מיטן פעלד.

ערשט איצט האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז ער האָט נישט ס'פוטער.
די קאַלטע ווינטער־נאַכט האָט אים דורכגענומען. ער האָט זיך יעדע
ווײַלע אָפּגעטרייסלט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט באַפרייען פון פראָסט,
מער זיך נישט געפרעגט, וואָס ער טוט דאָ, פאַרשטאַנען, אַז דער אויס־
געצערטער גלח, דער מת, וועמען ער האָט נאָר וואָס באַגראָבן אין שניי,
זיינען נישט געפאַלן פאַר זייערע ברידער. די ברידער האָבן די קרבנות
נישט אָנגענומען. ווי הונגעריקע וועלף האָבן זיי זיך געלאָזט אין דער
נאַכט אַריין, נקמה גענומען פאַר דעם גוטן, וואָס מען האָט פאַר זיי

געוואָלט טאָן און אפשר פאַר די פריצישע שמיץ, פאַר די טרערן פון זייערע ווייבער און טעכטער ?

אפשר...

מרדכי איז געגאַנגען גיכער, כמעט געלאָפן, אויפגעכאַפּט יעדן קלאַנג, נישט פאַרטוישט אַ בוים אויף אַ מענטש און ווי איינער, וואָס טראָגט זיך מיט אַ פּאָר ווילדע פערד, האַלט פעסט די לייצן, איז זיכער, אַז ווי שנעל די פערד זאָלן זיך נישט טראָגן, פון זיינע הענט וועלן זיי זיך שוין נישט אַרויסרייסן, מיט דער זעלבער זיכערקייט האָט ער זיך געהאַלטן אָן זיינע פאַרשאַרפטע חושים און געשפּאַנט אַלץ טיפער אין דער נאַכט אַריין. די זיכערקייט איז געווען אין אים, געקוואָלן פון יעדן גליד זיינס, אַ זיכערקייט, וואָס מען ווייס אַליין ניט פון איר, ביז מען בלייבט אַליין מיט זיך. אויסטערלישע ערשיינונגען זיינען פאַרביי געשווימען מרדכין, זיך צומאָל נישט אָנגערירט אָן אים, ווי זיי וואָלטן אַרויסגערופן געוואָרן דורך אַ געהיימען צייכן פון איינעם, וואָס האָט באַצוואונגען די אויסערלעכע וועלט. ער איז געווען פריי פון שרעק, נישט באַמערקט די ווייסע ווינטער־נאַכט, וואָס איז געשטאַנען אין עק וואַלד באַפּעלצט אין שניי, באַוואַקסן מיט אייז־צעפּלעך. די ווינטער־נאַכט האָט אַרויסגעשיקט פון אירע ברייטע, שמויסטע אַרבל דעם אויסגעצערטן גלח, דעם מת, וועמען מרדכי האָט באַגראָבן אין שניי, אַרויסגעשיקט הונגעריקע וועלף, וואָס טראָגן זיך נאָך אַ געשפּאַנטן שליטן, טראָגן זיך נאָך פּעליציען און קאָמאַראָווסקין. די מחבלים האָבן געדאַרפט פאַרלויפן מרדכין דעם וועג, אים איבערשרעקן, ער זאָל זיך איבערגעבן אין זייער רשות, האָבן זיי אָבער נישט געקאָנט צוקומען צו אים, ווי אַ פייערדיק ראָד וואָלט זיי אָפּגעטיילט פון מרדכין. מרדכי, אויסגעטאָן פון ד ע ר וועלט, ווייט פון מענטשן, האָט דערפילט אין זיך אַ גרויסע ליבע צום מענטש, די ליבע, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין מדבריות, אין וועלדער.

דער מוח האָט זיך ביי מרדכין געצונדן. ער האָט געזען, ווי אַרום אים פלאַקערט אויף אַ פייער, ווערט גרעסער, כאַפּט אַרום איין געביידע נאָך דער צווייטער. נאַקעטע מענטשן באַווייזן זיך דאָ און דאָרט, צעטערן פון קעלט, קאָנען זיך נישט דערוואַרעמען אָן אייגענעם פייער, און דאָס פייער, ווי אַ שיטערע מאַסע, גיסט זיך פאַנאַנדער ווי אַ טייך, קאָכט

די מענטשן ראַנגלען זיך, קלעטערן איינער איבערן צווייטן, ווילן אַרויס און אין מיטן טייך שטייט אַן איינגעבויגענער צלם, ווי אַן אַלטע דאַמבע, מאַכט טיפער ס׳פייער, לאָזט קיינעם נישט אַרויס, שטייט ווי גבריאלס שטאָק־רער אין מיטן ים. דאָרט איז בלויז רוים אויסגעבויט געוואָרן און דאָ — אַ וועלט, אַ גאַנצע וועלט, וואָס דאַרף חרוב ווערן. דער מח ביי מרדכין האָט געבליצט, געזען, ווי אַ בנין נאָך אַ בנין פאַלט איין, אַ געביידע נאָך אַ געביידע קראַכט און איבער די חורבות שטייט אַ ייד, שטייט ער, רופט צו זיך די דערשלאָגענע, די הונגעריקע, די געפייניקטע, רייסט די שלוזן, ברעכט די דאַמבעס, פאַרפלייצט די ערד, מאַכט אַלץ חרוב, דער מענטש, אַ נאַקעטער, אַ ניי־געבוירענער, זאָל ווייטער קאָנען שפינען גאָטס פאָדעם, דעם יידישן פאָדעם, וואָס איז נאָך נישט איבערגעריסן געוואָרן.

---

שפעט אין דער נאַכט האָט מרדכי אָנגעקלאַפּט אין אַ נידעריק שטיבל, וואָס האָט זיך קוים אַרויסגעזען פון שניי, פון אינעווייניק האָט זיך געהערט אַ פאַרשלאָפן קויל:

— ווער איז דאָרט?

— אַ דורכגייער וויל איבערנעכטיקן.

קיינער האָט נישט געענטפערט, מרדכי האָט שוין געוואָלט אַוועקגיין, האָט ער דערהערט ווי מען פאָרעט זיך ביי דער טיר און עמעצער רעדט צו זיך מיט אַ בייזער:

— שלאָפן לאָזן זיי נישט! שלעפן זיך אויף די וועגן ביי נאַכט ווי נישט גוטע!

די טיר האָט זיך געעפנט מיט אַ סקריפּ, און פון הינטער דער טיר האָט זיך געהערט:

— קומט אַריין, גיכער! מיר וועלן באַלד האָבן אַ פולע שטוב מיט פראָסט!

מרדכי איז אַריין אין אַ פינסטערער שטוב. אַ פאַרשטיקטע וואַ־רעמע לופט, וואָס האָט געשמעקט מיט אָנגעלעגענע קאַרטאָפל און בהמה־מיסט, האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין פּנים אַריין. ער האָט זיך אַרומ־געקוקט, קיינעם נישט געזען און געזאָגט:

— אַנטשולדיקט, גוטע מענטשן, וואָס כ'האָב אייך איבערגעוועקט, כ'וועל איבערשלאָפן די נאַכט, אייך באַלוינען און גיין ווייטער, איר דאַרפט נישט מורא האָבן...

— פאַר אַ מענטש איז קיין זאַך נישט צו שווער — האָט פון דער פינסטער זיך געהערט אַ פרויען־שטימע, געקלינגען מיט שרעק און הכנעה — נאָר, פאַניע טייערער, היינטיקע צייטן, ווען די וועגן זיינען פול מיט וועלף, נישט מיט קיין מענטשן, דאַרף מען זיין פאָרזיכטיק!

— וואָס, ס'פאָלק בונטעווע זיך ביי אייך אויך? — האָט מרדכי געפרעגט.

— ס'פאָלק, פאַניע, איז געוואָרן ווילד, האָט מער נישט מורא פאַר גאָט, אַנטלויפט אין די וועלדער אַריין, אַז ס'איז נישט זיכער דורכצופאָרן!

— און ווו איז דער שררה? — האָט מרדכי זיך געפרעגט — ס'דאַרף באַלאַנגט דאָך צו רודאָווסקין?

— יאָ, פאַניע טייערער. דער שררה, פרעגט איר? ווי אַ שררה! אויפן פאָלוואַרק טאָר מען נישט אַריינשמעקן.

— דער יונגער שררה — האָט דער פויער זיך אָנגערופן — איז קיין שררה, ס'איז אַ „פּסו־בראַט," אַ „חזצל"! ווייס נישט מער ווי צו שמייסן פויערים!

אין דער פינסטער האָט זיך צעטראָגן אַ פאַרבענקטער מע־עע פון אַ קעלבל.

— דאָס בענקט עס נאָך דער מאַמע. אַ יונגס, מען האָט עס נעכטן אַנטווינט און אין שטאַל איז קאַלט, האָט מען עס אַריינגענומען אין שטוב אַריין.

דער פויער האָט אָנגענומען מרדכין פאַר דער האַנט, און אים צוגעפירט צום אויוון:

— פאַניע, דאָ האָט איר אַ קישן, און קריכט אַרויף. אויפן אויוון ליגט היי, וועט איר זיך לייגן, נאָר זעט, שרעקט אייך נישט איבער, מיינע קינדער שלאָפן דאָרט.

מרדכי איז פאָרזיכטיק אַרויף אויפן אויוון. פון אונטער אַ קאָלדרע האָט אַרויסגעשיינט אַ קאָפּ פלאַקסענע האָר, ווי אַ סנאָפּ לבנה־שטראַלן, דורכגעריסן דאָס פינסטערניש, אַז ס׳איז אַזש ליכטיק געוואָרן. מרדכיס מידע גלידער האָבן אויפגעציטערט. ער האָט זיך אויסגעצויגן אין פרישן היי אַריין. די זוניקע האָר, וואָס זיינען געלעגן נעבן אים, האָבן אים באַאומרויִקט, און מרדכין האָט זיך שטאַרק געוואָלט איינגנורען זיין פאַרקלעטערט פנים, דעם מידן קאָפּ אין די צעוואָרפענע האָר. ס׳האַרץ איז אים איבערגעלאָפן פון פרייד און דאַנקבאַרקייט צום מענטש, געפילט, ווי די דורכגעפרוירענע גלידער דאַיען אויף, די האָר שפרייטן זיך איבער אים, ווי פרישע זאַנגען, שווערן איבער די אויגן־לעפלעך, און דאָס פאַרבענקטע מעקן פון קעלבל ווערט רחמנותדיקער, דערווייטערט זיך און צעשווימט.

---

אין שלאָף האָט מרדכי געהערט קולות, זיך אויפגעכאַפּט מיטן געדאַנק, אַז ער געפינט זיך אויף אַ יריד און זיך אויפגעזעצט. דאָס ערשטע האָט ער אַ קוק געטאָן אין דער זייט, וווּ די לויכטנדע האָר האָבן זיך געשפרייט, געזען, אַז אַרום אים געפינט זיך גאָרנישט, האָט ער אַליין אָנגעהויבן צו צווייפלען, צי ס׳איז נישט געווען אַ חלום. די שטייג מיט גענז, וואָס מען האָט אַריינגענומען אויף איבער נאַכט, איז געשטאַנען ביים אויוון. די גענז האָבן אַרויסגעשטעקט די לאַנגע העלזער דורך די שטאַכעטן, פאַרריסן די קעפּ און זיך יעדע ווײַלע צעגאָדערט: גאָן־גאָן־גאָן! דאָס קעלבל איז געלעגן אויף אַ ביסל שטרוי, רחמנותדיק אויסגעצויגן ס׳מאָרדעלע, און זיך פאַרגאַנגען מיט אַ ציטער — מע־עע. אַן עלטערער פויער אָן אַ רעקל האָט געהאַלטן אַ שטיק האָלץ און מיט אַ דלאָטע אויסגעהאַקט אַ מילטער. דערנעבן איז

געזעסן זיין טאָכטער, געשפּונען אויף אַ רעדל, און די פלאַקסענע פּאַס־מעס, וואָס האָבן געהאָנגען אויף איר האַלז, האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיט די דורכזיכטיקע האָר.

— עסן, עסן! — האָט די פּויערטע אַרויסגערוקט פון אונטערן אויוון אַ קלאָץ, אַרויפגעלייגט אויף אים דאָס ברעט פון שלאָף־באַנק און אַוועקגעשטעלט אַן ערדענע שיסל פול מיט פּאַריקע קאַרטאָפל. די פּאַרע האָט באַלד איינגעהילט אַ האַלבע שטוב. די טיר האָט זיך געעפנט, קנוילנווייז איז דער פראָסט אַריין, נאָך אים אַן אַלטע באָבע מיט אַ שטעקעלע:

— זאָל זיין געלויבט...

— אויף אימער און אייביק, באָבע. וואָס עפּעס אַזוי פרי? — האָט די פּויערטע געפרעגט — איר האָט זיך צעקריגט מיט דער שנור?

די באָבע האָט אָפּגעקלאַפּט די מיט שמאַטעס אַרומגעבונדענע שיך, געקוקט מיט אירע אָפּגעבליאַקעטע אויגן אויף די פּאַריקע קאַרטאָפל און אָפּגעזיפצט:

— איך קריג זיך מיט קיינעם נישט... כ׳קאָן אויסקומען מיטן ערגסטן מענטש... אַז אַ מענטש אַרבעט טאָג און נאַכט, האָט ער קיין צייט צו קריגן זיך... מען יאָגט פון אונז דעם דעך אַרויס... אויף אַ בהמה דאַרף מען אויך רחמנות האָבן, גאָטס באַשעפעניש, ווי שוין אויף אַ מענטש? שלעכטע צייטן, טייערע מאַרטאַ, שלעכטע צייטן... כ׳האָב שוין דריי פּאַנעס איבערגעלעבט, און כ׳געדענק נישט, פּויערים זאָלן לויפן פון „הויף“... דעם היינטיקנס פּאָטער, דער גאָטזעליקער רודאָוו־סקי, דאָס איז דאָך געווען די גוטסקייט אַליין, נישט אומזיסט האָט ס׳פאָלק אים גערופן „יעזולעק“, און איבערגעלאָזט אַ זון, מעג אים דער ערשטער דונער טרעפן, ווייס נישט פון קיין „קאָשטשאָל“, וואָס פאַר אַ קאַטאָליק איז ער? דאָס איז דער פאַרשאָלטענער לוציפער, וואָס אין די הייליקע ביכער, איז אַ וווּנדער, אַז פּויערים, אמתע קאַטאָליקן, אַנט־לויפן פון אים? אַז דער מענטש האָט ביי די היינטיקע פּאַנעס קיין ווערט נישט, ערגער ווי אַ הונט... האָט מען ביי וולאַדעקן אַוועקגע־שטעלט שניידן שעצקע, האָט ער געשניטן ביז ער איז געפאַלן פון די כוחות אַ טאָג און אַ נאַכט, איז דאָס געהערט געוואָרן? ליגט ער אין בעט און קאָן נישט אָפּדעכען, זאָגט, אַז די זייט שטעכט אים... מען דאַרף

אים לאָזן אָדער... בין איך געקומען אייך בעטן, וואַיטשעך, איר זאָלט נאָכן עסן אַריבער קומען...

— גוט, גוט, באַבקאַ! כ׳וועל קומען!

— זאָל אייך גאָט העלפן! — האָט די אַלטע אַ הויב געטאָן מיטן שטעקעלע צום באַלקן, ווי זי וואָלט אָנגעוויזן וו גאָט געפינט זיך, און איז אַרויס מיט דראָבנע טריט.

די פאַריקע קאַרטאָפל האָבן פאַרכאַפּט ביי מרדכין דעם אָטעם, אַז ס׳איז אים אַזש הויל געוואָרןביים האַרץ. ער איז אַראָפּ פון אויוון, און עטלעכע מאָל איבערגעחזרט:

— אַ שיינעם דאַנק פאַרן נאַכט־לעגער.

— און ווי איז זיך געשלאָפן, פאַניע, באַקוועם? — האָט דער פויער געפרעגט און מרדכי האָט געפילט, ווי די שטובּיקע באַטראַכטן אים פון קאָפּ ביז פיס.

— ווי אַ געהרגעטער!

— איז גוט, איז גוט, פאַניע! — האָט דער פויער געלאָזט ליגן די מולטער, זיך אויפגעשטעלט און אָפּגעווישט די הענט אָן די הויזן, באַשאָטענע מיט זעגעכץ און שפּענדלעך — נישטאָ פאַרוואָס צו דאַנקען, ס׳איז אַ באַגאַטעלאַ — און זיך געווענדט צו דער טאָכטער — מאַגדאַ, גיב א האַנטוך וועט דער פאַן זיך איינוואַשן און עסן מיט אונז אָנ־בייסן!

זי האָט אָפּגעשטעלט ס׳רעדל, גענומען זוכן אין אַ קופער, אַרויס־גענומען אַ שטיק לייוונט און אַ נישט דרייסטע עס אונטערגעטראָגן מרדכין:

— ביטע.

אויף מרדכין האָט אַ בלאָז געטאָן מיט דעם ריח פון ווינטער־עפּל, מיט דעם ריח פון אויסגעטרוקנטע קין, נישט געוווסט צי דאָס קומט פון האַנטוך, צי פון מיידל, געקוקט אויף אירע זוניקע האָר, און געטראַכט צי דאָס איז ס׳מיידל, וואָס איז געשלאָפן נעבן אים אויפן אויוון.

ער האָט זיך איינגעוואַשן, זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטן און זיך געזעצט צו דער שיסל מיט קאַרטאָפל. אַלע האָבן געגעסן מיט הילצערנע לעפל פון דער זעלבער שיסל, געגעסן מיט דרך־ארץ, שווייגנדיק,

און אַז דער ערשטער הונגער איז אַריבער און די פּנימער ביי די עסערס זיינען געוואָרן אויפגעלייגטער, האָט דער פּויער געלאָזט פאַלן אַ וואָרט:

— איז דער פּאַן אַ היגער?

— ניין, פּאַניע, כ׳קום פון ווייט!

— פון וואַן?

— אַזש פון פּלאָצק!

— כ׳קען פּלאָצק, פּאַניע, כ׳בין דורכגעפאָרן, אַ שיינע שטאָט און וואָס פאַראַ „קאָשטשאָל״ דאָרט איז פאַראַן, וויפיל רייכטום, אַז עס שווינדלט אַזש אין קאָפּ ווען מען קומט אַריין! כ׳האָב געארבעט, פּאַניע, אין די ליפּאָווצער וועלדער, אַראָפּגעלאָזט ביימער.

— קענט איר דעם „שרייבער״ דאָרט?

— צי איך קען? צי איך קען דעם פּאַן שרייבער? דאָס איז אַ ווילער ייד, אַן ערלעכער מענטש, אַן אמתער פּאַן! דער פּאַן קען אים?

— דאָס איז מיין פֿאָטער — האָט מרדכי זיך אָנגערופן, בשעת מעשה חרטה געהאַט און אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

פון איבערראַשונג האָט דער פּויער געעפנט אַ מויל, אויסגעגלאָצט די אויגן, זיך איבערגעצלמט און נישט געוווסט וואָס צו טאָן מיט מרדכין. ער האָט גענומען ווישן די נאַסע וואָנסן, וואָס האָבן זיך גע־פּלאָנטערט צווישן די ליפּן, און אַ געשריי געטאָן צו דער פּויערטע:

— ווייב, אַז מיר האָבן יאָ אַזאַ גאַסט, דאַרפסטו מאַכן אַ בעסערן אָנבייסן, האָסט דאַכט זיך שמאַנט? גיב ס׳ברויט מיט דער פּוטער צום טיש! באַלד, ווו איז מיין פּעלצל?

מרדכי האָט געזען, אַז דער פּויער קלייבט זיך גיין עפּעס ברענ־גען, האָט ער זיך אויפגעשטעלט און אים פאַרשטעלט דעם וועג:

— וווהין גייט איר?

— פּאַניע טייערער, אַבראַמעק ווינט נישט ווייט, כ׳וועל זיך אַריבערכאַפּן נאָך אַ קוואַטירעלע אָקעוויט, פּאַניע טייערער.

וואָס שטאַרקער מרדכי האָט זיך געבעטן ער זאָל נישט גיין, אַלץ צעגומענער און ווייכער איז דער פּויער געוואָרן, זיך געכאַפּט קושן מרדכיס הענט. מרדכי האָט זיך קוים אַרויסגעפּלאָנטערט און אַז דער פּויער איז אַרויס איז אין שטוב געוואָרן אומאָנגענעם שטיל.

מרדכי האָט באַמערקט דאָס צעקנייטשטע פּנים פון דער פּויערטע, וואָס האָט אים אָנגעקוקט מיט דער טעמפּקייט פון אַ צעאַקערט שטיק ערד, און ער האָט זיך סתּם אַ פרעג געטאָן:

— אין „הויף" ביי אייך איז שטיל?

— שטיל איז נישט שטיל, פּאַניע — האָט די פּויערטע אַריינגע־שנייצט אין פאַרטוך — מען קאָן נישט זאָגן! שוין ס'דריטע יאָר ווי עס ווערט אַלץ פאַרבּרענט אויף די פעלדער, נישטאָ קיין ברויט, עסן מענטשן וואָרצלען, ווערן געשוואָלן... אַ קללה, גאָטס אַ קללה, פּאַניע... און מיין אַלטער, איין מאַנסביל אַליין... אַנדערע האָבן זין, העלפן זיי אַרויס... דערצו, פּאַניע, האָט ער זיך אויף דער עלטער גענומען צום גלעזל... מיינע הענט, פּאַניע, זיינען שוין פאַרקרומט פון פּראַצע, כ'קאָן די פינגער נישט פאַרמאַכן, און ער שלעפט אַלץ אין שענק אַריין, אַ שטיקל פּוטער, אַן איי, אַלץ...

מרדכי האָט דערזען טרערן אויפן פאַרשוואַרצטן פּנים און אַן אומעט, וואָס באַפאַלט דיך אין מיטן פעלד, ווען אַ דראָבנער רעגן טריפט אויף דער שוואַרצער ערד, זאַפט מער נישט איין און קיינער ווייס נישט ווען דער רעגן וועט אויפהערן — דער זעלבער טרויער האָט איצט מרדכין אַרומגענומען. ער האָט אַרויסגענומען עטלעכע מטבעות און איר אַריינגעשטופּט אין דער האַנט אַריין.

— טייערינקער פּאַן — איז די פּויערטע אַ פאַל געטאָן אים צו די פיס און זיי גענומען קושן.

די טאָכטער, וואָס האָט אויסגעמיטן די גאַנצע צייט צו קוקן אויף מרדכין, ווי זי וואָלט קיינמאָל צווישן מענטשן נישט געווען, האָט זיך געפּאָרעט ביים רעדל, אָפּגעווישט די הייליקע בילדער, וואָס זיינען גע־ווען צעהאַנגען איבער די ווענט, און אַז זי האָט דערזען ווי די מוטער איז געפאַלן מרדכין צו די פיס, האָט זי, ווי אין פאַרלעגנהייט, אַ כאַפּ געטאָן די שטייג מיט גענדז און נישט געוואָרן.

— וואָס טוט איר? שעמט אייך! — האָט מרדכי אַ פאַרלוירענער אויפגעהויבן די פּויערטע.

ער האָט געהאַט פאַרדרוס פאַרן מיידל, זיך געזעגנט און איז אַוועק.

---

מרדכי איז געגאַנגען אין דאָרף אַריין.

די נידעריקע הייזלעך האָבן זיך קוים אַרויסגעזען פֿון אונטער די ברייטע שטרויענע דעכער, וואָס האָבן זיך געבויגן אונטער די שווערע משא פֿון שניי. דער שניי האָט אָפּגעווישט די קאָלירן, זיך אויסגעגלייכט מיט די פּלויטן, אויסגעטאָן אַלץ נאַקעט, האָט זיך געדאַכט, אַז דער שטח, אויף וועלכן די עטלעכע צענדליק הייזער זיינען געווען צעוואָרפֿן, איז קלענער געוואָרן און די ביימער, הייזער און שייערן האָבן זיך צונויפֿגעשאַרט. פֿון איין הויז צום צווייטן האָבן זיך געצויגן שטרעקעס שניי, געצייכנט מיט קראָישע לאַפּקעס. ביי אַ ברונעם, ווו ס'אייז האָט דערגרייכט ביז צום הילצערנעם ראַנד, האָבן יינגלעך זיך אַראָפּגעלאָזט, ווער אויף הילצערנע גליטשערס, ווער אויף די געזעסן און מיט זייער קינדערש געלעכטער אויפֿגעטרייסלט די שטילקייט. פֿון אַן אָפֿענעם שטאַל האָט אַרויסגעקוקט אַ בושל מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און דער צער פֿון ווינטער האָט זיך געזען אין זיינע אויסגעקראָכענע פֿעדערן, אין דעם צעבראָכענעם פֿליגל, וואָס האָט געשטאַרט, ווי אַן איינגעטרוקנטע האַנט.

מרדכי האָט געזען ווי דער פֿויגל שטעקט אויס דעם צעבראָכענעם פֿליגל, צעשרייט זיך אַ פֿאַרבענקטער — קליאַ, קליאַ, — ווי ער וואָלט זיך געקלאָגט פֿאַר אים, וואָס פֿאַר אַן אומגליק ס'איז אים געשען. אַלע זיינען אַוועקגעפֿלויגן און אים, אַ קאַליקע, האָט מען איבערגעלאָזט, ער זאָל אויסגיין אין לאַנד פֿון שניי, פֿאַרפֿרוירן ווערן.

ביי אַ פֿאַרשנייטן פּלויט איז געשטאַנען אַ פּויערטע, איינגעהילט אין אַ דערע, מיט וועלכער מען דעקט צו אַ פֿערד. מיט צעשפּרייטע פֿינגער, ווי מיט נעגל, האָט זי זיך געריסן צו אַ מיטליעריקן פּויער, וואָס איז געשטאַנען אויף דער צווייטער זייט פּלויט:

„— — אויב וועסט נישט אָפּגעבן דעם חזיר, וועל איך דיר די אויגן אויסדראַפּען!

— גיי בעסער, באָבע, אַהיים! — האָט דער פּויער אַ צי געטאָן די הויזן.

— איך וועל נישט אָפּטרעטן! — האָט די פּויערטע גענומען קלעטערן איבערן פּלויט, אַז די דערע איז איר אַראָפּגעפֿאַלן פֿון קאָפּ און די נישט פֿאַרקעמטע האָר זיינען צעפֿאַלן איבערן פּנים.

— קריך נישט איבערן פּלויט, — האָט דער פּויער זיך געכאַפּט צום פּאַסעק — דען אַז כ'וועל דיר איבערצייִלן די ביינער, באָבע, וועסטו שוין אַהיים נישט טרעפן!

— ווער האָט מורא פאַר דיר? — האָט זי געהאַלטן אין א׳ שפּרונגען מיט די נעגל אים אין פּנים אריין — דו חזריש אויער, דו! אַ כוואַט, קוק אים נאָר אָן! ער וועט שלאָגן אַן אָרעמע אַלמנה, זאָלסט הענט און פיס צעברעכן, יעזוס הייליקער!

פון די ארומיקע הייזער האָבן זיך די טירן געעפנט און נייגע־ריקע אויגן האָבן אַרויסגעקוקט. די פּויערטע האָט גענומען צו זיי אַפּעלירן:

— דאָס חזיר מיינס איז אַריין צו אים אין הויף, האָט ער עס פאַרנומען און מאַכט זיך נישט וויסן!

— באַצאָל פאַרן שאָדן! — האָט דער פּויער געצויגן די הויזן.

— אַ קרענק וועל איך דיר באַצאָלן! — האָט די פּויערטע זיך אַ לאָז געטאָן צום פּויער.

— קום אַהער, סוקע דו! — האָט דער פּויער זי גערופן מיט אַ פינגער.

— אַ סוקע בין איך? — האָט די פּויערטע זיך אויסגעדרייט צו די עטלעכע פּאָר נייגעריקע אויגן, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט, ווער דורך אַ צעעפנטע טיר, ווער דורך אַ פענסטער — ווען איר וואָלט געהאַט גאָט אין האַרצן, וואָלט איר נישט געלאָזט אַזוי באַליידיקן אַן אָרעמע אלמנה!... מען וויים נישט... מאָרגן קאָן אַן אַנדערע ווערן אַן אלמנה!..

— ווי דאָס האָט געעפנט אַ מויל — האָט דער פּויער געשאָקלט מיטן קאָפּ — ווי דאָס שרייט, ווי אַ קו, ווען זי גייט זיך קעלבן!

— טויגסט דאָך צומאָל נישט, דיין ווייב זאָל זיך קעלבן! — האָט די פּויערטע נאָך העכער געשריען — אַ וואונדער, וואָס זי וווינט מיט אַזאַ אויסגעשניטענעם?

אַ שייגעצל פון אַ יאָר צען, מיט אַ האָלצערנעם גליטשער אין דער האַנט, מיט פולע קעשענעס שניי־קוילן איז אונטערגעקומען.

— וואָס שרייסטו אַזוי, מאַמע?

די פויערטע האָט נאָכאַמאָל אָנגעהויבן פון אָנהויב, דערציילט פאַרן קינד אַלע איינצלהייטן, ווי זי וואָלט גערעדט מיט אַ דערוואַקסענעם. דאָס שייגעצל האָט געציטערט פון כעס, געגראָזשעט מיטן גליטשער דעם פויער און געשריען:

— גיב אָפּ דעם חזיר!

דאָס האָט צוגעגעבן דער מוטער קוראַזש און זי איז איבערגעקראָכן דעם פּלויט. דאָס שייגעצל נאָך איר. דער פויער האָט זי אָנגעכאַפּט פאַר די האָר, גענומען טרייסלען, אַז די פויערטע האָט זיך אַזש צוגעזעצט אין שניי אַריין. דאָס שייגעצל האָט אַ שליידער געטאָן דעם פויער אַ קויל שניי אין פּנים אַריין, געזען, אַז ער לאָזט נישט אָפּ די מוטער, האָט ער זיך אים פאַרפּלאָנטערט צווישן די פיס, איינגעגעסן ווי אַ ראַק, געקוויטשעט, ווי מען וואָלט די הויט פון אים געשונדן, און זיך אַזוי איינגעביסן דעם פויער אין אַ פוס אַריין, אַז ער האָט אָפּגעלאָזט די פויערטע.

— ווי הויבט מען דאָס אַ האַנט אויף אַ פרוי, דערצו נאָך אַן אַלמנה? — איז מרדכי אַריין אין דערמיט.

דער פויער האָט זיך קוים אָפּגעריסן פונם שייגעצל, באַטראַכט אַ ווײַלע מרדכין און זיך פאַרענטפערט:

— לאָז זי נישט קריכן!

— טאָ גיב אָפּ דעם חזיר! — האָט די פויערטע געשריען, איינגעהאַלטן דאָס זונדל, וואָס האָט זיך ווידער געריסן צום פויער מיט אַ קויל-שניי.

— באַצאָל פאַרן שאָדן!

— גיב איר אָפּ דעם חזיר, גיב אָפּ, מאַטשעק! — זיינען אויסגעוואַקסן עטלעכע שכנים און צוגעשטאַנען צום פויער.

— טאָ לאָז זי צוזאָגן, אַז זי וועט מער דעם חזיר נישט אַריינלאָזן צו מיר אין הויף אַריין!

די פויערטע האָט נישט געענטפערט, געשטאַנען אין שניי אויף די קניען, זיך געבעטן ביי איר זונדלע, ער זאָל אַהיימגיין, און דער צענעריקער פויער האָט זיך אַלץ געריסן, געגראָזשעט מיט אַ קליין פויסטל, וואו אַ קויל שניי איז געווען צונויפגעקוועטשט און געשריען:

— ער וועט שלאָגן מיין מאַמע? מיין מאַמע וועט ער שלאָגן?

דאָס שייגעצל האָט זיך אַרויסגעריסן פון דער מוטער, אָפּגעלאָפן עטלעכע טריט און גענומען שליידערן אין פויער אַריין אַ קויל־שניי נאָך אַ קויל. דער פויער האָט זיך אַ לאָז געטאָן נאָך אים. מרדכי נאָך זיי. ער האָט געזען, ווי דער פויער בלייבט הינטערשטעליק, פאַרשעמט זיך פאַר די אַרומיקע און לויפט פון פאַרדרוס ווייטער. די טיפע שנייען האָבן אים אויסגעמאַטערט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און אַ פאַרסאָפּעטער גענומען גיין צוריק. מרדכי האָט זיך אַרומגעקוקט, דערזען קעגנאיבער אַ שענק און אַריינגעגאַנגען זיך איבערכאַפּן דאָס האַרץ נאָך די טרוקענע קאַרטאָפל, וואָס ער האָט געגעסן אויף אָנבייסן.

---

אַז מרדכי איז אַריינגעקומען אין שענק, האָט קיינער זיך אויף אים נישט אומגעקוקט. ס'איז געווען אַ גרויסע שטוב, אין פּראָנט איז געשטאַנען אַ צעוואָרפן בעט, ווו אַ רויט קינד איז געלעגן מיט פאַרוואָרפענע פיס און געשריען. איבערן בעט האָט געהאָנגען אַ הייליקע „מאַמע“ אין אַ רעם אָן אַ גלאָז. פון אַלטקייט האָט זיך די „מאַמע“ אויסגעוועלבט, אַרויס פון דער רעם און זי האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט זיך געווייקט אין וואַסער און דערנאָך אַ לענגערע צייט זיך געטרוקנט. צווישן אויוון און דער וואַנט, האַלב פאַרצויגן מיט אַ ציצענעם פאַרהאַנג, זיינען געשטאַנען צוויי בעטלעך אין דער פאָרם פון אַ דלת. אַן אויסגעצערטע פרוי, מיט אַ פנים פון נישט אַ דערוואַקסן מיידל, איז געזעסן אין איינעם פון די בעטן, טרוקן געהוסט און זיך געשפּילט מיט אַ פּיצעלע קינד. אַן אַלטיטשקע, מיט אַ דריי־עקיק טיכל אויפן קאָפּ, פון אונטער וועלכן אַש־גרויע האָר זיינען אַרויסגעקראָכן, האָט געשאָבן קאַרטאָפל, געעפנט און פאַרמאַכט אַן איינגעפאַלן מויל און אין איר אויסזען איז געווען עפּעס מכשפהשעס. לעבן דער טיר ביי אַ קאָמאָדע, ווו צוויי פּאָר מעשענע לייכטער זיינען געשטאַנען, איז געזעסן אַ הויכער דאַרער יונגערמאַן מיט צעוואָרפענע קרייזלעך איבער דער גאָמבע און באַקן, ווי שיטערע געוויקסן איבער אַ זאַמדיק שטיקל ערד, און זיך לייכט געשאָקלט איבער אַ ספר.

מרדכי האָט זיך אַרומגעקוקט, געמיינט ער האָט אַ טעות, און ווען נישט די פּעסלעך ביר און די עטלעכע בלאָזן בראָנפן, וואָלט ער נישט בעגלויבט דאָס זאָל זיין אַ שענק. אויף דער קאָמאָדע, אויף די אַרומיקע בענקלעך, זיינען געלעגן ספרים. געאָמעטרישע פיגורן, אויסגעשניטן פון טאָוול, האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער פּאָדלאָגע. פון אונטער דעם פאָרהאַנג האָט זיך געהערט אַ שוואַך קול:

— דוד, דוד, אַ קונה איז דאָ!

דער יונגערמאַן האָט אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט אָפּגעיאָגט אַ פליג, זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער נישט באַוואַקסענער גאָמבע, איבער אַ רגע זיך שטיל פאַרגאַנגען, פאַרמאַכנדיק די אויגן, און מיט אַמאָל איבערגעריסן:

— חנה, דאַרפסט מיך?

— אַבי האָסט מפסיק געווען! — האָט די אַלטיטשקע זיך אַ ביי־זער געטאָן און געוויזן אויף מרדכין — גיי צו צום קונה און שיק אריין די שיקסע, וואָס זיצט די אַזוי לאַנג אין שטאַל? דער ממזר אירער האָט מיך שוין באַלד טויט געמאַכט!

דער יונגערמאַן האָט געלאָזט ליגן דעם ספר, זיך אויפגעשטעלט און געפרעגט אויף פויליש:

— דער פאַן וויל עפּעס?

— קאָן מען ביי אייך קריגן עפּעס צו עסן? — האָט מרדכי גע־זאָגט אויף יידיש און בשעת־מעשה נייגעריק זיך אַ רוק געטאָן צום אָפענעם ספר.

דער יונגערמאַן האָט זיך אינסטינקטיוו פאַרלוירן, וואָס ער האָט גערעדט מיט אַ ייד פויליש, באַמערקט מרדכיס נייגעריקייט, האָט ער פאַרמאַכט דעם ספר, באַלד חרטה געהאַט, אָנגעהויבן שטאַמלען, ווי ער וואָלט עפּעס דעם פרעמדן שולדיק געבליבן, און אים אונטערגעטראָגן דאָס ספר:

— האָט נישט פאַריבל, כ׳מיין... אויב איר ווילט אַריינקוקן, איז אודאי און אודאי... יאָ, דאָס איז דער „גבעת־המורה", אַ פשט אויפן „מורה־נבוכים"...

— האָסט געהערט, חנה? — האָט די אַלטע אויסגעקלאַפּט מיט די ליפּן — ס׳קומט אַריין אַ קונה, וויל עסן, פאַשעט ער אים מיט ספרים!

— בייזערט איך נישט, באָבעשי — האָט מרדכי זי געוואָלט איינגעמען.

— ווער בייזערט זיך, ווער? — האָט זי אויסגעקנעטן די ווערטער מיט די ליפּן — כ׳זאָג נאָר, אַז פון תהילים איז נאָך קיינער נישט זאַט געוואָרן!

— וואָס וועט איר עסן? — האָט דער יונגערמאַן געשמייכלט.

— אויב מען קאָן קריגן אַ פיינקוכן...

דער יונגערמאַן האָט זיך אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט שמעצן געזוכט. אַ נישט דרייסטער פאַרצויגן דעם פּאָרהאַנג, וווּ די בעטן זיינען געשטאַנען, און שטיל זיך געפרעגט:

— חנה... חנה... שלאָפסט?

— וואָס ווילסטו פון חנהן? כ׳גיי שוין, כ׳גיי — האָט די אַלטע זיך אויפגעשטעלט און אָפּגעשאָקלט פון פאַרטוך די קאַרטאָפל-שאָלעכץ — ברענג דערווייל אַריין פון קאַמערל די אייער!

מרדכי האָט געעפנט אַ צווייט ספרל, ס׳איז געווען דער „אַיל משולש“. ער האָט זיך געכאַפּט, אַז די געאָמעטרישע פיגורן, אויסגעשניטן פון טאָוול, האָבן אַ שייכות מיטן ווילנער גאונס געאָמעטריע, נישט באַמערקט, ווי די אַלטיטשקע איז אונטערגעקומען, אָפּגעהוסט און אָנגעהויבן רעדן צו אים, ווי צו אַן אַלטן באַקאַנטן:

— גאָט איז מיין עדות, אַז איך האָב זיך נישט געקאָנט העלפן געמוטשט אַריינגעמען אָט די „טמאה“ אין מיין שטוב אַריין — האָט זי אָנגעוויזן אויף דער הייליקער „מאַמע“ — מיין טאָכטער קרענקט שוין אַזוי אַ גאַנצן ווינטער און ס׳עופּעלע פּאָדערט זיינס, דאַרף האָבן אַן אַם... מיין אײדעם, זאָל געזונט זיין, איז אַ לערנער... זיצט איבער זיינע ספרים, מעג זיך אַלץ אַרום אים איבערקערן, גייט עס אים נישט אָן. דערצו איז ער טאַקע נישט מסוגל צו מסחר, טענה איך, אַז ווײַבאַלד צו מסחר טויגסטו נישט, זע, ווער אַ רב, ביסט דאָך שוין אַ טאַטע. ענטפערט ער נישט. זיצט אויף גאַנצע נעכט. און וואָס מיינט איר טוט ער? ווו ער דערטאַפּט נאָר אַ שאַכטל, צעשניידט ער עס, שניצט אויס צאַצקעס, ווי אַ ייִנגל... אָט וואַלגערן זיי זיך אַרום — האָט די אַלטע געוויזן אויף די געאָמעטרישע פיגורן — האָב איך אייך געוואָלט בעטן, נעמט נישט פאַר אומגוט און וואַרפט אַריין אַ וואָרט... כ׳מיין...

— מאַמע, וואָס האָסטו זיך צערעדט? רוף בעסער אַריין די שיקסע, ס׳קינד וויינט, ס׳איז הונגעריק!

— ווער האָט זיך צערעדט, ווער? אַ וואָרט טאָר מען נישט אויס־רעדן! — האָט די אַלטע צענומען די הענט, ווי מען וואָלט אויף איר געמאַכט אַ בלבול, געעפנט די טיר און גענומען רופן — פראַנקאַ, פראַנקאַ, וואָס ליגסטו אַזוי לאַנג אין שטאַל? — און זי האָט צוגעגעבן אין יידיש — אַ נישט דערלעבן זאָלסטו אַריינצוקומען.

פראַנקאַ, מיט אַ פּאָר פליינצעס פון אַ פויער, איז אַריינגעקומען מיט אַן אָרעם האָלץ. זי האָט אַ שליידער געטאָן די העלצער ביי דער קיך, אַ כאַפּ געטאָן ס׳קינד, זיך צעלייגט אויף איר בעט און עס געגעבן די ברוסט. דער רויטער שייגעץ האָט גענומען רייסן די ברוסט פונם קינדס מויל, געשריען — ס׳איז מיין מאַמעס, ס׳איז מיין מאַמעס — און זיך פאַרגאַנגען. די שיקסע האָט אַרויסגענומען די צווייטע ברוסט, צוגעלייגט דעם שייגעץ, זיך אויסגעצויגן ווי גרויס זי איז געווען און איבער דער שענק האָט זיך געטראָגן אַ צופרידן וורטשען, וואָס האָט דערמאָנט דאָס וורטשען פון חזירימלעך, ווען זיי זייגן.

מרדכי האָט באַטראַכט דאָס בעל־הביתישקייט, די דריי ווייבער, וואָס האָבן געפירט דאָס ווירטשאַפט, זיך געשאַפּט מיטן יונגנמאַן, ווי מיט אַ לער־יינגל, געקוקט אויף דער אויסגעוועלבטער „מאַמע", אויף די צעוואָרפענע ספרים און זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון דעם שטריק, וואָס האָט זיך געצויגן אַרום דער קיך, ווו ווינדלען האָבן זיך געטרוקנט, שנירלעך קנאָבל מיט ציבעלעס האָבן געהאָנגען.

דער יונגערמאַן איז אונטערגעקומען:

— איר קומט פון ווייט?

— פון פלאָצק.

— איר האָט אַוודאי געשעפטן אין הויף?

— ניין.

דער יונגערמאַן האָט נאָך עפּעס געוואָלט פרעגן, געזען ווי די אַלטיטשקע קומט אונטער מיטן פיינקוכן, איז ער אַנטשוויגן געוואָרן, מרדכי האָט זיך געזעצט עסן און פאַרצויגן אַ שמועס:

— איז כאָטש דאָ פרנסה?

— קוים וואָס מען שטופּט זיך דורך.

— אַנדערע זיינען דאָך נתעשר געוואָרן?

— פון קיין שענק איז נאָך קיינער נישט נתעשר געוואָרן. און אַז איינער איז רייך — איז דברים בגו — נעמט ער מסתמא צו גנבות, מולכט בראָנפן פון פּרייסן... אַז מען אַרבעט אויפן שררה! דערצו איז עס אַ מיאוסע פּרנסה...

— וואָס מיינט איר?

— פּשוט, זיך און בעט גאָט דער מענטש זאָל זיך אָנשכורן, אָנווערן דעם צלם אלקים... ווען איך וויים עס פריער, וואָלט איך מיינע פּאָר הונדערט גילדן נדן נישט אריינגעגראָבן...

— וויפיל אַ שטייגער האָט איר דאָס אַר־נגעלייגט?

— טויזנט גילדן!

— און ווען איר האָט איצט דאָס געלט, וואָס, למשל, וואָלט איר געטאָן דערמיט?

— וואָס כ'וואָלט געטאָן? — האָט דער יונגערמאַן פאַרשאַרצט דעם קאַשקעט און זיך צעשמייכלט — העלפט וואָלט איך איבערגעלאָזט מיין ווייב און מיט פינף הונדערט גילדן וואָלט איך אַוועקגעפאָרן נאָך בערלין.

— שטודירן?

דער יונגערמאַן האָט עפּעס נישט דערזאָגט, זיך אַרומגעקוקט צי מען הערט נישט אונטער און שטילער גערעדט:

— די זאַך איז אָט וואָס, כהאָב אָנגעשריבן אַ חבור, וואָס איז סותר דעם „איל משולש"... כ'רוף אים „איל מרובע"...

— הייסט עס, איר זיינט נישט מסכים מיטן ווילנער גאונס גע־אָמעטריע? — האָט מרדכי אויפגעהערט עסן.

— נישט כ'בין נישט מסכים — האָט דער יונגערמאַן זיך אַ קרום געטאָן, ווי ער וואָלט געהאַט פאַרדרוס, וואָס מען פאַרשטייט אים נישט, דער ווילנער גאון האָט אין זיין „איל משולש" גאָרנישט מחדש גע־ווען, איז אַליין מודה, אַז ער גייט אין אייקלידס שיטה... אמת, ביז אים האָט קיינער אין לשון־קודש אַזוי פּינקטלעך נישט מסביר געווען דעם ענין... מיין שיטה אָבער, איז פּונקט דער היפּוך פון אייקלידס. און יעדער

שאלה און סתירה פאַרענטפער איך מיט מיין שיטה פונקט, ווי אייקלײד מיט זיינער... דאָס מיינט נישט, אַז מיין שיטה איז אמתער, ניין, דאָס הייסט, אַז אייקלידס איז נישט די איינציקע, איר פאַרשטייט? די צרה איז, וואָס מענטשן האַלטן אין איין רעדן וועגן שטח און מרחב און אין אמתן ווייסן מיר נאָך עד היום נישט, וואָס דאָס איז אַזוינס, במילא קומט אויס, אַז יעדע זאַך, וואָס קוקט אין אונזערע אויגן אויס קידער־ווידער, נישט נאַטירלעך, האַלטן מיר עס פאַר אוממעגלעך! איר פאַרשטייט, — האָבן די אויגן ביים יונגנמאַן אַ בליץ געטאָן, פון התפעלות געהאַלטען אין איין רוקן דעם קאַשקעט אַרויף און אַראָפּ און זיך אויפגעשטעלט — לויט אייקלידן קאָנען די ווינקלען פון אַ דריי־עק ניט זיין קלענער פון הונדערט און אַכציק גראַדוסן און אויב מיר זאָלן אָננעמען, — האָט דער יונגערמאַן געענדיקט מיט אַ גמרא־ניגון — אַז זיי קאָנען יאָ זיין קלענער פון הונדערט און אַכציק (וואָס איך באַווייז אין מיין חבור) מוז עס פירן צו אַ נייער געאָמעטריע, וואָס איז דער היפוך פון אייקלידס.

בשעת דער יונגערמאַן האָט גערעדט, איז מרדכי געזעסן אַ באַגייסטערטער, כמעט נישט געכאַפּט דעם אונטערשייד, פאַרוואָס דעם יונגנמאַנס שיטה איז דער היפוך פון אייקלידס, זיך נישט געקאָנט דער־מאָנען דעם נאָמען פון אַ רוסישן פּראָפעסאָר, מיט וועמען די וועלט האָט געקאָכט, אַז ער האָט אָנגעשריבן אַ נייע געאָמעטריע... דער פּאַרדוס ביי אים איז געוואַקסן, ווי אַלץ וואָלט זיך געוועלדט אין דעם פאַרגעסענעם נאָמען, און די פרייד, וואָס ער האָט דעם יונגנמאַן אויסגעפונען, איז פאַרשוואונדן.

— איר האָט שוין געוויזן עמעצן אייער חבור? — האָט מרדכי אים איבערגעריסן.

ער האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס אויף ניין. זיין צעשטראַלט פּנים, זיין האַלטן זיך, אַלץ האָט מרדכין איבערצייגט, אַז דער יונגערמאַן האָט עפּעס מחדש געווען, געשאַפן אַ יש מאין. ער האָט אַרויסגענומען פון דער קאָמאָדע עטלעכע צענדליק צונויפגענייטע זייטלעך פּאַפּיר און זיי אונטערגעטראָגן מרדכין:

— אָט איז מיין חבור!

מרדכי האָט אַ בלעטער געטאָן דעם כתב־יד, זיך אָפּגעשטעלט אויפן שער־בלאַט, ווו ס'איז געשטאַנען געכתובנט:

ספר

**איל מרובע**

יסודתו בהררי קודש, בשעור וגורש
מצרף ומטהר, מפרש ומבאר
בשיטה חדשה, אין בה כל קשה
מישרת הדורים, בדברים ברורים
נותנים אותותם,
כדברי חכמים וחדותם.
כל אלה ידי עשתה, הצעיר באלפי ישראל
דוד בלא״אמור ר׳ בונם זצ״ל.

אויפן צווייטן בלאַט איז געווען אָנגעשריבן אַ שיר מיט ר״שי־כתב. דער יונגערמאַן האָט באַמערקט, ווי מרדכי קוקט זיך איין, האָט ער זיך פאַרלוירן און צוריק אָנגעהויבן שטאַמלען:

— גלאַט אַזוי אַ שיר — — —

— דוד, דוד, — האָט די אַלטע געשריען — קום נאָר אַהער! מען דאַרף דיך האָבן!

מרדכי האָט געלייענט:

**אל הזמן**

הוי, זמן בוגד טורפני,
עד אן מלתעותיך ישכוני?
איך לבך אבן מלחרפני,
עד מעט אלך ואינני.

ראה, מתום בי אין
שלמה נעורי תשוה לאין?
יגונים אשתה תחת יין
ועוד אנוע ואנוד כקין.

הבט אכזרי, מחלתי אנושה,
סאת מצוקותי הנה גדושה.
השע ממני ואבליגה חישה
הלא אין כוחי נחושה!

מרדכי האָט איבערגעלייענט דעם שיר, נישט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ שייכות דאָס האָט מיטן ענין און געטראַכט, אַז מען דאַרף אַהער שיקן קאַהאַנען, ער זאָל איבערלייענען דעם חבור.

עטלעכע פויערים זיינען אַריינגעקומען, פול געמאַכט די שענק מיט זייער גאָדערן. די שווערע מאַכאָרקע האָט געקרעלט אין האַלז. מרדכי האָט זיך אויפגעשטעלט. דער יונגערמאַן מיט אַ פראָפּן אין מויל איז אונטערגעקומען. מרדכי האָט אים באַצאָלט פאַרן עסן, צוגעזאָגט אַריבער־צוקומען די טעג וועגן חבור מיט זיינס אַ באַקאַנטן, זיך געזעגנט און איז אַרויס.

ער איז געגאַנגען מיטן טראַקט, געשניטן צום הויף, וועמעס שטיינערנע שייערן און שפּייכלערס האָבן זיך געצויגן, ווי קאַזאַרמעס, איבערן גאַנצן וועג. ער האָט זיך דערמאָנט אָן „גבעת־המורה״, נישט געזען אין דעם אַ צופאַל, וואָס מיט דרייפערטל יאָרהונדערט צוריק איז דער מחבר פונם ספרל, שלמה מיימון, פונקט אַזוי געזעסן אין אַ שענק, ווי דער יונגערמאַן, געשריבן באַהאַלטענערהייט אַ חבורל און געחלומט צו פאָרן נאָך אויסלאַנד. דרייפערטל יאָרהונדערט — און קיין זאַך האָט זיך נישט געענדערט, אַלץ ווי געווען, און ווער ווייס, מעגלעך, אַז אין דרייפערטל יאָרהונדערט שפּעטער, וועט אַ הונגעריקער דורכגייער אַריינפאַלן אין דער האַלב־איינגעפאַלענער שענק און ווידער באַגעגענען אַזאַ יונגנמאַן — — — מעגלעך — — —

---

צוויי לעשניקעס האָבן אַריינגעפירט אין הויף אַריין אַ פויער מיט געבונדענע אויף אַ הינטער הענט. פון די שייערן, פערד־שטאַלן האָבן זיך באַוויזן פּאַראָבקעס אין שעפּסענע פּעלצן, נייגעריקע אַרומגע־רינגלט דעם אַרעסטאַנט:

— וואָס איז דער מער, סטאַך?

— ווער האָט דיך אַזוי צעשלאָגן?

— זע נאָר ווי געשוואָלן?
— מען זעט דאָך ביי אים קיין אויג נישט אַרויס!
דער געבונדענער האָט געוואָלט אַ שמייכל טאָן, האָט דאָס אונ־טערגעשלאָגענע אויג צעקרומט דעם שמייכל און איבערן פּנים האָט זיך צעלייגט אַ מינע, ווי ער וואָלט זיך געהאַלטן ביים פאַנאַנדערוויינען. ער האָט שטיל געפרעגט:
— ווו איז אַנטעק?
— אַנטעק פּיאַסעצקעס.
— יאָ.
— אָט קומט ער!
אַנטעק, אַ ברייטביינעקער שייגעץ, אין אַ רויטן שפּאַנציר, איז אַרויס פון שטאַל אָן אַ היטל. ער האָט געקנאַלט מיט אַ קורץ בייטשל דערזען סטאַכן אַ געבונדענעם, איז ער אונטערגעלאָפן:
— און ווו איז מיין „אַלטער"?
— זיי האָבן אונז צעשלאָגן!
— פאַרוואָס?
— גנבעט נישט, וועט מען אייך נישט שלאָגן! — האָט זיך אַ לעשניק אָנגערופן,
— זאָגסט ליגן! — האָט דער געבונדענער מיט בטול געקוקט אויפן לעשניק, אומבאַהאָלפן אַ שלעפּ געטאָן די צוגעבונדענע האַנט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אַ קלאַפּ טאָן אין האַרץ אַריין — מיר האָבן נישט געגנבעט! מיר האָבן גענומען האָלץ פון אונזער וואַלד, פון פויערשן — — —
— אַ קוויטל האָסטו געהאַט? — האָט דער לעשניק ווילדעריש אַ פרעג געטאָן.
— פאַרמאַך בעסער די געמבע, פאַרמאַך! — האָט אַנטעק אַ גע־שריי געטאָן אויפן לעשניק און ווידער געפרעגט סטאַכן — און ווו מיין „אַלטער" איז, ווייסטו גאָרנישט?
— פרעג זיי, די „פּסו־בראַטעס" — האָט דער פויער געוויזן אויף די לעשניקעס — זיי האָבן אים געשלאָגן — — —
די לעשניקעס האָבן זיך פאַרלוירן, נישט געקאָנט פאַרטראָגן די בליקן פון די פאַראָבקעס, זיך גענומען רוקן אויף צוריק, געוואָרפן מיט

יד אויגן היין און הער, ווי זיי האַלטן געוואָלט אויסמיידן אַ געפּאַר און איינער פון זיי האָט זיך אָנגערופן:

— אַבי איר טשעפּעט זיך! מיר זיינען נישט שולדיק! איר אויף אונזער פּלאַץ וואָלט אויך נישט בעסער געווען! צו וואָס האַלט מען אַ לעשניק אין וואַלד? ער זאָל לאָזן צעשלעפּן ס'האָלץ? דערצו איז דער פּאַן אַליין געשטאַנען — — — געהייסן שלאָגן — — —

— האָסטו געשלאָגן? — איז אַנטעק אונטערגעגאַנגען.

דער לעשניק האָט נישט געענטפערט און זיך אַ רוק געטאָן אויף צוריק. אַנטעק האָט אים אונטערגעטראָגן ס'בייטשל צו דער נאָז:

— אַזאַ הונטצוואָט! בינד גלייך אויף סטאַכן, הערסט?

— ווער ביסטו דאָס? — האָט דער לעשניק אַ בלייכער פאַרוואָרפן דאָס פּנים אויף צוריק און עטוואָס אונטערגעהויבן זיין סענקעוואַטן שטעקן, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט פאַרטיידיקן.

— ווער איך בין? אָט ווער איך בין! — האָט אַנטעק אים אויס־געהאַקט אַ פּאַטש.

דאָס איז געווען די פּאַראָבקעס זאָלן זיך אַ וואָרף טאָן אויף די לעשניקעס. מען האָט געשלאָגן מיט וואָס ס'איז נאָר געקומען אין דער האַנט אַריין — מיט קלאָניצעס, דישלעס, פערדישע פּאָדקאָוועס, מיט די אָפּצאַסן פון די שטיוול. פון די קולות האָבן זיך הינט גענומען רייסן אויף די קייטן מיט אַ בילעריי, שיקסעס האָבן געקוויטשעט און אין דעם טומל, וואָס האָט זיך געהויבן איבער די געביידעס פון הויף, זיך געקייקלט איבער די שטילע, פאַרשנייטע פעלדער, האָט זיך געהערט אַ פאַרצווייפלט געשריי:

— אָלאַ באָגאַ, ראַטעוועט! אָלאַ באָגאַ! — — —

דער שרה האָט אָנגעריטן פון וואַלד מיט אַ סוויטע. מיט אָנגע־שטעלטע ביקסן האָבן זיי אַרומגערינגלט דעם המון און אָפּגעשטעלט דאָס געשלעג. ס'איז געוואָרן אומאָנגענעם שטיל. די לעשניקעס, פאַר־בלוטיקטע אָן כּוחות, האָבן אָנגעוויזן אויף אַנטעקן.

— איך וועל אים אָנלערנען, דעם בונטאָווניק, דעם כאַם! — איז דער שרה נישט אייגגעזעסן אויפן פערד, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין דרייען — פינף און צוואַנציק שמיץ גלייך אויפן פּלאַץ!

ער האָט אַ טרייב געטאָן ס'פערד, פאַרבייגעלאָפן אַנטעקן און אים אָפּגעמאָסטן מיטן ראַפּניק איבערן פּנים. אַ צעשפּאָלטענע פּאַס באַק איז גלייך אָנגעלאָפן ווי אַ שטיק קישקע. אַנטעק האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער באַק, געגומען לויפן אַרום און אַרום און זיך אויסטערליש צעשריען, אַז ביי אַלעמען זיינען דורך דרעשטשעס.

די פּאַראָבקעס האָבן געוואָלט אָפּציען, נישט זען די שאַנד פון אַ ברודער, האָט מען זיי פאַרשטעלט דעם וועג — געהייסן קוקן, ווי מען באַגייט זיך מיט אַ בונטאָווניק.

דער עקאָנאָם האָט אַנטעקן געבונדן הענט און פיס, ווי מען בינדט אַ בהמה פאַר דער שחיטה, און אַז מען האָט געבראַכט די ריטער, האָט עמעצער אַ צי געטאָן ביים שטריק און אַנטעק איז אַ פאַל געטאָן אין שניי אַריין, ווי אַן אונטערגעזעגטער בוים. מען האָט אים אַוועקגעלייגט מיטן פּנים אַראָפּ. צוויי פויערים האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף אים. איינער אויף די פיס, דער צווייטער אויף די פּלייצעס. דער עקאָנאָם האָט באַטראַכט די ריטער, זיי גוט איינגעריבן אין שניי, עטלעכע מאָל דורכגעשניטן מיט זיי די לופט מיט אַ פייף און אַ צופרידענער זיי איי־בערגעגעבן דעם שמייסער. די פּאַראָבקעס האָבן געהאַלטן די אויגן צו דער ערד, נישט געקוקט אויפן פּלאַץ, וווּ אַנטעק איז געלעגן, און אומ־באַהאָלפענע געפּילט, ווי דער הויף ווערט פאַר זיי אַלץ ענגער און ענ־גער. עס האָט זיך דערהערט דעם עקאָנאָמס שטימע:

— פאַרטיק?

— פאַרטיק האָט געענטפערט דער שמייסער.

דער עקאָנאָם האָט איינטאָניק געציילט:

— איינס — — — צוויי — — — דריי — — —

די רוט האָט געפייפט איבער די איינגעצויגענע הויזן, זיי דורכ־געהאַקט, געשניטן מיטן פליייש. טראָפּנס בלוט האָבן געטריפט אין ווייסן שניי אַריין, געטריפט און פאַרגליווערט געוואָרן. אַנטעק האָט געשריען נישט מיט קיין מענטשיש קול, אַנטשוויגן געוואָרן, ווידער אָנגעהויבן און צווישן שוויגן און שרייען, איז דאָס איינטאָניקע ציילן פון עקאָנאָם טעמפּ געפאַלן אויף די פאַרטויבטע אויערן:

— אַכט — — — ניין — — — צען — — —

מרדכי איז אונטערגעקומען, געזען ווי מען שמייסט אַ דערוואַקסענעם מענטש, איז ער אַ פאַרציטערטער געוואָרן. ער האָט געהערט, אַז פּריצים שמייסן פּויערים, שמייסן יידן, עס אויפגענומען ווי אַ בבא־מעשה, וואָס אַלע דערציילן און וואָס קיינער האָט עס נישט בייגעוווינט. איצט האָט ער זיך אָנגעשטויסן דערמיט אויג אויף אויג. ער האָט זיך דורכגעשטופּט און איז גלייך צוגעגאַנגען צום שמייסער:

— מענטש דו, ווי שעמסטו זיך נישט אויפצוהויבן אויף דיינס אַ ברודער אַ האַנט?

מרדכיס דרייסטקייט, דאָס האַלטן זיך, זיין האַרציקייט, אַלץ האָט געווירקט, געקומען אַזוי אומערוואַרטעט, אַז דער שמייסער האָט זיך אָפּגעשטעלט, געקוקט אויפן שרה, אויף מרדכין, האָבן זיך אַלע אָנגעהויבן איבערצוקוקן און דאָס שטילקייט האָט געשניטן די אויערן.

צי דערפאַר, וואָס מען האָט אויפגעהערט שמייסן, צי דערפאַר, וואָס אַ פרעמדער האָס געהאַט די העזה אים זיך אַנטקעגנצושטעלן, ווי ס'זאָל נישט זיין, האָט דער פאַרדרוס ביים שרה געהאַלטן אין וואַקסן. אַן אָנגעכמורעטער האָט ער זיך אַרויסגערוקט מיטן פערד און געפרעגט מרדכין:

— ווער זייט איר דאָס?

— אַ דורכגייער — האָט מרדכי געענטפערט.

— טאָ גייט ווייטער, אַז ס'איז אייך גוט, — האָט דער שרה זיך געבייזערט — מישט אייך נישט אין פרעמדע אינטערעסן!

— לאָז דער „ווילעלמאַזשני פּאַן“ אַזוי גוט זיין — האָט אַ פּאַראָבעק אָנגעהויבן שטאַמלען, זיך פאַרנויגט מיטן היטל אין דער האַנט און געוויזן אויף אַנטעקן — די איבעריקע שמיץ גיב מיר!

— וואָס טוט זיך דאָ, צו הונדערט טויזנט טייוואָלים? — איז דער שרה פון כעס נישט איינגעזעסן אויפן פערד און אַ געשריי געטאָן צום שמייסער — קאָלעק, שמייס ווייטער! דאָס כאַמסטוואָ וועט מיר נישט דיקטירן, וואָס כ'האָב צו טאָן!

— קאָלעק איז אַ קאַטאָליק, ער וועט נישט שמייסן זיינס אַ ברודער — האָט מרדכי זיך אָנגערופן.

— ווער איז ער, דער פרעמדער? — האָט איינער פון דער סוויטע אַריינגעוואָרפן.

— וואָס וויל ער ?

— ס'איז אַ „קשאָנדז"?

— ווייס איך!?

— ס'איז דאָך אַ ייד!

— וואָס דו פּלאַפּלסט!

— פרעג אים!

— פרעג אים דו!

— ס'איז אַ ייד! ס'איז אַ ייד!

— אַ ייד? — האָט דער שרה אַן איבערראשטער איבערגעפרעגט.

— יאָ — האָט מרדכי געענטפערט.

— טאָ גיב דעם ייד די איבעריקע שמיץ! — האָט דער שרה אַ געשריי געטאָן צום שמייסער און אויסגעשפּיגן — אַזאַ נישט-גלויבי-קער!

איידער מרדכי האָט צייט געהאַט זיך אומצוקוקן, איז ער שוין געלעגן אויפן שניי, געפילט, ווי אַן אָנגעגליטער קלין שניידט זיך אַלץ טיפער אין לייב אַריין, שפּאַלט, דאַכט זיך, די פּלייצעס אין צווייען, צעקרישלט אַ ביין נאָך אַ ביין... די יסורים ווערן אַלץ גרעסער, פאַלן איבער אים, ווי שפּיציקע שטיינער און פון אונטער די קלעפּ הערט זיך דעם עקאָנאָמס איינטאָניק ציילן:

— צוואַנציק — — — — איין-און-צוואַנציק — — — — צוויי-און-צוואַנציק — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מרדכי איז געלעגן אָן כוחות, נישט געזען, וואָס ס'טוט זיך אַרום אים, בלויז געפילט, ווי מען רייבט אים די שלייפן מיט שניי. ער האָט געעפנט די אויגן, געקוקט איבער אַ רגע אויף די פּאַראָבקעס, וואָס זיינען געשטאַנען איבער אים, זיך געכאַפּט וואָס מיט אים האָט פּאַסירט און מיט די לעצטע כוחות זיך אַ שטעל אויף געטאָן. ער האָט נישט געקאָנט גיין, געזען רעדער פאַר די אויגן און זיך אָנגעהויבן וואַקלען. די פּאַראָבקעס האָבן אים אונטערגעכאַפּט, אַריינגעפירט אין שטאַל, ווו אַנטעק איז געלעגן, אָפּגעוואַשן מיט לעבלעך וואַסער זיינע ווונדן און נישט דרייסטע אים געפרעגט צי ער וועט עפּעס עסן.

— אַ טרונק וואַסער, — האָט מרדכי זיך געבעטן.

ער האָט אויסגעטרונקען אַ פולע שעפּ. ס'וואַסער האָט געקילט זיין צעפלאַמטן קערפּער, אים אַביסל אָפּגעפרישט. מיט מאַטערניש האָט ער זיך אויסגעצויגן אויפן בויך און אויפמערקזאַם זיך איינגעהערט, ווי די פּאַראָבקעס, וואָס האָבן זיך צוזעצט אַרום אַנטעקן, האָבן גע־שמועסט:

— אַז וואָס ס'קומט אויף אונז, איז אַלץ ווייניק! — האָט זיך איי־נער אָנגערופן.

— איך וועל אים ווייזן, דעם „פּסו־בראַט", ווי צו שמייסן! — האָט אַנטעק אַריינגעוואָרפן מיט אַ קרעכץ.

— מיר האַלטן אין איין ווייזן און זיי שלאָגן דערוויילן!

— אַז אַ פויער און אַ בהמה איז אַלץ איינס!

— גערעכט! וויטעק איז גערעכט! ווען מיר וואָלטן געווען מענטשן, וואָלטן מיר דאָ נישט געזעסן!

— אין פּעפּלאָווקע, דערציילט מען, האָבן די „כלאָפּצעס" אונטער־געצונדן דעם הויף!

— מיר דאַרפן אויך אַזוי טאָן!

— איר זינדיקט — האָט זיך אָן אַלטער פורמאַן אָנגערופן.

— אין קאַרשין האָבן זיי דערהרגעט דעם שררה!

— מען דאַרף זיי אַלע אויסהרגענען!

— אונזערער איז אויך נישט זיכער מיטן לעבן!

— איר זינדיקט, קינדער, איר זינדיקט — האָט דער פורמאַן זיך אָפּגעצלמט — דער נישט־גוטער רעדט פון אייך אַרויס!

— ווי זינדיקן מיר, זיידע — האָט אַנטעק זיך אויפגעזעצט — אַז מיר האָבן ביי די פּאַנעס אַ גאַנץ יאָר „פּאָסט"? אונזער שררה איז אַ שוואַכער מענטש, ערלויבט אים דער „קשאָנדז" צו עסן אין „פּאָסט" גע־בראָטענע קאַטשקעס, זיך אויסצוהאַלטן אַ קאָכאַנקע און אַפילו שמייסן פויערים — — — — הערט, זיידע, מיין נאָמען איז נישט אַנטעק, צי מיר וועלן זיך נישט אָפּרעכענען מיט אים! ווען נישט איר, אַלטע בהמות, וואָלטן מיר שוין לאַנג צוגענומען ביי די פּאַנעס די ערד, אונזער ערד — — — דער „קשאָנדז" הייסט נישט, האַ? מיר וועלן זען — —

מרדכי איז געלעגן אין פיבער. ער האָט זיך צוגעהערט צו די רייד פון די פּאַראָבקעס, נישט געוווּסט, אַז די באַציונגען צווישן דאָרף

און הויף זאָלן זיין אַזוי פאַרשאַרפט און געקריצט מיט די ציין פון באַליידיקונג. אַ טיפע מרה שחורה האָט זיך געלייגט איבער אים, זיך איינגעביסן, געעקבערט ווי אַ שרויף, האָבן פינסטערע מחשבות זיך גענומען וועקן, אים באַפאַלן מיט נעגל און ציין, געשריען — נקמה, נקמה פאַר די שמיץ! אָן אַ שיעור פלענער האָבן אויפגעטיקט און זיך געלאָשן אין זיין הייסן מוח. ער האָט זיך געהאַלטן מיט ביידע הענט פאַר די שלייפן, וואָס האָבן זיך געהויבן, ווי בלאָז=זעק, און געווען זיכער, אַז נאָר אַזוי נאָך וועט ער צונויפנעמען די געדאַנקען. און יעדעס מאָל, ווען די פלענער זיינען זיך צעשווימען, איבערגעלאָזט אַ קאַלטן חלל, האָט ער אויפגעציטערט, זיך געשראָקן, אַז אָט, אָט פאַרלירט ער די געלעגנהייט. און ווען מען וואָלט אים דעמאָלט געפרעגט, וואָס ער ציטערט אַזוי און וואָס פאַר אַגעלעגנהייט ער האָט מורא אָנצווווערן, וואָלט ער אַליין ניט געוווסט וואָס צו ענטפערן. די שרעק האָט מער נישט אָנגעהאַלטן ווי אַ רגע. באַלד האָבן די שלייפן ווידער ביי אים אָנגעהויבן צו קלאַפן, דער פיבער האָט פאַרטריבן די ספקות און נייע פלענער האָבן זיך גענומען וויקלען אַרום אים, זיך געוויקלט און אויפגעוויקלט.

מיטן אָנקומען פון דער נאַכט, איז דער פיבער ביי מרדכין געשטיגן. די שטילע רייד פון די פאַראָבקעס האָבן מאָדנע געקלונגען אין זיינע אויערן און ער האָט געזען, ווי דאָס פערד=שטאַל ווערט פול מיט מענטשן. ער האָט זיך אַרויפגערוקט אויפן זאַק מיט היי, זיך אַ הויב געטאָן, געבליבן שטיין אויף די קניען און זיינע צעפלאַמטע אויגן האָבן זיך אָפגעשטעלט אויפן בילד, וואָס האָט געהאָנגען אויף דער וואַנט אין אַ נישט געהובלטער רעם. ס׳איז געווען אַ הייליקע „מאַמע“, וואָס האָט שליטה איבער פייער. די פאַראָבקעס האָבן אים איינציקווייז אַרומגערינגלט. ער האָט אָנגעהויבן רעדן צו זיי. און וואָס לענגער ער האָט גערעדט, איז זייער אומרויקייט אַלץ מער געוואַקסן, זיך אַרויסג[illegible]ייסן מיט אַ קללה, מיט אַ געביילטער פויסט, זיך געלייגט אויף זייערע [illegible]נגעכמורעטע פנימער, ווי שווערע, פינסטערע וואָלקנס. מרדכי האָט ני[illegible]ט אויפגעהערט צו רעדן, געשטאַנען אויפן זאַק מיט היי און זיינע ווערטער האָבן זיך געקנוילט, געוועקט אין די פויערים דעם באַליידיקטן מענטש, געקלונגען אַזוי האַרציק און אין דער זעלבער צייט געשניטן פאַסן לעבעדיקערהייט. די רייד זיינען געקומען פון זיך, נישט

געגלויבט, אַז דאָס רעדט עד, מרדכי, און די ווערטער, ווי פונקען, זיינען געפאַלן אויף די פאַרוואָלקנטע מוחות, זיי געצונדן און אַ פייער האָט זיך צעפלאַקערט.

---

דער הימל איז געשטאַנען אין פלאַמען, אין רויך.

אויף אַ פֿריער האָבן פיר פויערים געטראָגן אויף שטריק אַ טרומנע, ווו אַנטעקס פאָטער, פּיאַסעצקי, איז געלעגן אַ דערהרגעטער. פּאַראָבקעס מיט קאָסעס, שפּאַדלעס, העק זיינען נאָכגעגאַנגען, זיך גרופּירט לויט די דערפער. ביים אַריינקומען אין דאָרף, האָט דער גלאָק אָנגעהויבן קלינגען, ווי ס'וואָלט אַ פייער געווען. ס'פויערים־פאָלק מיט די ווייבער און קינדער זיינען צונויפגעקומען, זיך געשטעלט אַרום און אַרום דער אָפענער טרומנע, ווו זייער שכן פּיאַסעצקי איז געלעגן. מרדכי, וועמען קיינער האָט נישט געקענט, נישט געוווּסט פון וואַנען ער האָט זיך גענומען, איז אויסגעוואַקסן ביי דער טרומנע. זיין בלייך פּנים, דאָס האַלטן זיך, די צעפלאַמטע אויגן, האָבן צוגעגעבן עפּעס מיסטעריעזעס צו דער פּראָצעסיע. אַנטעק האָט אַנידערגעקניט, צעשפּרייט די הענט:

— שכנים, איר ווייסט ווער ס'האָט דערהרגעט מיין טאַטן?

— מיר ווייסן! מיר ווייסן! — האָבן די פויערים געענטפערט און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קניען.

— איך וויל איר זאָלט מיר העלפן קריגן גערעכטיקייט!

— מיר וועלן העלפן! מיר וועלן העלפן!

מרדכי האָט מספּיד געווען דעם טויטן, מיטגעריסן די אַרומיקע מיט זיינע האַרציקע, פּשוטע רייד, אַליין אויך מיטגעריסן געוואָרן און אַז ער האָט דערזען, ווי די פויערטעס כליפּען, די פאַרהאַרטעוועטע הער־צער פון די פויערים האָבן נאָכגעלאָזט, ווייך געוואָרן, און אַ פעסטע האַנט וואָלט יעצט געקאָנט פירן די פויערים, וווהין זי וואָלט נאָר געוואָלט, פונקט דעמאָלט האָט זיך דערהערט אַ שטימע:

— קומט אין הויף אַריין!
— קומט, בּרידער!
— מיר וועלן די פּאַנעס אָפּגעבּן אונזערע „כאַלופּעס"
— און מיר וועלן וווינען אין שלאָס!
— געדעכט!
— גערעכט!
— נעמט דעם טויטן!
— נעמט די טרומנע!
— קומט!
— קומט!
— לאָזט די טרומנע אויף אַ פּרייער!
— ווער איז דער פרעמדער?
— כ'ווייס נישט!
— דאָס הייסט גערעדט!
- ווי פון אַ בּיכל אַרויס!
- רעדט בעסער ווי דער קשאָנדז!
— דערמאָן נישט זיין נאָמען!
— ווער האָט אים דערהרגעט?
— פּיאַסעצקין?
— יאָ.
— כ'ווייס נישט.
— מען זאָגט, דער פּאַן.
— מיר וועלן זיך אָפּרעכענען מיט אים!
— דו וואָלסט געקאָנט אויפהייבן א האַנט אויפן פּאַן?
— איך נישט!
— איך נישט!
— ס'גייט אויף ביינאַכט אַ פראָסט!

— וואָס אַרט עס דיך? אין דיין שאָפּן-פּוטער וועסטו נישט גע-פרוירן ווערן!

— ווי אַ חזיר האָט דאָס יידל געקוויטשעט! אוי, געוואַלט! אוי, גע-וואַלט! נישט געלאָזט אַראָפּציען פון זיך דעם פעלץ!

— צינדט אָן די שטיקער קין! — האָבן זיך געהערט קולות פון אַלע זייטן.

— ס'איז דאָך נאָך טאָג!

— צינדט אָן, זאָגט מען אייך!

דאָ און דאָרט האָבן אויפגעפלאַקערט מיט אַ קנאַקעריי שטיקער קין, זיך געריסן צום פאַרפלאַמטן הימל. די פאַראָבקעס מיט בלאַנקענדע קאָסעס אויף די אַקסלען האָבן געשפּרייזט אַרום דער טרומנע מיט געבויגענע קעפּ.

די פּראָצעסיע האָט זיך אָפּגעשטעלט בײַם שלאָס, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ פאַרלאָזענער, אַזוי שטיל איז געווען אַרום. דער המון האָט געשריען, געליאַרעמט, גערופן דעם שררה. דער עקאָנאָם איז אַרויס אויפן גאַנעק מיט אַ ביקס:

— צעגייט אייך מיט גוטן!

— אַ טשו! אַ טשו! — האָט זיך געהערט פון אַלע זייטן.

— מיט אַ ביקס?

— אַזאַ חזירישער עק!

— אַזאַ חזירישער אויער!

— פאַרטרייבט אים!

— מיר ווילן דעם שררה!

— אַ טשו! אַ טשו!

— אין שטאַל אַריין!

פון אַלע זייטן האָבן גענומען פליען אויף אים שטיינער, פלעשער, שטיקער האָלץ און ס'איז געוואָרן אַזאַ געשריי, אַז מען האָט געקאָנט טויב ווערן. דער שררה איז נישט אַרויס. פון עטלעכע פענסטער האָט מען אויסגעשאָסן מיט אַמאָל, געוואָלט איבערשרעקן דעם המון, געסטראַשעט אויפצוכאַפּן יעדן איינעם, ווער ס'וועט וואַגן אונטערצוקומען צום שלאָס. דער כּעס איז געוואַקסן. אַ פאַראָבעק האָט איינגעצויגן דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען, ווי איינער וואָס האָט מורא ער וועט כאַפּן קלעפּ, און זיך געלאָזט צום שלאָס. אַ קויל האָט אים אַוועקגעלייגט. דאָס איז געווען גענוג. דער המון האָט זיך אַ שפּאַר געטאָן, זיך געטראָגן ווי אַ שטורעם צום שלאָס, שיקנדיק אויף אַ פרייער אַ האָגל מיט שטיינער, פלעשער און העלצער. פון אַלע פענסטער האָט מען גע-

שאָסן. דער המון האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט, געשפּרונגען איבער די געפאַלענע, אויפגעבראָכן מיט העק די טירן, געקראָכן אין די קעלערס, אַרומגערינגלט דעם שלאָס פון אַלע זייטן. מען האָט אָנגעהויבן צו שלעפּן פון די קעלערס קאַשן מיט ווייַן, מיט אָקעוויט, זיך געריסן איבער די פלעשער, אָפּגעהאַקט די העלזער, און געטרונקען. דאָס געשריי איז געוואַקסן, פון אַ קעלער האָט אַ געדיכטער רויך זיך אָנגעהויבן אַרויסצוקנוילן, מיטגעריסן מיט זיך אַ פלאַם, איז דער המון ווילד גע־וואָרן פון שמחה, זיך געהאַלזט, געטרונקען ברודערשאַפט, געקניפּט אַרום דעם טויטן פּיאַסעצקי און געשריען וואָס כח נאָר:

— דער שלאָס ברענט!

— דער שלאָס ברענט!

אין אַ ווינקל איז געשטאַנען דער אַלטער פורמאַן, געהאַלטן די חייליקע „מאַמע״, וואָס האָט שליטה איבער פייער, זיך געצלמט און שטיל געפּרעפּלט:

— איר זינדיקט, קינדער! איר זינדיקט!

דער המון האָט אָן אַלעם פאַרגעסן, זיך געשטופּט אַרום די קאַשן מיט שנאַפּס, זיך געקריגט, זיך געשלאָגן מיט די פויסטן, געכאַפּט, ווי־פיל איינער האָט געקאָנט, און די, וואָס האָבן זיך נישט געקאָנט דער־שטופּן, האָבן געררעוועט, ווי זיי וואָלטן געהאַלטן ביים משוגע ווערן. די חיה אין מענטש האָט זיך געוועקט, אָנגעשטעקט קליין און גרויס, האָט מען געוואָרפן פלעשער בראָנפן אין פייער אַרייַן, געלאָפן איבערן הויף ווי פאַרסמטע מייז, געזוכט די דינסטן און אַז מען האָט זיי נישט געפונען, האָבן זיי זיך געוואָרפן אויף אייגענע שוועסטער.

דער ערדה האָט זיך באַוויזן אין אַ פענסטער, עפּעס גערעדט, גע־מאַכט מיט די הענט, ווי ער וואָלט זיך געבעטן. קיינער האָט זיך נישט אומגעקוקט, נישט געוואָלט הערן, בלויז געשריען:

— לאָזט אים נישט אַרויס!

— פאַרברענט אים!

— פאַרברענט אים!

— צום טייוול מיט דער שלאַכטאַ!

— ווער גייט אין שענק אַרייַן?

— קומט, כלאָפּצי, מיר וועלן אויפהענגען דעם שענקער פאַר די פאות!
— קומט!
— קומט!

מרדכי איז געשטאַנען אין אַ זייט, פאַרלוירן געקוקט, וואָס עס טוט זיך אַרום, וואָס ער האָט אויפגעטאָן און חרטה געהאַט. ער האָט מער נישט געגלויבט אין המון. ער האָט אויפגעכאַפּט דעם שענקערס נאָמען, אים עטלעכע מאָל איבערגעחזרט, זיך געוואָלט עפּעס דערמאָנען און אַ גלייכגילטיקער זיך געלאָזט מיט דער צווייטער זייט פעלד.

די טרומנע האָט זיך גערירט פון אָרט. די שטיקער קין האָבן געפלאַקערט אין דער נאַכט, זיך אָפּגעשפּיגלט אין די בלאַנקענדע קאַסעס, וואָס האָבן זיך באַוויגן איבער אַקסלען, און ס'האָט אויסגעזען, ווי דער טויט, אַ פיל קעפּיקער, שפּרייזט איבער די וועגן און לאָזט אַלץ אַוועק מיטן רויך.

---

די אומרוען צווישן די פּויערים געגן די „חויפן" זיינען געוואַקסן, זיך פאַרשפּרייט איבער פּוילן, אַרומגעכאַפּט די גאַנצע געגנט פון פּלאָצק, שעדלעץ און לובלין, ווי אַ פייער כאַפּט אַרום אַ געדיכטן, טרוקענעם וואַלד. די שלאַכטאַ, וואָס האָט זיך באַרימט, אַז אַ „מאָסקאַל" איז זייער שוועל קיינמאָל נישט אַריבערגעטראָטן, די זעלבע „שלאַכטאַ" האָט איצט געמוזט רופן רוסיש מיליטער צו הילף, נישט זיכער געווען מיטן לעבן, און זיך באַפעסטיקט אין זייערע שלעסער, אין די הויפן. די רעגירונג, וואָס האָט אין אָנהויב זיך נישט געמאַכט זען, וואָס ס'קומט פאָר אין דאָרף, געוואָלט, אַז צווישן פּויער און שררה זאָל די שנאה ווערן גרעסער, האָט זיך מיט אַמאָל אַליין דערשראָקן, מורא געהאַט די זאַך זאָל זיך נישט אַרויסגליטשן פון איר האַנט, זי אַריבערוואַקסן און אָנגעהויבן אונטערצודריקן די אומרוען אָן רחמנות. די אָנפירער האָט מען אַרעסטירט. זיי האָבן געלייגט די שולד אויף אַן אָפּגעריסענעם יונגנמאַן, וואָס שלעפּט זיך איבער די דערפער און

בונטעווען די פויערים. דעם יונגנמאַן האָבן אַלע געזען, נאָכגעזאָגט זיינע דרשות און קיינער האָט נישט געוווּסט, ווער ער איז, ווי ער הייסט, פון וואַנען ער האָט זיך גענומען און ווו ער געפינט זיך. מען האָט אים געזוכט אין יעדן דאָרף. און וויפיל עדות מען האָט נישט אויסגעפרעגט, האָט יעדער געגעבן אַנדערע סמנים, איינער דעם היפוך פון צווייטן, ווי ס׳וואָלט זיך נישט געהאַנדלט וועגן אַן אָפּגעריסענעם יונגנמאַן, וואָס איז איצט נעכטן געווען אין די דערפער, געלעבט צווישן די פויערים, נאָר וועגן אַ לעגענדע פון הונדערטער יאָרן, וואָס לעבט אויף אין יעדער געגנט אַנדערש.

די פריצים זיינען זיכער געווען, אַז דער בונטאָווניק איז אַ ייד, די פויערים האָבן זיך געצלמט, אַז ס׳איז אַן ערלעכער קאַטאָליק — ביי יעדער „פיגור" האָט ער געקניט און תפילה געטאָן — און די זקנים צווישן זיי האָבן אין דער שטיל געטענהט, אַז ער איז אַ נישט־גוטער. זיי האָבן דערציילט, ווי ער איז אַריין צו אַ פויערטע אין שטוב אַריין. די פויערטע, וואָס איז געווען אין די הויכע מאָנאַטן, האָט דערזען, אַז ער האָט פיס פון אַ ציג, האָט זי פון שרעק געמפּילט און געבוירן אַ קינד מיט הערנער. און די גלחים האָבן אין זייערע דרשות נישט אויפ־געהערט צו טרייסטן, אַז די ישועה איז נאָענט, אַ סימן — דער פאַרשאָלטענער אַנטי־קריסט דרייט זיך אַרום אין די דערפער, בונטעוועט ס׳פאָלק, רייצט דעם המון געגן שררה, געגן „קשאָנדז".

קאַפּיטל 3

# די פּטירה

מרדכי איז צוריק געקומען נאָך קאָצק אַן אָפּגעריסענער, אַן אויסגעדאַרטער. דער טרויער, וואָס האָט תּמיד אַרויסגעקוקט פון זיינע גרויע אויגן, איז פאַרשוואונדן און עפּעס וואָלפישעס איז געווען אין זיין גאַנצן אויסזען. די גרויע אויגן האָבן דורכגענומען, געקוקט מיט געוואַגטקייט און שרעק. ער האָט געוווּסט, אַז מען זוכט אים אויף די וועגן, אין די דערפער, געוווּסט, אַז ער דאַרף אויסמיידן מענטשן און זיך אָפּגעשטעלט אין יעדער שענק. ער האָט זיך צוגעהערט, ווי מען דערציילט וועגן אים נישט געשטויגענע מעשיות, פיל מאָל אָנטייל גענומען אין די שמועסן און איינמאָל איז ער שיעור נישט דערהרגעט געוואָרן, ווען ער האָט גענומען רעדן שלעכטס וועגן זיך אַליין, אויפגעוויזן די פויערים, אַז ער איז אַ טרוס, אַנדערש וואָלט ער נישט פאַרשוואונדן, איבערגעלאָזט די פויערים אַליין — — —

בלייבן אין פוילן האָט מרדכי מער נישט געקאָנט. ער האָט זיך געחדושט, וואָס דער פאַרלאַנג צו פאָרן נאָך אויסלאַנד איז ביי אים פאַרשוואונדן און זיין פּלאַץ האָט פאַרנומען אַ גלייכגילטיקייט. און ווען נישט פּעליציע, וואָס האָט אויסגעאַרבעט אַלע פּלענער ער זאָל פאַרלאָזן פוילן, וואָלט ער זיך נישט גערירט פון אָרט. געזעסן אין קאָצק און זיך געשלאָגן מיט דער דעה צי ער זאָל זיך יאָ איבערגעבן דער פּאָליציי, צי נישט. ער האָט אויסגעקליבן צו פאָרן נאָך פּאַריז, כאָטש אין האַרצן האָט ער נישט געוווּסט וואָס ער וועט דאָרט טאָן, אפילו די שפּראַך נישט פאַרשטאַנען. מעגלעך דאָס, וואָס קאַהאַנע האָט זיך געקליבן אהין, מעגלעך אויך, וואָס אין פּאַריז איז געווען אַ גרויסע, פּוילישע

קאָלאָניע. ווי ס׳זאָל נישט זיין, האָט מרדכי באַשלאָסן צו פאַרלאָזן פוילן, גלייך ווי ער וועט זיך שאַפן געלט.

ער איז אַריבער אויף דער אכסניה צו שאַפטן, אים געטראָפן איבער אַ שווארץ־ברויט, אַ ציבעלע און אַ טעפל ציקאָריע.

— אַ גאַסט, אַ גאַסט! — האָט שאַפט זיך אויפגעשטעלט, צוגערוקט ס׳טישל צום בעט און געגעבן מרדכין די שטול — זיץ! ווערסט אפשר מיטהאַלטן?

— אַ דאַנק! כ׳האָב נאָר וואָס געגעסן!

— און אַז וואָלסט געווען הונגעריק, וואָלסטו דען מיטגעהאַלטן? — האָט שאַפט זיך געריבן די הענט אָן דייגע פוטערנע הויזן און געקנייטשט דעם שטערן, — שמאַי האָט געגוג אַ ציבעלקע, אַ טעפל ציקאָריע, אָבער דו, ר׳ אברהמס זון? טאַקע, וואָס עסט איר אויף אָנבייסן? מאַרצעפאַנען?

— וואָס האָט איר זיך היינט צערעדט, שמאַי? — האָט מרדכי געשמייכלט.

— כ׳רעד פון צרות, מרדכי! שוין צוויי מאָל געוואָלט אַהיימפאָרן און זיך געמוזט פון וועג אומקערן! מען איז דאָך נישט זיכער מיטן לעבן, מ׳קאָן דערהרגעט ווערן! דאָס פעבל איז ווילד געוואָרן, וויל מער נישט אַרבעטן; הפקר און פטור! ס׳דערמאָנט מיך יענע מעשה, ווי די הינט האָבן אויפגעהערט צו פאָלגן דעם קאָפ, אַ ווירטשאַפט, תאַ? דער פויער וויל ווערן אַ פאַן! און מען שמועסט — האָט ער שטילער גערעדט — אַז אחינו בני ישראל האָבן אויך אַ האַנט אין דער זאַך — — — אַז אומעטום יידעלעך — — — אַן אומגליק, זאָג איך דיר! ווער ס׳זאָל נישט גערעכט זיין, וועט עס אויסגיין צו אונזערע קעפ. דער פויער בונטעוועט זיך, דער פריץ בונטעוועט זיך — ווער אָבער ליידט? מיר! כ׳דאַרף נויטיק זיין אין דער חיים און גאָרנישט — — — כאָטש איצט וואָלט איך סיי־ווי־סיי נישט געפאָרן, דער רבי דאַרף רחמים — — —

— ווידער אַוועקגעפאַלן? — האָט מרדכי זיך געפרעגט.

— שלעכט, מרדכי, שלעכט — — — האָט מער קיין מראה אין פנים — — — ס׳טוט זיך חשך — — —

מרדכי האָט זיך אויפגעשטעלט, זיך דערמאָנט צו וואָס ער איז געקומען און אָנגעהויבן:

— שמאי, כ'דאַרף האָבן פינף טויזנט גילדן — — —

— ווער האָט היינטיקע צייטן אַזאַ סומע? — האָט שמאי אים איבערגעריסן, זיך אַ הויב געטאָן און צוריק געבליבן זיצן אויפן בעט — כ'וועל דיר זאָגן דעם אמת, נאָר וואָס שטייסטו? זיץ! כ'האָב אויפגעהערט צו באָרגן געלט, אפילו דעם רייכסטן פריץ באָרג איך מער נישט! ביי אַזעלכע צייטן, ווער ווייס וואָס מאָרגן קאָן זיין? כ'מיין, קראַנטער, אַז מען גיט די פּאָר גילדן פון דער האַנט נישט אַרויס... נאָר דיר, זעסטו, איז עפּעס אַנדערש! ר' אַברהמס זון וועל איך גערן טאָן אַ טובה — — — אָבער נישט אַזאַ סומע, כ'האָב פשוט נישט — — — מיין גאַנץ פאַרמעגן שטעקט אין די הויפן ביי פּריצים — — — די תבואה איז אָדער פאַרברענט, אָדער צעפּוילט, אַז דער פּויער אַרבעט נישט; אַ שיין ווירטשאַפט פירט זיך אין פּוילן, אַ יאָר אויף זיי! וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן? יאָ. דריי טויזנט קאָן איך דיר געבן.

— לאָז זיין דריי טויזנט — האָט מרדכי איינגעשטימט.

שמאי האָט אָנגעשריבן אַ פּאָר ווערטער אויף אַ בייגעלע פּאַפּיר און עס אונטערגעטראָגן מרדכין:

— זיי אַזוי גוט און שרייב עס אונטער. בעסער, אַז ס'איז פאַראַן אַ קוויטל — — —

מרדכי האָט איבערגעלייענט ס'קוויטל, אַ הויב געטאָן מיט די אַקסלען און געשמייכלט:

— איר גיט מיר דריי טויזנט און מאַכט אויס אַ קוויטל אויף זעקס?

— רעדסט דאָך, זיי מיר מוחל, גאָרנישט ווי אַ סוחר — האָט שמאי אָנגענומען מרדכין פאַר אַ לאַץ — לאָז דיך דינען — שמאי באָרגט ר' אברהמס זון דריי טויזנט גילדן, פרעגט זיך, אויף וואָס באָרגט ער אים, כ'מיין אויף וואָס קוקנדיק? אויף די גיטער, וואָס ער פאַרמאָגט, צי אויף די מטלטלים? — האָט ער זיך געצופּט ס'בערדל, ווי ס'וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן אַ האַרבער סוגיא — און דאָס, וואָס ר' אברהמס זון וועט איצט אין צוויי יאָר אַרום מינדיק, דאָס איז גאָרנישט? — — — איז קיין עול וואָס שמאי וויל זיך פאַרזיכערן, האַ, וואָס זאָגסטו!?

נאָר כ׳גיב דיר מיין „הן שלי״, אַז מער ווי דריי טויזנט גילדן וועל איך פון דיר נישט נעמען — — —

אַ גלייכגילטיקער האָט מרדכי אונטערגעשריבן, געקוקט, ווי שמאי שיט טרוקענע זאַמד אויפן אונטערשריפט, שלעפט אַרויס אַ לעדערנעם טייסטער, ציילט אַ פֿאַרזאָרגטער יעדן באַנקנאָט מיט אַ קרעכץ, ווי ס׳וואָלט אים שווער געווען צו שיידן זיך מיטן געלט. עטלעכע מאָל האָט שמאי איבערגעציילט די סומע, נישט געטרויט זיינע הענט און אַז מרדכי האָט געוואָלט דאָס פּעקל געלט אַריינלייגן אין דער קעשענע, האָט ער אים געצווּנגען נאָך אַמאָל איבערצוציילן.

מרדכי איז אַרויס פון שמאַין, געוואָלט גיין זאָגן קאַהאַנען, אַז מאָרגן אין דער פרי וועלן זיי קאָנען פאָרן, זיך דערמאָנט אָן רבין און זיך געלאָזט אין „הויף״ אַריין.

---

שוין צוויי וואָכן, ווי ר׳ מענדעלע איז נישט אַרויס פון בעט גע־ווען זייער שוואַך. אַ חוץ ר׳ איטשען האָט ער קיינעם נישט געוואָלט זען, נישט געלאָזט צורוימען דעם פאַרלאָזטן חדר, וואָס איז פול געווען מיט שפּינוועבס. איבער דער פּאָדלאָגע האָבן שפּאַצירט מייזלעך, זיך געהאַלטן אַזוי היימיש, אַז זיי פלעגן זיך אָפּשטעלן ביים רבינס בעט, קוועטשן מיט די שנעבעלעך, ווי זיי וואָלטן עפּעס פאַרלאַנגט און אין הויף האָט מען געגלויבט, אַז דאָס זיינען זינדיקע נשמות, וואָס דאַרפן „תּקון״.

ר׳ איטשע האָט געהאַלטן אין איין צוואַרפן העלצער אין אויוון אַריין, און אַז ס׳פייער האָט זיך צעפלאַקערט, האָט ר׳ מענדעלע אָפּער־געבעטן פון אונטערן קישן אַ שליסל, און אים צוגערופן:

— נאַ, נעם אַרויס די שמות פון מיין קופערט און פאַרברען! וואָס קוקסטו? פאַרברען, זאָגט מען דיר! דער דרוקער האָט שוין גענוג אָנ־געדרוקט! נישטאָ פאַר וועמען צו שרייבן! הערסט, איטשע, כ׳וועל דערשטיקט — — — די וועלט ש ט י נ ק ט מיר — — — נו, וואָס וואַרטסטו? וואַרף אַלץ אין פייער אַריין!

ר׳ איטשע האָט געוואָרפן אין אויוון אַריין כתב־יד נאָכן צווייטן, און אַז ער האָט אַרייַנגעוואָרפן דעם לעצטן, האָט ר׳ מענדעלע זיך צעלאַכט, שטיל און טרוקן, אַז ס׳האָט ר׳ איטשען דורכגעשוידערט.

— אָפּגעאַרבעט אַ לעבן, זיך געמחט, מחדש געווען ווערלטן, געוואָלט ברענגען משיחן — פרעג איך דיך — וואָס? וואָס? קומט אַ פייערל, און דער אמתער מענדעלע איז שוין נישטאָ, געבליבן בלויז אַ זעקל מיט קראַנקע ביינער! בין איך נישט גערעכט, איטשע — האָט דער רבי אָנגענומען זיין האַנט — אַז דער מענטש איז אַ שטינקער? האַ, וואָס שווייגסטו?

דער רבי האָט צעעפנט די אויגן, און זיך מיט אַמאָל אַ זעץ אויף געטאָן:

— האָסט שוין אַלץ אַרייַנגעוואָרפן אין פייער? אַלץ?

— אַלץ, רבי.

— אַ שאָד, אַ שאָד — — — האָט ר׳ מענדעלע זיך פאַרקרימט, ווי ער וואָלט איבערגעלעבט שרעקלעכע יסורים.

— וואָס איז, רבי? וואָס איז געשען?

— גאָרנישט, גאָרנישט — — — צווישן די שמות איז געלעגן מיין ספר־האדם, אַ חבור, וואָס האָט געהאַלטן איין זייטל, און אַנטהאַלטן דעם גאַנצן מענטש — — — אַ שאָד, דעם־ספר האדם האָב איך געוואָלט איבערלאָזן — — —

— אַז ס׳איז איין זייטל, רבי, קאָן מען דאָך עס איבערשרייבן — האָט ר׳ איטשע אים געוואָלט באַרויקן.

— מ׳קאָן נישט מ׳קאָן נישט — האָט דער רבי פאַרעקשנט איבערגעחזרט און גענומען רייבן מיט אַ האַנט דעם שטערן — כ׳געדענק נישט, כ׳געדענק נישט — — —

דער רבי האָט אַ פאַל געטאָן אויפן קישן אָן כחות, פאַרמאַכט די אויגן און אָנגעהויבן קרעכצן. ר׳ איטשע האָט אים געמינטערט. די חסידים, וואָס זיינען געשטאַנען אַרום די פענסטער, געזען, ווי דער רבי איז אַוועקגעפאַלן, האָבן אָנגעהויבן צו קלאַפּן אין די שויבן, זיך געריסן מיט קולות אַריין.

דער רבי האָט צוריק געעפנט די אויגן, אַ קוק געטאָן צום פענסטער, פון וואַן די קולות זייַנען געקומען, געשאָקלט צו ר׳ איטשען מיטן קאָפּ:

— זעסט דעם אָנלויף? אין די יונגע יאָרן, ווען כ׳האָב געפּילפּלט, האָט זיך די „פּאָספּולסטוואָ“ נישט אָנגעקלעפּט אין מיר! זייער שמחה איז געווען אין לשער, ווען איך, מענדל, בין נכשל געוואָרן אין זייערע אויגן, און דער איזשביצער האָט צוגענומען ס׳פּעבל! אין תוך האָט יעדער מענטש פיינט אַ צדיק, פרייט זיך, ווען ער כאַפּט אַן ער- לעכן מאַן ביי אַן עבֿרה! אַז ווער דאַרף זיי? ווער דאַרף זיי, פרעג איך דיך? ווען איך וואָלט אָנגעהויבן פון דאָס נייע, — איז ר׳ מענדעלע געוואָרן אויפגערוימטער — ווייסטו וואָס כ׳וואָלט געטאָן? כ׳וואָלט זיך אויסגעקליבן עטלעכע הונדערט יונגעלייט, זיי אָנגעטאָן שטריימלעך פון קרויט, אַרויפגעשיקט אויף דעכער, זיי זאָלן שרייען טאָג און נאַכט — די וועלט שטינקט, די וועלט שטינקט — — —

ר׳ מענדעלע איז אַנטשוויגן געוואָרן, געפילט, אַז ס׳ווערט אים לייכטער. דאָס גערויש אין קאָפּ האָט נאָכגעלאָזט, פאַרשוווּנדן, ער האָט געקוקט, ווי דאָס פּאַפּיר פלאַקערט, קאָרטשעט זיך, ווערט נישט, אויס- געזען אומבאַהאָלפן, ווי איינער, וועמעס גאַנץ פאַרמעגן ברענט און ער קאָן זיך נישט העלפן. ער האָט זיך אַ צי געטאָן, ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס ראַטעווען און זיך געבעטן:

— גיב מיר פּאַפּיר — — — גיב מיר אַ פעדער — — —

ער האָט געהאַלטן די געגזענע פעדער צווישן די פינגער, געצי- טערט, געזען, ווי דאָס בייגעלע פּאַפּיר צעוואַקסט זיך, די אותיות ווערן גרעסער, גרעסער, הייבן זיך אויף, אַזעלכע בלויע, פייערדיקע, דרייען זיך פאַר זיינע אויגן ווי רעדער, אַ ראָד איבער אַ ראָד, אַ ראָד אין אַ ראָד, וויקלען זיך אַרום בעט פון אַלע זייטן, הויבט זיך די שטוב אָן מיטצודרייען, גיך, גיכער, און אַרום האַרץ ווערט מיט אַמאָל אַזוי הויל... זאָל דאָס זיין דער סוף?...

ר׳ איטשע האָט זיך געכאַפּט, אַז דער רבי מישט, ווייס נישט וואָס ער שרייבט, האַלט אין איין איבערהזרן די זעלבע אותיות. ער האָט פּרובירט לייענען:

— ספר-האדם. ספספספ — ה-ההאדם — ספספספספספ סם ספספ

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער רבי האָט אַ שלײדער געטאָן אין דר'ערד דאָס פּאַפּיר מיט דער פעדער, שווער אָפּגעזיפצט, און געבליבן ליגן אָן מראה. אַרום די פּאַרקוועטשטע ליפּן זײנען געשטאַנען בלעזלעך. אַ דערשראָקענער האָט ר' איטשע אַרײַנגערופן דעם שמש. דער רבי האָט נאָכאַמאָל געעפנט די אויגן, געקוקט אַ װײַלע אין חלל פאַר זיך, געגלאָצט מיט אײן אויג, װי ער װאָלט נישט געקאָנט באַװעגן דערמיט, זיך אָפּגעשטעלט אויף ר' איטשען, עטלעכע קרעכץ געטאָן און איז נסתלק געװאָרן.

אַז מרדכי איז אָנגעקומען אין „הויף", האָט שוין גאַנץ קאָצק געװוּסט װעגן ר' מענדעלעס פּטירה. מען האָט צוגעמאַכט די קראָמען, אָװעקגעלײגט די אַרבעט, צעלאָזט די קינדער, און אין אַלע געסלעך זײנען געשטאַנען קופּקעס מענטשן, זיך געסודעט, װער ס'װעט זיך מתעסק זײן מיט זײן הײליקן גוף — די תּלמידים, צי די „חברה־קדישא"?

דער הויף איז שוין נישט געװען דורכצוגײן — קעפּ אויף קעפּ, נישט אַרויס, נישט אַרײַן. מרדכי האָט זיך קוים דורכגעשטופּט, גע־בליבן שטײן בײַ ר' מענדעלעס טיר. דאָס חדר איז פול געװען מיט יללות. די קינדער, די אײניקלעך זײנען געשטאַנען ארום בעט, װו דער נפטר איז געלעגן, איבערגעדעקט מיט זײן װײסער, זײדענער קאַפּאָטע. רבקהלע האָט זיך געהאַלטן פאַר די האָר, אויפן קול זיך אויסגעטענהט מיטן זײדן, יעדע װײַלע זיך פאַרגאַנגען אין אַ געװײן. מרדכי, װאָס האָט קײנמאָל נישט געקאָנט הערן די יללות בײַ אַ לויה, איז איצט געװען צופרידן, װאָס מען װײנט, געװאָלט, אַז די געשרײען זאָלן זײן העכער, דערגרײכן די הימלען, אַז אַן עולה איז באַגאַנגען געװאָרן. דושקה איז געשטאַנען אַן איבערגעשראָקענע, געדרײט מיטן קאָפּ, גע־ליטן מסתּמא, װאָס אַרום איר געפינען זיך אַזױפיל מאַנסבילן. דניאל האָט אָנגעשפּאַרט אַ פויסט אָן װענטל פון בעט, אויף דער פויסט אַ צװײטע, אָװעקגעלײגט דעם שטערן און געװײנט. ר' דודל איז נישט אײנגעשטאַנען, זיך מתעסק געװען, געהײסן אָנצינדן װאָס מער ליכט, נישט פאַרגעסן זײנע חולאתן — יעדע װײַלע אַרויסגענומען פון װעסטל־קעשענע אַ פלעשל, געעפנט אַ פּראָפּן, אַ שמעק געטאָן און אָפּגעזיפצט. אין אַ װינקל איז געשטאַנען ר' איטשע, אַ פאַרדאַגהטער, און שטיל געזאָגט „תּקוני־זוהר".

די משפחה האָט איינציקוויז אָנגעהויבן אַרויסצוגיין פון חדר. רבקהלע האָט דערזען מרדכין, האָט זי צעשפרייט די הענט, פאַרגעסן די עולה, וואָס ער איז געגן איר באַגאַנגען, און אויף דאָס נייע זיך יעוויינט:

— מרדכי, וואָס זאָגסטו צו אונזער אומגליק? מרדכי — — —

די אויגן זיינען ביי אים פאַרלאָפן מיט טרערן, געשטאַנען אומ־באַהאָלפן, נישט געוווסט וואָס צו טאָן, און איידער ער האָט זיך אַרומ־געקוקט, איז שוין רבקהלע נישט געווען. ער האָט מער נישט געקאָנט איינשטיין, זיך געגעסן, געליטן, וואָס רבקהלע האָט נישט געהאַט קיין טענות צו אים, אים נישט פאַרביייגעגאַנגען ווי אַ פרעמדן.

פון בית־המדרש זיינען אָנגעקומען די „חברה־קדישא", צעוואָרעמטע, זיך געווישט מיט קאָלירטע טיכלעך די שטערנס, די פּנימער, געטענהט אַלע צוזאַמען:

— די מצוה באַלאַנגט צו אונז!

— מיר וועלן נישט אָפּטרעטן פון דאַנען!

— אַ דין־תורה?

— גוט!

— גוט!

— ס'איז אַ געוווּנענע דין־תורה!

— דרך־ארץ — האָט אַ חסיד אַ טופּע געטאָן מיט אַ פוס — וואָס פאַ־רע דבורים?

— מיט דער טהרה וועלן זיך מתעסק זיין תלמידים און גוטע יידן.

— מען טוט דער שטאָט אַן עולה!

— אַן עולה!

— די מצוה באַלאַנגט צו אונז!

— קאָצק וועט נישט דערלאָזן!

ר' איטשע איז אונטערגעגאַנגען, באַרויקט מיט די הענט ביידע צדדים:

— שאַ, שאַ, קריגט אייך נישט. מיר וועלן וואַרפן גורל און וועד ס'וועט זוכה זיין — — —

— גוט!

— גוט!

ס'איז שטיל געוואָרן. איבערן חדר האָט זיך געהערט, ווי אַ חסיד דערציילט, צום ערשט הויך, דערנאָך שטילער:

„— — — און אַז מען האָט דעם מגידס הייליקן גוף טובל געווען, איז די מקוה פול געוואָרן מיט אַ ריח־בשמים, ווי פון די טייערסטע געווירצן, דען ווייסן זאָלסטו, אַז אַפילו דער טויטער גוף פון אַ צדיק איז בבחינת „בשר הקודש". ווערים און אַ שלעכטער ריח האָבן קיין שליטה אויף אים — — —"

ביי די לעצטע ווערטער האָט מרדכי זיך געכאַפּט, אַז די לופט שטיקט, מען דאַרף עפענען אַ פענסטער. אַ פאַרלאַנג אָפּצוזוכן דעם נפטר האָט אים נישט צורו געלאָזט. ער האָט געוואָלט זען, צי דער טרויער אַרום דעם רבינס אויגן איז געבליבן, כאָטש ס'האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז דער טויט לאָזט קיין זאַך נישט איבער. ער איז פול געווען מיט תרעומות, נישט געוווּסט געגן וועם, געגן וואָס, זיך דערמאָנט, ווי משה האָט נישט געוואָלט שטאַרבן, און אַז קיין זאַך האָט נישט געהאָלפן, האָט די נשמה זיך געגנומען בעטן ביים רבונו־של־עולם ער זאָל זי נישט שיידן מיטן גוף, מיט וועלכן זי איז הונדערט און צוואַנציק יאָר געווען צוזאַמען, און דאָ אונטער דער ווייסער קאַפּאָטע ליגט אַן אויסגעצערט גופל, ווי פון אַ נישט דערוואַקסן קינד. ר' מענדעלעס נשמה האָט געלעבט ביחידות, געזעסן אין דעם פאַרלאָזטן צימער מיט שיינוועבס, נישט איינגעשטימט מיטן סדר־העולם און אַ חוץ דעם שוואַכן גוף, האָט זי אויף דער וועלט קיינעם נישט געהאַט, איז מען באַפאַלן דעם גוף, איבערגעוואַלט אים צוגענומען פון דער נשמה, צעקנייטשט, צעבראָכן, צונויפגעדרייט אין אַ פעקל, און עס פאַרשטעקט אונטער דער אויסגעדריוולטער קאַפּאָטע.

---

אַן אויסגערוטער, האָט מרדכי זיך אויפגעכאַפּט אין מיטן דער נאַכט, געווען זיכער, אַז ער האָט זיך נאַר־וואָס אָוועקגעלייגט און געהאַט

פאַרדרוס, וואָס דער שמועס מיט ר׳ מענדעלען איז געווען אַ חלום. דער רבי איז דאָך גאָר טויט. ער האָט זיך אָנגעטאָן אין דער פינסטער און איז אַרויס אויף דער גאַס. קאָצק איז געשלאָפן. בלויז אין רבינס בית־המדרש זיינען מקורבים און לייב־מענטשן געזעסן, ווער איבער אַ „זוהר״, ווער איבער אַ „משניות״, געדרימלט, זיך פאַרגאַנגען מיט אַ פאַרוויטאָקטן ניגון. די אייל־קנייטלען, די טריפנדע ליכט האָבן קוים באַלויכטן דעם גרויסן בית־המדרש. ביי אַ שטענדער איז געזעסן אַ שווערער חסיד, די הענט פאַרלייגט איבער אַן אָפענעם משניות, די גאָמבע איינגענורעט אין די הענט, געשנאָרכט, און זיין צעכמאַליעטע באָרד, אַ טונקל גרויע, וואָס איז געשטאַנען פון ביידע זייטן גאָמבע, ווי צוויי פלעדערווישן, האָט זיך באַוויגן. הינטערן אויוון האָט עמעצער אויסגעוויינט תהילים, אַז מען האָט געקאָנט ציילן יעדעס וואָרט. אויף בענק אונטער טישן זיינען געלעגן חסידים, די קאַפּאָטעס צוקאָפּנס, און געקרעכצט פון שלאָף.

אויף די שפּיץ פינגער איז מרדכי אַריין אין ר׳ מענדעלעס חדר. אַ שווערער ריח האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין פּנים אַריין. אין מיטן חדר, אויף אַ מטה, צונויפגעשלאָגן פון שלחן, איז ר׳ מענדעלע געלעגן, צוגעדעקט מיט דער ווייסער, זיידענער קאַפּאָטע. אויף דער פּאָדלאָגע האָבן געברענט דיקע, חלבנע ליכט, זעגעכץ האָט זיך געוואַלגערט. ר׳ איטשע איז געשטאַנען צוקאָפּנס. די באַקן פאַרפלאַמט, די אויגן פאַרגאָסן מיט גרויסע טרערן, ווי ביי אַ קליין קינד, וואָס פאַרבלאָנדזשעט, ווערט אָן די מאַמע. ר׳ דודל איז געזעסן מיט פאַרמאַכטע אויגן און ווען נישט די זיפצן, וואָס האָבן זיך יעדע ווײַלע אַרויסגעריסן מיט אַן אוי, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז ער שלאָפט. ביי דער מזרח־וואַנט זיינען געשטאַנען די צוויי פוילישע עלוים — ר׳ אברהמל, דעם נפטרס איידעם, און ר׳ העניך... זיי האָבן געפּאַטשט מיט די הענט אין דער וואַנט אַריין און געזאָגט „תקוני־זוהר״.

ר׳ איטשע האָט אָנגעשטעלט זיינע פאַרוויינטע אויגן אויף מרדכין, געקוקט מיט אַזוי פיל רחמים, אַז מרדכין האָט פאַרקוועטשט אין האַלז.

אין דער טיר איז געשטאַנען דער באָרוועסער ישראל און זיך געהאַלטן פאַר דער נאָז. ער איז צוגעגאַנגען צו דער מטה, אָפּגעדעקט די קאַפּאָטע און זיך אַוועקגעשטעלט פּנים אל פּנים מיטן נפטר:

— קאָצקער רבי, דיינע תּלמידים האָבן געוואָרפן גורל, מיט וואָס פאַר אַ טייל פון דיין הייליקן גוף זיי זאָלן זיך מתעסק זיין ביי דער טהרה. דאָס איז געזאָגט געוואָרן, ווען דער גוף איז בבחינת „בשר הקודש שלא הסריח." ווי איז אָבער דער דין, קאָצקער רבי, אַז דער גוף עפּושט? ווי איז דער דין — — —

דער שמש מיט עטלעכע מקורבים האָבן אים נישט געלאָזט ענ־דיקן, אים אַ כאַפּ געטאָן אונטער די אָרעמס און אַרויסגעפירט.

ר׳ איטשע האָט זיך נישט אָנגערופן, אַריינגענומען דעם קאָפּ צווישן די הענט און העכער געוויינט. ר׳ העניך איז צוגעגאַנגען צו ר׳ אברהמלען און אים געפרעגט:

— ווייסטו וואָס מיר האָבן געלערנט אין קאָצק?

ר׳ אברהמל האָט געעפנט זיינע תּמימותדיקע אויגן און גע־שוויגן.

— מיר האָבן געלערנט, אַז דער מענטש זאָל כּל־ימיו געדענקען, דאָס ער איז אַ ש ט י נ ק ע ר.

---

פון די אַרומיקע שטעטלעך האָבן געהאַלטן אין איין אָנקומען צווידן מיט חסידים. מענטשן זיינען געשטאַנען אַקסל ביי אַקסל, זיך קיין ריר געטאָן, געשטאַנען ווי אַן אויסגעגאָסענע וואַנט. קיינער האָט נישט געוווסט, ווי נאָך מען וועט אַריינגעמען דעם נפטר צו דער טהרה אין מקוה אַריין. מען איז געשטאַנען מיט געבויגענע קעפּ, איבערגע־געבן מיט שרעק די מעשה מיטן באָרוועסן ישראל, געווען זיכער, אַז עפּעס מוז געשען. מיט אַמאָל האָט עמעצער אויסגעשריען, אַז מען טראָגט דעם רבין. די צונויפגעפרעסטע וואַנט, ווי פון גראַניט, האָט אַ קרעכץ געטאָן, זיך געשפּאָלטן, צעפאַלן, ווי דורך אַ נס, אין צווייען און פון אַלע זייטן האָט זיך געהערט:

— מאַכט אַ וואַרע!

— מאַכט אַ וואַרע!

— מאַכט פּלאַץ פאַר די נושאי־המטה!

— אָט גייען זיי!

וואָס אַ טריט האָבן די נושאי־המטה זיך געטוישט, מכבד געווען מקורבים מיט דער מצוה, צוגענומען קוויטלען און זיי געלייגט אויף דער מטה.

די מקוה האָט מען נישט אַרויסגעזען. מענטשן זיינען געשטאַנען אַרום די ווענט, אויף די פענסטער, געהאָנגען אויפן דאַך, זיך געהאַלטן ביי די קוימענס, זיך געקריגט, זיך געשלאָגן איבער אַ שטיקל פּלאַץ, איבערגעגעבן דעם יחוס פון יעדן איינעם, וואָס האָט זיך מתעסק געווען מיט דער טהרה.

— אַזאַ זכיה!

— מסתמא האָט ער עס פאַרדינט!

— אין דער חברה קדישא זיינען פאַראַן שענערע יידן, ווי משה קירזשנער — — —

— און אַז ער איז אַ קירזשנער, איז וואָס?

— האָט אים לייזער וויינמאַכער געוואָלט געבן הונדערט גילדן פאַרן זכות — — —

— איר הערט?

— און ער האָט נישט געוואָלט פאַרקויפן, כאָטש משה איז אַ ייד אַן אָרעמאַן!

די מקוה איז געוואָרן אַזוי געפּאַקט מיט מענטשן, אַז די ליכט האָבן נישט געוואָלט ברענען. די צען מתעסקים זיינען געשטאַנען אַרום דעם נפטר, זיך איינגעטיילט מיט ר׳ מענדעלעס גוף, לויט דעם שייכות פון די אברים צו די ספירות. דער שמש, ר׳ פאַוועש, האָט איינציקווייז אויפגערופן:

— ר׳ איטשע וועט זיך מתעסק זיין מיטן צדיקס הייליקן קאָפּ, ר׳ העניך — מיט דער רעכטער האַנט, ר׳ משה קירזשנער — מיט דער לינקער, דער צדיק פון פשיסכע — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

בשעת די מתעסקים האָבן זיך גענומען פאַר דער טהרה, האָט עמעצער אָנגעהויבן צו זאָגן „הלל". דער עולם האָט אונטערגעכאַפּט מיט פאַרחלשטע קולות, פאַרוואָרפן די קעפּ, די הענט, און ווען זיי וואָלטן געהאַט אויף זיך טליתים, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז אַן עדה יידן דאַוונט „נעילה".

מיט אַמאָל איז שטיל געוואָרן. באַלד האָט זיך געהערט, ווי די מתעסקים אַמפּערן זיך, דער המון האָט זיך אַ שטעל געטאָן אויף די נעגל, אָנגעשפּיצט די אויערן:

— ס'וואַסער איז צו פלאַך!

— טובל זיין שטייענדיקערהייט קאָן מען נישט!

— און ס'דאַרף זיין טבילה כדת!

— טאָ לאָז ר' איטשע אַראָפּשטופּן דעם הייליקן צדיקס קאָפּ!

— דער רבי קאָן זיך אליין טובל זיין! — האָט ר' איטשע געזאָגט מיט בטחון — גדולים צדיקים במיתתם יותר מבחייהם.

דער המון האָט אויפגעציטערט פון ר' איטשעס ווערטער, זיך אַ שפּאַר געטאָן, זיך גענומען סודען:

— וואָס זאָגסטו?

— האַ?

— א נס?

— אַ נס!

— ס'איז געשען אַ נס!

— ס'וואַסער האָט זיך אַ הויב געטאָן איבער ר' מענדעלעס קאָפּ...

— און דער רבי האָט זיך טובל געווען?

— דאָס רעדט מען דאָך!

— ווער פאַרשטייט זייערע דרכים?

— פלאי פלאים!

אַרום דעם אָפּענעם קבר האָבן חסידים געפלאָכטן אַ דאָפּלטע קייט פון הענט. אַ טרוקענער שניי האָט געשפריצט, אָפּגעווייסט דעם בית־עולם. אומבאַהאָלפן איז געשטאַנען דעם רבינס משפחה, מער קיין כח געהאַט איינצורייסן. בלויז טעמרעלע האָט זיך אויסגעטענהט מיטן שוואָגער, פאַרוואָרפן יעדע ווילע אירע שיינע הענט מיט די לויזע אַרבל. די אַרבל האָבן זיך פאַרשאַרצט און אירע ווייסע הענט, ווייסער פונם שניי, האָבן זיך געשפאַרט איבערן קבר, מבולבל געמאַכט די מתעסקים. דער המון איז געוואָרן נייגעריק:

— ווער איז זי?

— ווער איז דאָס?

— ס'איז דעם רבינס אַ שוועגערין.

— ס'איז דאָך טעמרעלע!

— די, וואָס מען האָט געכאַפּט?

— יאָ, יאָ, די זעלבע — — —

— זי איז שוין איינמאָל אַ צנועת!

— האַלט ס'מויל!

— ווער, רעכנסטו, וועט זיין רבי?

— ר' איטשע!

— און ר' דודל וועט שוויגן?

— שאַ, שאַ!

— מען זאָגט קדיש!

גלייך, ווי ר' דודל האָט געענדיקט קדיש, איז טעמרעלע ווילע־ריש אונטערגעגאַנגען און אים באַגריסט:

— מזל־טוב, רבי!

הויף־מענטשן האָבן זיך גענומען אַרויסשאַרן. אַרומגערינגלט ר' דודלען, אים אָפּגעגעבן „מזל־טוב", געוואַרט דער גרויסער עולם זאָל אונטערקומען, און ס'האָט אויסגעזען, ווי אַ קופּקעלע חסידים האָבן זיך אָפּגעריסן פון גרויסן עולם, וואָס איז געשטאַנען אַ פאַרגאַפטער, זיך נישט גערירט פון אָרט.

ר׳ מענדעלעס לייב־מענטשן האָבן אויפֿגעזוכט צווישן עולם ר׳ איטשען, געפּלאָכטן אַרום אים אַ קייט און פון טויזנטער מיילער האָ זיך אַ שאָט געטאָן אויף אים:

— מזל־טוב, רבי!

— מזל־טוב, רבי!

— מזל־טוב!

---

אַ הונגעריקער, אַ מידער איז מרדכי געגאַנגען אַהיים, זיך נישט געחדושט, וואָס אַ שווערער אומעט איז אים באַפאַלן, געשטיגן, וואָס נענטער ער איז צוגעקומען צו שטראַלס הויז. ער האָט געוווּסט, אַז מאָרגן פרי, ווען ער וועט פאַרלאָזן פוילן, רייסט ער איבער אַלע פעדים, דערווייטערט זיך פון אַ לעבן, וואָס איז פול מיט ספקות און יסורים, לאָזט זיך אויף אַן אומבאַקאַנטן וועג און הויבט אָן פון דאָס ניי. ער האָט אַליין נישט געוווּסט אין וואָס וועט באַשטיין דאָס נייע לעבן, געווען אָבער זיכער, אַז ס׳וועט זיין אַנדערש פונם יעצטיקן, ס׳מוז זיין. מרדכי האָט פאַרענטפערט זיין אומעט מיטן רבינס טויט, מיטן צער, וואָס ער וועט פאַרשאַפן די עלטערן, כאָטש ס׳האַרץ האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז ס׳איז נישט אמת, אַז ער נאַרט זיך אַליין, אַז עפּעס שטייט אים אין וועג, פון וועלכן מען דאַרף זיך באַפרייען, און יעדעס מאָל, וואָס ער האָט זיך אַ נעם געטאָן אין דער האַנט אַריין, איז אַלץ אַרום אים צעשווימען און דער אומעט איז נאָך געוואָרן גרעסער.

ער איז געגאַנגען אין מיטן גאַס, ווי דער שניי איז געווען טיפער, זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ, נישט באַמערקט, אַז ס׳איז טונקל געוואָרן. ער האָט זיך געטויכט אין דער אייגענער נשמה, דערזען זיין פּרצוף, אַזאַ מיאוסן, ער האָט זיך פיינט געקראָגן, געגומען גיין גיכער, ווי ער וואָלט מורא געהאַט צו בלייבן מיט זיך אַליין. ער איז אַרויס הינטער דער שטאָט. דאָ און דאָרט האָבן זיך באַוויזן שטערן, קליינע, פינקלדיקע, זיך געשפּיגלט אין שניי. שאָטנס זיינען אָנגעלאָפן, לאַנגע, דינע, זיך געלייגט קלאַפּטערווייז און נישט געוואָרן. מרדכי איז געגאַנגען מיט צעשפּרייטע פינגער, ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס דערגרונטעווען, זיך אַראָפּגעלאָזט טיפער, טיפער, געפילט ווי די שנאה צו

זיך אַליין פאַרשווינדט, דערקענט זיין אייגן פנים, אַזאַ מענטשלעך, איז אים איינגעפאַלן, אַז גוט און שלעכט עקזיסטירן גאָרנישט, ס׳ווענדט זיך בלויז, ווי ווייט דער מענטש קאָן זיך פאַרטיפן — — —

מרדכי האָט זיך אָפּגעשטעלט, זיך אומגעקוקט ווער ס׳רופט אים, דערזען, אַז פעליציע קומט אָן פון סאָד, איז אים קלאָר געוואָרן פון וואַן דער אומעט האָט זיך צו אים גענומען, זי איז אונטערגעקומען און מיטגעבראַכט אַן אָנגענעמען ריח פון סאָסנאָווע וואַלד.

— איר גייט פון דער לויה?

— יאָ.

— איר דאַרפט זיין פאָרזיכטיק, — האָט פעליציע כמעט אים איינגערוימט — מען זוכט אייך.

— איך באַהאַלט זיך נישט.

— אָ, אָה, — האָט זי אָנגענומען מרדכין פאַר אַ האַנט, צוויי-דייטיק געשמייכלט. מרדכי האָט אַ גלייכגילטיקער זי אָנגעקוקט.

אַן אויפגעלייגטע האָט זי אים גענומען אונטערן אָרעם, אָפּ-געגאַנגען עטלעכע טריט און דערציילט:

— ר׳ווייסט, ס׳ערשטע מאָל, וואָס כ׳האָב היינט מורא געהאַט צו גיין מיטן סאָד אַליין, ס׳האָט זיך מיר אַלץ געדאַכט, אַז מען גייט מיר נאָך — — — אַ גאַנצן וועג האָב איך געטראַכט וועגן רבין. ס׳איז טאַקע אמת, אַז ער איז געזעסן דרייצן יאָר פאַרשפּאַרט?

מרדכי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ, געגאַנגען און געשוויגן.

דער געדיכטער סאָד האָט אויסגעזען שיטער. די ביימער פון ביידע זייטן אַלייע, וואָס פלעגן זיך זומער צונויפקומען מיט זייערע בלעטער און דערמאָנען דעם אַריינגאַנג אין אַ פינסטערע הייל, זיי-נען יעצט געשטאַנען נאַקעט. וואָרצלען, שטיקלעך ערד מיט גראָז, האָבן דאָ און דאָרט אַרויסגעשטארט פון שניי. ערגעץ-ווו האָט גע-קראַקעט אַ קראָ, אומהיימלעך אָפּגעהילכט אין דעם ליידיקן סאָד.

— כ׳בין אייך מקנא, וואָס איר פאָרט אַוועק — האָט פעליציע זיך אָנגערופן — ס׳איז מיר אַלץ אַזוי דערעסן! דריי איך זיך אַרום איינע אַליין — — שוין באַלד אַ וואָך, ווי דער פּאַן שמראַל זיצט אין וואַרשע.

זי האָט אַ שמייכל געטאָן, געוואָלט ווייזן דערמיט, אַז זי שפּאַסט, נוּיטיקט זיך נישט, מען זאָל זי באַדויערן. זי איז געוואָרן לעבעדיקער, גענומען גיין גיכער, זיך געכאַפּט, אַז דאָס שוך־בענדל האָט זיך בּיי איר אויפגעבונדן, און זיך אָפּגעשטעלט:

— זייט אַזוי גוט און בּינדט מיר צו ס׳בענדל פון שוך!

מרדכי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן שניי, גענומען בּינדן דאָס בענדל, אָנגערירט איר דינעם פוס, דעם ווייכן זאָק, געמאַכט אַ שלייף. אים צוריק אויפגעבונדן, האָט זי זיך צעלאַכט, און אים שטיפעריש אַ שלעפּ געטאָן פאַר אַן אויער:

— אַזוי לאַנג?

ביים אָוונט־בּרויט האָט דער שמועס זיך נישט געקלעפּט. עפּעס, וואָס מען קאָן נישט אָנכאַפּן, אָן אַ נאָמען, האָט ענג געמאַכט פאַר ביידן דעם גרויסן צימער. פעליציע האָט אַרויסגענומען „אירידיאָן״, פאַרגעלייענט אַ זייטל, אַ שליידער געטאָן דעם בּוך אויף דער אָטאָמאַנע, צוגעגאַנגען צו דער פּיאַנאָ, גענומען עטלעכע אַקאָרדן, צוגעהאַקט ס׳דעקל און געבליבן שטיין פאַר מרדכין מיט פאַרלייגטע הענט, ווי אַ שילערין. ער האָט אַ ציטער געטאָן. די אומרויקייט פון איר פּנים איז פאַרשוווּנדן, און אירע אויגן האָבן געקוקט אַזוי אומבּאַהאָלפן קינדיש. זי האָט אים מיט אַמאָל אַרומגענומען, אַ קוש געטאָן, זיך געטוליעט און געציטערט:

— גיי שלאָפן, דאַרפסט מאָרגן זיך פרי אויפהויבן! גיי שלאָפן, מרדכי!

אַן אויסגעניכטערטער האָט ער געכאַפּט איר האַנט, לאַנג געקושט, נישט באַמערקט, ווי זי האָט זיך אויסגעדרייט, נישט גאָוואָרן.

ער איז אַריין צו זיך אין צימער, זיך אויסגעצויגן אויפן בעטל, געוואָלט איינשלאָפן. זיין צעהיצטער מח האָט זיך געצונדן, זיך געפּאַל־דעוועט, אָנגעוואָרפן אָן אַ שיעור פּלענער, זיי געמאַכט צו נישט, אַריבער־געשפּרונגען איין מחיצה נאָך דער צווייטער און מיט אַמאָל, אַ פאַרכשופטער, זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ שטרוי, זיך נישט געקאָנט רירן פון אָרט, זיך געקאָרטשעט פון ווייטאָק און אָנגעהויבן פון דאָס נייע. ער האָט געשפּרייזט איבּער פאַריזער בולוואַרן, געטענהט מיט ר׳ איטשען,

מיט די עלטערן, געטרייסט רחלען, רבקהלען, זיך געבעטן ביי פעליציען....

ער איז אראָפּ פון בעטל, געגאַנגען אויף די שפּיץ נעגל, זיך געגנבעט און געבליבן שטיין ביי פעליציעס טיר, וואָס איז געווען פאַרמאַכט. ער האָט נישט געוווסט, אַז פעליציע שלאָפט נישט. יעדער גליד אירער ווייגט אין דער פינסטער. מיט פאַרבונדענע אויגן האָבןביידע געוואַרט אויף אַ נס, געווען טויב צום שטילן געוויין, און פאַרבייגעגאַנגען איינער דעם צווייטן.

– – – – – – – – – – – – – – – – – – – – – – – –

ניו־יאָרק, 1915–1919

## פון זעלבן מחבר

**אַ ראָמאַן פון אַ פערד־גנב**

**אונטערוועלט** (דערציילונגען)

**היברו** (ראָמאַן)

**אַליין** (ראָמאַן)

**ראַסע** (דערציילונגען)

**דער משפט** (פאַר קינדער)